STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00956

# SHTURMISHE DOYRES

## Zvi Cahn

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Shirley & Sam Zemsky*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

צבי כהן

# שטורמישע דורות

ביכער-סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

# 143
## באַנד

רעדאַקטאָר:

**מאַרק טורקאָוו**

פֿאַרלאַגס-לייטער:

**אברהם מיטלבערג**

מ. פּייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך.

צ ב י  כ ה ן

# שטורמישע דורות

(היסטאָרישער ראָמאַן)

באַנד I

✶

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָס איירעס, 1959 — תשי״ט

מיין טאָכטער
די שיינע און געראָטענע
**שולמית**
מיט ליבשאַפט

מחבר

# אינהאַלט:

זייט

ערשטער טייל:

צווישן מיסטיק און עראָטיק — — — — — — — — — — — 9

צווייטער טייל:

אין קאַמף מיט זיך אַליין — — — — — — — — — — — 113

דריטער טייל:

אין קאַמף מיט דער וועלט — — — — — — — — — — — 204

## ערשטער טייל

# צווישן מיסטיק און עראָטיק

### 1

עס איז געווען אַ טריבער פרייטיק אין דער פרי, באַלד נאָך סוכות. די הימלען זענען אַלץ ווייטער געווען פאַרוואָלקנט און אָנגעזאָגט אויף נאָך אַ טאָג רעגן, וואָס איז שוין אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע וואָך, זינט מען האָט געבענטשט „גשם״. דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן נחמנקען פון צו גיין באַלד באַגינען אין וואַלד אַריין, ווי זיין שטייגער איז געווען פריער, דאָ, אין מעזשיבוזש, איידער ער האָט חתונה געהאַט, כדי אויס־צוגיסן דאָרטן זיין האַרץ צו גאָט און אויך כדי אויסצוקעמפן דאָרטן זיינע קאַמפן מיט זיך אַליין. אויך היינט, באַלד אין דער פרי, כאָטש ער איז ערשט נעכטן אין אָוונט געקומען צופאָרן צו זיינע עלטערן, האָט ער דער־פילט אין זיך דעם דראַנג צום וואַלד. אָבער דאָס מאָל איז עס געווען אויך כדי צו טרעפן זיך דאָרטן מיט זיין יוגנט־פריינט, שמעון, לויט ווי זיי האָבן זיך געהאַט אָפּגערעדט.

נחמנקען האָבן אַלע אין שטעטל געקענט נאָך אַלס קינד. ער, דער זון פון דעם שיינעם ייד, ר׳ שמחה, דער זון פון ר׳ נחמן האָראָדענקער און פון פייגע די נביאהטע, די טאָכטער פון האָדל און אוראייניקל פון בעש״ט, איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. איז ער דאָך געווען באַוווסט נאָך אַלס קינד נישט נאָר אין מעזשיבוזש, נאָר אויך אין די שטעטלעך אַרום, אַלס „דער עילוי״, דער שאַרפער קאָפּ, אויף וועמען מען האָט געזאָגט, אַז ער געראָט אין גאַנצן אַריין אין זיין גרויסן זיידן, דעם בעש״ט. אַפילו איצט, שוין צוויי יאָר נאָך זיין חתונה, צו זעכצן יאָר, איז ער נאָך אַלץ דאָס באַליבטע קינד פון שטעטל, און ער זעט טאַקע נאָך אַלץ אַזוי קינדיש אויס. ער איז אויסגעוואַקסן הויך, אָבער ער איז דאַר ווי אַ לולב. דאָס איידעלע פנימל שיינט מיט דער חכמה פון דער תורה, וואָס ער האָט אַזוי

פיל געלערנט, אָבער ער האָט נאָך נישט קיין צייכן פון אַ באָרד, בלויז אַ העלער פּאַס פון דינע הערעלעך ציט זיך אויף דער אייבערשטער ליפּ, וואָס גיט דעם איינדרוק פון אַן אָנהייב פון וואָנצעס, דערפאַר אָבער מאַכן אים אויסזען פיל עלטער די געדרייטע פּאהלעך, וואָס באַמבלען זיך הין און צוריק ביים גיין; זיין אַביסל איינגעבויגענער און פאַרטראַכטער גאַנג, און דער עיקר זיינע טיפע בלויע אויגן, וואָס קוקן ערגעץ אַנדערשוווּ... אויך איצט גייט נחמנקע אַזוי פאַמעלעך און פאַרטראַכט, מיטן קאָפּ געבויגן, אין וואַלד אַריין, און מיט זיינע דינע און לאַנגע פינגער מאַכט ער אַזעלכע באַוועגונגען, ווי אַ שטייגער אויף אַרויסצוהעלפן זיין מוח אויסצופלאָנטערן די טיפע רעיונות...

יעדעס מאָל, ווען נחמנקע קומט אין וואַלד אַריין, איז ער געווען דאָרטן ווי אַן אייגענער. אויך איצט איז ער געקומען אַהין ווי אַן אַלטער באַקאַנטער, און עס האָט זיך אים געדוכט ווי דער גאַנצער וואַלד מיט אַלע זיינע איינוווינער, אָנהייבנדיק פון די נאָך נישט אַוועקגעפלויגענע פייגעלעך ביזן קלענסטן זשוקל באַגריסן אים מיט אַ האַרציקן ברוך הבא און גיבן אים אָפּ אַ ברייטן שלום עליכם, וואָרום זיי האָבן אים שוין נישט געהאַט געזען מער ווי צוויי יאָר. יאָ, זינט פאַר צוויי יאָרן, באַלד נאָך סוכות, ווען ער האָט חתונה געהאַט. נחמנקען האָט דער וואַלד גוט געקענט, פלעגט ער דאָך דאַווענען ביחידות כמעט יעדן טאָג אין דער פרי, זינט ער איז אַלט געוואָרן צען יאָר, און אפשר איז ער נישט געווען ביחידות, נאָר גאָר בציבור, ווייל ער האָט געדאַוונט צוזאַמען מיט אַלעביימער, פייגעלעך און זשוקעלעך. נחמנקע פלעגט דאָ אויך אַמאָל לערנען אַ בלאַט גמרא מיטן באַקאַנטן בית־המדרש־ניגון. אַמאָל פלעגט ער אויך דערציילן דעם וואַלד אַ מעשהלע, איינע פון זיינע טיפע מוסר־השכל־מעשהלעך, און אַמאָל פלעגט ער גלאַט אַזוי בלאָנדזשען אין וואַלד צווישן די ביימער און קוסטעס, אָדער ליגן גאָר אויסגעצויגן אויפן גראָז און טראַכטן זיינע טראַכטענישן וועגן די וועגן פון גאָט און מענטשן...

נחמנקע עסט איצט קעסט אין גוט פון זיין רייכן שווער ר׳ אפרים, אין דאָרף הוסיאַטין, נעבן מעדזוועדעווקע, נישט ווייט פון מעזשיבוזש. יאָ, אָט דער ר׳ אפרים, אַ נידעריק געפּאַקט יידל מיט ברייטע פּלייצעס און

מיט אַ פליישיקן קאָפּ, וואָס זיצט האַרט אויף זיין קאַרק, איז געווען אַ מבין אויף נחמנקען באַלד ווי ער האָט אים דערזען און אים אַריינגעכאַפּט ווי אַן אוצר אין זיין הויז. וואָרום ר׳ אפרים, כאָטש ער האָט אַ מגושמדיקן אויסזען, איז ווייט פון צו זיין פּאַרגרעבט. ער האָט געלערנט אין די יונגע יאָרן ביז בר־מצוה, און אַפילו שפּעטער, ווען ער איז אַריין אין די וואַלד־געשעפטן פון זיין טאַטן, ר׳ וואָווע דער למדן, האָט ער יעדן שבת גע־לערנט ביי אים. און אַזוי ביז היינט, יעדן שבת אין דער פרי איז ער מ׳עביר די סדרה און לערנט אַ פרשה חומש מיט רש״י, און אַמאָל אויך, אויב ער האָט אַ רואיקן קאָפּ, אַ בלאַט גמרא. אָבער אַזוי ווי ער האָט כסדר צו טאָן מיט גויים, מוז ער זיך אַביסל אויספוצן, ער מוז פירן זיך מעשה סוחר. ער שערט דעריבער אָפּט אַרום זיין קיילעכדיק שוואַרץ־ווייס בערדל, טראָגט אַלע מאָל אַ ווייס העמד מיט אַ שוואַרצער בינדע און האָט ליב צו באַנייען זיך, פון צייט צו צייט, מיט אַ ניי טוכן היטל, וואָס האָט אַ ברייטע דענקע.

אָבער ר׳ אפרים, וואָס איז אַ געזונט פעסט געבויט יידל, וואָס פירט גרויסע געשעפטן מיט גאַנץ רוסלאַנד, איז אַ שמאַטע, ווען ער קומט אַהיים צו זיין ווייב אסתר, אַ נידעריקע, מיט אַ שמאַלע אַנגעגאָסן פּנים, פון וועלכן עס זעען זיך קוים אַרויס צוויי קליינע אייגעלעך, וועלכע זעען אָבער אַלץ, און מיט אַ מויל, וואָס גייט ווי אויף שרויפן. זי גייט נישט איבערן הויז, נאָר וואַקלט זיך ווי אַ קאַטשקע. שטענדיק אין אַ ברייט פּאַרטוך מיטן בונט שליסלען אין אַ זייט און מיט אַ געבלימט טיכל אויפן קאָפּ, אַזוי זומער און אַזוי ווינטער. אָבער ר׳ אפרים ציטערט פאַר איר ווי פאַרן טייוול און ס׳רוב דעריבער מיידט ער אויס צו זיין צו אָפּט אין דער היים. ער איז כמעט שטענדיק אין וועג.

אָבער אַפילו ווען ער איז געווען ווייט פון דער היים צי טאַקע דאָס, וואָס ער איז אָפּט נישט געווען אין דער היים, האָט ר׳ אפרימען נישט גע־לאָזט רוען דער גורל פון זיין איינציקער טאָכטער, שאָשע, וועלכע איז נישט געווען אַזאַ מציאה. שאָשע איז געראָטן אינגאַנצן אין דער מאַמען אַריין און שוין צו 15 יאָר האָט זי געהאַט אַזאַ צעגאָסן פּנים ווי יענע. דער־צו פלעגט זי אַרומגיין שטענדיק מ׳ט צעפלאָסענע האָר און די גרויסע וואַ־

סערדיקע אויגן האָבן געקוקט כסדר מיט דערשראָקענע בליקן אויף אַלעמען. נישט איין מאָל האָט ר׳ אפרים אין דער פרעמד, אויפן געלעגער ביינאַכט, געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין דער תכלית פון דער מויד, אַז זי האָט נישט קיין שכל אַ קאָץ אַן עק צו פאַרבינדן, און וואָס מען זאָל צו איר נישט ריידן, גלאָצט זי אויס אַ פּאָר אויגן און פרעגט: „וואָס?" און דעריבער יעדעס מאָל, ווען ער איז אַהיים געקומען פון אַ רייזע, האָט ער גערעדט מיט די שדכנים, אַז זיי זאָלן זיך באַמיען צו געפינען עפּעס אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער.

ר׳ אפרים האָט שוין לאַנג געהאַט געוואָרפן אַן אויג אויף אַ ווייל בחורל פון מעזשיבוזש. דאָס איז טאַקע געווען נחמנקע, אָבער ער האָט מורא געהאַט אַז די כלה וועט נישט געפעלן. דאָך האָט ער איינמאָל ריזי־קירט און געשיקט אַ שדכן צו זיינע עלטערן. ער איז געווען גרייט אַפילו צו געבן גאָר אַ גרויסן נדן. אָבער מען האָט אים געלאָזט וויסן, אַז עס איז דערפון גאָר קיין רייד נישטאָ, ווייל נחמנקע איז שוין אַ חתן צו גי־טעלען, ר׳ בערס גראָטענע טאָכטער, אַ יפהפיה און אַ מלומדת. וואָס דאָס גאַנצע שטעטל איז שטאָלץ מיט איר. ר׳ אפרים האָט דעריבער גע־הייסן די שדכנים צו זוכן פאַר אים אַן אַנדערן שידוך. אָבער עס האָט זיך כסדר נישט איינגעגעבן. די כלה האָט ביי די מחותנתטעס נישט אויס־גענומען.

פלוצים, פון דער הוילער קויל, האָט זיך אָבער דאָס רעדל איבערגע־דרייט און עס איז געוואָרן מיט נחמנקען. איינמאָל איז דער געלער יונה, דער קלוגסטער שדכן פון גאַנצן געגנט, אַריינגעפאַלן צו ר׳ אפרימען מיט אַ טומל:

— ר׳ אפרים, איר ווילט געבן שלשה אלפים רובל כסף נדן? יאָ, גאַנצע דריי טויזנטער, קענט איר האָבן נחמנקען פאַר אַן איידעם.

— ווי אַזוי? — האָט ר׳ אפרים זיך געחידושט — כ׳האָב דאָך גע־הערט, אַז ער איז שוין פאַרקנסט מיט ר׳ בערס טאָכטער.

— אויס! — האָט ר׳ יונה אַ מאַך געטאָן מיט די הענט אייבע קעגן דער אַנדערער — ס׳איז אויס! דער שידוך איז אָפּגעגאַנגען. ערשט נעכטן האָב איך זיך דערוווּסט דערפון. עס האָט שוין טאַקע געהאַלטן נאָענט צו

חתונה, אָבער נישט מער. פייגע אַליין, נחמנקעס מאַמע, האָט עס מיר געזאָגט.

— אָבער פאַרוואָס? וואָס איז געשען? — האָט ר׳ אפרים געוואָלט וויסן.

— מ׳זאָגט עפּעס...

— וואָס זאָגט מען?

— איר פאַרשטייט, מען ווייס נישט אויף זיכער, נאָר מען זאָגט...

— וואָס?

— אַז ר׳ בער איז פון יענער חברה...

— פון די פראַנקיסטן, ימח שמם?

— יאָ, אַזוי זאָגט מען. און וויבאַלד דער רבי ר׳ ברוך, וואָס איז אַ פעטער פון חתן האָט דאָס דערהערט, האָט ער געהייסן אָפּברעכן דעם שידוך.

— אַזוי איז די מעשה! — האָט ר׳ אפרים זיך געגלעט זיין קיילעכ־דיק געשוירן בערדל — ביסטו זיכער אין דעם?

— סטייטש זיכער! אַז פייגע די נביאהטע האָט עס מיר אַליין גע־זאָגט. זי האָט מיר טאַקע אויך געזאָגט וועגן איר ברודער, דער רבי ר׳ ברוך, אַז ער האָט געשריען און געקלאַפּט אין טיש אַריין, אַז מען זאָל אָפּברעכן דעם שידוך וואָס גיכער, ווייל אין הויז פון בעש״ט טאָר נישט אַריינקומען קיינער, וואָס שלעפּט זיך נאָך נאָך יענע...

— אָבער וואָס האָט מען אַזוינס געזען אין ר׳ בערן? ער איז דאָך אַ ווילער ייד, אַ גרויסער למדן און אַ ייד אַ גביר. הייינט דערצו אַ חכם, אַזאַ קלוגער מענטש.

— נו, זעט איר דאָך. אַ חכם באַנאַרישט זיך אויך אַמאָל. קורץ, ער נעמט זיך אָן כסדר פאַר זיי. ווי נאָר מען רעדט אויף זיי אויס אַ שלעכט וואָרט, ווערט ער באַלד אין כעס און פאַלט אָן אויף די, וואָס זאָגן עס. ער האַלט מיט זיי...

— ר׳ בער? ס׳וואָלט מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן. נו, און פייגע וועט וועלן מיין שאַשען? דו ווייסט דאָך, יונה, אַז כ׳האָב נישט קיין „פּראַדאַזשנע״ סחורה.

— אַ גרויסער נדן וועט אַלץ פאַרדעקן.
— און דער חתן אַליין, נחמנקע? זי וועט אים געפעלן מיינסטו?
— וואָס ווייס ער? ער איז שטענדיק אין הימל, זיין קאָפּ איז כסדר אין די וואָלקנס... ער איז שטענדיק פאַרמוטשט, פאַרטראַכט... אָבער ער איז אַ גרויסער קאָפּ! אָ וואָ! שוין איינמאָל אַ צאַצקע! הלוואַי קריגט איר אים פאַר אַן איידעם.

ר׳ אפרים האָט באַלד מסכים געווען און דער געלער יונה איז איצט געלאָפן אַהין און צוריק, אָט איז ער געווען ביי פייגען און אָט ביי ר׳ אפרימען, און ווידער אַהין און ווידער צוריק, און אַזוי האָט ער אויסגעפירט דעם שידוך. מען האָט געשריבן תנאים. ר׳ אפרים האָט צוגעזאָגט שלשה אלפים רובל כסף, וואָס ער איז געווען גרייט באַלד מסלק צו זיין און דערצו עולמות קעסט. מען האָט אָפּגעשמועסט אַ חתונה אויף דריי חדשים שפעטער וכך הוה, און אַזוי איז געווען. נחמנקע איז געוואָרן ר׳ אפרימס איידעם.

יאָ, שווער און שוויגער שפּיגלען זיך איצט טאַקע מיט אים. זיי רופן אים נישט מער נחמנקע, ווי זיינע טאַטע־מאַמע, נאָר ר׳ נחמן, און טיילן אים צו פיל כבוד. זיי ווייסן, אַז ער האָט געשמט נאָך קליינערהייט אַלס אַ „פייערדיקער קאָפּ״, און מען זאָגט אויף אים, אַז עס וואַקסט אַ נייער בעש״ט. ר׳ נחמן ווייזט טאַקע אַרויס פיל חריפות אין לערנען און יעדעס מאָל, ווען ער קומט זיך צוזאַמען מיט די אַנדערע יונגעלייטלעך אין בית המדרש, פרעגט ער זיי קשיות, פון וואָס זיי האָבן זיך צו קראַצן פאַר טעג און נעכט. און טאָמער פּרובירן זיי אים צו כאַפּן מיט אַ קשיא, גיט ער זיי גלייך צוריק אַ שאַרפן ענטפער. ער מאַכט פון זיי אַש און בלאָטע און ווייזט זיי, אַז זיי הייבן נישט אָן צו וויסן וואָס זיי ריידן — אַזוי, אַז זיי גייען אַוועק פון אים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

דאָס איז אַלץ זייער גוט, אָבער דאָך האָט ר׳ נחמן אין זיך עפּעס יינגלשעס. ער האָט עפּעס אַזוינע מאָדנע קינדערשע שטיק. אַזוי קאָן אים, למשל, איינפאַלן זיך אויפצוזעצן אויף איינעם פון די פערד, וואָס זענען דאָ אין זיין שווערס שטאַל, און אַוועקגאַלאָפּירן ערגעצוווּ אויפן גאַנצן טאָג, און אַמאָל אַפילו ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין און מען

זאָל נישט וויסן ווו ער איז אַהינגעקומען. אָדער ער נעמט גאָר, אָט דער גרויסער לערנער און תלמיד חכם, און פאַרדרייט זיך דאָס היטל מיטן דאַשעק אויף הינטן און לאָזט זיך אַוועק גליטשן אויפן אייז אין רינשטאָק צוזאַמען מיט די גוייִשע קינדער און לאָבוסעס. צי עס פאַלט אים אַמאָל איין אַרויסצושטעקן אויף עמעצן אַ צונג. אָדער (ווי ער האָט געטאָן ערשט נישט לאַנג, פאַר ראש השנה, ווען עס האָט שטאַרק גערעגנט) אויסצוטאָן זיך די שטיוול און אַרומשפּרינגען אין די אָפּגעשטאַנענע וואַסערן. דאָס לעצטע מאָל, ווען ר׳ אפרים האָט אים דערזען אין אַזאַ צושטאַנד, איז אים געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן און דאָס פּנים האָט ביי אים גע־פלאַמט פאַר בושה.

די שוויגער־עלטערן און אויך די מקורבים אין שטעטל וויסן, אַז דאָס איז אַלץ צוליב זיין שאַרפן קאָפּ. זיי זאָגן אַפילו, אַז עס איז בעסער אַזוי, וואָרום אויב נישט, וואָלט עס דער שאַרפער מוח, חלילה, נישט אויסגע־האַלטן. דעריבער זאָגן די אייגענע, אַז מען דאַרף עס פאַרקוקן. און וואָס דער אמת איז, זיין שווער און שוויגער טוען טאַקע אַזוי, זיי פאַרקוקן אַ סך זאַכן, אָבער דער ווייטיק איז גרויס. דערצו קאָן מען דאָס פאַר קיי־נעם נישט דערציילן. מען מוז ליידן און נאָך שטיקן עס אין זיך...

און וואָס איז וועגן זיינע אַנדערע מאָדנע התנהגותן, ווי, למשל, זיין גיין יעדן טאָג באַגינען אין גרויסן וואַלד אַריין, וואָס רינגלט אַרום כמעט דעם גאַנצן דאָרף, און זינגען דאָרטן מיט התלהבות, אָדער גאָר וויינען מיט ביטערע טרערן... יאָ, זיי ווייסן דאָס אויך. ווייל דער וואַלד־וועכטער, יאַן, דערציילט זיי וועגן דעם. און דערביי ציט ער מיט די אַקסלען. ווי איינער זאָגט: „משוגע, רחמנא ליצלן!״

אין אָנהייב האָט דער שווער, דער קאַלטער מתנגד, ר׳ אפרים, נישט געוואָלט דולדן די מאָדנע חסידישע גענג און דאָס געזאָגט ר׳ נחמנען. אָבער ווען ר׳ נחמן האָט אים גאָרנישט געענטפערט, נאָר זיך אַוועקגע־זעצט אויף אַ גאַנצן טאָג לערנען מיט אַ שטאַרקער התמדה, און דערצו נאָך ווען ער האָט זיך גוט צוגעקוקט און געזען, אַז זיין איידעם איז אַ גרויסער צדיק, וואָס איז אָפּגעהיטן ממש אויפן קלענסטן, האָט ער אים שוין מער גאָרנישט געוואָלט זאָגן און האָט געטראַכט ביי זיך: ווער ווייס,

אפשר דאַרף ער זיך אַזוי אויפפירן? יאָ, עס איז אפשר נישט אַזוי פשוט. מן הסתם ווייס ער וואָס ער טוט, וואָרים, נאָך אַלעמען, איז ער דאָך עפּעס דעם בעש״טס אַן אוראייניקל.

טאַקע דעריבער האָבן אים נישט דער שווער און נישט זיין איינגע־שלאָגן ווייב, שאַשע, געפרעגט קיין קשיות, ווען ער האָט זיי פּלוצים איין מאָל אין אַ דאָנערשטיק פאַרנאַכט געזאָגט, אַז ער מוז תיכף פאָרן קיין מעזשיבוזש. ס׳איז עפּעס געווען אַזוי פּלוצלונג. די טיר האָט זיך געעפנט און ס׳איז אַריינגעקומען אַ פרעמד אָפּגעריסן יינגל און דערלאַנגט ר׳ נחמנען אַ בריוול. ר׳ נחמן האָט עס איבערגעלייענט, געזאָגט צום יינגל „גוט״ און אים געגעבן אַ זעקסער. באַלד דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו אַלעמען און געזאָגט, אַז ער מוז גלייך פאָרן אַהיים אויף שבת און גע־הייסן, מען זאָל זאָגן דעם משרת, אַז ער זאָל איינשפּאַנען די פערד. קיי־נער האָט אים נישט געזאָגט אַ וואָרט, בלויז די שוויגער, אסתר, וואָס איז באַקאַנט מיט איר מענה־לשון, האָט אים געפרעגט: „וואָס איז געשען?״ „גאָרנישט״, האָט ר׳ נחמן איר געענטפערט, „כ׳מוז פאָרן אַהיים״. „איז, חלילה, עמעצער קראַנק געוואָרן?״, האָט אים אסתר נישט אָפּגעלאָזן. „ניין, ניין, חלילה וחס״, האָט ר׳ נחמן איר געענטפערט, און גענומען איינפּאַקן אַ העמד, וועש, צוזאַמען מיט זיין טלית און תפילין. „אָבער דאָך, צוליב וואָס פאָרסטו?״, האָט אסתר אים ווייטער געפרעגט. „כ׳מוז זען די מאַמע״, האָט ער איר קורץ געענטפערט. „דו האָסט דאָך זי ערשט געזען חול המועד סוכות, ווען זי איז דאָ געווען ביי אונדז!״, האָט די שוויגער מיט אים אַלץ ווייטער איינגעטענהט. „יאָ״, האָט ר׳ נחמן איר אומגעדולדיק געענטפערט, „אָבער ס׳איז איצט אַ נייטיקע זאַך״.

באַלד איז אַריינגעקומען דער משרת און געזאָגט, אַז די בריטשקע איז גרייט. ר׳ נחמן האָט געזאָגט אַלעמען „אַ זייט געזונט״, געקושט די מזוזה און איז אַרויס פון הויז, זיך אַרויפגעזעצט אויף דער בריטשקע און איז אַוועקגעפאָרן.

און אָט איז נחמנקע (ווי ער הייסט ביי זיינע עלטערן אין מעזשי־בוזש) אין דער היים. ער האָט נעכטן אין אָוונט זיך אָפּגעפרייט מיט זיינע טאַטע־מאַמע, אָבער ער האָט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. אפשר אַ

שעה, צוויי און אפשר דאָס אויך נישט. שווערע געדאַנקען ווי שטיקער בליי זענען געלעגן אַ גאַנצע נאַכט אין זיין קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען ס'איז נאָך געווען פינצטער, האָט אָפּגעגאָסן די נעגל, זיך אָנגעטאָן און ווי נאָר עס האָט גענומען טאָגן, האָט ער אָפּגעדאַוונט, געטרונקען אַ גלאָז וואַסער מיט מילך און גלייך אַוועק אין וואַלד אַריין.

איצט שפּאַצירט ר' נחמן אין וואַלד, ער גייט וואָס אַמאָל אַלץ טי־פער, און צוזאַמען דערמיט פאַרטיפט ער זיך אויך אַלץ מער אין זיך אַליין. יאָ, נחמנקע האָט אַלע מאָל געוואָלט זיין ערלעך צו זיך און מיט זיך; ער האָט זיך אַלע מאָל געשטעלט די סאַמע האַרבע קשיות. אויך איצט טוט ער אַזוי. פאַרוואָס, פרעגט ער זיך, האָט ער געזאָגט דער שווי־גער, אַז ער מוז פאָרן צו זען די מאַמע? איז ער דען געפאָרן צו זען די מאַמע? איז דען דאָס אמת? ער איז דאָך געפאָרן אַהער צוליב עפּעס אַנדערש. נו, געוויס, ער האָט אַלע מאָל ליב צו זען זיין מאַמע. ער האָט דאָך זי ליב אהבת נפש. אָבער אסתר איז דאָך געווען גערעכט, ווען זי האָט אים געפרעגט: „דו האָסט דאָך ערשט געזען דיין מאַמע, צוליב וואָס פאָרסטו איצט זי ווידער צו זען?" פאַרוואָס האָט ער איר געענטפערט, אַז איצט איז עס אַ נייטיקע זאַך? איז עס דען געווען איצט אַזאַ נייטיקע זאַך צו זען די מאַמע? הייסט עס, ער האָט איר געזאָגט אַ ליגן? ניין, דאָס נישט. עס איז נישט קיין ליגן. אָבער קיין אמת אויך נישט. אָבער פאַר־וואָס האָט ער נישט געזאָגט דעם אמת?... ביי דעם געדאַנק גיט זיך נחמנקעס קערפּער אינגאַנצן אַ טרייסל: זאָגן איר דעם אמת? איז דען דאָס מעגלעך?... אָבער פאַרוואָס נישט? — שטורעמט ווידער אויף אַ צווייטער געדאַנק ביי אים אין קאָפּ — פאַרוואָס נישט? מוז מען דען נישט שטענדיק זאָגן דעם אמת? מוז מען דען נישט זיין אַ „דובר אמת בלבבו", זאָגן דעם אמת ווי אין האַרצן? איז ער דען, דער עיקרשט, גע־פאָרן צו זען די מאַמע? ער איז דאָך געפאָרן צוליב עפּעס אַנדערש! נו, ער האָט דאָס געטאָן צוליב שלום וועגן. ער האָט דאָך נישט געקענט איר זאָגן, אַז ער פאָרט אַהין צוליב גיטעלען, זיין געוועזענער כלה? אָט די שיינהייט, וועלכע ער קען נישט פאַרגעסן און וועט זי אייביק געדענקען... אָט די גרויסע נשמה, וואָס מען האָט פון אים מיט געוואָלט צוגענומען

אַ קורצע צייט פאַר דער חופּה און אים חתונה געמאַכט מיט זיין שאַשע, אַט די נאַרישע טאָכטער פון דער צעגאָסענער מאַמע!... יאָ, וועגן דעם האָט זיך גערעדט אין דעם קורצן בריוול, וואָס עס האָט אים געשריבן זיין חבר שמעון, דער זון פון ר׳ בער, דער הויכער דאַרער בחור מיט די גע־קרייזלטע האָר און מיט דעם לענגלעכן בלאַסן פּנים, פון וועלכן עס שטאַרט אַזוי בולט אַרויס זיין שופּרדיקע נאָז. וואָרים, ער, נחמנקע, האָט שוין עטלעכע מאָל דערפון גערעדט מיט שמעונען, און יעדעס מאָל מיט אַ ציטערניש אין האַרצן. ער האָט דאָך אַזוי פיל געליטן... זיינע עלטערן האָבן פּלוצלינג אָפּגעלאָזט דעם שידוך מיט זיין געליבטער גיטעלע, ר׳ בערס גערעטעטע טאָכטער, אַזוי נאָענט צו דער חתונה, בלויז צוליב אַ נאַרישקייט, צוליב אַ חשד, וואָס עס איז געפאַלן אויף ר׳ בערן, אַז ער איז געכאַפּט אין דער מעשה, אַז ער האָט צו טאָן מיט „יענער חברה״, מיט דער סטרא אחרא, מיט די פראַנקיסטן, ימח שמם... באשר ובכן אַט דער ר׳ בער, דער גביר און למדן, האָט אַמאָל געזאָגט אין בית המדרש און איינמאָל אויך ביים רב אין הויז, אַז מען דאַרף די פראַנקיסטן נישט רודפן. „ווען מען וואָלט זיי נישט אַזוי גערודפט״, האָט ער געזאָגט, „וואָלט מען זיי נישט פאַרטריבן פון כלל ישראל און נישט געמאַכט פון זיי אַזעלכע פאַרביסענע שונאים, ווייל אַ רודף שטעלט אויף אַ רודף״...

יאָ, בלויז די עטלעכע ווערטער, אָבער עס איז גענוג געווען צו וואַרפן אויף אים אַ חשד און מען האָט שוין אָנגעהויבן צו ריידן, אַז ער איז פון „זיי״, כאָטש מען האָט פון אים קיין שום שלעכטס נישט געזען און עס וואָלט אוודאי אַריבערגעאַנגען מיט גאַרנישט, ווען עס וואָלט זיך פּלוצים נישט אַריינגעמישט אין דער זאַך נחמנקעס פעטער, דער רבי ר׳ ברוך, זיין מאַמעס ברודער, און גוזר געווען אויף איר, אויף זיין מוטער פייגע, מיטן האַרבן וואָרט, אַז זי זאָל אָפּלאָזן דעם שידוך מיט ר׳ בערן, ווייל „אין בעש״טס משפחה טאָר נישט אַריינקומען קיינער, וואָס האָט אויף זיך דעם מינדסטן פלעק, עס טאָר נישט זיין אַפילו קיין שמץ פון שמוץ״, — און ער האָט אויסגעפירט. פייגע, נחמנקעס מאַמע, האָט ר׳ בערן צו־ריקגעשיקט די תנאים.

## 2

ר׳ בער, איינער פון די שענסטע יידן פון מעזשיבוזש, אַ ייד אַ גביר, אַ למדן פון גרויסן יחוס און דערצו אַ מענטש מיט אַ הדרת פנים, אַ הויכער מיט אַ שיינער שוואַרצער באָרד, וואָס איז שטענדיק פיין פאַרקעמט, מיט אַ מאַט איידל פנים, פון וועלכן עס לויכטן אַרויס צוויי פעךשוואַרצע קלוגע אויגן, האָט אין אָנהייב געשוויגן. עס האָט אים פשוט נישט געפּאַסט גאָר צו קריגן זיך מ׳יט פייגען צוליב דעם, וואָס זי, די קבצנטע, זאָל זיך נאָך מיט אים וואַרפן... און אַז זי איז דעם בעש״טס אַן אייניקל, איז וואָס? ווי קומט זי גאָר צו אים? און דערצו נאָך איז זי דאָך, ווי מען רעדט דערפון אָפן אין שטאָט, אַ שטיקל צעדרייטע... וואָס? ער זאָל פאַרפירן מיט איר אַ מחלוקת? ער זאָל זיך בעטן מיט זיין טאָכטער גיטעלע? אַזאַ מיידל איז דאָך אַ זעלטנקייט. אַזאַ שיינקייט און אַזאַ חכמה!... אַזאַ פיגור פון אַ פרוי! אַזוי אויסגעטאָקט!... און אַזאַ העלליכטיק פנים מיט אַזעלכע טיף־בלויע אויגן, וואָס בליקן אַזוי ווייט!... און מיט אַזעלכע גאָלדענע לאָקן, וואָס פאַלן אַראָפּ איבער איר נאַקן... היינט די חן־גריבלעך ביי ביידע זייטן פון מויל, וואָס גיבן איר צו טויזנטער חנען. און ערשט איר קלוגשאַפט! אירע קענטעניש!... עס איז דאָך אויסערגעוויינטלעך... ניין, פאַר גיטעלען האָט ער אויסגעזאָרגט. עס קימערט אים גאַנץ ווייניק דאָס, וואָס פייגע האָט אָפּגעלאָזט דעם שידוך.

אָבער דאָך אַ קרענקעניש אין האַרצן איז עס אים... און דערצו נאָך דאָס, וואָס מען האָט אים געמאַכט אַ שם רע, אַז ער איז פון יענער חברה... מען רופט דאָך אים שוין „פראַנקיסט״ און מען האָט זיך דאָך אַפילו שוין אָנגעהויבן צו דערווייטערן פון אים... אין שול האָט מען אים אויפגעהערט צו געבן אַן „עליה״ און פיל פון די שיינע בעלי־בתים האָבן אָנגעהויבן אים אויסמיידן...

וואָס איז דאָס פלוצים פאַר אַן אומגליק? וואָס האָט ער דען געטאָן? בלויז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז מ׳ען זאָל זיי נישט אַזוי רודפן, נו, דערפאַר קומט אים שוין אַזוי צו רודפן? דערפאַר דאַרף מען שוין פירן אַ העצע קעגן אים? אויב אַזוי, וועט ער זיי ווייזן! ער וועט זיי אַלע אויסלערנען דרך־ארץ! אויב מען זאָגט שוין יאָ, אַז ער איז אַ פראַנקיסט, וועט

ער טאַקע זיין... ער וועט אַרויס אין אַן אָפענער מלחמה קעגן זיי. ער וועט אַהער ברענגען איינעם אָדער עטלעכע פירער פון די פראַנקיסטן, און זאָלן זיי דאָ ריידן וואָס זיי ווילן, די שונאים אויף צו פלאַצעניש... ער וועט זיך פאַר קיינעם נישט פאַרענטפערן!... ער וועט גיכער דאָס גאַנצע שטעטל מאַכן פאַר פראַנקיסטן, און אויב ר׳ ברוכן וועט עס נישט געפעלן, האָט ער אַ ברירה צו גיין פון דאַנען... זאָל ער פאָרן צוריק קיין טולטשין, פון וואַנען ער איז געקומען. ווער דאַרף אים דען דאָ צו האָבן?!...

אָט דאָס איז געווען, וואָס שמעון האָט געשריבן צו נחמנקען אין זיין בריוול. ער האָט אים פאַרטרויט אַ סוד, אַז זיין טאַטע, ר׳ בער, האָט איצט אין גאַנצן אויסגעטאָן דאָס שעם־היטל און זיך געשטעלט אָפן אויף זייער זייט און אַראָפּגעבראַכט קיין מעזשיבוזש די סאַמע גלאַוונע מאַכער פון די פראַנקיסטן, ר׳ אלישע שאָר מיט זיין חצופהשער טאָכטער, חיה, אָדער ווי שמעון רופט זי אָן די „חיה רעה״. דאָס וואָס ר׳ בער האָט שוין לאַנג געטראַכט, בכיוון צו ברענגען אין דער שטאָט איינעם אָדער צוויי פון די פראַנקיסטישע פירער, האָט ער ענדלעך אויסגעפירט. ער האָט געבראַכט זייער הויפּט־פירער, אלישע שאָר, וואָס איז אַן אמתער טריפהנער ביין און אַ שמדניק... אין די יונגע יאָרן האָט אָט דער אלישע געשמט פאַר אַ חריף אין לערנען. ער איז דאָך עפּעס דעם „תבואות שור׳ס״ אַן אייניקל. מען האָט אַמאָל אַפילו געזאָגט אויף אים, אַז ער וועט נאָך איבערשטייגן זיין גרויסן זיידן... אלישע האָט אויך אויפגעצויגן עטלעכע זין, וואָס זע־נען געוואָרן גרויסע רבנים, אָבער פונקט אַזוי ווי מען דרייט איבער אַ זאַק מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף, אָט פונקט אַזוי איז אָט דער אלישע, רחמנא ליצלן, איבערגעדרייט געוואָרן אויף די עלטערע יאָרן... פונקט אַזוי ווי ער איז פריער געווען אָפּגעהיטן נישט עובר צו זיין, חלילה, אויף דער קלענסטער עבירה, אַזוי איז ער איצט ממש להוט צו טאָן אַלץ, וואָס מען טאָר נישט, און דערצו נאָך, מיט אַ באַזונדערער הנאה... נו, געוויס, טוט ער עס נישט גלאַט אַזוי, פון הפקרות וועגן. ניין, עס איז ביי אים געוואָרן אַזאַ מין שיטה. לויט זיינע רייד קומט אויס, אַז עס מוז אַזוי זיין. עס הייסט ביי אים, אַז ס׳איז איצט משיחס צייטן און מיט דער אַנטפּלעקונג פון מלך המשיח וועלן בטל ווערן אַלע דינים פון דער תורה,

און עס וועט געגעבן ווערן צו די יידן אַ נייע תורה. דעריבער קומט ביי אים אויס, אַז מיטן מבטל מאַכן די דינים פון דער תורה און מיטן עובר זיין אויף אַלע לאווין איילט מען צו דערמיט דאָס קומען פון משיחן. מיט אָט דעם פאַלשן גאַנג האָט ער אָנגעשטעקט אַלע זיינע קינדער און אייניקלעך, און אַלע פלאַפלען שוין נאָך זיינע רייד. איבערהויפט טוט דאָס זיין נאָך נישט אויסגעגעבענע טאָכטער, די רייצנדיקע חיה, וואָס ער האָט געהאַט מיט זיין דריטער ווייב. זי, חיה, איז אַ פרוי אַ מלומדת, וואָס קאָן לערנען אַ בלאַט גמרא און קאָן אויך זאָגן גאַנצע שטעלן פון זוהר פון אויסנווייניק... אָבער וואָס טויג מיר דאָס אַלץ אַז זי איז אַ פרוי פול מיט תאווה און יצר הרע. דאָס קאָן מען גלייך זען פון דעם ווילדן וואַלד שוואַרצע האָר אויף איר קאָפּ, וואָס זי טראָגט בכיוון צעלאָזן ביז איבער די אַקסלען, כדי צו רייצן מיט זיי די מענער, און אויך פון אירע פעך־שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס זי שטעלט אָן אויף יעדן מאַנצביל, מיט וועלכן זי טרעפט זיך...

מיט אָט דער חיה פאַרט דאָס איצט אַרום איבער דער מדינה דער אַלטער בעל־עבירהניק, דער שוין איבער זיבעציקער אלישע, ביי וועלכן די הענט טרייסלען זיך שוין און זיין אַמאָליקע הויכע פיגור איז איינגעבויגן און פון דער שיינער ווייסער באָרד, וואָס האָט פריער אים געגעבן פיל חן און אויסזען פון אַ הייליקן, איז געבליבן נאָר אַ שפּור, ווייל ער האָט זי אַרומגעשוירן קיילעכדיק אַרום זיינע איינגעפאַלענע באַקן. מילא, ער ווי ער, אָבער ווו ער קומט, לאָזט ער זיין טאָכטער אָנפירן די גאַנצע אַרבעט, וואָס באַשטייט הויפּטזעכלעך אין אָנצינדן תאווה אין די מענערישע הערצער, און די מענער קריגן די כפּרה פאַר איר און לויפן איר נאָך, ווי אַמאָל נאָך דער עבודה זרה, רחמנא ליצלן... זיי ביידע האַלטן אָפּ אסיפות אין יידישע כשרע הייזער און רופן צו זינד. פריער זאָגט דער אַלטער צו די פּשוטע יידן, אַז איצט איז שוין אַלץ מותר, און דערנאָך טאַנצט זיין טאָכטער, די חצופה, פאַרשייטע טענץ, נאַקעטערהייט, ממש אַזוי ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, און טוט אָפּ נאָך אַנדערע מעשים תעתועים, וואָס איז ממש אַ שאַנד צו דערציילן...

שמעון האָט דעריבער געשריבן נחמנקען, אַז ער זאָל וויסן, אַז אלישע

און זיין טאָכטער חיה זענען שוין געקומען נעכטן, דאַנערשטיק אין דער פרי, און זיין טאַטע, ר' בער, האָט זיי אָפּגעוואַרט ביי די פורן און זיי געבראַכט צו זיך אַהיים בכבוד גדול. וואָס ער, שמעון, האָט דערפון גע־ליטן, קאָן ער גאָרנישט דערציילן, אָבער ער האָט נישט געוואָלט אַנטקעגן ריידן זיין פאָטער. אָבער ער ווייס, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן; מען טאָר איצט נישט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט און, איבערהויפּט, מוז מען ראַ־טעווען די צוויי מיידלעך, זיין שוועסטער גיטעלע און אויך זיין כלה, זיין קוזינע דבורהלע, ווייל די חיה רעה קאָן זייביידן פאַרפירן. ער האָט דעריבער אין דעם בריוועלע געבעטן נחמנקען, אַז ער זאָל תיכף קומען, ווייל עס איז אַ גרויסע סכנה, און אַז ער וועט אים טרעפן פרייטיק, צו־מאָרגנס אין דער פרי, אין וואַלד, ווי זיין שטייגער איז געווען, דאָרטן אים אַלע מאָל צו טרעפן.

שמעון האָט געהאַלטן וואָרט. ווי נאָר עס איז געוואָרן טאָג, איז ער גלייך אַוועק אין וואַלד אַריין און ער האָט שוין דאָרטן געפונען זיין אַלטן חבר, נחמנקען. ביידע חברים האָבן זיך אויף אַן אמת דערפרייט איינער מיטן אַנדערן. שמעון האָט איצט דערציילט נחמנקען, ווי זיין טאַטע איז זיך משמח מיט די צוויי פראַנקיסטישע פירער, וואָס ער האָט געבראַכט אַהער, ווי אַזוי ער האָט זיך געקושט מיט זיי, און זיי מיט אים, און אַז זיין פאָטער האָט גערופן צו זיך אין הויז אַריין אַ געוויסע צאָל מענטשן פון זיינע ידידים אויף אַן אסיפה אויף הייגט, פרייטיק צונאַכטס. דערביי האָט שמעון פאַרטרויט נחמנקען בסוד, אַז די חיה רעה האָט אים אַרומ־געכאַפּט און געקושט גלייך אין מויל אַריין און אַז דאָס ערשטע, וואָס זי האָט אים געפרעגט, איז געווען, צי ער איז שוין געשלאָפן מיט אַן אשה... אַזאַ געמיינקייט! אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. זי האָט ס'אייגענע אויך געפרעגט זיין שוועסטער, גיטעלע, און אויך זיין כלה, דבורהלע, וואָס איז געווען דעמאָלט ביי זיי אין הויז, און אַז ווען גיטעלע און דבורהלע האָבן איר געענטפערט, אַז עס פּאַסט נישט פאַר אַ פרוי אַזוי צו ריידן, האָט די פאַרשייטע מויד צו זיי געזאָגט: „אויף ווען באַהאַלט איר עס? אויף יום־כיפור?" דערנאָך האָט זי זיך צעדרשנט, אַז מען דאַרף שוין איצט נישט מער אָפּהיטן די געזעצן פון דער תורה, ווייל עס איז שוין אַלץ בטל

ומבוטל... עס איז געקומען משיח, וואָס וועט געבן די יידן אַ נייע תורה. און אַזוי ריידנדיק, האָט זי פּלוצים אַ הייב געטאָן איר קליידל אַזוי הויך, אַז מען האָט אַרויסגעזען דעם פּופּיק, און זיך געלאָזט אין אַ ווילדן טאַנץ און געשריען צו אַלעמען: „איר זעט, איך האָב מיך שוין באַפרייט פון אַלע באַרישקייטן, איך בין אַ פרייער מענטש און נאָר אַ פרייער מענטש וועט קאָנען נעמען די נייע תורה!"... דערנאָך האָט זי גענומען זאָגן פון אויסנ־ווייניק גאַנצע שטיקער פון „זוהר" און ער, שמעון, האָט דערפילט ווי דער קאָפּ דרייט זיך אים... ער האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַרויסגעלאָפן... אָבער שפּעטער האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און איז צוריק אַריין אין הויז און געזאָגט צו איר: „איר זענט אַ פאַרפירערין. אַלץ, וואָס איר האָט פריער געזאָגט, איז פאַלש! דאָס רעדט פון אייך אַרויס דער יצר הרע, דער שטן, וואָס וויל אַראָפּפירן די יידישע קינדער פון וועג... איר זענט לילית! די סטרא אחרא! איר ווילט פירן יידישע קינדער צו דער שמד! אָבער מיין שוועסטער און מיין כלה וועלן זיך נישט לאָזן פאַרפירן!" אין האָט גערופן צו גיטעלען און דבורהלען, אַז זיי זאָלן אַרויסגיין פון צימער און נישט ריידן מער צו איר...

שמעון האָט זיך איצט צעוויינט און, אַרומנעמענדיק נחמנקען, האָט ער צו אים געזאָגט:

— נחמנקע, דו האָסט דאָך געהאַט אַזאַ גרויסן זיידן, דעם בעש"ט, קום, לאָמיר גיין אויף זיין קבר און לאָמיר אים בעטן, אַז ער זאָל אונדז אויסהיטן פון דער צרה! עס מוז עפּעס געטאָן ווערן! מען קאָן עס אַזוי נישט לאָזן! וואָס זאָגסטו, נחמנקע?

— לפי דעתי דאָס ערשטע וואָס מען דאַרף טאָן איז אָפּצוראַטעווען די צוויי מיידלעך, גיטעלען און דבורהלען, פון דיין טאַטנס הויז. — האָט נחמנקע צו אים געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

און ביידע חברים זענען איצט געבליבן שטיין ווי פאַרשטיינערט, אָנהאַלטנדיק זיך איינער אָן אַנדערן.

## 3

— אָבער, ווי אַזוי? — האָט שמעון פלוצלונג אָנגעקוקט נחמנען.
— לאָמיר וויסן געניי וואָס זי האָט גערעדט צו זיי — האָט נחמנקע אים איבערגעפרעגט.
— זי האָט מיט מיין כלה, מיט דבורהלען, שפּעטער איינגעטענהט שעהן גאַנצע — האָט שמעון אים טרויעריק געענטפערט.
— און מיט גיטעלען?
— מיט איר פריער נאָך, פאַר דבורהלען.
— זי האָט, הייסט עס, גערעדט מיט יעדער איינער באַזונדער?
— יאָ. צוזאַמען און באַזונדער, פריער צוזאַמען און דערנאָך באַזונדער.
— וואָס, אַ שטייגער אַזוינס, האָט זי גערעדט צו זיי?
— אויסגעלאַסענע רייד!... איך וויל עס אַפילו איבערן מויל נישט ברענגען.
— און וואָס האָט גיטעלע איר געענטפערט?
— איך ווייס וואָס דבורהלע האָט איר געענטפערט — האָט שמעון צו אים האַסטיק געזאָגט — זי האָט איר געזאָגט, אַז זי זאָל איר לאָזן צורו, זי זאָל זיך אָפּטשעפּען פון איר.
— און וואָס האָט איר גיטעלע געזאָגט? — האָט נחמנקע אים איבערגעשלאָגן.
— דיר ליגט אין קאָפּ נאָר גיטעלע. נו, אַוודאי, עס איז קיין חידוש אויך נישט, זי איז דאָך געוועזן דיין כלה — האָט שמעון שטיל באַמערקט.
— זי איז נאָך אַלץ מיין כלה, מיין זיווג! — האָט נחמנקע צו אים זייער שטיל געזאָגט, אַראָפּהענגענדיק די אויגן.
— גיטעלע זאָגט אויך אַזוי! — האָט שמעון זיך אָנגערופן — איך האָב איר, דוכט זיך, שוין געזאָגט, נחמנקע, אַז אין דער נאַכט פון דיין חתונה האָט גיטעלע נישט אויפגעהערט צו וויינען.
— איך האָב אויך געוויינט, און אויב דו ווילסט וויסן, וועל איך דיר אויסזאָגן אַ סוד, מיין האַרץ וויינט כסדר אין מיר יעדעס מאָל, ווען איך רייד פון איר — האָט נחמנקע שיער זיך איצט נישט צעוויינט.

— עס איז געווען אַ גרויסע נאַרישקייט פון דיין מאַמען, אָפּצולאָזן דעם שידוך אַזוי נאָענט פאַר דער חתונה — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פאַרוואורף.

— דו זעסט דאָך, שמעון. דער פעטער, ר׳ ברוך, איז געווען גערעכט. איצט זעט מען דאָך, אַז דער חשד אויף דיין טאַטן, אַז ער איז אַ פראַנ־קיסט, איז נישט געווען אומזיסט.

— איך האַלט פאַרקערט — האָט שמעון גערעדט מיט אַן איינגע־האַלטענעם כעס — מיין טאַטע איז געווען אומשולדיק. ער האָט בלויז געזאָגט, אַז מען זאָל נישט רודפן די פראַנקיסטן. טאָ איז וואָס? האָט מען אים שוין געדאַרפט פאַרשרייען, אַז ער איז אַ פראַנקיסט? פאַרקערט, דאָס אָפּלאָזן דעם שידוך און דאָס זאָגן כסדר אויף אים, אַז ער איז פון יענער חברה, האָט אים געטריבן צו זיי, דאָס האָט אים געמאַכט צו זיין מיט זיי.

— דאָס איז גאַנץ מעגלעך — האָט נחמנקע צוגעשטימט, — געוויס האָט מען נישט געדאַרפט אים אַזוי רודפן. אָבער איצט איז ער דאָך מיט זיי. ער האָט שוין פאַרקויפט זיין נשמה צום טייוול.

— נו, געוויס, — האָט שמעון טרויעריק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — איצט איז ער זייערס אַ מענטש. עס האַלט איצט דערביי, אַז איך אַליין זאָל מוזן אַנטלויפן פון מיין היים און אָנהייבן אַ מלחמה קעגן מיין טאַטן. כ׳וועל, ווייזט אויס, קיין אַנדער ברירה נישט האָבן.

— און וואָס וועט זיין מיט גיטעלען, ווען דו וועסט אַוועק פון דער היים? — האָט נחמנקע אים געפרעגט זיפצנדיק — הלוואַי וואָלט איך עפּעס געקאָנט טאָן פאַר איר... דו ווייסט, פיל מאָל כאַפּט מיך אָן אַזאַ בענקשאַפט צו זען גיטעלען און צו טאָן עפּעס פאַר איר... יאָ, דער גע־דאַנק, אַז איך מוז איר העלפן, לאָזט מיך נישט רוען... איך האָב זייער אָפט אַ פאַרלאַנג איבערצולאָזן אַלץ, האַק און פּאַק און לויפן צו איר.

— און דו ווייסט וואָס גיטעלע זאָגט? זי זאָגט, אַז עס איז דאָ נאָר איין נחמנקע אויף דער גאַנצער וועלט און, אויב נישט ער, איז מער קיי־נער נישטאָ פאַר איר, — האָט שמעון פאַרטרויט נחמנקען אויפן אויער.

— טאַקע? צו ווען האָט זי דאָס געזאָגט? — איז נחמנקע גע־וואָרן נייגעריק — צו דיר?

— גיין, צום טאָטן.

— אַזוי?! — האָט נחמנקע געזאָגט פאַרטראַכט.

— אָבער מיר האָבן גערעדט פריער וועגן אלישע שאָר און זיין טאָכ־טער. וואָס שטעלסטו דיר פאָר ווער היינט וועט זיין ביי אייך אין הויז?

— איך ווייס נישט, נחמנקע, איך ווייס נאָר, אַז היינט, פרייטיק צו נאַכט, נאָכן עסן, וועט ביי אונדז זיין אַן אסיפה, ווו זיי, אלישע און זיין טאָכטער, וועלן ריידן און אפשר עפּעס מער ווי ריידן...

— וואָס מיינסטו מיט „עפּעס מער ווי ריידן"? וואָס קאָן דען זיין?

— כ'ווייס נישט, נאָר אָט האָט דאָך די חיה רעה נעכטן אין אָוונט געהייסן די מיידלעך, אַז זיי זאָלן זיך אויסטאָן נאַקעט, און זי האָט כסדר גערעדט צו זיי אָפן וועגן זנות.

— לאָמיר זיך, שמעון, מתייחד זיין אין וואַלד, — האָט נחמנקע גע־זאָגט — און מיר וועלן געפינען אַן עצה... לאָמיר קודם־כל זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים מיט גרויס כוונה. הייב אָן, שמעון, מיט קאַפּיטל ט"ו. נו, זאָג צוזאַמען מיט מיר מיט גרויס כוונה: מזמור לדוד...

— מזמור לדוד... — האָט אָפּגעענטפערט שמעון מיט פיל דבקות און עס האָבן מיט זיי אויך מיטגעזאָגט תהילים אַלע ביימער אין וואַלד...

אַזוי האָבן זייביידע געזאָגט תהילים אַ שעה צייט, דערנאָך האָבן זיך ביידע חברים, נחמנקע און שמעון, אַוועקגעזעצט אויף צוויי פּיעניקעס אין מיטן וואַלד און געזעסן אַ לאַנגע צייט פאַרטראַכט. שמעונס לענגלעך פּנים איז איצט געווען אין גאַנצן פאַרחושכט; אָבער נחמנקעס פּנים האָט וואָס אַמאָל אַלץ מער אויפגעשיינט... עס איז אַראָפּ פון אים דער גרויער וואָלקן, וואָס איז געלעגן ביז אַהער און דאָס געזיכט האָט זיך גענומען אויסלייטערן...

— איך האָב אַן עצה! — האָט ענדלעך נחמנקע זיך אָפּגערופן — השם יתברך האָט מיר געגעבן אַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין און אַזוי דאַרף מען טאָן.

— וואָס אַזוינס? — האָט שמעון אים שטיל געפרעגט.

— הער מיך אויס, שמעון, אלישע שאָר און זיין טאָכטער, חיה, וועלן היינט אין אָוונט זיין ביי דיר אין הויז און ריידן צום עולם. זאָלסטו

זיין דאָרטן אַ גאַנצן אָוונט און זען וואָס זיי זאָגן און וואָס זיי טוען. אָדער וואָס זיי הייסן טאָן. דו זאָלסט האַלטן אַן אויג אויף ביידן אַ גאַנצן אָוונט. מאָרגן, שבת אין דער פרי, זאָלסטו קומען אַהער צו מיר דאָ, און וואָלד און מיר אַלץ דערציילן. צורה כהוויה, אַלץ גענוי אַזוי ווי עס איז געשען.

— און דעמאָלט?

— דעמאָלט, — האָט נחמנקע צו אים רואיק געזאָגט, — וועלן מיר זען. אויב זיי וועלן זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס עס איז קעגן דער תורה, אָדער אויב זייער אויפפירונג וועט זיין אַזעלכע, וואָס איז פאַרשייט און פּרעך, וועלן מיר דאָס איבערגעבן אין שול ביים דאַוונען צום גאַנצן עולם. איך וועל זאָגן דעם שמש, אַז ער זאָל אויסרופן, אַז מיר ביידע האָבן עפּעס וואָס צו זאָגן און ווען עס וועט ווערן שטיל, וועל איך אַרויפגיין אויפן באַלעמער און דערציילן אַלעמען, וואָס די פראַנקיסטן האָבן נעכטן אָפּגע־טאָן אין דיין טאַטנס הויז. און וועל אויך זאָגן, אַז דו, שמעון, ר׳ בערס זון, ווילסט אַלץ דערציילן. דעמאָלט וועסטו צוגיין צום באַלעמער און דערציילן דעם גאַנצן אמת.

— און וואָס וועט זיין, אויב מיין טאַטע, אָדער מיין מאַמע, וועלן זיין אין שול ביים דאַוונען?

— זאָלסטו נישט קוקן אויף זיי און אַלץ דערציילן! דו הערסט, שמעון? דו מוזסט איצט זיין שטאַרק, ווייל אַזוי איז דער דין! און אויב דו וועסט דערנאָך מורא האָבן צו גיין אַהיים, קאָנסטו קומען צו מיר און זיין ביי מיינע עלטערן אין הויז, אָדער דו קענסט קומען צו מיר, קיין מעדוועדעווקע. וואָס זאָגסטו, שמעון, דערצו?

— מען מוז עפּעס טאָן — האָט זיך שמעון אָפּגערופן — איך ווייס, אַז כ׳מוז עפּעס טאָן. ביי מיין טאַטן אין הויז ווערט מיר ענג. עס איז ביי מיר פונקט אַזוי, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט זיך געשמדט און וואָלט גע־וואָלט אָפּשמדן אַלע קינדער. איך בין קעגן די פראַנקיסטן, איך בין אַן אויסגעשפּראָכענער קעגנער פון אַלע זייערע רייד און אַלע זייערע מעשים. זיי זענען אין מיינע אויגן אַ באַנדע אויסוואורפן און פאַרדאָרבענע מענטשן. איך האָב זיי פיינט.

— און וואָס איז וועגן גיטעלען?

—גיטעלע איז מיט דער זעלביקער מיינונג וואָס איך. זי וויל אויך פון זיי נישט וויסן. גיטעלע האָט זיך שוין נישט איינמאָל געקריגט מיטן טאַטן צוליב זיינע נייע דרכים.

— טאָ וואָס וועט זיין מיט איר, ווען דו וועסט אַוועק פון הויז? — האָט נחמנקע געפרעגט — ווער וועט אויף איר אַכטונג געבן? זי וועט דאָך בלייבן איינע אַליין צווישן אַזוי פיל פאַרדאַרבענע נשמות.

— אָט דאָס איז די צרה. איך האָב שוין געטראַכט וועגן דעם און אויך וועגן מיין כלה, דבורהלען.

— מילא, מיט דבורהלען איז נאָך נישט אַזוי שלעכט ווי מיט גי־טעלען. דבורהלעס טאַטע, ר׳ ישעיה, האָט זיין קאָפּ נישט פאַרלוירן. ער איז קיין פראַנקיסט נישט געוואָרן, און ער וויל פון זיי נישט וויסן. אַזוי איז אויך ר׳ ישעיהס ווייב, דיין טאַטנס שוועסטער, שרה. זי איז אַ שונא פון די פראַנקיסטן. אָבער ביי דיר אין הויז ברענט אַ פייער. דיין טאַטע, וואָס איז געווען אַמאָל אַ ווילער ייד, אַ למדן און אַ ירא שמים, אַ ייד, וואָס פלעגט זיצן און לערנען און געווען אָפּגעהיטן נישט עובר צו זיין, חלילה, אויף דעם מינדסטן מנהג, איז פּלוצים אויף די עלטערע יאָרן אַראָפּ פון וועג. עס איז געלונגען אָט די ימח־שמוניקעס פון אלישעס חדר אים איינצורעדן, אַז עס איז איצט משיחס צייטן און אַז יעקב פראַנק האָט אין זיך די נשמה פון משיחן און וועט זיך בקרוב מתגלה זיין צו אונדז. צוזאַמען דערמיט האָט ער זיך געלאָזט איינריידן אויך, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן בטל ווערן אַלע מצוות מעשיות און אַז מען דאַרף שוין אָנ־הייבן דאָס צו טאָן, ווייל דאָס איז אַ טייל פון דער גאַנצער עובדא. אַזאַ משוגעת איז דאָ ביי זיי. זיי זאָגן אַז אַזוי ווי עס קאָן נישט זיין אַ דור שכולו זכאי, דאַרף מען זען, אַז עס זאָל זיין כולו חייב. דיין מאַמע ווידער איז אַ כשרע בהמה און ווייס פון גאָרנישט און איר, קינדער, זענט צוויי פאַרבלאָנדזשעטע שאָף. דעריבער, שמעון, טאָרסטו נישט אַוועקגיין פון הויז אָן גיטעלען. דו טאָרסט זי דאָרט נישט לאָזן אַליין, ווייל זי קאָן, חלילה, ווערן אַזאַ איינע פונקט אַזוי ווי זיי. סיידן אַז דו זאָלסט זי מיטנעמען מיט זיך. אָבער וואָס קאָן גיטעלע טאָן, ווען זי זאָל אַוועק פון

דער היים? ווו וועט זי זיין? און אַפּילו דו? וואָס וועסטו טאָן, שמעון? — האָט נחמנקע אים געפרעגט.

— מילא, אַ מאַן קאָן זיך נאָך העלפן — האָט שמעון אים גע־ענטפערט — וועל איך פאַרן ערגסטן פאַל ווערן אַ מלמד, אָדער איך וועל זיך אויסלערנען עפּעס אַ מלאכה. אָבער אַ מיידל, וואָס קאָן טאָן אַ מיידל? סיידן צו גיין דינען ערגעץ אין אַ רייך הויז. אָבער קאָנסט זיך פאַרשטעלן, אַז גיטעלע זאָל גיין דינען?

— גיטעלע וועט נישט גיין דינען! — האָט נחמנקע כמעט מיט כעס געזאָגט — גיטעלע איז דאָס געשטאַלט פון דער שכינה. אַזוי זע איך זי. דו פאַרשטייסט?

— און מיט דבורהלען איז ווידער אַן אַנדער צרה. פאַרגעס נישט, נחמנקע, אַז זי איז אַ קריפּל, אַ הויקער און זייער אַ שוואַכע.

— שמעון, איך פאַרשטיי טאַקע נישט, פאַרוואָס דו האָסט זיך אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין איר? עס זענען דאָך דאָ אַזוי פיל שיינע מיידלעך ביי אונדז אין שטאָט. געזונטע און גלייכע. אַן אַ הויקער. פאַרוואָס האָסטו זיך פונקט פאַרליבט אין איר?

— ווייל דבורהלע האָט אַ גרויסע נשמה. ווייל איר הויקער גיט איר נאָר צו חן! — האָט שמעון אים געענטפערט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן.

— אַזוי זעסטו זי באמת, שמעון?

— יאָ, נחמנקע, אַזוי זע איך זי באמת.

— אַז וויל איז דיר, וואָס דו זעסט אַזוי. דו ווייסט, אויף דיר איז מקויים געוואָרן דער פסוק „והיה העוקב למישור״, דאָס קרומע וועט אויס־קוקן גלייך.

— יאָ, אַזוי איז עס, נחמנקע, אָבער וואָס בלייבט? וואָס זאָל מען טאָן?

— מיר וועלן טאָן אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגערעדט, שמעון, — האָט נחמנקע אים געענטפערט — דו וועסט קודם כל זיין היינט אַ גאַנצן אָוונט ביי דיר אין דער היים און אַלץ צוזען, און מאָרגן אין דער פרי וועלן מיר זיך טרעפן אָט דאָ אין וואַלד, פונקט אַזוי ווי איצט, און דו וועסט מיר אַלץ דערציילן, און דאָס איבעריקע וועלן מיר שוין זען.

— אויב אַזוי, גיי איך איצט אַהיים, נחמנקע — האָט שמעון געזאָגט — כ׳האָב נאָך נישט געדאַוונט און ס׳איז פרייטיק.

— גיי געזונטערהייט, און מיר וועלן זיך שוין טרעפן אָט דאָ, מאָרגן אין דער פרי.

— אַ גוטן שבת, נחמנקע!

— אַ גוטן שבת, שמעון, אַ גוטן שבת! — האָט נחמנקע אים געענטפערט און איז אַוועק טיפער אין וואַלד אַריין.

## 4

שמעון איז געגאַנגען אַהיים, אָבער אין נחמנקען האָט עס געקאָכט ווי אין אַ קעסל. דאָס, וואָס שמעון האָט אים דערציילט, האָט אים אינגאַנצן צערודערט און ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. געדאַנקען אָן אַ צאָל זענען אים באַפאַלן ווי אַ מחנה היישעריקן, און וויפל ער האָט זיי נישט געטריבן פון זיך, האָבן זיי אים אַלץ באַהערשט... ער האָט זיך ממש מ׳יט זיי נישט געקאָנט קיין עצה געבן.

אָבער אָט די אַלע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט ביי אים אין קאָפּ אַרום איין גרויס קיילעכדיק ראָד און אין מיטן פון אָט דעם ראָד האָט ער געזען דאָס איידעלע, אָבער פאַרכמורעטע אַליוון־פּנים פון גיטעלען. ער זעט, ווי זי קוקט אויף אים מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און פון זיי קומען אַרויס פייערדיקע בליקן, כמעט די זעלבע, מיט וועלכע זי, גיטעלע, האָט געקוקט אויף אים דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז געקומען צו איר, אין זיין חופּה־טאָג, לויט דער עצה פון זיין מאַמען, בעטן זי צו קומען אויף זיין חתונה. גיטעלע האָט אים דעמאָלט דערויף נישט געענטפערט, זי איז בלויז צוגעקומען צו אים נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז ער האָט אַזש געפילט איר אָטעם און געקוקט אויף אים דורך אירע אַראָפּגעלאָזטע אויגן מיט שאַרף־שניידנדיקע בליקן ווי בריטוועס, וועלכע האָבן געטראָפן אים אין האַרצן, אין פּנים, אין זיינע הענט און פיס און אומעטום — אַזוי, אַז ער איז קוים פון איר אַוועק.

דאָס מאָל איז זי געווען אַן אַנדערע גיטעלע. עס איז געווען גאָר אַן אַנדער פּנים. נישט דאָס איידעלע, גוטמ׳וטיק־לאַכנדיקע פּנים פון גיטע־

לען, אין וועלכן ער פלעגט פריער אָפט זען די שכינה, וואָס פרייט זיך אויף אַ שמחת מצווה און איז פאַראַן דאָרטן, ווו יידן זענען זיך משמח, און אויך נישט דאָס פאַרווײנטע פנים, פול מיט צער, אין וועלכן ער פלעגט זען דעם טרויער פון דער מאַמע רחל, וואָס וויינט אויפן גורל פון אירע קינדער. ניין, דאָס מאָל האָט ער געזען פאַר זיך אַ בייז־פאַרצאָרנט פנים, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט אַ מוראדיקן כעס, ווי אַ שטייגער זי וואָלט אים געפרעגט: „פאַרוואָס האָסטו מיך פאַרלאָזן? פאַרוואָס האָס־טו מיך אויסגעביטן אויף אַן אַנדערער? פאַרוואָס? פאַרוואָס?״ — און יעדער „פאַרוואָס״ האָט געהאַט אַזוי פיל שטעכעדיקע שפּיצן אין זיך, און יעדער שפּיץ האָט געשטאָכן אַזוי טיף, ביז דער סאַמע נשמה...

נחמנקע האָט דעמאָלט חשק געהאַט צוצופאַלן צו גיטעלעס פיס און זי צו פאַרזיכערן, אַז עס איז נישט אמת. ניין, ער האָט זי נישט פאַר־לאָזן. זי לעבט ביי אים, זי איז אין אים. ער טראַכט פון איר יעדן טאָג, ער בענקט נאָך איר אָן אויפהער. ער האָט אַלע מאָל אַזאַ באַגער צו איר, אַזאַ בענקשאַפט, וואָס צעגיסט זיך ביי אים אין אַלע זיינע ביינער, עס גלוסט זיך אים צו באַרירן זי, אַפילו נאָר בלויז מיט זיין קלענסטן פינגער און אַפילו בלויז דעם זוים פון איר קלייד, צי גאָר איין האָר פון אירע צעבאַלעוועטע פעך־שוואַרצע האָר, וואָס באַצירן אַזוי איר קאָפּ...

אָבער פלוצלונג טוט נחמנקע אַ ציטער־אויף פון אַ געדאַנק, וואָס שרייט צו אים: „וואָס טוסטו? ווי מעגסטו גאָר אַזוי טראַכטן? דו, אַ באַ־ווייבטער, אַ בעל־הביתל, אַ חתונה־געהאַטער! דו, ר׳ נחמן, ווי וואַגסטו גאָר צו האָבן אַזעלכע רעיונות אין דיין קאָפּ? ווי מעגסטו גאָר אַזוי טראַכטן? ס׳איז דאָך וועגן אַ פרעמדער אשה!״... אַ פרעמדע אשה? — טוט ער זיך אַ טרייסל — גיטעלע איז צו אים אַ פרעמדע אשה? ווי קאָן עס דען זיין? וואָס הייסט עס, אַז זיין גיטעלע איז צו אים פרעמד?... ער פלעגט דאָך זען אין איר די שכינה, אַזוי כמעט פון זיין קינדהייט אָן, און ער זעט דאָך נאָך עד היום אין איר די מאַמע רחל... ניין, זי איז נישט סתם אַן אשה... ניין, ער מוז עפּעס טאָן פאַר איר... ער מוז זי אַרויס־ראַטעווען פון דער טומאה, וואָס האָט פאַרשפּרייט אַ נעץ אַרום איר... ער מוז זען, אַז זי זאָל נישט זינקען אין דעם תהום, וואָס מען האָט פאַר־

שפרייט פאַר אירע פיס... אָבער וואָס האָט ער גאָר געטראַכט פון זינ־קען!... קאָן דען גיטעלע זינקען?... קאָן זי דען ווערן ווי אַלע שלעכטע פרויען? קאָן זי גיין אַזוי ווי יענע צום אָפּגרונט? זי, אין וועמענס פּנים ער זעט נאָך איצט די גרויסע ליכט פון די פאַרבאָרגענע וועלטן... ניין, זי קאָן נישט זינקען... אָבער וואָס קאָן ער טאָן איר צו העלפן? און אַפילו ווען ער זאָל זי אַרויסנעמען פון איר פאָטערס הויז, וואָס וועט דעמאָלט זיין? קאָן ער זי דען האָבן ביי זיך?... דאָס איינציקע וואָס ער קאָן טאָן, איז חתונה מאַכן זי מיט אַן אַנדערן... — ביי דעם געדאַנק טרייסלט ער זיך איינגאַנצן. וואָס? גיטעלע זאָל חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן? אָבער ווי אַזוי? זי איז דאָך זיין זיווג...

און נחמנקע בלאָנדזשעט אַלץ טיפער אין וואַלד, און ער הערט ווי אַ פייגעלע אויפן סאַמע שפּיץ פון אַ בוים האָט זיך אַזוי הערלעך צעזונגען ציף־ציף־ציף... און עס דוכט זיך אים, ווי דאָס פייגעלע שרייט אויס: „אחד־אחד! אחד־אחד!" און עס גלוסט זיך אים איצט אַרויפצוקלעטערן צום סאַמע שפּיץ פון בוים און דאָרטן צוזאַמען מיטן פייגעלע זינגען אַ שיר צום בורא עולם... באַלד וואַרפט ער פון זיך אַראָפּ דאָס רעקל און שוין איז ער מיט זיינע פיס אויפן ערשטן צווייגל פונעם בוים, פונקט אַזוי ווי ער האָט עס קליינערהייט געטאָן. אָבער פּלוצלונג, אין מיטן קלעטערן דערמאָנט ער זיך, אַז ער איז שוין אַ חתונה־געהאַטער; אַז ער הייסט שוין ר' נחמן און אַז זיין פאָטער, ר' אפרים סודילקאָווער, האָט אים געזאָגט אינעם טאָג ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה: „אני היום ילדותך", דאָס מיינט: היינט איז אויס מיט „ילדות", אַוועק די צייט פון קינדערשע שטיק און פון זיך נאַריש מאַכן; אַ סוף צו די שטיפערייען; ער מוז ווערן אַ לייט... איצט דערמאָנט זיך נחמנקע פּלוצים, אַז ער האָט נאָך נישט גע־דאַוונט און ער הייבט אָן צו שפּאַנען צוריק אין שטאָט, אין בעש"טס בית המדרש אַריין.

## 5

מעזשיבוזש איז איצט, אָנהייב אָסיען, שוין געשטאַנען אין אַ טי־פער בלאָטע. אָט די שטאָט, וועלכע איז קיינמאָל נישט ברוקירט געוואָרן,

האָט זיך אייגנטלעך געוויקט אין בלאָטעס אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. אַפילו אין די הייסע חדשים תמוז און אָב. איצט אָבער, צוויי וואָכן נאָך סוכות, נאָך די שווערע רעגנס, וואָס זענען דאָ אָנגעגאַנגען זינט מען האָט גע־בענטשט גשם, איז דאָס גאַנצע שטעטל געווען איין גרויס ליימיק שטיק, און די בלאָטעס זענען דערגאַנגען ממש ביז צו די קני. נאָר די יידן און די יידענעס פון מעזשיבוזש האָבן עס נישט גענומען פאַר אומגוט. זיי האָבן אַפילו נישט געוווסט, אַז עס קאָן אַנדערש זיין און אַזוי געטאָפּ־טשעט אין די בלאָטעס, די מענער אין זייערע שטיוול און די פרויען אין זייערע בוטעס, און דער ראַנד פון די לאַנגע מענערישע קאַפּאָטעס און אויך דער זוים פון די ווייבערישע קליידער זענען געווען באַדעקט מיט אַ שיכט פון בלאָטע, נישט צו דערדרייניקן.

אַזוי האָבן די יידן געלעבט אין מעזשיבוזש נאָך פון אַלטע צייטן אָן, ווען די שטאָט האָט נאָך נישט געהערט צום טערק. פון יענע צייטן איז געבליבן אַ זכר — דער גרויסער שלאָס מיט די דיקע ווענט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ יאַגד־פּאַלאַץ פאַר די רוסישע קיסרים. דאָרטן איז אויך געווען די פּאָטשט און די קאַנצעלאַריע פון דער שטאָט. אַזוי האָט מעזשיבוזש אויסגעזען אויך איצט, ווען זי האָט געהערט לאַנג שוין צו רוסלאַנד. בלויז איין גאַס איז געווען אָן אויסנאַם, וואָס איז געווען ברוי־קירט. האָט מען זי טאַקע דערפאַר גערופן „די בריק״. אָט די גאַס איז געוואָרן די הויפּט־גאַס פון שטאָט. האָבן די יידן געהאַט שכל און אויף דער גאַס אַוועקגעשטעלט אַלע זייערע הייליקייטן, איינע נישט ווייט פון דער אַנדערער. אַזוי איז דאָרטן געשטאַנען די גרויסע „ב״ח שול״, וועל־כע מען האָט אַזוי גערופן, ווייל ווען דער ב״ח איז געווען רב אין מעזשי־בוזש, האָט ער דאָ געדאַוונט; דערנאָך דעם בעש״טס בית המדרש, וואָס מען האָט אויך אַזוי גערופן דערפאַר, וואָס דער בעש״ט האָט דאָ גע־דאַוונט; אַביסל ווייטער די „אשכנזער שול״, וואָס איז אויסגעבויט גע־וואָרן שוין שפּעטער, ווען דער גאון ר׳ בעריש הכהן ראַפּאָפּאָרט איז גע־ווען רב פון דער שטאָט, און „ר׳ ברוכלס קלויז״, וואָס דער צדיק אַליין האָט אויסגעבויט פאַר זיך.

נחמנקע שפּאַנט איצט פאַרטראַכט אין אָט די בלאָטעס פון מעזשי־

בוזש, האָט ער דאָ געדאַוונט; דערנאָך דעם בעש״טס בית המדרש, וואָס מיט פאַרהאַרטעווערטער בלאָטע ביים ראַנד, אין אַ סאַמעטן היטל אויפן קאָפּ, וואָס איז אַביסל פאַררוקט אָן אַ זייט און די געקרייזלטע פאותן באַמבלען זיך אין דער לופטן אַהין און צוריק. אויף זיין ייִנגליש פנים, אויף וועלכן עס איז נאָך נישטאָ קיין חתימת זקן, איז קענטיק זיין פאַר־טיפטקייט. ער באַרירט אַלע מאָל נישט ווילנדיק זיין שטערן, וועל־כער איז שוין צעאַקערט מיט קנייטשן ווי ביי אַן אַלטן. נחמנקע גייט דאָס אין זיין זיידנס בית המדרש אַריין, וואָס מען רופט „בית המדרש פון בעש״ט, ווו עס דאַוונען יעדן טאָג עטלעכע מנינים יידן און ווו עס זיצן אויך אין דער זעלביקער צייט יידן לומדים און יונגע בחורימלעך איבער גרויסע גמרות און פוסקים און לערנען. די פּראָסטע יידן דאַוונען בהשכמה, לעבן דער טיר, ווייל זיי אײַלן זיך צו גיין באַלד צו דער ארבעט אָדער אין געשעפט אַריין, און די לערנער זיצן אויבנאָן ביי די גרויסע טישן, נעבן די שענק מיט ספרים און לערנען מיטן אַלטן גמרא־ניגון, ווער הויך און ווער שטיל.

ווען נחמנקע איז אַריינגעקומען אין בית המדרש, האָט פּלוצלינג דער גאַנצער עולם, סיי די מתפללים און סיי די לערנער, זיך געגעבן אַ דריי אויס צו אים, און עס איז געווען ווי אַ פּרינץ וואָלט זיך צו זיי באַוויזן. פון אַלע זייטן האָבן זיך געלאָזט צו אים יידן, ווער אין טלית און תפילין און ווער אָן תפילין און אַנדערע ווידער מיט בלויז אַ „של ראש״ אָדער אַ „של יד״. אויך די יונגעלייט און בחורים האָבן איבערגעריסן אין מיטן פון די טיפע סוגיות פון דער גמרא אָדער פון די פוסקים, כדי צו געבן אים „שלום עליכם״. העגט איבער הענט האָבן זיך געריסן צו אים. ווער עס האָט אים גערופן „נחמנקע״ און ווער „ר׳ נחמן״, און אַלע האָבן גע־האַט איין פראַגע: „וואָס מאַכט איר?״ און „ווי פילט איר זיך אין דעם דאָרף ביים רייכן שווער אין הוסיאַטין?״

נחמנקע האָט אַלעמען געענטפערט מיט אַ שמייכל און באַלד דער־נאָך זיך געשטעלט דאַוונען. ער האָט אָנגעטאָן דעם טלית מיט דער שווע־רער זילבערנער עטרה, וואָס זיין שווער האָט אים געשאָנקען צו דער חתונה, און געדאַוונט ביחידות דעם גאַנצן „פון פאָרנט״, כדי צו דעריאָגן

דעם בעל־תפילה, וואָס האָט שוין געהאַלטן נאָענט צו קריאת שמע. נחמנ־קע האָט באמת איצט געוואָלט דאַווענען מיט גרויס כוונה, אָבער ווי אויף צו להכעיס זענען די מחשבות זרות ביי אים אַרומגעקראָכן אין קאָפּ, ווי קליינע שלאַנגען, און נישט אָפּגעלאָזן אים אַפילו אויף אַ רגע. דער הויפּט־געדאַנק איז געווען וועגן גיטעלען. אָבער פון דעם געדאַנק האָבן זיך אויס־געטיילט אַנדערע געדאַנקען, וואָס האָבן אים כסדר באַאומרואיקט. איין געדאַנק איז געווען די מורא, אַז גיטעלע זאָל נישט אַמאָל פאַרקריכן אין די מ״ט שערי טומאה פון דער פראַנקיסטישער כת, אין וועלכער איר פאָ־טער, ר׳ בער, איז פאַרשלעפּט געוואָרן; דער צווייטער געדאַנק איז געווען אַ שרעק, אַז גיטעלע זאָל נישט אָפּגעפרעמדט ווערן פון אים דורך דעם, וואָס זי וועט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן מאַן... אַ דריטער געדאַנק ווי־דער... אָבער ער האָט זיך געאײַלט צו דעריאָגן דעם בעל־תפילה, וואָס איז שוין געשטאַנען שמונה עשרה... די געדאַנקען האָבן אים נישט אָפּגעלאָזן אַפילו ווען ער האָט שוין אויסגעטאָן דעם טלית און תפילין און זיי אַוועק־געלייגט: דעם טלית אין טלית־זאַק און די תפילין אין תפילין־זעקל, און אַפילו ווען ער האָט שפּעטער אַריינגעטאָן אין טלית־זאַק אויך דעם סידור „נוסח האר״י״, פון וועלכן ער דאַוונט כסדר און וואָס ער טוט דאָרטן שטענ־דיק האַלטן.

כדי צו פאַרטרייבן זיינע געדאַנקען האָט נחמנקע, גלייך נאָכן דאַוונען, זיך געזעצט לערנען. נחמנקע האָט פריער געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו פאַסטן היינט ביז קבלת שבת. פאַסטן אַ טאָג איז ביי נחמנקען קיין נייעס נישט געווען. פאַרקערט, ער איז שוין געווען געוווינט דערצו. ער האָט נאָך אָנגעהויבן צו פאַסטן, ווען ער איז געווען אַ קינד פון זעקס יאָר. ער געדענקט עס אַזוי ווי היינט; ער האָט איינמאָל ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מען דאַרף נישט עסן, ווייל עס איז נישט נייטיק, און האָט גענומען פאַסטן. איז ער דעמאָלט אַזוי שוואַך געוואָרן, אַז ער האָט געמוזט ליגן אין בעט. דערנאָך, ווען דער רופא האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז עסן, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער זאָל דערפון קיין הנאה נישט האָבן. פלעגט ער דע־מאָלט דאָס עסן נישט צעקייען, כדי נישט צו פילן קיין שום הנאה דערביי. ער פלעגט אויך שלינגען גאַנצע שטיקער. איינמאָל אָבער, ביים אַראָפּ־

שלינגען אַ גרויסן ביסן, איז ער אים געבליבן שטיין אין האַלדז און ער איז שיער נישט דערשטיקט געוואָרן. האָט די מאַמע אויף אים געשריען און אים געזאָגט, אַז דאָס איז נישט דער דרך. דעמאָלט האָט ער זיך ווידער גענומען צום עסן, אָבער דאָך ווען־נישט־ווען געפאַסט אַ טאָג אין וואָך און אַמאָל אויך עטלעכע טעג. ווען ער איז געווען אין עלפטן יאָר, האָט ער אין דעם יאָר אַליין געפאַסט עטלעכע מאָל פון שבת ביז שבת. עס האָט אים נישט געשאַדט. דאָך איז אים אָנגעקומען שווער דאָס לערנען. ער געדענקט, ווי ער האָט זיך אַמאָל פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען אין חדר און געזעסן פאַר זיך גאָט אין געשטאַלט פון „שם הויה״, אָבער דערווייל האָט דער רבי אים גערופן און געזאָגט: „אַנו, נחמנקע, זאָג די פרשה חומש״. נחמנקע האָט נישט געהאָט געהערט דעם טייטש פון דער פרשה, וואָס דער רבי האָט געזאָגט צו די תלמידים און נישט געוווסט. איז דער רבי בייז געוואָרן אויף אים. אָבער נחמנקע האָט אים גלייך געזאָגט: „רבי, כ׳האָב זיך עפּעס פאַרטראַכט און נישט געהערט דעם טייטש, אָבער אויב דער רבי וועט נאָכאַמאָל איבערזאָגן דעם טייטש פון דער פרשה, וועל איך זיך גוט צוהערן״. האָט דער מלמד טאַקע נאָכאַמאָל איבערגעזאָגט דעם טייטש פון דער פרשה, און נחמנקע האָט באַלד אַלץ נאָכגעזאָגט וואָרט ביי וואָרט. נחמנקע איז בכלל שטענדיק געווען אַ מתמיד. ער האָט שטענדיק באַגערט צו לערנען. זיין מוטער פייגע פלעגט דערציילן, אַז ווען נחמנקע האָט שוין געלערנט ביי אַהרן דעם גמרא־מלמד, האָט נחמנקע געצאָלט דעם רבין פון זיינע גראָשנס, וואָס ער האָט גע־קראָגן פון טאַטע־מאַמע, אַז דער רבי זאָל מיט אים באַזונדער לערנען, אַ חוץ דער צייט פון חדר. און נחמנקע האָט געוווסט, אַז לערנען איז דאָס בעסטע מיטל אויף צו פאַרטרייבן פאַרשיידענע געדאַנקען, וואָס קו־מען אים אין קאָפּ אַריין, אָבער נישט איצט... איצט קאָן ער זיי, די מחשבות זרות, בשום אופן נישט פאַרטרייבן... אָט זיצט ער איצט איבער דער גרויסער גמרא און לערנט „חזקת הבתים״, אָבער די פרעמדע גע־דאַנקען לאָזן נישט אָפּ און קריכן אַרום ביי אים אין קאָפּ. ער זאָגט די ווערטער פון דער גמרא, אָבער זיי גייען נישט אַריין אין קאָפּ, ווייל דער מוח איז איצט פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש... יאָ, מיט די אַנדערע

מחשבות וועגן גיטעלען... וואָס זאָל ער טאָן?... נאָכן מאַטערן זיך אַזוי צו לערנען עטלעכע שעה האָט נחמנקע אַרויסגענומען פון וועסטל־קעשענע דעם גאָלדענעם זייגער, וואָס זיין שווער האָט אים געגעבן, ווען ער איז געוואָרן אַ חתן, כדי צו זען ווי שפּעט עס איז. עס איז אַ גרויסער, שווע־רער גאָלדענער זייגער, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט צו אַ גרויסער, שווערער, גאָלדענער קייט, וועלכע ער פלעגט טראָגן אין די וועסטל־קע־שענעס, פון איין קעשענע צו דער אַנדערער קעשענע. נחמנקע האָט איצט געזען, אַז ס'איז שוין צוויי אַזייגער נאָכמיטאָג, און ס'איז ביי אים גע־בליבן צו גיין אַהיים, כדי מכין צו זיין זיך לכבוד שבת, ווייל ער דאַרף נאָך גיין אין מרחץ און אויך מאַכן אַנדערע הכנות, וואָס אַן אַנדערש מאָל טוט ער עס שוין פריער, צוועלף אַזייגער, און זיך געלאָזן גיין אַהיים.

ווי נאָר נחמנקע איז אַריינגעקומען אין הויז, האָט זיין מאַמע, פייגע, אַ נידעריקע מיט איינגעפאַלענע באַקן, אָבער פון וועמענס פּנים עס האָבן אַרויסגעקוקט צוויי ברענענדיקע אויגן, אים אָפּגעמאָסטן מיט איר מאַ־מעשן בליק פון אויבן ביז אַראָפּ. זי האָט איצט פאַרריכט די קופּקע, וואָס איז געווען אַביסל פאַררוקט אַן אַ זייט פון קאָפּ, און געזאָגט צו אים:

— נחמנקע, דו ווייסט, אַז דו האָסט נאָך היינט גאָרנישט געהאַט אין מויל?

— דאָס איז גאָרנישט! — האָט נחמנקע געענטפערט — עסן איז אַ נאַרישקייט.

— ניין, מיין קינד, עס איז נישט קיין נאַרישקייט. דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז דיין זיידע, זכרונו לברכה, האָט פון קיין סיגופים נישט געהאַלטן. איבעריקנס, האָבן די דאָקטוירים דיר שוין געזאָגט, אַז דו טאָרסט נישט פאַסטן. קום, עס עפּעס!

— סיגופים, מאַמע, לייטערן דעם גוף און די נשמה.

— ניין, מיין קינד, פון סיגופים פאַלט מ'ען נאָר אַראָפּ פון די מדרגות. אַזוי האָט דער זיידע געזאָגט.

— דער זיידע... — האָט נחמנקע געזאָגט אין דער שטיל — איך האָב היינט טאַקע געוואָלט גיין אויף זיין קבר. איך פלעג אַמאָל פיל מער

גיין ווי איצט. כ׳בין שוין אַמאָל געווען אויף זיין קבר נאָך האַלבער נאַכט אויך.

— צוליב וואָס וואָלסטו גיין אויפן קבר פון זיידן? — האָט די מאַמע אים אָנגעקוקט מיט שרעק.

— אַז ער זאָל מיר העלפן! — האָט נחמנקע געזאָגט — ווייל נאָר ער קאָן מיר העלפן.

— מיט וואָס, מיין קינד?

— צו פאַרטרייבן די מחשבות זרות פון מיין קאָפּ; די מחשבות, וועלכע לאָזן מיך נישט דאַוונען און לערנען.

— דאָס, מיין קינד, מוזסטו אַליין טאָן.

— כ׳האָב געפרווּט, אָבער כ׳קאָן נישט.

— כ׳ווייס, מיין קינד, אַז דו ליידסט, איך ווייס אַלץ, כאָטש דו זאָגסט מ׳יר נישט. איך ווייס אויך צוליב וואָס דו ביסט געקומען אַהער, כאָטש דו האָסט עס מיר נישט געזאָגט.

— דו ווייסט, מאַמע?

— יאָ, צוליב גיטעלען. געטראָפן?

— יאָ, מאַמע.

— און איך ווייס אויך, וואָס דו טראַכסט וועגן גיטעלען.

— יאָ?

— יאָ. אַז זי איז דיין זיווג.

— אמת, מאַמע.

— אָבער עס איז נישט ריכטיק אַזוי צו טראַכטן, מיין קינד. דו האָסט חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער און דו האָסט צו גיטעלען מער קיין שייכות נישט. דו טאָרסט פון איר אַפילו נישט טראַכטן.

— איך טאָר נישט? זי איז דאָך מיין זיווג!

— זי איז נישט דיין זיווג. אַ סימן האָסטו, אַז דו האָסט מיט איר נישט חתונה געהאַט.

— נישט אַלע מאָל האָט מען חתונה מיטן זיווג, מאַמע. וואָס דען, די בהמה שאָשע איז מיין זיווג? אָט די דאַרפסמויד, וואָס פאַרשטייט אַפילו נישט וואָס כ׳רייד צו איר?

— טאָרסט אַזוי נישט ריידן, מיין קינד. שאַשע איז דיין ווייב.

— זי איז נישט מיין זיווג, מאַמע. זי איז אַ הויקער אויף מיין לייב. און אַזוי זענען אויך אירע עלטערן, די שוויגער און דער שווער. ווי קום איך גאָר צו זיי?

— מיין קינד, איך פאַרשטיי דיך, — האָט פייגע צו אים געזאָגט זיפצנדיק — אָבער עס האָט אַזוי געמוזט זיין. ר׳ בער איז אַראָפּ פון דרך הישר און וואָס האָט מען געקאָנט טאָן, אויב נישט אָפּברעכן דעם שידוך? זעסטו, איך בין צוליב דיר געוועזן היינט אויפן קבר פון זיידן.

— טאָקע? צוליב מיר?

— צוליב דיר, מיין קינד. איך ווייס, אַז דו ליידסט. דאָס זענען יסורי מות. דו בענקסט, מיין קינד...

— מאַמע! — האָט נחמנקע שטיל געזאָגט, און טרערן האָבן זיך אים געשטעלט אין די אויגן, — און וואָס האָט דער זיידע געזאָגט?

— ער האָט געזאָגט אַ סך זאַכן.

— וואָס האָט ער געזאָגט?

— איך קאָן עס דיר נישט זאָגן, מיין קינד.

— נישט איצט? אַמאָל אָבער יאָ?

— אַמאָל אפשר יאָ. ווען איך וועל מעגן עס דיר זאָגן, וועל איך דיר זאָגן.

— און וואָס האָט ער געזאָגט וועגן גיטעלען?

— דאָס קאָן איך דיר אויך נישט זאָגן.

— אָבער כ׳וויל וויסן בלויז צוויי זאַכן.

— וואָס, מיין קינד?

— ערשטנס, צי גיטעלע וועט נישט פאַרפירט ווערן פון די פראַנקיסטן, ימח שמם? כ׳האָב מורא, אַז זיי זאָלן זי נישט דערפירן צו כפירה און שמד.

— ניין, מיין קינד, דאָס וועט נישט געשען! מעגסט זיין גאַנץ רואיק.

— און צווייטנס, מאַמע, אַז זי זאָל נישט חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן.

— דאָס טאָרסטו אַפילו נישט טראַכטן, זי איז דאָך אַ מיידל!

— מאַמע, גיטעלע קאָן נישט געהערן צו קיין אַנדערן. איך זע אין איר די שכינה, די מאַמע רחל.

— דו טאָרסט אַזוי נישט ריידן, נחמנקע! דו גיי בעסער אין מרחץ אַריין לכבוד שבת. דער טאַטע איז שוין לאַנג דאָרטן.

נחמנקע האָט איצט גענומען אַ האַנטוך און אַ העמד און איז אַוועק אין מרחץ אַריין. פייגע האָט אים נאָכגעקוקט מיט ציטערנדיקע אויגן און אַ טרער איז געפאַלן אויף איר געפאַלבט פּנים, און זי האָט געזאָגט אַ תפילה צו גאָט: „רבונו של עולם, האַר פון אַלע וועלטן, דו זעסט ווי מײַן קינד לײַדט, דו זעסט אויך ווי ער וויל דאַווענען און לערנען דײַן תורה און ער קאָן נישט צוליב די מחשבות זרות, וואָס צעררודערן אים. דו ווייסט דאָך אָבער אויך דעם אמת, אַז ר׳ בער איז אַראָפּ פון דרך הישר און עס איז נישט געווען קיין אַנדער אויסוועג, ווי אָפּצוברעכן דעם שידוך מיט אים. דעריבער, האַר פון אַלע וועלטן, מאַך אַזוי, אַז מײַן אָרעם קינד זאָל נישט מער לײַדן; זאָל זי אים פאַרמיאוסט ווערן; זאָל ער נישט קאָנען מער הערן איר נאָמען; זאָל איר פּנים פאַרשווינדן אין גאַנצן פון זײַנע אויגן, אמן כן יהי רצון״...

פייגע האָט אײַנגעהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן גערונען איבער איר צעקנייטשט פּנים און געזאָגט צו זיך אַליין: „שבת, דער הייליקער שבת קומט אָן, מען דאַרף אויפנעמען די מלכתא שבת מיט שמחה״.

און זי האָט מיטן שפּיץ פון איר שירץ אויסגעווישט אירע פאַרוויינטע אויגן און אַרויפגעצוווגען אַ שמייכל אויף אירע פאַרוויינטע אויגן. זי האָט זיך באַלד גענומען אויפצורוימען די דריי אָרעמע צימערלעך. דערנאָך האָט זי געלייגט אַ ווײַסן טישטוך אויפן טיש, אַוועקגעשטעלט די צוויי קליינע מעשענע לײַכטער, אַרײַנגעשטעלט אין זיי ליכט און פאַרשטעלנדיק זיך דאָס פּנים מיט די הענט, געבענטשט ליכט און געזאָגט אַ גאַנצע ריי תחינות, אַ טייל פון סידור און אַ טייל — אייגענע.

## 6

ר׳ שמחה און נחמנקע זענען אַהיים געקומען פון קבלת שבת אין בעש״טס בית המדרש אויפגעמונטערטע און מיט שטראַלנדיקע פּנימער.

עס איז געווען דערפאַר, וואָס ווי נאָר זיי האָבן אַריבערגעטראָטן די שוועל פון בית המדרש, זענען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן פון די מתפללים, וועלכע האָבן זיך געריסן צו זיי צו געבן „שלום עליכם" נחמנקען, וועמען זיי האָבן נישט געזען שוין צוויי יאָר, זינט זיין חתונה. אָבער עס איז נישט געווען קיין טרוקענער „שלום עליכם", ווייל כמעט יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן נחמנקען. זיי האָבן שוין געהאַט געהערט, אַז אין מעדזשעדזשבוזש, ווו נחמנקע וווינט איצט, באַווייזט ער גרויסע וווּנדער און מען זאָגט אויף אים, אַז עס וואַקסט אַ נייער בעל־שם־טוב. עטלעכע פון די האָרעפּאַשנע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ חזקה צו דאַוונען אין דעם בית המדרש און וועלכע האָבן נאָך געדענקט דעם בעש"ט, האָבן זיך געריסן צו אים און דערלאַנגענדיק אים די האַנט, געזאָגט צו אים:

— מיר האָבן געהערט פון די וווּנדער, וואָס איר האָט באַוויזן אין מעדזשעדזשבוזש. איר גייט אין די דרכים פון אייער גרויסן זיידן. מען דאַרף האָבן טאַקע איצט אַזאַ גרויסן ייד, ווי אייער זיידע איז געווען.

און אַנדערע, ווידער, האָבן זיך געווענדעט צו ר' שמחהן און צו אים געזאָגט:

— איר האָט אַ גרויסן זון! די וועלט שמט שוין מיט אים. איר האָט געבראַכט אַ גרויסן צדיק אויף דער וועלט!... ווייל איז אייך און ווויל איז דער מאַמען, וואָס האָט אים געבוירן...

באַזונדערס נאָכן דאַוונען האָבן אַ טייל פון די מתפללים אַרומגערינגלט ר' שמחהן און נחמנקען, געווונטשן זיי אַ גוטן שבת און זיי באַגלייט מיט פריידיקע אויגן ביז דער טיר פון זייער הויז. אויך פייגען, אין דער ווייבער־שול האָבן די עטלעכע ווייבער, וואָס קומען פריטיק צו נאַכטס צו קבלת שבת, געווונטשן און געזאָגט: „אַ גוטן שבת, ליבט אייך אייער גאַסט", אויף וואָס פייגע האָט געענטפערט: „אַ גוטן שבת! ליב זאָלט איר לעבן". זי האָט זיך אָבער געאײַלט אַהיים צו גיין פריער איידער די מאַנצבילן קומען אָן, כדי זיי זאָלן געפינען די טיר אָפן און אַריינקומען אין אַן אויפגערוימטער שטוב, וואָס זי האָט אַליין אויפגעפוצט לכבוד שבת.

נחמנקע איז איצט געגאַנגען אַהיים צוזאַמען מיט זיין פאָטער מיט פאַמעלעכע טריט און ביידע האָבן געטראַכט פון די ווױלע יידן אין בית

המדרש, וואָס האָבן זיך אַזוי געפּרייט מיט אים, נחמנקען. ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט דערפון, וואָס מען האָט אים פאַרגליכן צו זיין גרויסן זיידן, דעם בעל שם טוב; אָבער ער וואָלט זיך נאָך מער געפריייט, ווען עס וואָלט אים אַביסל אָפּגעלאָזט דער פאַרעקשנטער וואָרעם, וואָס עגבערט אין זיין מוח אַפילו איצט, און וועלכער האַלט אין איין זאָגן אים: „גיטעלע! גיטעלע!“ אַזוי זענען זיי ביידע אַריינגעקומען אין הויז און ר' שמחה האָט געזאָגט מיט אַ הויכער שטימע: „גוט שבת!“ אויף וואָס פייגע האָט אָפּגעענטפערט אויך מיט אַ פריילעכער שטימע: „גוט שבת, גוט יאָר!“

ר' שמחה האָט איצט, גייענדיק הין און צוריק איבער דער שטוב, געזאָגט „אשת חיל“ מיטן אַלטן ניגון און נאָכדעם מיט גרויס דבקות „שלום עליכם מלאכי השרת“. נחמנקע אָבער האָט דאָס אַלץ געזאָגט אין דער שטיל, נישט אַזוי ווי זיין שטייגער איז געווען, ביי זיך אין דער היים, צו זאָגן דאָס מיט שטורעם און התלהבות. מען האָט געמאַכט קידוש, זיך געוואַשן און געזעצט צום טיש. פייגע האָט דערלאַנגט די פיש, וואָס זי האָט צוגעגרייט מיט גרויס כוונה, דערנאָך האָט ר' שמחה געטרונקען אַביסל י״ש און געזונגען „כל מקדש“.

— מאַמע, — האָט נחמנקע זיך פּלוצים אָנגערופן, נאָכדעם ווי זיין פאָטער האָט געענדיקט די זמירות — כ'געדענק, אַז דו האָסט מיר אַמאָל געהאַט אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה, ווי אַזוי דו האָסט חתונה געהאַט מיטן טאַטן, אָבער אין מיטן איז עמעצער אַריינגעקומען און דו האָסט אויפגעהערט און די מעשה נישט געענדיקט. איך האָב דיך שוין עטלעכע מאָל געוואָלט בעטן, אַז דו זאָלסט מיר דערציילן די מעשה. אפשר וועסטו עס איצט טאָן?

— די מעשה קאָן דיר פיל בעסער דערציילן דער טאַטע — האָט פייגע צו אים ליבלעך געזאָגט — וועסט בעטן דיין טאַטן, וועט ער זי דיר דערציילן.

— טאַטע, דערצייל מיר די מעשה, איך בעט דיך — האָט נחמנקע זיך געווענדעט צום פאָטער מיט בעטנדיקע אויגן.

— גוט, מיין קינד, איך וועל דיר דערציילן די מעשה גאַנץ גענוי, אַזוי ווי מיין טאַטע האָט זי מיר דערציילט. עס האָט צו טאָן נאָך מיט

דער צייט, ווען דיין זיידע, דער בעש״ט, איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל, אָבער ער האָט זיך געמוזט אומקערן פון וועג, ווייל די צייט איז נאָך דע־מאָלט נישט געווען ראוי דערפאַר. כידוע, איז מיין טאַטע, ר׳ נחמן האָ־ראָדענקער, געווען פון די סאַמע איבערגעגעבענע תלמידים פון בעש״ט און איידער דער בעש״ט האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, איז מיין פאָטער פריער אַרויסגעפאָרן כדי צוצוגרייטן דעם וועג און אָנצוזאָגן אַלע יידן, אַז דער בעש״ט פאָרט קיין ארץ־ישראל. דער בעש״ט איז דערנאָך אַרויס־געפאָרן באַגלייט פון פיל חסידים. אָבער ווען ער איז געקומען קיין סטאַמ־בול, איז געווען אַן עיכוב...

— וואָס איז געווען, טאַטע? — האָט נחמנקע געקוקט אים אין מויל אַריין.

— עס איז געקומען פלוצים אַ יידענע צו אים און אים געזאָגט, אַז זי האָט צו אים אַ טענה און זי וועט אים נישט לאָזן פאָרן ווייטער, ביז ער וועט די זאַך נישט דערליידיקן.

און די יידענע האָט דעם בעש״ט דערציילט אַזאַ מעשה:

— מיט אַ צייט צוריק איז געקומען אַהער אייער תלמיד, ר׳ נחמן האָראָדענקער און ער האָט זיך געשדכנט צו מיר, ווייל כ׳בין געווען אַן אלמנה. אייער תלמיד איז געווען אַן אלמן, אָבער אַ ייד אַ זקן. היות אָבער ווי ער איז געווען אַ גרויסער תלמיד־חכם און אַלע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַ גרויסער צדיק, האָב איך מסכים געווען מיט אים חתונה צו האָבן, כאָטש איך בין געווען אַ סך יינגער פון אים. אָבער ער האָט מיר צוגע־זאָגט, אַז כ׳וועל האָבן מיט אים אַ זון און איך האָב געוואָלט האָבן אַ זון פון אַ הייליקן יידן. איך האָב געשיקט צו אים אַ שליח אים צו זאָגן, אַז כ׳בין מסכים. האָט מען געמאַכט אַ „וואָרט״ און שפעטער האָבן מ׳יר גע־שטעלט אַ חופה. אָבער באַלד נאָך דער חופה איז ער נעלם געוואָרן און מיך געלאָזט אַן עגונה. פרעג איך אייך, רבי, האָט אייער תלמיד געמעגט טאָן אַזאַ זאַך?

האָט דעם בעש״ט דאָס פאַרדראָסן און ער האָט געשיקט תיכף ומיד אַ בריוו צו ר׳ נחמנען אַז ער זאָל גלייך קומען קיין סטאַמבול. האָט טאַקע נישט לאַנג געדויערט און ר׳ נחמן איז געקומען צו פאָרן. דער בעש״ט

האָט אים באַלד געפרעגט, צי די מעשה, וואָס די יידענע דערציילט, איז אמת. האָט ר׳ נחמן געזאָגט „יאָ״. האָט אים דער בעש״ט ווידער געפרעגט: „היתכן? ווי אַזוי טוט מען אַזאַ זאַך?״ האָט ר׳ נחמן אים געזאָגט, אַז עס איז אַזוי געווען: צום ערשטן, ווי נאָר ער האָט דערזען די אשה, האָט ער באַמערקט, אַז עס שוועבן אַרום די ניצוצות פון משיחן ארום איר קאָפּ און דעריבער האָט ער געוואָלט מיט איר חתונה האָבן. שפּעטער אָבער האָט מען אים מגלה געווען, אַז זיין ווייב וועט געבוירן אַ בן זכר, וואָס וועט שיינען ווי די ליכט פון הימל, אָבער זי, די מוטער, וועט צוליב אַן אַלטן חטא נישט זוכה זיין אים אויפצוציען און נאָך אין דער קימפּעט אַוועק־גיין פון דער וועלט. האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער טאָר נישט זיין אַ גורם אינעם טויט פון אַ יונגן מענטש, און האָט דעריבער זיך פורש געווען פון איר.

— דו האָסט עס נישט געטאָרט טאָן! — האָט דער בעש״ט צו אים שטרענג געזאָגט — זי איז דיין ווייב, און דו דאַרפסט מיט איר וווינען ווי אַ מאַן מיט אַ ווייב, און וועגן הימלישע זאַכן דאַרפסטו זיך נישט קימערן.

באַלד דערנאָך איז ר׳ נחמן האָראָדענקער אַוועק צו דער אשה און האָט איר דערציילט דעם גאַנצן אמת. האָט זי געזאָגט: „אויב אַזוי איז דער גזר מן השמים, בין איך גרייט אים מקבל צו זיין באהבה״. האָט ר׳ נחמן מיט איר געוווינט ווי דער שטייגער עולם איז און זי איז געוואָרן מעוברת, אָבער ווען עס איז געקומען די צייט פון האָבן דאָס קינד, האָט זי זיך אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל און געוויינט און געבעטן צו גאָט:

— רבונו של עולם, האַר פון אַלע וועלטן, דו האָסט מיך מזכה געווען מיט אַ קינד, וואָס וועט האָבן דאָס ליכט פון משיחן. וויל איך דיך בעטן, אַז ווי גרויס און שווער מיינע זינד זאָלן נישט זיין, לאָז מיך כאָטש זען מיין קינד און זיין מיט אים צוזאַמען אַ גאַנצן חודש.

האָט מען אין הימל זיך צוגעהערט צו איר געבעט, ווייל עס איז גע־ווען אַן עת רצון. אָבער דער בעש״ט האָט דערנאָך געזאָגט, אַז זי וואָלט אַפילו געקאָנט דעמאָלט פועלן אויף אויסצולעבן איר גאַנץ לעבן. נאָר אַזוי ווי זי האָט געבעטן בלויז איין חודש, האָט מען איר מער נישט געגעבן און

אַזוי איז טאַקע געווען. זי האָט זיך געפרייט מיטן קינד פּונקט אַ חודש און געשטאָרבן. דאָס קינד האָט מען דעריבער אַ נאָמען געגעבן שמחה. אַזוי האָט די מוטער פון קינד געוואָלט.

— און דאָס ביסטו, טאַטע! — האָט נחמנקע אויסגערופן.

— יאָ, מיין קינד, אָבער די מעשה איז נאָך נישט געענדיקט.

— ניין?

— ניין, עס גייט נאָך ווייטער. ווען מיין טאַטע, ר׳ נחמן האָראָדענ־קער, האָט געהאַלטן ביים פאָרן צוריק אַהיים, האָט דער בעש״ט אים גע־הייסן, אַז ער זאָל געבן דאָס קינד צו זיין טאָכטער, האָדל, זי זאָל עס אויפציען, און געזאָגט האָט דיין זיידע צו מיין טאַטן אַזוי: „איך זע ברוח הקודש, אַז מיין טאָכטער האָדל וועט האָבן אַ טאָכטער, וואָס וועט הייסן פייגע, און דיין זון וואָס הייסט שמחה, וועט זי נעמען פאַר אַ ווייב און פון זיי וועט אַרויסקומען אַ גרויס ליכט אויף דער וועלט!״

און עס איז אַזוי געווען. איך, שמחה, האָב זיך אויפגעצויגן ביי האָד־לען און האָב חתונה געהאַט מיט איר טאָכטער פייגע, אַזוי ווי דיין זיידע האָט פאָרגעזאָגט. אָבער עס איז געווען אַ גזר אין הימל, אַז ביי דיין מאַ־מע פייגע זאָלן זיך נישט האַלטן קיין קינדער. אין יענער צייט זענען גע־בוירן געוואָרן אַ סך קינדער, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן ישראל, נאָך דיין זיידן, אָבער זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן. פאַר דיר האָט דיין מאַמע אויך געבוירן אַ קינד, וואָס דיין באָבע האָדל האָט אַ נאָמען גע־געבן ישראל, אָבער אויפן דריטן טאָג איז דאָס קינד געשטאָרבן. איז די באָבע האָדל אַוועק מיטן קינד אויפן בית עולם און עס אַוועקגעלייגט אויפן קבר פון איר פאָטער, דעם בעש״ט און צו אים אַזוי געזאָגט:

— עס זענען שוין געבוירן געוואָרן עטלעכע קינדער, וועלכע מען האָט אַ נאָמען געגעבן ישראל און זיי זענען יונג אַוועק פון דער וועלט. איצט האָט מיין טאָכטער פייגע געבוירן אַ זון, וואָס איך האָב געהייסן אַ נאָמען געבן נאָך דיר, ישראל, און אויך ער איז אַוועק פון דער וועלט אויפן דריטן טאָג. וווּ איז דיין יושר, טאַטע, איך וויל אַז דאָס קינד זאָל לעבן!...

האָט דער בעש״ט זיך באַוויזן צו איר ביינאַכט אין חלום און צו איר געזאָגט אַזוי: „גיי אויפן בית עולם און נעם אַהיים דאָס קינד. עס וועט

לעבן, אָבער עס וועט זיין טויט ביים לעבן. און ווען עס וועט שטאַרבן, זאָלסטו אויפשרייבן אויף זיין מצבה: „ישראל, מי שהיה מת בחייו". דער־פאַר אָבער וועט פייגע ווידער געבוירן אַ זון, וואָס אים זאָלסטו אַ נאָמען געבן נאָך זיין זיידן, ר' נחמן האָראָדענקער, און ער וועט לעבן אַפילו נאָך זיין טויט. אויף זיין מצבה וועט מען מיט יאָרן שפּעטער אויפשרייבן: „נחמן, מי שחי במותו". נו, איצט ווייסטו שוין אַלץ, מיין קינד. לאָמיר זינגען זמירות. הייב אָן, נחמנקע. „יום זה מכובד מכל ימים"...

## 7

נחמנקע איז איצט געבליבן זיצן פאַרטראַכט און נישט מיטגעזונגען מיטן טאַטן די זמירות. באַלד אָבער האָט ער זיך געווענדט צו זיין מאַמען:

— מאַמע, דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט, אַז לייזערקע, דער משו־גענער, האָט דיר אַמאָל עפּעס געזאָגט, ווען דו ביסט געווען מעוברת מיט מיר... איך האָב אים געקענט, לייזערקען. ער לעבט שוין נישט. אָבער ער איז געווען אַ ווילער ייד און אַ שטילער צדיק. מען זאָגט אַפילו אַ למד־וואָווניק. איך ווייס אַפילו, אַז ער האָט געזען פיל זאַכן פאָרויס. ער פלעגט אַרומגיין אָפּגעריסן און געלאַכט פון אַלעמען און איך געדענק, אַז דו האָסט מיר אַמאָל דערציילט, אַז ער האָט דיר עפּעס געזאָגט, ווען דו ביסט געווען שוין אין די הויכע חדשים. קענסטו מיר זאָגן, מאַמע, וואָס ער האָט דיר געזאָגט?

— יאָ, יאָ, עס איז געווען עפּעס אין דעם, וואָס ער האָט געזאָגט. איך האָב וועגן דעם פיל נאָכגעטראַכט. ער האָט מיר איינמאָל אַזוי גע־זאָגט: „פייגע, פיר נשמות יאָגן זיך נאָך דיין קינד, וואָס דו טראָגסט, זיי אַלע האָט געקומט גן־עדן; אָבער זיי האָבן זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקט. איז אַרויס אַ פּסק פון דער פמליא של מעלה, אַז זיי מוזן צוריק קומען אויף דער וועלט, אָבער נאָר דורך אַ צדיקת, אַן אייניקל פון אַ גרויסן צדיק, און דאָס ביסטו דאָך. יאָרן לאַנג האָבן זיי געוואַרט אויף דער געלעגנהייט, און דעריבער, ווען דו ביסט געוואָרן מעוברת איז יעדע נשמה געקומען צום בית דין של מעלה און געזאָגט, אַז זי וויל אַריינקומען אין דעם קליינעם גוף, וואָס דו טראָגסט אין דיין בויך. די פיר נשמות זענען: איינע פון אַ

צדיק גמור, אַ צווייטע פון אַ גרויסן פילאָזאָף, אַ דריטע איז פון אַ באַ־רימטן פּאָעט און די פערטע איז גאָר פון אַ — לץ. אַ חוזק־מאַכער, און אַלע האָבן אַ רעכט דערויף פון הימל און זיי וועלן דאָס אוודאי אויספירן אויך...

— מאַמע, — האָט נחמנקע זיך אָנגערופן מיט שרעק — מיינסטו צו זאָגן, אַז אין מיר זענען דאָ פיר נשמות?

— מיין קינד, אַט דאָס האָט געזאָגט לייזערקע דער משוגענער. אָבער ווייס איך וואָס. לאָך זיך אויס דערפון. עס איז זייער שווער צו לעבן מיט פיר נשמות, ווייל יעדע נשמה וויל האָבן אַ גאַנצן גוף פאַר זיך אַליין. אַזוי אַרום וואָלט שטענדיק געווען ביי דיר אַ געראַנגל פון נשמות, וואָס יעדע איינע וואָלט געוואָלט דיין גוף פאַר זיך...

ר׳ שמחה איז איצט געוואָרן זייער אומרואיק און זיך געווענדט צו זיין ווייב:

— פייגע, זיי שוין שטיל. גענוג שוין גערעדט. עס איז שבת. גענוג שוין די רייד, פייגע. לאָמיר בעסער זינגען זמירות. נחמנקע, הייב אָן: „דרור יקרא לבן עם בת...״

אָבער נחמנקע איז געוואָרן איצט גאָר פאַרטיפט אין זיינע געדאַנ־קען — אַזוי אַז ער האָט אַפילו נישט באַמערקט ווי דער טאַטע האָט גע־בענטשט מיט גרויס כוונה. זיינע געדאַנקען זענען געוואָרן ביי אים שווער און דער קאָפּ איז געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בליי און ער האָט איינגע־דרימלט.

## 8

ר׳ שמחה איז נאָכן עסן אַריין אין צווייטן צימער און אַריינגעקוקט אין ספר „אבקת רוכל״, ווו עס ווערט באַשריבן אויספירלעך, וואָס עס וועט געשען אין די טעג פאַרן קומען פון משיח. פייגע האָט דערווייל, שטילערהייט, נישט אויפצוּוועקן נחמנקען, אָפּגעוואַשן די פּאָר שטיקלעך געפעס און געמאַכט דאָס געלעגער פאַר נחמנקען אויף דער סאָפע. דער־נאָך איז זי אַריין אויף די שפּיץ־פינגער אין שלאָפצימער. באַלד דערנאָך איז אויך ר׳ שמחה געקומען אַהין.

און נחמנקע האָט נאָך אַלץ געדרימלט אויף די הענט פאַרלייגט אויפן טיש. אָבער באַלד האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אַז די שבת־ליכט צאַנקען שוין און אַז זיינע עלטערן זענען שוין אַריינגעגאַנגען אין שלאָפצי־מער. ער האָט זיך איצט דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך נישט געבענטשט, האָט ער אָפּגעגאָסן זיינע נעגל מיט אַביסל מים אחרונים און געבענטשט. דער־ווייל איז זיין אויג געפאַלן אויפן ספר „אבקת רוכל״. ער איז אַלע מאָל געווען אינטערעסירט אין דער שילדערונג, וואָס איז דאָ אין דעם ספר, וועגן די ליידן פון דער מאַמע רחל, און ווי אַזוי זי איז זיך כסדר משתדל ביי יעדער צרה, וואָס עס קומט אויף יידן,ביים רבונו של עולם; ווי אַזוי זי רעדט אַמאָל צום כביכול בלשון תחנונים, און דעמאָלט ווערט איר געזיכט אַזוי מילד און איידל; און אַמאָל ווידער ווערט זי בייז און רעדט מיט רוגז און פון אירע אויגן שפּריצט פייער. אַמאָל אויך פאַלט זי גאָר צו די פיס פון כסא הכבוד און וויינט און קלאָגט אויפן גורל פון אירע קינדער און אַמאָל הערט זי ווי גאָט זאָגט צו איר, אַז זי זאָל זיין גע־טרייסט, ווייל אירע קינדער וועלן זיך אינגיכן אומקערן אין זייער לאַנד. דעמאָלט ווערט זי פריילעך, איר פּנים שיינט אויף, די אויגן ווערן פול מיט לעבן און זי לאַכט אַזוי האַרציק.

און נחמנקע האָט ווידער איינגעדרעמלט שוין אויפן ספר און עס דוכט זיך אים, אַז ער זעט די מאַמע רחל אין אַלע פאָרמען, וואָס עס ווערן דערמאָנט אינעם ספר; אָבער ער זעט זי כסדר אין געשטאַלט פון גיטעלען... יאָ, זי זעט אויס אַלע מאָל אַזוי ווי גיטעלע... אָט איז איר פּנים אַזוי מילד און פול מיט רחמים, און אָט ברעכט זי גאָר אויס מיט אַ כעס און שטורעמט און שרייט... און אָט פאַלט זי צו דר׳ערד און וויינט מיט ביטערע טרערן, אָן אַן אויפהער, ווי פון אַן אומאויפהערלעכן קוואַל; און אָט ווידער לאַכט זי אַזוי האַרציק, אַזוי פריילעך...

און אָט זעט ער, ווי גיטעלע שטייט נעבן אים און רעדט צו אים און זאָגט צו אים אַזוי: „נחמנקע, ווי אַזוי ביסטו אַוועק פון מיר? פאַר־וואָס האָסטו זיך פון מיר דערווייטערט? פאַרוואָס אַנטלויפסטו פון מיר? און ווי אַזוי האָסטו געקאָנט גאָר, נחמנקע, אַוועקגיין פון מי׳ר צו אַן אַנ־דערער? האָסטו אַן מיר שוין אינגאַנצן פאַרגעסן?״ — אין דעם מאָמענט

האָט נחמנקע געגאַרט צו זאָגן איר, אַז עס איז נישט אמת. ניין, ער אַנט־לויפט נישט פון איר, ער האָט אויך אָן איר נישט פאַרגעסן... ניין, ער האָט זיך פון איר קיינמאָל נישט דערווייטערט. פאַרקערט, ער טראַכט נאָך איצט מער פון איר, ווייל עס ציט אים צו איר... אָבער — ער קאָן איר דאָס נישט זאָגן, ער קאָן עפּעס דאָס מויל נישט עפענען... מאָדנע, ער רעדט און קאָן נישט אַרויסריידן. ער עפנט דאָס מויל, אָבער קיין וואָרט, קיין קלאַנג קומט נישט אַרויס פון איבער זיינע ליפּן. וואָס איז מיט אים געשען? פאַרוואָס קאָן ער איר גאָרנישט זאָגן? פאַרוואָס שווייגט ער? פאַרוואָס איז זיין מויל געשלאָסן?..

און גיטעלע שטייט לעבן אים און קוקט צו אים און וואַרט, ער זאָל איר זאָגן, אַז עס איז נישט אַזוי; אַז ער זאָל אַרויסריידן עפּעס אַ וואָרט צו איר; אַז זי זאָל הערן זיין שטים... אָבער גאָרנישט... ער רעדט נישט... ער שווייגט... שעהנלאַנג געדויערט עס אַזוי, ביז זי ווערט בייז און זאָגט צו אים:

— אויב דו וועסט מיך פאַרלאָזן... — און זי פאַרשווינדט...

ערשט איצט, ווען זי איז שוין אין גאַנצן פון דער ווייטקייט, קריגט ער צוריק זיין שטים און ער שרייט אויס הויך צו איר:

— גיטעלע... איך האָב דיך נישט פאַרלאָזן! איך אַנטלויף נישט פון דיר!.. איך בין פון דיר קיינמאָל נישט אַוועק!... פאַרקערט, מיך ציט צו דיר! דו לעבסט אין מיר און איך לעב מיט דיין אָטעם! דו ביסט אַ טייל פון מיר... רחלע... גיטעלע... איך בענק נאָך דיר!...

אָבער זי הערט שוין נישט זיין שטים, זי איז אַוועק ווייט און האָט נישט געהערט אַפילו איין זילבע פון זיינע רייד. און ער צעוויינט זיך הויך אויפן קול און זאָגט: „רבונו של עולם, פאַרוואָס טוסטו דאָס מיר? פאַרוואָס האָסטו מיך געמאַכט שטום, ווען זי איז געוועןלעבן מיר און דו האָסט מיר געגעבן לשון, ווען זי איז שוין אַוועק?...“

און אַט חלומט זיך אים ווידער, אַז ער זעט אַ מלאך פון גאָט און דער מלאך איז אַזוי הויך און זילבערווייס און מיט זעקס פליגל איז ער באַדעקט, צוויי פּאָר זיין פּנים, צוויי פּאָר זיין האַרץ און צוויי פּאָר זיינע פיס, און דער מלאך רעדט צו אים:

— נחמנקע, דיין תפילה איז אָנגעקומען פאַרן כסא הכבוד און אויך דיינע טרערן, וואָס דו האָסט פאַרגאָסן. עס איז באַוויליקט געוואָרן אָבער נאָר אַ העלפט פון דיין בעטן. בלויז אַ העלפט. און דאָס איז, אַז גיטעלע זאָל זיין אין דיר, זי זאָל ריידן צו דיר און האָבן טענות צו דיר אַז דו האָסט זי פאַרלאָזן. אָבער דו וועסט זיין שטום און נישט קאָנען איר ענטפערן... דיינע ווערטער וועלן זיין פול אין דיר, זיי וועלן זיין אין דיין קאָפּ און אין דיין האַרץ און אין אַלע דיינע גלידער. און זיי וועלן זיך רייסן אַרויסצוקומען פון דיר און זאָגן איר אַלץ, וואָס דו פילסט צו איר, ווי דו ליידסט, ווי דו בענקסט און ווי דו חלומסט וועגן איר, אָבער דו וועסט עס נישט קאָנען...

און נחמנקע פילט ווי ער באָדט זיך אין אַ טייך פון יסורים, אָבער פלוצים — אַ שטילער ריר ביי דער טיר. נחמנקע כאַפּט זיך אויף. נחמנקע דערזעט אים, שרייט ער אויס מיט פרייד, ווי אויסגעלייזט פון אַ גרויסער צרה:

— שמעון!

— יאָ, נחמנקע, איך בין עס! גיב מיר גיך וואַסער, עס איז מיר נישט גוט!

נחמנקע לויפט צו צום עמער וואַסער און ברענגט אים אַ שעפּ מיט וואַסער צו טרינקען און שמעון אָטעמט אָפּ שווער. אָבער אויך נישט ווייניקער פון אים נחמנקע.

## 9

— כ׳האָב נישט געקאָנט וואַרטן ביז מאָרגן אין דער פרי צו טרעפן דיך אין וואַלד — האָט שמעון גערעדט שטיל, פאַרענטפערנדיק זיך פאַרוואָס ער איז געקומען איצט — איך האָב געמוזט קומען נאָך היינט אין אָוונט. כ׳האָב עס פשוט נישט געקאָנט מער אויסהאַלטן.

— גוט, שמעון, דו האָסט גוט געטאָן, וואָס דו ביסט איצט געקומען — האָט נחמנקע צו אים געזאָגט — ביסט פונקט געקומען אין דער ריכטיקער צייט, אָבער וואָס איז געשען, שמעון? פאַרוואָס זעסטו אויס אַזוי בלייך? האָט דיך עמעצער געשלאָגן אָדער באַליידיקט?

— ניין, נחמנקע, דאָס נישט! קיינער האָט מיך נישט באַליידיקט, אָבער עס זענען פאַראַן אַמאָל זאַכן, וואָס באַליידיקן דיך אָן רייד. קיינער זאָגט דיר גאָרנישט, נאָר די אויפפירונג אַליין פון די מענטשן באַליידיקט דיך ביז טיף אין דער נשמה.

— דאָס איז אמת — האָט נחמנקע צוגעשטימט — אָבער זאָג מיר, ביסטו געווען דאָרטן די גאַנצע צייט, ביזן סוף, אַזוי ווי מיר האָבן אָפּגע־רעדט? — און נחמנקע האָט אים געקוקט מיט אַ פּרעטענזיע אין די אויגן אַריין.

— ניין, נחמנקע, כ'האָב עס נישט געקאָנט — האָט אים שמעון געענטפערט — עס איז געווען אוממעגלעך!

— ווי אַזוי האָט זיך אלישע אויפגעפירט? — האָט אים נחמנקע געפרעגט שטרענג פאַרשנדיק מיט די אויגן — האָט ער גערופן די יידן צו שמד, חלילה? און ווי אַזוי האָט געהאַנדלט זי, די לילית, אָדער ווי דו רופסט זי אָן, די „חיה רעה"? ווי אַזוי האָט זי זיך אויפגעפירט?

— אלישע איז אַן אמתער פושע ישראל. ער איז אַ מוּמר להכעיס — האָט שמעון קורץ אים געענטפערט — ער איז אַ חוטא ומחטיא את הרבים. נישט בלויז וואָס ער זינדיקט, נאָר ער וויל, אַז אַנדערע זאָלן אויך זינ־דיקן. עס איז די זעלביקע זאַך ווי ביי ירבעם בן נבט, וועלכער האָט אַוועק־געשטעלט די עגלי הזהב און געהייסן די יידן זיך בוקן צו זיי. אָט פּונקט אַזוי טוט ער אויך. ער רופט יידן צו זינדיקן, ווי אַזוי ער טוט עס, דאָס וועל איך דיר דערציילן שפּעטער. דער עיקר אָבער איז איצט וועגן איר וועגן דער „חיה רעה".

— וואָס איז וועגן איר? — האָט נחמנקע אים געפרעגט מיט שרעק אין די אויגן.

— כ'האָב דיר שוין אַביסל דערציילט, ווי אַזוי זי קאָמאַנדעוועט אַרום, זי טוט זיך אויס אירע קליידער, בלייבט שטיין מוטער־נאַקעט און רופט אַלעמען איר נאָכצוטאָן. זי האָט דאָס היינט אין אָוונט געטאָן אָן שום בושה, בפני כל קהל ועדה. אָבער עס איז דאָ נאָך עפּעס ערגערס פון דעם.

— עפּעס ערגערס? — האָט נחמנקע געקוקט אויף אים מיט צע־שראָקענע אויגן — וואָס איז נאָך ערגערס?

— זי האָט זיך גענומען טשעפּען צו מיין טאַטן.

— וואָס מיינסטו דערמיט? רייד ווייטער...

— כ׳זאָג דאָך דיר, זי האָט זיך גענומען טשעפּען צו מיין טאַטן — האָט שמעון איבערגעחזרט די זעלביקע רייד.

— איך פאַרשטיי נאָך אַלץ נישט, וואָס דו ווילסט מיר זאָגן — איז נחמנקע צוגעגאַנגען נענטער צו שמעונען און אים אָנגענומען פאַר אַ לאַץ פון זיין מלבוש — וואָס הייסט זי טשעפּעט זיך צו אים? וואָס אַזוינס טוט זי? זי קושט אים?

— נאָך ערגערס!

— צי מיר שוין נישט די עצמות, שמעון, — איז שוין נחמנקע גע־וואָרן בייז, — זאָג וואָס דו מיינסט, רייד ווערטער?

— זי האָט פלוצים גענומען זאָגן, אַז על פּי קבלה דאַרף זי זיך פאַר־אייניקן מיט אים, אַז זי איז זיין זיווג.

— דיין טאַטע? — האָט נחמנקע אים אָנגעקוקט — טפו זאָל עס ווערן! אָבער דיין טאַטע האָט דאָך אַ ווייב, דיין מאַמען.

— נו, זאָגט זי, אַז ער זאָל איר אָפּגטן.

— אָבער ווי קומט זי בכלל צו דיין טאַטן! ער איז דאָך פיל עלטער פאַר איר. און פאַרוואָס האָט זי זיך עפּעס אָנגעטשעפּעט אָן אים?

— ווייל ער איז רייך, פאַרשטייסט נישט? ווייל ער האָט געלט, און וואָס שייך עלטער, איז ער נישט פיל עלטער פאַר איר. ווי אַלט, מיינס־טו, איז מיין טאַטע? ער איז נאָך קיין פערציק נישט, נו, און זי איז קרוב צו שלושים, אָדער אפשר שוין אַריבער. זי איז גאָר נישט אַזאַ יונגינקע, ווי דו מיינסט.

— נו, איז וואָס איז געוועזן?

— כ׳קאָן נישט, נחמנקע, כ׳קאָן נישטריידן דערפון.

— מיר קאָנסטו אַלץ זאָגן — האָט נחמנקע זיך אָנגערופן — איך האָב שוין גובר געווען אין מיר דעם יצר הרע.

— אַזוי? טאַקע?

— יאָ, שמעון, איך קאָן זיך שוין אַפּילו רייצן מיט ליליתן אַליין. אַנו, זאָל זי קומען צו מיר און פּרובירן מיך פאַרפירן! זי וועט גאָרנישט אויספירן. זי קאָן פּראָווען אַלע אירע שטיק, אַלע אירע תחבולותן. זי קאָן קומען אַפילו מיט איר גאַנצער כאַפּטע, מיט אַלע אירע מוידן, וואָס זענען אַזוי שיין ווי די זון אין הימל און זיי קאָנען טאַנצן אַפילו אָן שום לבוש; זיי קאָנען רייצן מיך מיט כלערליי קונצן פון דער וועלט און פּרובירן צו וועקן ביי מיר די תאווה — זיי וועלן גאָרנישט אויספירן.

— נחמנקע, דו דאַרפסט אַזוי נישט ריידן — האָט שמעון צו אים געזאָגט — אַ מענטש טאָר נישט זיין אַזוי זיכער ביי זיך. נאָר גאָר גרויסע צדיקים האָבן געקאָנט זאָגן „גירא בעינא דשטנא״, אַ פייל אין אויגן פון שטן, ווייל זיי האָבן שוין באמת פאַר אים קיין מורא נישט געהאַט. דו ווייסט פאַרוואָס? ווייל זיי זענען געווען אין גאַנצן אויסגעטאָן פון גשמיות. זיי זענען געווען אַזוי טיף אַריינגעטאָן אין רוחניות, אַז זיי האָבן געלעבט נאָר אין דער קדושה אַליין. אָבער דו, דו ביסט נאָך גאָר אַ יונגער מאַן...

— און דאָך זאָג איך אַזוי, שמעון, — האָט נחמנקע אים געענט־פערט מיט פעסטקייט אין זיין שטים — איך זאָג, אַז איך האָב פאַר ליליתן קיין מורא נישט. מיך וועט זי נישט פאַרפירן, בשום אופן נישט! איך זאָג עס דיר צו. אַ נו, זאָל זי קומען!... זאָל זי פּרובירן!...

— כ׳בין צופרידן צו הערן, נחמנקע, אַז דו האָלסט שוין ביי אַזאַ מדרגה. דאָס איז די העכסטע מדרגה פון צדיקים. נאָר גאָר גרויסע צדי־קים, אמתע צדיקים גמורים קאָנען אַזוי זאָגן. אויב אַזוי ביסטו געשטיגן זייער הויך אויף דער לייטער, וואָס פירט צום הימל. געדענק אָבער, נחמנקע, איין זאַך, וואָס דו האָסט מיר אַמאָל געזאָגט, אַז דיין גרויסער זיידע האָט עס דיר געזאָגט, און דאָס איז, אַז מען טאָר פון שטן גאָרנישט נעמען, אַפילו נישט שמעק טאַבאַק; אַז נישט, איז מען אַ פאַרלוירע־נער; מען טאָר דער לילית די האַנט נישט געבן, אַפילו נישט קיין איין פינגער. אויב נישט, איז מען שוין אירער. זי קאָן מיט דעם איינעם פינ־גער פאַרשלעפּן דיך אין שאול תחתיה, אין איר שוואַרץ מלכות. פאַרגעס דאָס נישט, נחמנקע!

— איך האָב דערפאַר קיין מורא נישט — האָט נחמנקע אים רואיק

געענטפערט — זי וועט אפילו אַ נאָגל פון מינדסטן פינגער מיינעם נישט קריגן. איך לאָך פון איר קאָפּ. אַנו, זאָל זי זיך פּרובירן מיט מיר!

— עס איז אַ גרויסער נסיון! — האָט שמעון אים געוואָרנט.

— כ׳ווייס, כ׳ווייס, שמעון. אָבער מיר זענען אַראָפּ פון וועג — האָט נחמנקע זיך אָנגערופן — דו האָסט מיר עפּעס געדאַרפט זאָגן, אָבער דו האָסט זיך צוריקגעהאַלטן. נו, זאָג עס מיר. מיר קאָנסטו אַלץ זאָגן. צי מיר נישט די עצמות. זאָג מיר.

— יאָ, כ׳שעם מיך, אָבער כ׳וועל עס דיר זאָגן. זי איז געשלאָפן מיט אים.

— מיט וועמען?

— מיט... אים...

— מיט דיין טאַטן?

— יאָ, אַ גאַנצע נאַכט.

— ווען איז דאָס געווען?

— אין דער נאַכט פון דאָנערשטיק אויף פרייטיק.

— פאַרוואָס האָסטו מיר נעכטן דאָס נישט געזאָגט?

— כ׳בין ערשט שפּעטער דאָס געוואָר געוואָרן.

— און דיין מאַמע?

— זי איז געשלאָפן אויסגעבעט אויף שטולן אין קיך און אָפּגעגעבן איר בעט צו איר.

— פאַרוואָס?

— די „חיה רעה" האָט איר איינגערעדט, אַז אַזוי מוז עס זיין. אַז אַזוי שטייט געשריבן אין „זוהר" און אַז אויב זי וועט דאָס נישט טאָן, וועט זי שטערן דער גאולה.

— און דיין מאַמע האָט איר געגלויבט?

— יאָ, דו קענסט דאָך מיין מאַמען. זי גלויבט אַלץ, וואָס מען זאָגט איר.

— און וואָס האָט דער אַלטער אלישע דערויף געזאָגט?

— וואָס האָט ער געזאָגט? ער מאַכט דאָך די מויד פאַר אַ נביאהטע — האָט שמעון אויסגעשריען — ער זאָגט דאָך, אַז זי האָט רוח הקודש.

— אַט אַזוי ווייט האַלט עס שוין! — האָט נחמנקע געזאָגט מיט אַ קרעכץ.

— יאָ, נחמנקע — האָט שמעון אויך געקרעכצט — אַ פייער האָט אַרומגעכאַפּט אונדזער הויז פון אַלע פיר זייטן און איך ווייס נישט ווער מען פריער צו ראַטעווען, דעם טאַטן אָדער די מאַמע, צי גיטעלען אָדער גאָר דבורהלען. אַלע זענען אין אַ גרויסער סכנה, אַלע זענען אין געפאַר. נחמנקע, דו ביסט דאָך אַ זעער, וואָס זעסטו וועגן זיי? זאָג מיר!

— באַרואיק דיך, שמעון — האָט נחמנקע אים אַרומגענומען — עס איז איצט אַן עת צרה ליעקב, אָבער די שווערע וואָלקנס וועלן אַריבער־גיין און דעם יידישן פאָלק וועט עס נישט פיל שאַטן. עס וועלן טאַקע אָפּפאַלן דאָ און דאָרטן עטלעכע פאַרפוילטע בלעטער; אָבער דער שטאַם גופא, דער בוים וועט בלייבן. אויך דיין משפחה וועט דאָס פייער נישט פאַרלענדן. דאָס ערגסטע איז מיט דיין טאַטן, בער. ער איז איצט אַ גע־פאַנגענער פון זיי. אָבער איך זאָג דיר צו, שמעון, אַז אויך ער וועט ווערן אַ בעל־תשובה. ער וועט עס נישט זיין גאָר אינגיכן, נאָר ערשט אין זיינע עלטערע יאָרן. איך זאָג דיר צו, אַז ער וועט זיך נישט שמדן און אַז ער וועט קומען צו קבר ישראל. אויך דיין מאַמע איז נישט אַזאַ בהמה ווי דו מיינסט. זי וועט אויך גאָר אינגיכן זיך שטעלן אַנטקעגן זיי... דו וועסט זען, אַז איך בין גערעכט! און וואָס שייך גיטעלען — זי איז אַ גרויסע נשמה, און וועט נישט פאַרלוירן גיין, אָבער זי וועט דורכמאַכן זייער פיל גלגולים אין פאַרלויף פון איר לאַנג לעבן.

— אַזוי, נחמנקע, זעסטו דאָס אַלץ? — האָט שמעון אים שטרענג אָנגעקוקט, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אַרויסלייענען פון זיינע אויגן.

— פרעג מ׳יך נישט מער — האָט נחמנקע צו אים שטרענג געזאָגט. — אָבער לאָמיר צוריקגיין צו ריידן וועגן דער אסיפה, וואָס עס איז גע־ווען ביי אייך אין הויז. ווער איז אַלץ דאָרטן געווען?

— כ׳וועל אָנהייבן פון פרייטיק ביינאַג — האָט שמעון, אַביסל אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, גענומען ריידן פּאַמעלעך — פרייטיק איז ביי אונדז אין הויז געווען שטיל. די מויד איז געשלאָפן ביז נאָך האַלבן טאָג,

ווייל זי איז אויף געווען בייַנאַכט. אויך דער טאַטע איז געשלאָפן שפּעט און איז אַפילו נישט געגאַנגען עפּענען דאָס געשעפט. די מאַמע האָט גע־מאַכט שבת מיט דער הילף פון אונדזער דינסט, אסתר. אויך גיטעלע האָט אַרויסגעהאָלפן מיטן אויפרוימען די צימערן. דערביי האָט זי זיך אַלע מאָל פאַרטראַכט און מיך געפרעגט פאַרשיידענע פראַגן.

— דהיינו, וואָס פאַר פראַגן האָט זי דיך געפרעגט? — איז נחמנקע געוואָרן בייגעריק.

— צום ערשטן האָט זי מיך געפרעגט, צי עס איז אמת דאָס, וואָס אלישע און חיה זאָגן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועט אונדזער גאַנצע תורה בטל ווערן.

— און וואָס האָסטו איר דערויף געענטפערט?

— אַז עס הייבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס. אונדזער תורה איז געגעבן געוואָרן מן השמים, פון כביכול אַליין און קיינער קאָן זי נישט מבטל מאַכן.

— גוט געזאָגט. און וואָס נאָך האָט זי דיך געפרעגט?

— דערנאָך האָט זי מיך געפרעגט, צי עס איז דאָ עפּעס אַ וואָרט אמת אין די רייד פון אלישע און חיה און וואָס עס איז דיין מיינונג, נחמנקע, וועגן זיי. איך האָב איר געענטפערט, אַז עס איז נישטאָ קיין שום אמת אין זייערע רייד און אַז דו, נחמנקע, זאָגסט פונקט דאָס זעלבע.

— האָט זי דיך נאָך עפּעס געפרעגט? — האָט נחמנקע אים אָנ־געקוקט.

— יאָ, זי האָט מיך געפרעגט נאָך אַ פראַגע.

— וואָס?

— אָט די פראַגע האָט זי אייגנטלעך דיך געדאַרפט צו פרעגן — האָט שמעון געזאָגט רויטלענדיק זיך.

— וואָס איז די פראַגע? — האָט נחמנקע אים אָנגעקוקט.

— די פראַגע איז צי זי מעג דיך ליב האָבן און בענקען נאָך דיר, נאָכדעם ווי דו ביסט שוין אַ חתונה־געהאַטער?

— און וואָס האָסטו איר געענטפערט?

— וואָס האָב איך איר געקאָנט ענטפערן?

— דו האָסט דאָך מיך נישט געפרעגט וואָס דו זאָלסט איר דערויף ענטפערן. דו האָסט געענטפערט, נישט פרעגנדיק מיך. טאָ וואָס האָסטו איר געענטפערט?

— מיין ענטפער איז געווען, אַז מען קאָן נישט באַפעלן דעם האַרץ ווי אַזוי צו פילן.

— דאָס איז אַ גוטער ענטפער — האָט נחמנקע געזאָגט צו אים, — וועגן לאו פון „לא תחמוד״, דו זאָלסט נישט גלוסטן, זאָגט די גמרא, אַז דאָס איז נאָר דעמאָלט, ווען מען טוט עפּעס דערביי אַ מעשה; אָבער גלוסטן בלויז אין האַרצן איז גאָרנישט. דער ריכטיקער ענטפער אָבער איז לויטן זוהר, אַז אַ זיווג איז אייגנטלעך איין נשמה, וואָס באַשטייט פון אַ זכר מיט אַ נקבה — בבחינת „זכר ונקבה בראם״. ערשט שפּעטער ווערן זיי צעטיילט אויף באַזונדערע. דעריבער שטרעבט און בענקט יעדע נשמה פון אַ זיווג צו דער אַנדערער העלפט, פון וואַנען זי איז אָפּגעטיילט געוואָרן. עס מאַכט נישט אויס דאָס, וואָס איין נשמה איז ווייט פון דער אַנדערער טויזנטער מיילן און אַפילו נישט דאָס, וואָס איין נשמה האָט גאָר חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערער. יעדע נשמה בענקט נאָך איר שורש, נאָך דער אַנדערער העלפט, מיט וועלכער זי איז געשאַפן געוואָרן און זי קאָן פריער נישט רוען, ביז זי וועט זיך מיר איר צוריק נישט פאַראייניקן... אויב נישט אויף דער וועלט, איז עס אויף יענער וועלט, וווהין אַלע נשמות קומען צוריק...

און נחמנקע איז געבליבן זיצן שטיל פאַרטראַכט און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין זיינע אויגן.

אָבער עס האָט נישט לאַנג געדויערט און נחמנקע האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ דרימל און זיך געווענדט צו שמעונען:

— דערצייל, דערצייל אַלץ!

— אין אָנהייב איז געווען ווי אַלע פרייטיקס. ווען די זון האָט זיך געזעצט, האָט די מאַמע געבענטשט ליכט און געזאָגט צו אונדז „גוט שבת״. באַלד דערנאָך זענען אַריינגעקומען עטלעכע בעלי הבתים מיט זייערע ווייבער, וואָס דער טאַטע האָט איינגעלאַדן צו אונדז צו עסן מיט אונדז די שבתדיקע סעודה. די מאַמע האָט זיך געריכט אויף זיי. עס זענען נישט

געווען קיין סך, נאָר בלויז פיר פּאָרלעך, מיטליערייקע מענטשן, איין בחור און אויך איינע אַן אלמנה, דעם טאַטנס אַ שטיקל קרובה, וועלכע קומט שטענדיק צו אונדז פרייטיק־צו־נאַכט און נאַטירלעך מיר, קינדער, איך און גיטעלע, און אויך דבורהלע, וועלכע איז שוין ווי אַן אייגענע ביי אונדז אין הויז.

באַלד האָט מען זיך געשטעלט מקבל שבת זיין. אלישע שאָר האָט ביי „לכה דודי" געמאַכט פאַרשיידענע העויות און די מויד האָט געזונגען „כגוונא" און דערביי געשפּרונגען און געוואָרפן זיך אויף אַלע זייטן. נאָכן דאַוונען האָט דער טאַטע געמאַכט קידוש און נאָך אים אויך אלישע שאָר און אויך די מויד. מען האָט זיך געוואַשן, געמאַכט המוציא איבער די חלות און געזעצט זיך צום טיש. די מאַמע האָט אַריינגעבראַכט טעלער־לעך מיט פיש פאַר יעדן איינעם און דערנאָך האָט מען געזונגען זמירות, אַזוי ווי אַלע מאָל.

— טאָ וואָס איז אַזוינס אויסטערלישעס דאָרטן געווען? — האָט נחמנקע געפרעגט מיט אומגעדולד.

— וואַרט אַביסל, נחמנקע — האָט שמעון אים רואיק געענטפערט — איך גיי כסדר. די אמתע חתונה האָט זיך אָנגעהויבן ערשט שפּע־טער נאָכן עסן. צום ערשטן האָט אלישע געהאַלטן אַ דרשה, אין וועלכער ער האָט באַוויזן מיט שטעלן פון „זוהר" און פון יעקב פראַנקס עפּעס אַ מאַכערייקע, אַז איצט אין „עיקבתא דמשיחא", די צייט פון קומען פון משיח. ער האָט דערמאָנט די גזירות ת"ח און געזאָגט, אַז זיי זענען געווען, כדי למרק את העוונות, אָפּצורייניקן די זינד, איידער עס קומט דער מלך המשיח. ער האָט אויך געזאָגט, אַז שבתי צבי איז נישט געווען קיין פאַל־שער משיח, און אַז אים איז נישט געלונגען אויסצולייזן די יידן נישט דערפאַר, וואָס ער איז נישט געווען דער אמתער משיח, נאָר ווייל די יידן זענען דעמאָלט נישט געווען ראוי דערצו... ער האָט ווייטער געזאָגט, אַז עס זענען קיינמאָל נישט געווען קיין פאַלשע משיחים ביי יידן. אַלע משי־חים זענען אמתע, נאָר די, וואָס קומען ווען דער דור איז נישט ראוי, ווערן פאַררעכנט פאַר פאַלשע... דער משיח בן דוד, וואָס וועט אויסלייזן די יידן, וועט נישט זיין בעסער ווי אַלע אַנדערע, וואָס זענען געקומען פאַר

אים, און וועגן וועלכע מען זאָגט, אַז זיי זענען פאַלשע... דער אונטער־שייד וועט זיין בלויז דאָס, וואָס ער וועט קומען צו אַ דור, וואָס איז ראוי.

— דאָס איז אַלץ קיין נייעס נישט — האָט נחמנקע זיך אָנגערופן — דאָס איז די מיינונג פון „זוהר" און עס ווערט אויך געבראַכט אין אַנדערע ספרים. נו, גוט, האָט אלישע זיך צעדרשנט; אָבער וואָס איז ווייטער געווען?

— אלישע האָט באַלד געגומען ריידן וועגן יעקב פראַנקן און אָנגעהויבן אויפצוווייזן, אַז ער איז דער אמתער משיח. ער האָט געזאָגט, אַז איצט דאַרף יעדער ייד גלויבן נאָר אין דריי עיקרים. דער ערשטער עיקר איז דער — עתיקא קדישא, דאָס הייסט אין גאָט, אַז דער רבונו של עולם, דער כל יכול, האָט געשאַפן די וועלט. דער צווייטער עיקר איז „מלכא קדישא", אַז גאָט האָט אונדז געשיקט זיין משיח. ער האָט געהאַלטן זיין וואָרט צו זיין פאָלק ישראל און האָט זיי געשיקט זייער אויסלייזער און דאָס איז נישט קיין אַנדערער, ווי יעקב פראַנק בכבודו ובעצמו. מיר מוזן גלויבן אין אים, ווייל ערשט דעמאָלט וועט ער קאָנען באַווייזן וואונדער, אַזעלכע ניסים, וואָס מען האָט נאָך אַזעלכעס נישט געזען. דער דריטער עיקר, האָט ער געזאָגט, איז די „מטרוניתא קדישא", די שכינה, וואָס באַגלייט דעם כביכול אויף שריט און טריט, ווייל זי איז אַ טייל פון אים און אַז דאָס האָט זיך מתגלה געווען אין חוהן, יעקב פראַנקס טאָכטער, ווייל די שכינה אַנטפּלעקט זיך צו אונדז נאָר דורך אַן אשה און אַז דאָס טוט זי אויך דורך זיין טאָכטער חיה. זי איז אויך איינע פון די געשטאַלטן, דורך וועלכע די מטרוניתא קדישא באַווייזט זיך צו אונדז.

— הייסט עס, אַז דער גאַנצער אָוונט איז אַריבער בלויז מיט אלישעס דרשה. — האָט נחמנקע אים ווי געפרעגט.

— ניין, — האָט אים שמעון געענטפערט ווייטער רואיק — די דרשה איז געווען בלויז אַן אַנהייב. זי האָט פאַרנומען אַ שטיק צייט, אָבער זי איז געווען נאָר אַן אַריינפיר צו זאָגן דעם עולם, אַז מען מעג שוין זיבדיקן און דערפאַר זאָל מען צושטיין צו זיי. אלישע האָט געדרשנט, אַז דאָס וואָס שטייט אין פסוק „וכריתי אתכם ברית חדשה ועל לבכם אכתבנה" (איך וועל מיט אייך מאַכן אַ נייעם אָפּמאַך און אויף אייערע הערצער

ווע̇ל איך דאָס אָנשרייבן), האָט מען געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז ווען משיח וועט קומען, וועלן אַלע דינים בטל וועךן, ווייל זיי אַלע געהערן צום אַלטן ברית. משיח וועט אונדז געבן אַ נייע תורה און די נייע תורה וועט זיין גילטיק אויפן אָרט פון דער אַלטער. דעריבער, אַזוי ווי מיר גלויבן, אַז משיח איז איצט געקומען, דאַרף מען זיך נישט האַלטן מער ביי די געזעצן פון דער תורה, ווייל אויב מיר טוען דאָס, איז עס אַ סימן, אַז מיר גלויבן נישט אין משיחן. דערפאַר פאַרקערט, ווען מיר זענען עובר אויף די געזעצן פון דער תורה, ווייזן מיר דערמיט, אַז זיי האָבן שוין איצט מער נישט קיין קראַפט, נאָכדעם ווי משיח איז געקומען. דערמיט ווייזן מיר אויך, אַז מיר גלויבן אין יעקב פראַנק, אַז ער איז דער משיח, דער גואל צדק.

— מען דאַרף זיך ממש קריעה רייסן, צו הערן אַזעלכע רייד — האָט נחמנקע אויסגעשריען — אָבער וואָס איז ווייטער געווען?

— איצט — האָט שמעון ווייטער דערציילט — האָט די מויד געננ־מען ריידן. זי האָט געשאָטן מיט שטעלן פון „זוהר" און מיט באַווייזן פון אַנדערע ספרים, אַז דאָס פאַמיליען־לעבן איז איצט בטל געוואָרן און אַז בכלל שטייט עס אויף אַ נידעריקערער מדרגה לגבי צוזאַמענקומען פון צוויי מענטשן, זכר און נקבה, אָן חופה וקדושין, און זי האָט געבראַכט אַ שטעלע פון „תקוני זוהר", וואָס זאָגט, אַז תאווה און עלית נשמה זענען איינס און דאָס זעלביקע און אַז השם ברוך הוא קאָן מען נאָר משיג זיין, ווען מען גיט זיך נאָך אַלע תאוות, ווען מען גיט זיך נאָך דעם יצר הרע, ווייל איצט איז ער שוין דער יצר טוב. און זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט ביז זי האָט אויסגעפלאַפלט, אַז זי איז געשלאָפן מיט משיחן אַליין, מיט יעקב פראַנקן און אַז ער האָט אויף איר משפיע געווען און אין איר אַריינ־געגעבן פון די אורות הקדושה און זי קאָן דעריבער משפיע זיין אויך אויף אַנדערע. אָבער די השפעה מוז זיין אַ דירעקטע, פון לייב צו לייב, ווייל קליידער זענען דברים חיצוניים, וואָס זענען נאָר מחיצה צווישן דער השפעה פון די אורות. דעריבער דאַרף מען אַראָפוואַרפן פון זיך אַלע קליידער און אַזוי אַרום מיט הוילע לייבער מקבל זיין די השפעה פון אירע אורות. און אַזוי זאָגנדיק האָט זי אַראָפגעוואָרפן פון זיך אַלע אירע

קליידער און איז געבליבן שטיין מוטער־נאַקעט און גערופן אַלעמען, אַז זיי זאָלן אויך אויסטאָן זייערע קליידער און באַרירן איר לייב און דורך דעם וועלן זיי דערהויבן ווערן צו זיין שטענדיק געזונט און נישט וויסן מער פון קיין קראַנקייט...

— שומו שמים! — האָט נחמנקע אויסגעשריען — שומו שמים! עס איז נאָך אַזעלכעס נישט געהערט געוואָרן.

— וואַרט, ביסט נאָך נישט פאַרטיק — האָט שמעון ווייטער גע־רעדט — די חיה רעה איז איצט פּשוט געגאַנגען פון איינעם צום אַנדערן און מאַן און פרוי געהייסן זיך אויסטאָן נאַקעט און אַזוי איז זי צוגעקו־מען אויך צו דבורהלען און צו גיטעלען.

— צו גיטעלען אויך?

— יאָ.

— און וואָס האָבן זיי געטאָן?

— דבורהלע האָט זיך אָנגעהויבן אויסטאָן. האָב איך גענומען שרייען אויף איר. האָט זי זיך דערשראָקן און זיך צוריק אָנגעטאָן. ווען די מויד איז צוגעקומען צו גיטעלען, האָט זי, גיטעלע, איר אָנגעקוקט מיט בייזע בליקן און צו איר געזאָגט:

— איך דאַרף נישט דיינע אורות. איך האָב אַליין אורות גענוג. און אויב איך וועל דאַרפן נייע אורות, וועל איך עס קריגן פון מיין נחמנ־קע, וועלכער קריגט די אורות פון זיין גרויסן זיידן, דעם בעש״ט. דו ביסט אַ ווילדע מויד, אַ בעל־תאווהניצע, גיי אַוועק פון מיר!...

— אַזוי האָט זי איר געענטפערט? — האָט נחמנקע אויסגעשריען מיט פרייד — גוט, זייער גוט, מיין גיטעלע איז אַ הויכע נשמה, איך האָב אָבער געוווסט, אַז זי וועט זיך פון איר נישט לאָזן פאַרפירן.

— באַלד דערנאָך — האָט שמעון איצט ווייטער גערעדט — איז די חיה רעה צוגעקומען צו מיר און צו מיר געזאָגט, אַז איך זאָל זיך אויס־טאָן. האָב איך איר געענטפערט, אַז אויב עס איז אמת דאָס וואָס זי זאָגט, און אויב זי איז אַ נביאה, זאָל זי ווייזן מיר אַ צייכן פון הימל, וואָס זאָל דאָס באַשטעטיקן. ווייל אַזוי פסקנט דער רמב״ם, אַז מען דאַרף פאָדערן פון יעדן נביא, וואָס קומט צו אונדז, אַז ער זאָל ווייזן אַ צייכן פון הימל. ווען איך האָב איר דאָס געזאָגט, האָט זי זיך צעשריען:

— יעקב פראַנק, דער מלך המשיח, איז גרעסער ווי דער רמב״ם.

— ער איז נישט בלויז נישט גרעסער, נאָר ער פאַרשטייט אַפילו נישט קיין איין וואָרט, וואָס דער רמב״ם האָט געזאָגט — האָב איך איר צוריקגעענטפערט.

— דו ביסט אַ גראָבער יונג! — האָט זי אַ געשריי געטאָן צו מיר.

— און דו ביסט אַ פאַרשייטע מויד, אַ חצופה, אַן אויסגעלאַסענע מויד, וואָס איז געקומען אַהער צו פאַרפירן אָרנטלעכע יידישע קינדער.

— אַרויס פון דאַנען! כ׳וויל אים דאָ נישט האָבן! ר׳ בער, טרייב אים אַרויס פון דאַנען! — האָט זי זיך צעשריען.

— אַרויס, דו חוצפּהניק איינער, ווי אַזוי וואַגסטו דאָס צו איר אַזוי צו ריידן! — האָט מ׳יין טאַטע זיך איבער מיר צעשריען.

— איך וועל נאָך מער וואָגן! עס הייבט זיך ערשט אָן; אויב דו, טאַטע, ביסט אַראָפּ פון יידישן וועג, איז נישטאָ מער פאַר דיר קיין כבוד אב. איך גיי אַליין פון דאַנען, מען דאַרף מיך נישט טרייבן!

און איך האָב געעפנט די טיר מיט כעס און זי צוגעקלאַפּט הינטער מיר. ווען כ׳בין אַרויס אין דרויסן, האָב איך פלוצים דערזען ווי אַ גרוי־סער עולם מענטשן קלייבן זיך אַרום אונדזער הויז. עס איז אָנגעלאָפן אַ האַלבע שטאָט, מענער, פרויען און קינדער און אַלע האָבן געשריען און געגוואַלדעוועט: „ימח־שמוניקעס!״, „עוכרי ישראל!״, „מען דאַרף זיי צערייסן ווי אַ הערינג!״, „מען דאַרף אויפרייסן די טיר און לערנען מיט זיי דרך ארץ!״... באַלד האָט דער גאַנצער עולם, וואָס האָט מיך דערזען אַרויסגיין, געגעבן זיך אַ לאָז צו מיר און איך האָב שוין געהערט די געשרייען: „אָט איז ר׳ בערס זון, שמעון, לאָמיר אים נעמען אויפן צימבל, לאָמיר אים פרעגן וואָס דאָרטן קומט פאָר!״ אָבער אַזוי ווי עס איז געווען שטאָק־פינצטער, האָב איך זיך אַוועקגעדרייט אין אַ זייטיק געסל און בין געלאָפן אַהער צו דיר.

— הימלשרייענדיק! צו וואָס מיר האָבן דערלעבט, שמעון! — האָט נחמנקע געזיפצט — אָבער, שמעון, לאָמיר נישט זאָרגן. עס איז היינט שבת, נאָר נישט קיין עצבות. אָבער איין זאַך ווייס איך נישט, וואָס

ווּעסטו איצט טאָן? דו קאָנסט דאָך נישט גיין מער אַהיים, טאָ ווו ווּעסטו שלאָפן?

— איך וועל גיין צו מיין פעטער, צו דבורהלעס טאַטע. ער האָט זיי אַזוי פיינט ווי איך און אַזוי ווי דו. דאָרטן וועל איך איבערנעכטיקן און לאָמיר זיך טרעפן מאָרגן אין דער פרי, אַרום 7 אַזייגער, אין וואַלד. ווילסט אַזוי? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט.

— זאָל זיין אַזוי, מיט השם יתברכס הילף, זיבן אין דער פרי. נו, אַ גוטן שבת, שמעון, אַ גוטן שבת.

— אַ גוטן שבת, — האָט שמעון אַ זאָג געטאָן און איז אַוועק דורך הינטער־געסלעך צו זיין פעטערס הויז.

## 10

נחמנקע איז געווען באמת זייער שלעפעריק און האָט שוין געהאַט אויסגעקוקט, אַז שמעון זאָל אַוועקגיין. ער האָט איצט באַלד געלייענט קריאת שמע, זיך אויסגעטאָן און זיך געלייגט שלאָפן אויף דער סאָפּאַ, ווו זיין מאַמע האָט אים אויסגעבעט אַ געלעגער, אַזוי ווי אין דער פאַרי־קער נאַכט. ער איז אויך גלייך איינגעשלאָפן.

באַלד האָט ער זיך דערזען אין אַ גרויסן פּרעכטיקן זאַל, ווו די ווענט זענען באַדעקט מיט טייערע בילדער איינגעראַמט אין גאָלד. דער זאַל איז געווען אַזוי גרויס, אַז דער סופית האָט גערוט אויף זעקס מאַרמאָרנע קאָ־לאָנעס, דריי פון איין זייט און דריי אויף דער צווייטער זייט. קאַנדע־לאַברעס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון דעם זילבערנעם סופית. צוויי קלע־נערע קאַנדעלאַברעס אויף רעכטס און צוויי קלענערע אויף לינקס און אין מיטן איין גרויסע מיט זייער פיל קרישטאָלענע טראָלצן, און אין אַלע קאַנדעלאַברעס האָבן געברענט ליכט און עס איז דעריבער געווען אַזוי ליכטיק, ווי אַ שטייגער עטלעכע זונען וואָלטן דאָ אַריינגעשיינט. דער־נאָך האָט ער געזען ווי די פּאָדלאָגע איז אויסגעפלאַסטערט מיט אַזעלכע פּירקאַנטיקע קלעצלעך פון גאָלד און זילבער. איין קלעצל גאָלד און איין זילבער, און אַלץ שימערט אַזוי, אַז מען ווייס נישט ווו פריער צו קוקן.

און געבעטע שטולן פון טייערן סאַמעט און פּלוש פון אַלערליי קאָ־

לירן זענען אויסגעשטעלט ביי די ווענט. נאָר דער זאַל איז ליידיק, אין גאַנצן ליידיק, בלויז אויף איינעם פון די שטולן זיצט ער אין אַ ווינקל.

און באַלד הערט זיך אַ בלאָזן פון אַ האָרן און אַ געקלאַנג פון גלעקלעך און אַ זיסע פרויען־שטים זאָגט אָן:

— איר מאַיעסטעט, די קעניגין קומט!

באַלד קומט אַריין אַ הויכע, שלאַנקע, בלאָנדע דאַמע אין די מיטעלע צוואַנציקער, מיט אַ גאָלדענעם קאָפּ האָר און ראָזעווע באַקן. די אויגן זענען ביי איר אַזוי טיף־בלוי, ווי דער הימל אַמאָל, אַזוי אַז מען קאָן זיך אין דער בלויקייט שפּיגלען, און זי לאַכט אַזוי האַרציק און איז אַזוי פריילעך און לוסטיק. און געקליידט איז זי אין אַ גאָלדן קלייד באַדעקט מיט בלישטשענדיקע דימענטן, און זיי שימערן, די דימענטן, ווי שטערן ביינאַכט אין אַ קלאָרן הימל.

און באַלד נאָך איר — אַ סוויטע פון יונגפרויען, העלע און ברונעטע, ליכטיקע און טונקעלע, און אַלע זענען געקליידט אין קליידער פון סאַמעט, זייד און פּלוש אין די פאַרשיידנסטע קאָלירן, רויט, בלוי, גרין, געל, ווייס, שוואַרץ און אין נאָך פיל אַנדערע פאַרבן, און אַלץ שימערט, אַלץ גלאַנצט און אַלע פּנימער זענען פריילעך.

און באַלד זעט ער ווי עס קומט צו די קעניגין צו זיין שטול און זאָגט צו אים:

— איך בין לילית, די קעניגין פון שוואַרץ־מלכות. איך בין געקומען צו דיר, נחמנקע, ווייל דו האָסט מיך גערופן.

— איך האָב דיך נישט גערופן, לילית — האָט נחמנקע איר בייז געענטפערט.

— דו האָסט געזאָגט צו דיין חבר שמעון, אַז דו האָסט נישט קיין מורא פאַר מיר.

— יאָ, דאָס האָב איך אַזוי געזאָגט, און דאָס זאָג איך איצט ווייטער — האָט נחמנקע איר געטראָצט אין פּנים אַריין.

— דו האָסט געזאָגט, אַז איך וועל דיך נישט קאָנען פאַרפירן?

— ריכטיק! — איך האָב דאָס געזאָגט — האָט נחמנקע רואיק געענטפערט.

— און דו האָסט זיך באַרימט, נחמנקע, אַז איך קאָן פּרובירן, דו האָסט נישט קיין מורא פאַר מיר.

— יאָ, איך האָב דאָס אויך געזאָגט, לילית, איך האָב דאָס אַלץ געזאָגט און זאָג עס איצט אויך. אָבער איך האָב דיר נישט געהייסן קומען צו מיר.

— דאָס איז שוין מיין זאַך — האָט לילית אים געענטפערט מיט אַ שמייכל — איך האָב געהערט דיינע באַרימערייען, מיין יונג צדיקל, און איך האָב געוואָלט וויסן פאַרוואָס דו ביסט דאָס אַזוי שטאַרק ביי זיך.

— ווייל איך האָב גובר געווען ביי מיר דעם יצר הרע.

— מיינסטו עס אַזוי?! — האָט לילית זיך צעלאַכט — נאָך אַזוי יונג און שוין גובר געווען דעם יצר הרע? אַזוי? נו, מיר וועלן באַלד זען.

און לילית האָט זיך געלאָזט אין אַ ווילדן טאַנץ און אַלע יונגפרויען נאָך איר: אַ טאַנץ פון תאווה, פון שטורעם און גלוסטונג. אָבער נחמנקע האָט אַפילו נישט געקוקט צו איר זייט און נישט צו אירע מוידן. ער האָט אַפילו ווייטער געטראַכט זיינע טראַכטונגען וועגן די וועגן פון דער געטלעכקייט און ווי אַזוי די שכינה באַווייזט זיך צו די מענטשן.

לילית האָט אויפגעשווידערט פון כעס און געזאָגט צו אירע מוידן:

— אָט דאָס יונג צדיקל מיינט עס טאַקע אויף אַן אמת! פול איז ער מיט גלוסט־פייער און מיט חשק־פלאַם; אין זיין האַרצן ברענען די פלאַמען פון תאווה און פון זינד. אָבער ער וויל נישט נאָכגעבן; ער וויל ווייזן זיינע פריינט, אַז ער האָט אין זיך דאָס אַלץ גובר געווען, אָבער מיר וועלן ברעכן זיין עקשנות.

און לילית איז אַוועק צו נחמנקען און צו אים געזאָגט:

— טויזנט וועגן האָט לילית צו פאַרפירן אַ מענטש, און פאַר צדיקים — צען טויזנט. איך האָב געשווירן, אַז נאָך היינט ביינאַכט וועסטו זיין מיינער און איך וועל פריער נישט רוען, ביז דו וועסט נאָך היינט ביינאַכט צו מיר דיינע הענט אויסשטרעקן און דעמאָלט וועסטו זיין אויף אייביק מיין שקלאַף. יאָ, איך וועל דיך נאָך די נאַכט מיט מוזיק אין מיין טומאה־קעניגרייך אין קייטן פירן. יונג צדיקל, דו מיינסט טאַקע, אַז דו

וועסט גובר זיין לילית! קיינמאָל נישט! דו ביסט נאָך צו יונג דערצו! עס וועט דיר נישט געלינגען.

— אַ פּייל דיר אין אויג, לילית — האָט נחמנקע איר געלאַכט אין פּנים אַריין — דו ביסט געקומען אומזיסט און וועסט אַוועקגיין מיט גאָרנישט. דו וועסט מיך מיט דיין גלאַנץ און פּראַכט נישט רייצן, און קיין שום געפיל פון זינד אין מיר נישט דערוועקן. גיי בעסער שוין צוריק צוזאַמען מיט דיינע מוידן אין דיין טומאה־מלכות און פאַרגעס אָן מיר.

לילית האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט, דערנאָך איז זי אַוועק צו די יונגפרויען, וועלכע האָבן געטאַנצט אין אַ ראָד, און גערעדט צו זיי:

— איר זעט דאָס רבילע, אָט דאָס צדיקל! ער איז פול מיט יצר הרע, אָבער ער האָט זיך איינגעקשנט מיר נישט נאָכצוגעבן... ער וויל ווייזן דער וועלט, אַז ער איז אַ הייליקער... אַ הייליקער... ער האָט אַ ווייב און ער גלוסט צו אַ שיין מיידל, וואָס איז געווען פריער זיין כלה... אָט דאָס מעג ער!... עס וועט זיין אַ שווערע מלחמה!... מיר מוזן דעריבער טראַכטן וועגן פאַרשיידענע מיטלען. דאָס ערשטע קומט — קליידער, פאַרשיידענע קליידער, גאָלדענע, זילבערנע, זיידענע, פּלושענע מיט כלערליי בריליאַנטן, מיט טאָפּאַזן, שמאַראַגדן, רובינען, סאַפּירן, אַמעטיסטן, אָפּאַל, אַגאַט, אַל־מאַז, אָניקס, בערנשטיין, טורקיז, יאַספּיס, רובעליט, און נאָך און נאָך און נאָך. נעמט אַלע אַרויס פון די געהיימע געמעכער. יאָ, קליידער זענען אַ שטאַרקערער געווער ווי נאַקעטקייט. קליידער באַהאַלטן אַ סוד, קליידער רייצן. קליידער וויל איך! אַלע קליידער! אַלץ וואָס איר האָט און וואָס עס איז נאָר דאָ! ברענגט אַלץ אַהער! מיר מוזן ברעכן זיין ווילן!

באַלד זענען די יונגפרויען אַוועק און געבראַכט גאַנצע פּעק קליידער און אַוועקגעלייגט אין אַ ווינקל פון זאַל, און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שפּיל פון פאַרבן, וואָס אַזעלכעס האָט דאָס מענטשלעכע אויג נאָך נישט געזען. לילית און אירע יונגפרויען האָבן איצט געביטן קליידער אויף קליי־דער און עס האָבן געשימערט איבערן זאַל הונדערטער קאָלירן, טויזנטער פאַרבן...

און נחמנקע קוקט מיט שטאַרע אויגן, און עס רירט אים אַפילו נישט צו וועלן זען דעם שפּיל מער, אָדער צו וועלן אַז דאָס זאָל דויערן לענגער;

פאַרקערט, עס לאַנגווייליקט אים און ער וואָלט שוין געוואָלט, אַז דאָס זאָל אויפהערן... זיינע אויגן שליסן זיך צו ביי אים און ער וויל אַזוי שטאַרק שלאָפן...

— די קליידער העלפן נישט! — האָט אויסגערופן לילית מיט צאָרן אין איר שטימע — ניין, נישט דורך קליידער וועלן מיר אים קריגן, נאָר דורך נאַקעטקייט. אָבער נישט מיט אַמאָל, האַלבע נאַקעטקייט איז שטאַר־קער ווי גאַנצע. הייבט אָן ביסלעכווייז, מיט אויפדעקן די פיס, ביז צו די קני. דערנאָך ביזן דיך און דערנאָך אַלץ, אַלץ און לאָזט זיך אין אַ ווילדן טאַנץ. טוט ווי איך הייס אייך! איך מוז ברעכן זיין עקשנות...

און אַ נייער שפּיל הייבט זיך אָן פון יונגפרויען, וואָס דעקן אויף זייערע קליידער ביז צו די קני און שפּעטער הייבן זיי אויף זייערע קליי־דער ווייטער ביז אַרויף און אַרויף, ביז זיי בלייבן שטיין מוטער־נאַקעט און טאַנצן אין אַ ווילדן טאַנץ, פון שטורמיש בלוט און ליידנשאַפט.

אָבער נחמנקע קוקט צו זיי און גענעצט... און ווען לילית זעט דאָס, ברענט זי פון כעס, וואָרום קיינער נאָך, קיינער, האָט נאָך נישט געגענעצט קעגנאיבער דעם תאווה־שפּיל און דאָ — אַזאַ יונג צדיקל, נאָך בלוט און מילך — האָט די העזה אַזוי צו לאַכן פון איר און פון אירע מוידן.

— פירט אויף ווילדע תאווה ווי אַמאָל ביים געצנדינסט אין בבל און אשור! — שרייט שוין לילית אויס צו אירע מוידן — ווילדע תאווה, דאָס מוז אים נעמען!

און עס הייבן זיך אָן אָרגיעס פון לוסט און געלעכטער, פון ווילדע אויסגעלאַסנקייטן, פון שטורמישע קושן און האַלדזונגען, פון רייסן די לייבער און זויגן די בלוטן... אַ ווילדער געיעג נאָך זינד און לוסט.

— תועבת מצרים! — רופט אויס הויך נחמנקע און פאַרשטעלט זיך די אויגן.

לילית איז מיד געוואָרן און זי איז צוגעגאַנגען צו נחמנקען און צו אים געזאָגט:

— האָסט דערווייל אָפּגעהאַלטן אַ נצחון. איך טרעט אָפּ מיט מיין סוויטע. קאָנסט שוין באַלד זאָגן דיינע אָנהענגער, אַז דו ביסט אַ היילי־

קער, אָבער פאַרגעס נישט, נחמנקע, לילית האָט טויזנט וועגן צו פאַר־פירן אַ מענטשן און פאַר צדיקים — צען טויזנט. אַ גוטע נאַכט, נחמנקע.

— גיין אין דיין רו אַריין! — האָט איר נחמנקע געענטפערט — און וויסן זאָלסטו, אַז דו וועסט מיך קיינמאָל נישט אַריינקריגן אין דיינע הענט. אומזיסט איז דיין מי!

אָבער ווי נאָר זי איז אַרויס, האָט נחמנקע דערזען אין אַ ווינקל פון זאַל גיטעלען און אַ גרויסע פרייד האָט אים אַרומגעכאַפּט.

— גיטעלע, דו?

— איך, נחמנקע.

— קום צו נענטער, גיטעלע.

גיטעלע איז צוגעגאַנגען.

— גיב מיר דיין האַנט, נחמנקע — האָט גיטעלע שטיל צו אים געזאָגט.

— נאַ דיר, גיטעלע! — און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין רעכטע האַנט צו איר.

אָבער אין דער מינוט האָט ער דערפילט, ווי איר האַנט איז אייז־קאַלט און דערהערט האָט ער אַ הויך ווילד פרויען־געלעכטער, און דער־זען, אַז עס איז נישט גיטעלע, נאָר גאָר... לילית.

— לילית? — האָט ער אַ געשריי געטאָן מיט שרעק אין די אויגן.

— יאָ, דאָס בין איך — האָט זי זיך מיט אים גערייצט — כ'האָב דיין האַנט. דו האָסט זי מיר געגעבן... איצט האָב איך דיך! כאַ־כאַ־כאַ! כע־כע־כע! — איך האָב דיך, צדיקל! איצט וועסטו גיין מיט מיר אין מיין קעניגרייך.

— לילית, לאָז אָפּ מיין האַנט!

— דיין האַנט וועל איך מער נישט אָפּלאָזן! דו האָסט זי מיר גע־געבן!...

— איך האָב געגעבן מיין האַנט גיטעלען, נישט דיר!

— דאָס איז איינער פון מיינע וועגן צו פאַנגען די הערצער פון די מענטשן.

— לילית, לאָז אָפּ מיין האַנט! — האָט נחמנקע שוין געשריען מיט כעס.

— און אַז נישט? — האָט לילית זיך גאָר הויך צעלאַכט — דו וועסט איצט גיין מיט מיר און אויב נישט מיט גוטן, איז מיט בייזן. דו וועסט גיין אין קייטן געשפּאַנט. יונגפרויען, ברענגט די קייטן!...

עטלעכע פון די יונגפרויען זענען אַוועק און געקומען צוריק מיט אייזערנע קייטן אין זייערע הענט.

נחמנקען איז איצט געוואָרן ענג. ער האָט געזען, אַז ער איז אַריינגעפאַלן און ער האָט אַ געשריי געטאָן:

— זיידע, גרויסער זיידע! העלף מיר. קום גיך, זיידע!

אין דער מינוט איז דערשינען אין זאַל די הערלעכע געשטאַלט פון ר׳ ישראל בעל שם טוב מיט זיין גרויסער ווייסער באָרד, וואָס האָט דערגרייכט ביי אים ביזן דיך, און מיט גרויע פאות פוןביידע זייטן קאָפּ, אָנגעטאָן אין טלית. ער איז צוגעגאַנגען צו ליליתן און צו איר געזאָגט:

— לילית, איך באַפעל דיר, אַז דו זאָלסט אָפּלאָזן זיין האַנט!

— ער געהערט צו מיר. ער האָט זי מיר געגעבן.

— ער האָט זי נישט דיר געוואָלט געבן, נאָר דער, וועמען ער מיינט, אַז זי איז זיין זיווג. דו האָסט אים אָפּגענאַרט.

— ס׳איז איינס פון מיינע וועגן.

— פאַלשע וועגן! לאָז אים אָפּ, זאָג איך דיר.

— ער מוז גיין מיט מיר אין מיין מלכות! — האָט לילית געקריצט מיט די ציין.

— אין נאָמען פון גאָט, פון אלקי צבאות, באַפעל איך איבער דיר, לילית, אַז דו זאָלסט אָפּלאָזן זיין האַנט.

לילית האָט גלייך אָפּגעלאָזט נחמנקעס האַנט און גיך אַרויס פון זאַל צוזאַמען מיט אירע מוידן.

— פאַרוואָס האָסטו מיך גערופן? — האָט ר׳ ישראל בעל שם טוב גערעדט איצט מיט רוגז צו נחמנקען.

— ווייל כ׳בין געווען אין אַ גרויסער צרה.

— פאַרוואָס האָסטו זיך געררייצט מיט איר? — האָט ר׳ ישראל גע־

שיקט צו אים פייערדיקע בליקן — פאַרוואָס האָסטו געזאָגט: „אַ פייל אין דיין אויג, לילית". וואָס ביסטו דען שוין אַזאַ גרויסער צדיק? האָסטו שוין אין לויטער קדושה איבערגעקאָכט אַלע דיינע אברים און גידים? זעגען דען שוין פון לויטער הייליקייט דיינע בלוטן? דו ביסט דאָך איבּ־גאַנצן נישט מער, ווי אַ שטיקל צדיק! זיי בעסער גובר אין דיר נאָך די אַנדערע דריי נשמות וואָס לעבן אין דיר... דו האָסט נאָך פיל צו אַרבעטן איבער זיך, כדי צו שטייגן אויף דעם לייטער, וואָס דערגרייכט ביזן הימל... שפּיל זיך נישט מער מיט פייער, רייץ זיך נישט מער מיט דער תאווה... געדענק דאָס, ווּעסטו מיך נישט דאַרפן רופן מער!...

ווען נחמנקע האָט געעפנט אין דער פרי די אויגן, נאָך דער שווע־רער נאַכט, איז נישט געווען קיין זאַל, קיין לילית, קיין יונגפרויען, קיין גיטעלע און אויך נישט דער זיידע, ר' ישראל בעל שם טוב. אָבער דער־פאַר האָט ער דערזען, אַז ער האָט געהאַט אַ פאַל פון פּאָלוציע (קרי) און עס איז אים פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן... ער האָט געוווּסט, אַז פון יעדן טראָפּן ווערן געשאַפן שדים ורוחות. אָבער ער האָט זיך באַלד אויפ־געהויבן און איז אַוועק אין דער קאַלטער מקוה, ווייל ס'איז שבת, און זיך טובל געווען זיבן מאָל און דערנאָך געזאָגט צען קאַפּיטלעך תהילים, מיט גרויס כוונה און דערביי שטאַרק געוויינט מיט אַ צעבראָכן האַרץ.

## 11

שמעון האָט געוואַרט אַ לאַנגע צייט ביים אַריינגאַנג אין וואַלד, שבת אין דער פרי, אויף נחמנקען. און ווען ער איז נישט געקומען, האָט ער זיך געטראַכט, אַז ער האָט אַוודאי פאַרשלאָפן און ער האָט זיך געלאָזט גיין אויפן וועג צו דער אַלטער שול. אָבער אויפן וועג האָט ער געהאַט כלערליי באַגעגענישן. איינער האָט אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט וואָס עס איז געווען נעכטן אין אָוונט ביי זיי אין הויז. אַנדערע ווידער האָבן נישט געפרעגט, נאָר געזידלט אים און געזאָגט, אַז ביי זיי איז אַ זינדיק הויז און נאָך אַנדערע האָבן גאָר אים און אויך זיינע עלטערן און זיין גאַנצע משפחה געשאָלטן מיט וויסטע קללות — אַזוי, אַז ער האָט זיך קוים דערשלעפּט ביז צו דער שול. אָבער דאָ האָט ער פון ווייטן דערזען נחמנ־

קען, וואָס איז אָנגעקומען אין דעם קאַלטן פרימאָרגן מיט נאַסע פּאות פון דער מקוה. און שמעון האָט זיך מיט אים דערפרייט. ער האָט איצט גע־קוקט אויף אים ווי אויפן איינציקן מענטש, וואָס וועט זיך אָננעמען פאַר אים. אַ חוץ דעם האָט שמעון אויך געוווסט, אַז אויב ער וועט גיין צוזאַ־מען מיט נחמנקען, וועט מען אים מער נישט באַפאַלן. און שמעון האָט זיך איצט געטוליעט צו נחמנקען און געזאָגט צו אים:

— כ׳האָב געוואַרט אויף דיר ביים איינגאַנג פון וואַלד אַזוי ווי מען האָט אָפּגערעדט, אָבער דו ביסט נישט געקומען; כ׳האָב שוין איבערגע־קלערט.

— כ׳האָב זיך פאַרשפּעטיקט. געהאַט אַ שלעכטן חלום און געדאַרפט גיין אין מקוה אַריין — האָט נחמנקע געזאָגט צו אים אין דער שטיל.

— וואָס זאָל מען איצט טאָן? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט.

— אַריינגיין אין שול און דערציילן אַלץ. מ׳דאַרף אַלץ דערציילן!

— האָט נחמנקע צו אים געזאָגט — איך וועל דיר העלפן.

— מיט וואָס קאָנסטו מיר העלפן? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט.

— כ׳וועל גלייך נאָכן לייענען הייסן דעם שמש אויסרופן, אַז מירביידע ווילן עפּעס זאָגן וועגן דעם ענין פראַנקיסטן. איך וועל צום ערשטן אַרויפגיין אויפן באַלעמער און זאָגן אַ פּאָר ווערטער און דערנאָך וועסטו דערציילן דאָס, וואָס דו ווייסט וועגן אלישע שאָר און זיין טאָכטער חיה.

— אָבער איך וועל דאָך מוזן אַרויסטרעטן קעגן מיין טאַטן און וואָס איז מכות כיבוד אב?

— אין אַזאַ פאַל איז נישטאָ קיין כיבוד אב — האָט נחמנקע צו אים געזאָגט שטרענג — עס האַנדלט זיך וועגן חילול השם, וועגן אָפּ־פירן יידן פון וועג פון יידישקייט, וועגן שמד. נו, דאַרף מען וואָרענען דעם עולם קעגן דעם אַלעם. דאָס איז מער ווי כיבוד אב. אַ חוץ דעם וועסטו דאָך אַזוי אַרום ראַטעווען גיטעלען, דיין מאַמען, דבורהלען און טאַקע זיך אַליין אויך.

— כ׳וויל, נחמנקע, אַז מען זאָל פריער צוגיין צום רב און אים פרעגן וואָס צו טאָן. — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פאַרצווייפלטן טאָן — עס איז נישט קיין קלייניקייט אַרויסצוטרעטן קעגן אַן אייגענעם טאַטן

עפנטלעך און זאָגן, אַז ער איז אַ פּושע ישראל... פאַרשטייט מ'יך, נחמנקע, עס איז נישט אַזוי פּשוט. זעסטו, ווען דער רב וועט מיר זאָגן, אַז איך מוז עס טאָן, איז עפּעס אַנדערש. דעמאָלט וועל איך וויסן, אַז איך טו אַלץ ריכטיק. דעריבער קום מיט מיר צום רב. איך וויל ריידן מיטן רב אַליין, ביחידות. כ'וויל נאָר דו זאָלסט גיין מיט מיר.

— נו, גוט! — האָט נחמנקע געזאָגט — לאָמיר גיין.

ביידע חברים זענען איצט אַוועק צום אַלטן רב פון דער שטאָט, ר' צבי הירש הכהן ראַפּאָפּאָרט. ווען זיי זענען אַריינגעקומען אין דער בית־דין־שטוב, איז דער רב געווען פאַרוווּנדערט זיי דאָ צו זען. אָבער ער האָט זיי פריינטלעך אויפגענומען און זיי געפרעגט וואָס זיי דאַרפן פון אים. שמעון האָט זיך אָנגערופן, אַז ער וויל ריידן מיטן רב ביחידות. דער רב האָט אַריינגערופן שמעונען אין אַ זייטיק צימערל. עס איז געווען אַ טונקל אַלקערל מיט אַ קליין פענצטערל. דער רב האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טיש און געהייסן שמעונען זיך זעצן קעגנאיבער אים און אים זאָגן אַלץ, וואָס ער האָט אים צו זאָגן. שמעון האָט אָפּגעהוסט, זיך צוזאַמענגענומען און האָט דערציילט דעם רב אַלצדינג וועגן זיין פאָטער, וועגן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי זיי דאָנערשטיק ביינאַכט און אויך וועגן נעכטן ביינאַכט. דער רב האָט אָפּגעזיפצט עטלעכע מאָל און אים געזאָגט, אַז ער וועט דאַרפן דאָס אַלץ דערציילן אין שול פאַר אַלעמען. ביי שמעונען האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און ער האָט געזאָגט צום רב, אַז ער ווייס נישט צי ער וועט עס קאָנען טאָן. עס איז דאָך קעגן אַן אייגענעם טאַטן. דער רב האָט אים געפרעגט:

— ווייסט דיין חבר, נחמן, פון דעם אַלעם? האָסטו אים אַלץ דער־ציילט?

— יאָ, — האָט שמעון געענטפערט — ער ווייס פון אַלעם.

— נו, זעסט, דו האָסט דאָך שוין דערציילט דאָס עמעצן, נו, וועסטו דערציילן דאָס אַלץ דעם עולם אין שול, — האָט דער רב אים באַרואיקט.

— אָבער דאָך, קעגן אַ טאַטן? — האָט שמעון זיך געוועררט.

— עס איז נישט קיין עבירה, שמעון, נאָר גאָר אַ מצווה. — האָט דער רב אים שוין שאַרף געענטפערט. — דו מוזסט עס טאָן! עס האַנדלט

זיך דאָ וועגן חילול השם. דאָס גאַנצע יידישקייט שטייט אין אַ סכנה. גיי איצט אין שול אַריין, איך וועל קומען באַלד אַהין. נאָך קריאת התורה וועל איך אַרויפגיין אויפן באַלעמער און אויסרופן, אַז דו ווילסט דער־ציילן אַלץ דעם עולם. דו זאָלסט זיך פאַר גאָר נישט שרעקן. אַ גוטן שבת!

— אַ גוטן שבת! — האָבן ביידע חברים געזאָגט דעם רב און זענען אַרויס, און ביידע זענען איצט אַוועק מיט ציטערנדיקע הערצער אין שול אַריין. אָבער שמעון האָט זיך אַלץ נישט געקאָנט באַרויקן. ער האָט גע־האַלטן אין איין טענהן צו נחמנקען:

— אָבער ווי אַזוי קאָן איך עס טאָן? און אויב מיין טאַטע וועט קוקן אויף מיר מיט זיינע ביטערע אויגן?!

— ביסטו זיכער, אַז דיין טאַטע וועט זיין היינט אין שול? — האָט נחמנקע אים געפרעגט.

— ניין, כ׳בין נישט זיכער, הלוואי זאָל ער נישט קומען. דאָס האַרץ וואַרפט זיך ביי מיר אין גאַנצן.

— באַרואיק זיך, שמעון, — האָט נחמנקע זיך ביי אים געבעטן.

— דו ווייסט, איך האָב געדאַרפט זאָגן דעם רב, אַז כ׳וויל עס זאָגן נאָר אים, אָבער נישט אין שול בפני כל קהל ועדה.

— געוויס האָסטו געקאָנט אים דאָס זאָגן — האָט נחמנקע אים צוגעגעבן — אַלץ וואָס דער רב וויל איז דאָך נאָר אַ גביית עדות. דאָס קאָן ער דאָך טאָן ביי זיך אין בית־דין־שטוב אין אָוונט, צי גאָר מאָרגן.

— איך האָב בדעה צוריקצוגיין און זאָגן דאָס דעם רב — האָט שמעון אַ זאָג געטאָן.

— דו דאַרפסט וועגן דעם נישט גיין צוריק — האָט אים נחמנקע באַרואיקט — דו וועסט אים דאָס זאָגן אין שול. אויב ער וועט דיך רופן צום באַלעמער, קאָנסטו זאָגן, אַז דו ווילסט עס אין שול עפנטלעך נישט דערציילן, נאָר ביים רב אין הויז, אָדער ערגעץ אַנדערשוווּ.

— אַזוי וועל איך טאָן! — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן, און ביידע זענען אַריין אין דער גרויסער שטאָט־שול, וועלכע רופט זיך, זינט דער ב״ח איז געווען רב אין מעזשיבוזש, די „ב״ח־שול”. די שול איז געווען געפּאַקט און אומעטום זענען געשטאַנען קופּקעלעך מענטשן און גערעדט. און עס האָבן זיך דערטראָגן צו זיי שטימען:

— אַזעלכע פּושעים! עוכרים!

— מען דאַרף זיי עוקר מן השורש זיין!

— זיי זענען נאָך ערגער ווי גויים!

— מען דאַרף זיי לייגן אין חרם אַריין!

נחמנקע און שמעון האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדט מען אַזוי וועגן דעם, וואָס עס איז געשען נעכטן אין אָוונט. אָבער זיי האָבן זיך דורכגע־גנבעט דורכן עולם און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל — אַזוי, אַז מען זאָל זיי נישט זען.

עס איז געווען נאָך פאַרן דאַווענען. אָבער די שול איז געוואָרן וואָס אַמאָל אַלץ מער געפּאַקט מיט מענטשן, ממש ווי יום כיפור צו „כל נדרי״. אַלע פּלעצער זענען געווען פאַרנומען און אַפילו אין דער ווייבער־שול איז אַלץ געגאַנגען ווי אויף רעדלעך. אַלע האָבן גערעדט, אַלע האָבן געשריען. יעדער איינער האָט געהאַט עפּעס צו זאָגן. איבערהויפּט האָבן זיך גע־הערט עטלעכע קלינגענדיקע שטימען פון דער ווייבער־שול, וועלכע האָבן איבערגעשריען אַלע אַנדערע.

— ווי אַזוי האָט מען עס דערלאָזן?

— מען זאָגט, אַז די פאַרשייטע מויד האָט געטאַנצט נאַקעט!

— וואָס מיר האָבן דערלעבט!

— ס'איז הימלשרייענדיק!

— וווּ איז דער רבֿ? פאַרוואָס שווייגט ער?

דער שמש איז איצט אַרומגעלאָפן איבער דער שול און מיט זיין שטאַרקער באַסאָווער שטימע געשריען:

— מען גייט זיך שטעלן דאַווענען! זאָל זיין שטיל!

פּלוצלונג איז געוואָרן אַ נייער טומל.

— דער רבֿ! דער רבֿ איז דאָ!

דער אַלטער רבֿ, ר' צבי הירש הכהן ראַפּאָפּאָרט, וואָס גייט אַביסל איינגעבויגן, איז אַריינגעקומען אין זיין טיפן שטריימל, און די ווייסע באָרד האָט געציטערט ביי אים אויף זיין ברוסט. דער עולם האָט באַלד געמאַכט פאַר אים אַ וואַרע און ער איז מיט זיין שמש אַוועק צו דער

מזרח־וואַנט. באַלד זענען צוגעלאָפן צו אים די גבאים פון דער שול און אַלע האָבן גערעדט מיטאַמאָל:

— אַ נבלה איז געשען ביי אונדז אין שטאָט. וואָס וועט מען טאָן?

— זיי זענען געקומען אַהער איבערצופירן אַלעמען! מען טאָר נישט שווייגן!

— מיט זינד איז פול די שטאָט!...

— שאַ, שטיל — האָט דער רב צו זיי געזאָגט — עס איז שבת! זאָל מען זיך שטעלן דאַוונען. נאָכן לייענען וועל איך הייסן דעם שמש פון שול אויסרופן וועגן דעם. איצט דאַרף מען זיך שטעלן דאַוונען.

אָבער דער עולם האָט זיך אַלץ נישט באַרואיקט, ביז דער חזן איז צוגעגאַנגען צום עמוד, געגעבן אַ קלאַפּ און אָנגעהויבן:

— נשמת כל חי תברך...

דער עולם האָט איצט אָנגעהויבן צו דאַוונען און עס איז געוואָרן ביסלעכווייז שטילער. צוגעהאָלפן דערצו האָט הער קלאַנג, וואָס איז איצט געגאַנגען פון מויל צו מויל, אַז דער רב וועט ריידן וועגן דעם ענין באַלד נאָך קריאת התורה. דאָס דאַוונען איז איצט אַוועק ווי געוויינלעך, אָבער מען האָט געפילט, אַז סיי הער חזן און סיי דער קהל מאַכן עס איצט גיך, ווייל מען איז שוין נייגעריק צו הערן, וואָס דער רב וועט האָבן צו זאָגן וועגן דעם. דער חזן האָט ווייניקער געציקלט זיך ביי „ישתבח ויתפאר" און אַזוי אויך שפּעטער ביי „קריאת שמע" און ביי דער „שמונה עשרה". אויך דאָס לייענען אין דער תורה איז צוגעגאַנגען היינטיקס מאָל מיט אַ שנעלן טעמפּאָ.

לסוף איז געקומען דער מאָמענט נאָך קריאת התורה. נאָכדעם ווי מען האָט די ספר תורה שוין צוריק אַריינגעשטעלט אין ארון הקודש, האָט דער שמש פון דער שול געגעבן אַ קלאַפּ אין באַלעמער און הויך אויס־געררופן:

— הער רב פון אונדזער שטאָט, אונדזער מרא דאתרא, וויל עפּעס זאָגן צום עולם. זאָל זיין שטיל!

עס איז באַלד געוואָרן אַזוי שטיל אין שול, אַז מען וואָלט געקאָנט הערן, ווי אַ שפּילקע פאַלט צו דער ערד. עס איז געווען אַ שטילקייט פול

מיט נייגעריקייט, אָבער אויך נישט ווייניק מיט שרעק. די נייגעריקייט איז געווען צו וויסן, וואָס עס איז אַזוינס פאָרגעקומען נעכטן ביינאַכט ביי ר׳ בערן אין הויז און וואָס מען וועט טאָן צו די זינדיקע, צו ר׳ בערן, זיין משפחה און אויך צו אַלע אַנדערע, וואָס זענען דאָרטן געווען. די שרעק איז אָבער געווען צוליב דעם, וואָס מען האָט נישט געוואָלט אָנווערן דאָס שטיקעלע האָפענונג, וואָס עס האָט נאָך געלויכטן ווי אַ קליין צאַנקענדיק ליכט אין פיל הערצער, אַז עס זענען דאָך משיח־צייטן, און אַז עס האָלט שוין נאָענט דערביי, עס זאָל זיך אַנטפּלעקן דער מלך המשיח צו דער שארית הפליטה פון די גרויסע שחיטות אין די יידישע קהילות פון וואָלין און פּאָדאָליע, זינט גזירת ת״ח. אַלע האָבן שוין געוווּסט, אַז אויך די פראַנקיסטישע חברה פונקט אַזוי ווי די שבתי צביניקעס זענען פאַלש און זיי שמדן זיך אויס איינער נאָכן אַנדערן; זיי זענען נאָך אַפילו ערגער ווי גויים, ווייל זיי טוען שלעכטס די יידן און טראַכטן אויס אויף זיי כלערליי בילבולים. דאָך האָט מען געוואָלט האָבן כאָטש אַ פונק פון האָפענונג אויף דער גאולה... אַפילו אַ שטיקעלע שיין וועגן יענע וווּנדערלעכע טעג, וואָס דאַרפן קומען און וועלכע וועלן הייסן די „ימי המשיח״... מען האָט גע־וואָלט הערן וועגן די טריט פון משיח, וועגן אַן אָנזאָג, אַ צייכן...

און אָט שטייט דער אַלטער רב אויפן באַלעמער און רעדט צום עולם:

— רבותי, איך ווייס און איך פאַרשטיי זייער גוט, וואָס עס קומט פאָר אין אייערע הערצער נאָך די מוראדיקע שחיטות פון כמעלניצקיס באַנדעס, ימח שמם וזכרם, וועלכע האָבן אומגעבראַכט הונדערטער טויזנ־טער יידן. איך ווייס, אַז עס בענקען און לעכצן אייערע הערצער, עס זאָל שוין קומען דער גואל צדק און אויסלייזן אונדז פון די בלוטיקע הענט פון עשיון און פירן אונדז קיין ארץ ישראל. מיינע ליבע יידן, אין 140 גרויסע יידישע שטעט אין וואָלין און פּאָדאָליע איז שוין מער קיין שום ייד נישטאָ; אין איין נעמיראָוו אַליין זענען אומגעקומען פון די שחיטות, וואָס האָבן דאָרטן געדויערט דריי טעג, צוועלף טויזנט יידן, פרויען און קינדער...

ביי די לעצטע ווערטער פון רב האָט זיך געהערט אַ כליפּערײַ אין דער ווייבער־שול און אויך ביי פיל מענער זענען געוואָרן פייכט די אויגן.

דער אַלטער רב שטייט אָבער ווי אַ פעלדז און רעדט ווייטער, מיט טרערן אין זיין שטימע:

— עס איז קיין וואונדער נישט, וואָס איר, מיינע ליבע יידן, כאַפּט זיך אָן אַן אַ שטרוי, אָן אַ מסית ומדיח, אָן אַ פאַרפירער, וואָס ווייס די קונץ צו באַהאַלטן זיך אונטער דעם סודותדיקן לשון פון „זוהר" און אויסצוגעבן זיך פאַר אַ גואל צדק. איר ווילט גלויבן איינעם, וואָס קאָן די קונץ צו מאַכן אייך גלויבן, אַז ער איז משיח, און אַז ער וועט זיך אַנט־פּלעקן צו אייך נאָך אין אונדזערע טעג... אָבער רבותי, מי לנו גדול ממשה, ווער איז ביי אונדז נאָך גרעסער ווי משה רבינו? שטייט דאָך אַפילו ביי משהן געשריבן, אַז ער האָט געזאָגט צום רבונו של עולם „והם לא יאמינו לי", אַז די יידן וועלן מיר נישט גלויבן. ער האָט דעריבער געבעטן ביים כביכול, אַז ער זאָל זיי קאָנען געבן אַ צייכן, צו ווייזן זיי, אַז גאָט האָט אים געשיקט צו זיי. אָט דאָס וואָרט געשריבן וועגן אדון הנביאים, דעם גרעסטן נביא און מנהיג, וואָס עס איז געווען ביי יידן. אַ פשיטא שוין, אַז מען דאַרף פון סתם אַ בשר ודם, וואָס קומט און זאָגט, אַז ער איז דער גואל צדק, פאַרלאַנגען אַ צייכן, אַז ער זאָגט דעם אמת. די גמרא זאָגט און דער רמב"ם פסקנט, אַז אויב עס שטייט אויף ביי יידן איי־נער, וואָס זאָגט, אַז ער איז אַ נביא, דאַרף ער קודם כל באַווייזן דאָס דורך אותות ומופתים. און אַפילו אויב די אותות ומופתים ווערן באַשטע־טיקט, איז ער נאָר דעמאָלט באַגלייבט, אויב ער קומט צו שטאַרקן תורת משה, אָבער ווען אַ נביא קומט אָפּצולייקענען תורת משה, איז ער לכת־חילה אַ פאַלשער נביא, ווייל תורת משה וועט לעבן אייביק. דער רבונו של עולם איז אייביק, די תורה איז אייביק און די יידישע אומה איז אויך אייביק.

דער אַלטער רב האָט אָפּגעקרעכצט און דערנאָך ווייטער געזאָגט:

— הערט מיך דעריבער אויס, ליבע יידן, היינט אין דער פרי, איי־דער איך בין געגאַנגען אין שול אַריין, איז געקומען צו מיר הבחור החתן שמעון, דער זון פון בערן און מיך געפרעגט, צי אין פאַל ווען עמעצער רעדט קעגן דער יידישער תורה, צי מעג דער זון אויפטרעטן קעגן זיין

פאָטער און אַלץ דערציילן... צי ער איז נישט דערמיט עובר אויף דעם געבאָט פון כיבוד אב. איך האָב אים געזאָגט, אַז אין אַזאַ פאַל איז דער זון נישט נאָר נישט עובר אויף דער מצוות עשה פון כיבוד אב, נאָר ער איז נאָך מקיים די מצווה פון „ובערת הרע מקרבך״. דערויף האָט מיר הבחור החתן שמעון דערציילט וואָס עס איז געשען ביי זיי אין הויז, זינט דאָנערשטיק אין אָוונט, ווען אלישע שאָר מיט זיין טאָכטער זענען געקומען צו זיי. ער האָט מיר אויך דערציילט, וואָס עס איז פאָרגעקומען נעכטן, פרייטיק־צו־נאַכט, ביי זיי אין הויז ביז דעמאָלט, ווען ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן און איז אַנטלאָפן פון דאָרטן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גרייט אויפצוטרעטן קעגן זיין פאָטער אין שול און עדות זאָגן קעגן אים. איך האָב געפרעגט דעם שמש צי ר׳ בער איז דאָ אין שול און ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז נישטאָ. איך פאַרלאַנג דעריבער, אַז דער פרנס הקהל זאָל צוזאַמען מיטן שמש פון דער שול גיין צו ר׳ בערס הויז און אים ברענגען דאָ אַהער אין שול אריין. דאָ אין שול געפינט זיך זיין זון, שמעון. איך וועל אים בעטן, אַז ווען זיין פאָטער וועט אָנקומען, זאָל ער דערציילן בפני כל עם ועדה, וואָס ער האָט געזען און געהערט אין זיין הויז דאָנערשטיק ביינאַכט און אויך נעכטן, פרייטיק־צו־נאַכט. זאָל שמעון קומען אַהער!

שמעון איז די גאַנצע צייט געזעסן אין איין שרעק און דאָס האַרץ האָט ביי אים געפלאַטערט. ער האָט געטראַכט צוצוגיין צום רב און זאָגן אים, אַז ער קען דאָ נישט דערציילן אַלץ, וואָס ער ווייס, נאָר ער וועט עס טאָן ביים רב אין בית־דין־שטוב. ער האָט געציטערט אין גאַנצן און אַלץ אין אים האָט זיך געוואָרפן... לסוף איז ער צוגעגאַנגען צום רב. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער פרנס הקהל און דער שמש זענען צוריקגעקומען און זיי האָבן געזאָגט הויך דעם רב, אַז אַלע זאָלן עס הערן:

— רבי, מיר זענען געווען אין ר׳ בערס הויז, אָבער זיין ווייב האָט אונדז געזאָגט, אַז היינט, שבת אין דער פרי, איז איר מאַן אַנטלאָפן מיט דער מויד, מיט וועלכער ער איז געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און די גאַנצע צייט, זינט זי איז געקומען אַהער. זי ווייס נישט וווּהין ער איז מיט איר אַנטלאָפן, נאָר דער פאָטער, אלישע, איז דאָ אין אַנדערן חדר... אָבער ווען

מ׳יר האָבן זיך געלאָזט גיין צום אַנדערן חדר, האָט אלישע שאָר גיך גע־עפנט דאָס פענצטער און איז פון דאָרטן אַרויסגעשפרונגען און אַנטלאָפן.

צווישן עולם איז געוואָרן אַ שטאַרקע אויפרעגונג. אַלע האָבן גענור־מען ריידן און קאָכן זיך און שטורמישע אויסרופן האָבן זיך געהערט וועגן דעם, וואָס מען דאַרף טאָן צו די דאָזיקע פושעים.

דער אַלטער רב האָט זיך אַביסל געסודעט מיט שמעונען און באַלד דערנאָך האָט ער געקלאַפט אין טיש אַריין און געזאָגט הויך:

— רבותי, זאָל זיין שטיל! היינט נאָך הבדלה וועט ביי מיר אין בית־דין־שטוב זיין אַ משפט וועגן דעם גאַנצן ענין. שמעון, דער זון פון בערן, וועט קומען צו מיר און עס וועט אויך קומען ר׳ בערס ווייב און זייער טאָכטער, גיטעלע, און זיי וועלן אַלץ דערציילן. מען וועט רופן צו משפט אויך די, וואָס האָבן זיך מטמא געווען מיט עריות אין הייליקן שבת אין ר׳ בערס הויז. ווער עס וויל, קאָן קומען אין בית־דין־שטוב, ווו דער פאַרהער וועט זיך אָנהייבן באַלד נאָך הבדלה. איצט זאָל זיין שטיל. דער חזן וועט דאַווענען מוסף.

דער חזן איז באַלד אַוועק צום עמוד און גענומען זאָגן „קדיש" פאַר מוסף, אָבער דער עולם האָט זיך נישט געקאָנט באַרואיקן. אַלע האָבן גערעדט און געשריען און יעדער איינער האָט געהאָט אַן אַנדערע מיי־נונג, וואָס מען דאַרף צו טאָן מיט די פאַרברעכער און אַלע האָבן שוין מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז עס זאָל שוין זיין אויס שבת און מען וועט קאָנען הערן דעם משפט און אויך דעם פסק דין, וואָס דער רב וועט אַרויסטראָגן קעגן אַלע זינדיקע.

באַלד נאָכן דאַווענען זענען נחמנקע און שמעון געווען די ערשטע אַרויסצוגיין פון שול. שמעון האָט איצט פריי אָפגעאָטעמט און געדאַנקט גאָט דערפאַר, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, אַז ער האָט נישט געדאַרפט דערציילן דאָס אַלץ אין שול עפנטלעך פאַר אַלעמען. שמעון האָט געבעטן נחמנקען, אַז זיי זאָלן זיך טרעפן באַלד נאָך מעריב און צוזאַמען אַרויפגיין צום רב. נחמנקע האָט עס אים צוגעזאָגט און עס איז ביי זיי געבליבן, אַז שמעון זאָל איצט גיין אַהיים און איבערריידן מיט זיין מאַמען און מיט גיטעלען, אַז באַלד נאָך הבדלה זאָלן זיי אַרויפגיין

צום רב און באַלד ווי עס וועט ווערן נאַכט, וועט ער זיך טרעפן מיט נחמנקען אין בעש״טס בית המדרש און צוזאַמען אַרויפגיין צום רב.

## 12

ווען נחמנקע האָט געעפנט די טיר פון זיין היים און געזאָגט אַלע־מען א „גוטן שבת״, איז ער געוואָרן שטאַרק דערשטוינט צו זען ביי זיי אין הויז זיין פעטער ר׳ אפרים סידילקאָווער, רב און רבי פון יענער שטאָט, וועלכער איז געווען אַ ברודער פון זיין מאַמען און אויך אַ ברודער פון רבי ר׳ ברוך. ער האָט געקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט זיך נישט גע־גלייבט, אַז דאָס איז טאַקע דער פעטער אפרים. לסוף איז ער צוגעגאַנגען צו אים און אים געגעבן שלום עליכם און האַלב אין שפּאַס געזאָגט צו אים:

— ווען איז דער פעטער אפרים געקומען? היינט שבת אין דער פרי?

— יאָ, באַלד נאָך שחרית, — האָט ר׳ אפרים אים געענטפערט אין זעלבן טאָן, אין שפּאַס.

— וואָס עפּעס פּלוצים? — האָט נחמנקע אים נאָך אַמאָל געפרעגט.

— כ׳בין געקומען אַהער נאָך נעכטן, אַ שעה פאַר ליכטצינדן. די פור האָט זיך פאַרשפּעטיקט, בין איך אַוועק גלייך צו ברוכן. נו, איצט פאַרשטייסטו שוין?

— צום פעטער ברוך? — האָט נחמנקע געזאָגט — ניין, צום רבי ר׳ ברוך?

— דער אמת איז, אַז כ׳האָב געוואָלט בעסער גיין אַהער. אָבער דו קענסט דאָך מיין ברודער ברוך, דעם גרויס־האַלטער. ער וואָלט שוין דער־פאַר אויף מיר געווען אין דער הקפדה כ׳ווייס ווי לאַנג און כ׳וואָלט אים גאָרנישט געקענט איבערבעטן. דערפאַר בין איך גלייך אַוועק מיט מיין קלומעקל צו אים. געגאַנגען אין מקווה אַריין און זיך מכין געווען לכבוד שבת. עס איז שוין נישט געבליבן מיר קיין צייט צו גיין אַהער אפילו אויף אַ פּאָר מינוט, כדי צו קענען זאָגן אַז כ׳בין דאָ. בין איך דערי־בער גלייך אַוועק מיט אים אין זיין קלויז און געזעסן ביי אים, ביים טיש, ביז שפּעט אין דער נאַכט. ערשט היינט אין דער פרי האָב איך זיך אָפּגעבעטן ביי אים, צו גיין אַהער, און אָט בין איך געקומען אַהער, באַלד אין דער

פרי. אָבער דו, נחמנקע, ביסט שוין נישט געווען. דערנאָך בין איך אַוועק מיט דיין טאַטן אין זיידנס בית־המדרש, אָבער אויך דאָרטן ביסטו נישט געווען. ווו האָסטו געדאַוונט?

— טאַקע אַזוי, נחמנקע, ווו האָסטו געדאַוונט? — האָט ר׳ שמחה זיך אויך אָנגערופן — איך האָב זיך געחידושט די גאַנצע צייט, ווו ביסטו געווען?

— אין ב״חס שול, אין דער גרויסער שול.

— פאַרוואָס עפּעס דאָרטן? — האָט פייגע אים געפרעגט.

— צוליב שמעונען — האָט נחמנקע איר געענטפערט — האָסט דאָך געהערט אַוודאי, וואָס עס איז געשען ביי ר׳ בערן נעכטן אין אָוונט און וואָס עס האָט זיך געטאָן היינט אין דער שול.

— יאָ, יאָ, געהערט עפּעס — האָט פייגע געזאָגט. — נו, האָסטו געמוזט גיין אַהין?

— כ׳האָב נישט געקאָנט לאָזן מיין חבר שמעון אַליין אין אַן עת־צרה.

— טאָ וואָס איז געווען? — האָט ר׳ שמחה אים שוין נייגעריק גע־פרעגט.

— דער רב האָט אויסגערופן, אַז היינט אין אָוונט, באַלד נאָך הבדלה, וועט זיין אַ משפּט איבער אַלע פּושעים. שמעון וועט דאַרפן דערציילן פאַר אַלעמען אַלץ, וואָס עס איז געשען.

— וועסטו אויך גיין מיט אים צום רב? — האָט ר׳ שמחה אים גע־פרעגט.

— די גאַנצע שטאָט וועט דאָרטן זיין. שמעון וועט עס פּשוט נישט אויסגעהאַלטן, אויב איך וועל נישט שטיין לעבן אים.

— מיש זיך נישט אַריין אין דער זאַך — האָט פייגע צו אים גע־זאָגט, אַריינטראָגנדיק די פיש פון קיך — אונדזער משפּחה מוז זיך האַלטן פון דערווייטנס פון יעדן שמוץ. געדענק דאָס, נחמנקע.

— איך וועל בלויז דאָרטן זיין ווי יעדער איינער. איך וועל גאָרנישט זאָגן. מען וועט מיך אַפילו נישט פרעגן — האָט נחמנקע איר געענטפערט.

— נו, מאַכט קידוש און לאָמיר זיך זעצן עסן. — האָט פייגע גע־זאָגט.

ר׳ שמחה האָט איצט געבעטן זיין שוואָגער ר׳ אפרים צו מאַכן קי־דוש, האָט אַליין געמאַכט קידוש און דערנאָך אויך נחמנקע. נאָכדעם האָבן אַלע זיך געוואַשן און געזעצט צום טיש. ר׳ שמחה האָט געשניטן פון די חלות מוציאס פאַר אַלעמען.

ר׳ אפרים, אַ נידעריקער, מיט אַ קליין שוואַרץ־און־גרוי בערדל, מיט אַ פּנים, וואָס איז פול מיט תמימות, אָבער אין וועלכן די אויגן לויכטן אַרויס אַזוי שטאַרק, איז געזעסן ווי זיין שטייגער איז געווען, פאַרטראַכט. פּלוצים האָט פייגע אים איבערגעשלאָגן.

— דערצייל עפּעס, אפרים, פון ברוכן. דו ווייסט דאָך, מיט מיר איז ער נישט שוה־בשוה.

— וואָס קאָן איך דיר דערציילן, פייגע? — האָט ר׳ אפרים גע־זאָגט מיט אַ שטילן טאָן — כ׳בין זיין התנהגות נישט גורס. די פּאָר שעה, וואָס עס איז מיר אויסגעקומען צו זיצן ביי איםביים טיש, זענען געווען פאַר מיר ממש אַן אָפּקומעניש. זיין דרך פון זאָגן תורה, זיינע באַרימערייען. ניין, נישט דאָס האָט דער זיידע געמיינט.

— ער האָט דערפון געמאַכט אַ געשעפט! — האָט זיך ר׳ שמחה אָנגערופן — ער רייסט דאָך געלט פון טויטע און פון לעבעדיקע.

— און אויב מען זאָגט אים עפּעס אַ וואָרט וועגן דעם, ווערט ער אָנגעצונדן — האָט פייגע צוגעגעבן.

— שטעל דיר פאָר, אַז כ׳האָב אים געפרעגט וועגן דעם — האָט ר׳ אפרים געזאָגט.

— טאָקע? — האָט נחמנקע אים אָנגעקוקט — דער פעטער האָט אים געפרעגט וועגן זיינע געלט־געשעפטן? נו, וואָס האָט ער געענט־פערט? ער איז געוואָרן בייז? הע?

— ניין, ער האָט מיר געענטפערט, אַז עס איז גוט אַזוי און אַז אַזוי דאַרף עס זיין. ער האָט געמאַכט גאַר דערפון אַ שיטה. לויט אים, קומט אויס, אַז וואָס גרעסער דער צדיק, אַלץ מער געלט דאַרף ער נע־מען ביים עולם.

— אַזוי האָט ער טאָקע געזאָגט? — האָט נחמנקע אים איבערגע־פרעגט.

— יאָ, נחמנקע, אַזוי האָט ער בפירוש געזאָגט — האָט ר׳ אפרים אים רואיק געענטפערט — ער האָט נאָך מיר דערויף געגעבן אַ משל. עס איז אַ משל צו אַ קעניג, וואָס אין זיין הויף שטייען שומרים, וועלכע היטן נישט צוצולאָזן יעדן איינעם צו אים. דער, וואָס שטייט אין דרויסן, איז נאָך נישט אַזאַ גרויסער שר און כדי ער זאָל אַריינלאָזן צום קעניג, דאַרף מען אים געבן אַ קליינע מטבע. אינעווייניק שטייט שוין אַ גרע־סערער שר, וואָס אים דאַרף מען געבן אַ גרעסערע מטבע. נאָך ווייטער שטייט שוין נאָך אַ גרעסערער שר און אים דאַרף מען געבן שוין אַ סך מטבעות, און אַזוי גייט עס ביז מען קומט צום שר, וואָס שטייט ביי דער סאַמע טיר צום קעניג, וואָס יענעם מוז מען שוין געבן גאָר אַ סך גרויסע מטבעות. אַזוי זענען אויך די צדיקים, וואָס שטייען פאַרן אַריינגאַנג צום מלך מלכי המלכים. וואָס נעענטער איינער איז צום כביכול, אַלץ גרעסער איז ער און אַלץ מער מטבעות און אַלץ גרעסערע, דאַרף מען אים געבן.

— ער האָט דאָך אַפילו געמאַכט אַ געשעפט פון זיידנס קבר! — האָט זיך ר׳ שמחה אָנגערופן.

— וואָס מיינסטו?

— ער האָט דאָך דעם שליסל צום קבר און ער לאָזט קיינעם נישט אַריין, ביז מען גיט אים נישט אין יד אַריין. און ער נעמט נישט קיין קליין געלט.

— שומו שמים! — האָט ר׳ אפרים אָפּגעזיפצט.

— היינט זיינע באַרימערייען! — האָט ר׳ שמחה ווייטער געזאָגט.

— איך האָב געהערט אַביסל פון די באַרימערייען נעכטן ביים טיש — האָט ר׳ אפרים זיך אָנגערופן — איך בין געוואָרן נישט ווייניק דער־שטוינט, ווען ער האָט פּלוצים אַ זאָג געטאָן: „פאַר מיין נשמה איז נישטאָ קיין שום פאַרהוילענע זאַך און איך ווייס אַלע סודות פון דער תורה". ווי געפעלט אייך אַזאַ זאָג?

— צו דעם אַלעם האַלט ער זיך נאָך פאַר אַן עניו אויך — האָט פייגע צוגעגעבן — ווייסט וואָס ער האָט מיר אַמאָל געזאָגט? „אויב עס זענען דאָ טויזנט מענטשן וואָס זענען עניוס, בין איך איינער פון זיי, און אויב עס זענען נישטאָ מער ווי צוויי, בין איך ווידער איינער פון זיי".

— און ביי דעם אַלעם — האָט ר׳ אפרים זיך אָנגערופן — שעמט ער זיך נישט צו בעטן גאָט, אַז ער זאָל קריגן אין דער האַנט אַריין די ממשלה איבער אַלע צדיקים פון היינטיקן דור. ער זאָגט דאָך ביים דאַווע־נען זיינע אַן אייגענע תפילה „ולהוי אנא פקידא בגו צדיקיא", ער זאָל זיין דער הערשער איבער די צדיקים.

— דאָס ערגסטע איז — האָט ר׳ שמחה זיך אָנגערופן — וואָס ער האָט געמאַכט פון דעם צדיק, ער דאַרף נישט זיין לויט אים אַ ייד וואָס לערנט און דאַוונט און טוט דעם ווילן פון השם יתברך, נאָר איינער וואָס הערשט. „דער צדיק" — האָט ער געזאָגט אַמאָל — „איז דער מנהיג פון דער וועלט. דער צדיק שאַפט מיט זיינע ווערטער הימלען", און נישט בלויז דאָס, נאָר „דער צדיק זאָגט אויך אַ דעה דעם רבונו־של־עולם, וואָס ער זאָל טאָן". ער האָט אויך גערעדט וועגן דעם, אַז צדיקים דאַרפן עסן און טרינקען און לאָזן זיך ווילגיין. דאַוונען ווייניק און לערנען אויך ווייניק, אַפילו נישט אַזוי ווי אַנדערע מענטשן, ווייל זיי זענען צדיקים און דינען כסדר דעם רבונו־של־עולם...

— ווי מיר! ווי געשריען! — האָט ר׳ אפרים איצט אָפּגעזיפצט — ווי געשריען, וואָס ער האָט געמאַכט פון זיידנס חסידות. דער זיידע האָט דאָס גאָרנישט געוואָלט און גאָרנישט געמיינט. דער זיידע האָט געוואָלט תמימות, פשוטקייט און גאַנצקייט. דער זיידע האָט געלערנט, אַז מען דאַרף דינען דעם רבונו־של־עולם אָן שום פניה און אָן שום זייטיקער מחשבה. דער זיידע, עליו השלום, האָט זיך אויסגעדריקט איין מאָל, אַז אויב מען דינט דעם רבונו־של־עולם צוליב עפּעס אַ הנאה, אָדער עפּעס אַ באַלוינונג, איז מען בבחינת עבד ושפחה, וואָס דינען נאָר, כדי צו קריגן אַ באַלוינונג און דעם שכר, וואָס זיי קריגן איז ביי זיי דער עיקר. אָבער נישט אַזוי איז דער צדיק. ער דינט גאָט אָן שום באַלוינונג, ווייל אין דער עבודה צו השם יתברך געפינט ער די גרעסטע באַלוינונג. און ווי קומט ער גאָר צו ריידן פון זיידן? ער האָט דאָך אים כמעט נישט געקענט! ער איז דאָך אינגאַנצן אַלט געווען קנאַפּע דריי יאָר, ווען דער זיידע איז נפטר געוואָרן. איך האָב דעם זיידן אַ היפּש ביסל בעסער גע־קענט. איך האָב זיך דאָך ממש דערצויגן אויף זיין שויס און ווען ער איז

נפטר געוואָרן, בין איך שוין געווען אַ בחורל פון 12 יאָר. קומט ער און זאָגט מיר, וואָס דער זיידע האָט געוואָלט, און וואָס דער זיידע האָט נישט געוואָלט. נו, איז עס נישט צום לאַכן!

— עס וואָלט געווען צום לאַכן, ווען עס וואָלט נישט געווען אַזוי טרויעריק. — האָט זיך פייגע אָנגערופן — שאַ, און דעם לץ האָסטו געזען, כ׳מיין הערשעלע אָסטראָפּאָליער, זיין הויף־נאַר. ער איז דאָרטן געווען?

— ניין, — האָט ר׳אפרים געענטפערט — ער איז עפּעס נישט געזונט.

— מן הסתם האָט ער נישט געהאַט אָנצוגרייטן אויף שבת און דער רייכער ר׳ ברוך, וואָס איז נאָך צו אַלע „מעלות״ אַ קאַרגער אויך, האָט אים מן הסתם נישט געוואָלט געבן אויף שבת.

— אַזוי גאָר! פון אָט דער „מעלה״ האָב איך נישט געוווּסט — האָט ר׳ אפרים זיך געוווּנדערט.

— יאָ, אפרים, דו ביסט נישטאָ, ווייסטו נישט — האָט פייגע אים געענטפערט — דו ווייסט, אַז איך קום זעלטן צו אים. מיר זענען נישט ברוגז, אָבער קיין גרויסע פריינטשאַפט איז צווישן אונדז אויך נישטאָ. ער פירט זיך נישט אויף ווי אַ ברודער און עס איז אויך שווער צו ריידן צו אים.

— נו, גענוג שוין וועגן דעם אין שבת — האָט ר׳ שמחה געזאָגט — לאָמיר זינגען זמירות. נו, הייבט אָן אַלע „אסדר לסעודתא בצפרא דשבתא...״

אַלע האָבן איצט מיטגעזונגען זמירות, און פייגע איז אַריינגעגאַנגען אין דער קיך אַריינצוברענגען דעם טשאָלנט.

— אַנומלט איז מיין ברודער, ברוך, געווען ביי מיר, — האָט ר׳ אפרים דערציילט שטיל — ער איז אַרומגעפאָרן זאַמלען געלט פאַר אָרימע תלמידי־חכמים און עס איז אים אויסגעקומען צו זיין ערב שבת נישט ווייט פון סידילקאָוו. איז ער אַריינגעפאָרן צו מיר. פאַרנאַכט האָט מיין ווייב געבענטשט ליכט אין די מעשענע לייכטער, וואָס מיר האָבן. רופט זיך אָן ברוך און זאָגט צו מיר:

— שוין צייט, ברודער, אַז דו זאָלסט האָבן זילבערנע לייכטער.

— עס איז בעסער, ברוך, — האָב איך אים געענטפערט — אַז די זילבערנע לייכטער זענען אין דער פרעמד און איך בין דאָ, ווי אַז די זילבערנע לייכטער זאָלן זיין דאָ און איך אין דער פרעמד.

— דו הערסט, פייגע, — האָט ר׳ שמחה אַריינגעשריען צו זיין ווייב אין דער קיך — דו האָסט געהערט, וואָס דיין ברודער, ר׳ אפרים, האָט געענטפערט ברוכן, — און ער האָט איר איבערגעזאָגט אַלץ, וואָס ר׳ אפרים האָט דערציילט.

— האָסט זייער גוט אים געענטפערט, אפרים, — האָט פייגע גע־זאָגט אַריינקומענדיק מיטן טשאָלנט — איך האָב אויך מעשענע לייכ־טער און איך דאַרף אויך נישט קיין זילבערנע.

— ווי גייט עס דיר בכלל אין סידילקאָוו? — האָט פייגע אים גע־פרעגט, אַוועקשטעלנדיק דעם טשאָלנט — וויפל קריגסטו איצט פון דער קהילה אַ וואָך?

— כ׳קריג עפּעס מער ווי פריער, עס איז געווען אַ גאַנצע מעשה. מיר דוכט זיך, אַז דו ווייסט נישט דערפון, וועל איך עס דיר דערציילן: — הגט ר׳ אפרים איר געענטפערט — איך האָב געמאָנט ביי מיין קהילה אַ הוספה פון איין גולדן אַ וואָך. זיי האָבן מיר געגעבן 4 גולדן, איז מיר געווען שווער אויסצוקומען, האָב איך זיי געבעטן נאָך איין גולדן. האָט דער פרנס הקהל, איינער מיטן נאָמען יאָסעלע, זיך איינגעשפּאַרט און געזאָגט: „לאָ, בשום אופן נישט, קהל קען נישט!“ אין יענער צייט האָט נאָך דער „תולדות“ * געלעבט און ווען איך האָב געשריבן צו אים בריוו, האָב איך אויך דאָס דערמאָנט. עס איז נישט אַוועק קיין וואָך און דער „תולדות“ איז דאָ. ער איז געקומען עקסטראַ קיין סידילקאָוו צוליב מיין בריוו. ער האָט גלייך געהייסן רופן דעם פרנס יאָסעלע. ווען יענער איז געקומען, האָט ער מיך געבעטן, אַז כ׳זאָל אים געבן מיין כתב־רבנות. האָב איך עס אים געגעבן. נעמט ער און צערייסט עס אויף שטיקלעך און שרייבט אויף אַן אַנדערן כתב־רבנות מיט אַ געהאַלט פון 5 גולדן אַ וואָך

---

* „תולדות“ — אַזוי האָט מען גערופן דעם תלמיד פון בעש״ט, ר׳ יעקב יוסף כ״ץ אויפן נאָמען פון זיין ספר „תולדות יעקב יוסף“.

און גיט עס צום פּרנס יאָסעלע, אַז ער זאָל עס אונטערשרייבן. ווייל יאָ־סעלע עס נישט אונטערשרייבן און הייבט זיך אויף און גייט אַוועק. זאָגט דער „תולדות" צו מיר: „נישקשה, ער וועט אונטערשרייבן!". צומאָרגנס איז יאָסעלעס ווייב קראַנק געוואָרן און אין אַ פּאָר שעה שפּעטער גע־שטאָרבן. איידער נאָך עס איז פאָרגעקומען די לוויה איז יאָסעלע געקומען צולויפן מיט אַ געשריי: „רבי, גיט מיר דעם כתב־הרבנות און איך וועל עס אים אונטערשרייבן". וכך הוה.

— פּעטער אפרים — האָט זיך נחמנקע אָנגערופן — אַז דער פּע־טער איז שוין יאָ דאָ, וואָלט איך געוואָלט, אַז ער זאָל מיט מיר עפּעס לערנען באַלד נאָכן עסן.

— גוט, אַוודאי, — האָט ר׳ אפרים געזאָגט — אַוודאי, אַוודאי, וואָס ווילסטו לערנען?

— כ׳וואָלט געוואָלט לערנען „זוהר" — האָט נחמנקע זיך אָנגערופן.

— לאָז אָפּ, נחמנקע, דעם „זוהר" — האָט אים ר׳ אפרים געענט־פערט — אַלע לערנען איצט „זוהר". יענע חברה־לייט האָבן זיך גאָר גע־נומען דערצו און טייטשן דאָרטן אַריין וואָס נאָר זיי ווילן. אויב דו ווילסט נסתר, גלייב מיר, אַז אין דער גמרא איז דאָ פיל מער נסתר. לאָמיר גאָר לערנען „בבא קמא".

— גוט, פּעטער אפרים, לאָז מען לערנען „בבא קמא" — האָט נחמנקע צוגעשטימט.

מען האָט נאָך געזונגען זמירות און אַזוי געענדיקט די שבתדיקע סעודה, דערנאָך געבענטשט מיט מזומן. באַלד דערנאָך האָבן ר׳ אפרים און נחמנקע זיך אַוועקגעזעצט לערנען די גמרא „בבא קמא".

— ארבעה אבות נזיקין — האָט ר׳ אפרים אָנגעהויבן, — עס זענען דאָ פיר הויפּט־גורמים פון שאָדנס. פיר הויפּט־גורמים, וואָס שעדיקן די נשמה פון מענטשן. „השור", דער אָקס, וואָס צעטרעט אַלץ מיט די פיס, דאָס מיינט מען די, וואָס צעטרעטן מיט זייערע פיס די יידישע תורה, ווי דער אַלטער אלישע שאר און זיינס גלייכן. פון זיי דאַרף מען זיך דער־ווייטערן און נישט קומען אין זייערע ד׳ אמות. „והבור", דער גרוב, דאָס

מיינט מ׳ען דעם גיהנום. דאָס גייט קעגן די, וואָס זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין גיהנום און אַז מען קאָן זינדיקן וויפל מען וויל, ווייל עס איז נישטאָ קיין שום עונש, ווי עס זאָגן די צוויי מכשפות, די טאָכטער פון פראַנק און די טאָכטער פון אלישע, וועלכע פירן אַראָפּ יידישע קינדער פון דרך הישר. אוי וויי געשריען, „והמבעה״ און „המבעה״. וועגן דעם איז דאָ אַ מחלוקה אין דער גמרא. רב זאָגט, אַז „המבעה״ איז „אדם״, אַ מענטש. אַז מען קען ווערן געניזוקט אין דער נשמה ווען מ׳דינט צו אַ מענטשן; ווען מען פאַרליבט זיך אין אַ מענטש; אַפילו ווען מען רעדט זיך איין בלויז, אַז אָט דער מענטש געהערט צו מיר, ווייל ער איז מיין זיווג. און שמואל זאָגט „זה שן״, דאָס מיינט אַ צאָן, ווען מ׳ען רעדט צו דעם מענטש נאַרישע רייד, ליבע־רייד מיט די ציין. ווייל די תורה האָט אונדז געלערנט „ואהבת את ה׳ אלוקיך״, דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט. ליבע איז שייך נאָר צו גאָט און נישט צו קיין בשר ודם. דעריבער, אויב מען ליבט אַ בשר ודם און דערצו נאָך אין אַ געשטאַלט פון אַן אשה, איז עס ווי מען דינט די עבודה זרה... „והמבער״, און דער אונטערצינדער, דער וואָס צינדט אונטער דעם יצר הרע, דער וואָס מיינט, אַז ער קאָן זיך שפּילן מיטן יצר הרע און עס וועט גאָרנישט געשען, דער וואָס רופט אַרויס לילית׳ן און וויל איר ווייזן, אַז ער האָט נישט קיין מורא פאַר איר, אָבער ער איז נאָך נישט קיין צדיק גמור, ווייל ער איז נאָך יונג און האָט נאָך אַ סך צו קעמפן אין זיך, כדי צו דערגרייכן די הויכע מעלות פון אַ צדיק אויף דער וועלט... אוי וויי געשריען, אוי וויי געשריען. אָט די אַלע זע־נען די פיר הויפּט־גורמים, וואָס...

— כ׳קען שוין מ׳ער נישט, פעטער, כ׳קען שוין מער נישט — האָט נחמנקע פלוצים אויסגעבראָכן אין אַ געוויין — האָסט שוין גענוג גע־ריסן שטיקער פון מיר! איך רייס אַליין פון זיך שטיקער יעדן טאָג. נו, גענוג שוין... איך קען עס מער נישט אויסהאַלטן!... יאָ, איצט פאַרשטיי איך פאַרוואָס דער פעטער איז געקומען אַהער און פאַרוואָס ער איז גע־קומען צו אונדז ערשט צו דער שבתדיקער סעודה. דאָס האָט דער זיידע דיך געשיקט אַהער, מיר דאָס אַלץ צו זאָגן, אָבער גענוג שוין! איך וועל פאַרשטויסן פון זיך יעדע מחשבה וועגן דינען צו אַ מענטש. איך וועל

אויך נישט מער ריידן וועגן ליליתן... אָבער זאָל שוין זיין גענוג! — און נחמנקע האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

דער פעטער אפרים האָט שטיל צוגעמאַכט די גמרא „בבא קמא" און איז שטיל אַרויס פון צימער.

## 13

שוין פאַרנאַכט, צו מנחה צו, האָבן זיך אָנגעהויבן צו זאַמלען גרויסע מענטשן־מאַסן אַרום דעם רבס הויז. די נייגעריקייט איז ביי אַלעמען געווען זייער גרויס און דער חשק צו וויסן, וואָס עס איז געשען ביי ר׳ בער אין הויז פריִיטיק צו נאַכט און ווער עס איז אַלץ דאָרטן געווען, האָט גערייצט און געצויגן כמעט דאָס גאַנצע שטעטל צו קומען צום רב וואָס פריִער, כדי צו זיין פון די ערשטע, וואָס וועלן אַריינגיין און קענען הערן גוט דאָס, וואָס די אייגענע מענטשן, טאַקע ר׳ בערס ווייב און אירע קינדער, וועלן האָבן צו דערציילן, און אויך וואָס פאַר אַ שטראָף און תשובה דער אַלטער רב וועט זיי אַלעמען אַרויסגעבן.

און וואָס טונקעלער עס איז געוואָרן, וואָס מער די זון האָט זיך געזעצט אין מערב, אַלץ גרעסער איז געוואָרן דער געזעמל פון מענטשן אַרום דעם רבס הויז. אין דער גרויסער שול איז צו מנחה קוים געווען אַ מנין, אַנשטאָט עטלעכע מנינים, וואָס פלעגן קומען יעדן שבת, און צו מערב איז שוין כמעט קיינער נישט געווען. אַלע זענען געווען אין געסל פאַרן רבס הויז.

אָבער ווען אריה לייב, דער שמש פון רב, האָט אַרויסגעקוקט אין דרויסן און דערזען וואָס עס טוט זיך, ווען ער האָט דערזען די שוואַרצע מענטשן־מאַסן, וואָס האָבן אָנגעפילט אַלע געסלעך אַרום דעם רבס הויז, האָט ער גלייך דאָס געזאָגט דעם רב און נאָך אַ קורצער באַראַטונג איז געבליבן, אַז די גבית־עדות זאָל זיין אין בעש״ט־בית־המדרש. דער רב האָט איצט געהייסן דעם שמש, אַז ער זאָל דאָס באַלד אויסרופן. אריה לייב האָט אַזוי געטאָן און נאָך איידער ער האָט געהאַט געענדיקט, האָט שוין דער גאַנצער עולם זיך אַ לאָז געטאָן צום בית־המדרש, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט גאַס. באַלד איז דאָרט געוואָרן אַ

שטופּעניש און אַ געדרענגעניש צו פֿאַרכאַפּן די בעסטע פּלעצער, פֿון וואַנען מען זאָל אַלץ קענען בעסער זען און הערן.

שמעון, וועלכער האָט זיך געהאַט אָפּגערעדט מיט נחמנקען צו טרעפֿן זיך אין בית־המדרש צו מעריב, האָט זיך איצט פֿאַרשטופּט אין אַ ווינקל, אַז מען זאָל זיי נישט זען און געהאַלטן אַ פּלאַץ פֿאַר נחמנקען. דאָס בית־המדרש איז וואָס אַמאָל מער געוואָרן אָנגעפּילט מיט מענטשן, אונטן די מענער און אויבן, אין דער ווייבער־שול, די פֿרויען, אַזוי ווי אין די ימים נוראים ביים דאַווענען. באַלד האָט שמעון געזען ווי גיטעלע און זיין מוטער, אסתר, קומען אַריין און ווי זיי זעצן זיך אין דער ווייבערשער שול אין אַ זייט, וווּ עס איז זייער „שטאָט“.

נחמנקע איז געזעסן ביי שלוש־סעודות ביים טיש פֿון זיינע על־טערן אין געהאַקטע צרות. דער פֿעטער אפרים איז נישט געווען. ער איז אַריבערגעגאַנגען צו זיין ברודער, צום רבין ר׳ ברוך, און ער האָט דעריבער מיט זיינע עלטערן איצט ווייניק גערעדט. דערפֿאַר האָט אין אים איצט אַלץ גערעדט. אַלץ האָט אין אים געקאָכט און דאָס שוין פֿון פֿריער נאָך, זינט דער פֿעטער אפרים האָט מיט אים כלומרשט געלערנט און אים געגעבן די מוסר־לעקציע. נחמנקע האָט איצט ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער מוז אַ סך אַרבעטן איבער זיך אַליין; אַז ער מוז אין זיך גובר זיין אַלע נייגונגען וואָס ער האָט צו חקירה, צו תאווה, צו זינגען און צו ליצנות. ער מוז דאָס ביי זיך אונטערדריקן. ער וויל זיין אַ צדיק, אַזוי ווי זיין זיידע איז געווען און אַזוי ווי עס איז דער פֿעטער אפרים, אָבער נישט ווי דער פֿעטער ברוך. ניין, אָבער אַזוי ווי דער פֿעטער אפרים — יאָ. כאָטש ער האָט אים פֿריער אַזוי שטאַרק ווי געטאָן. ער האָט אים דאָך שטאַרק ליב, ווייל ער איז אַ תמימותדיקער מענטש, אַ גאַנצער, אַן אויסגעהאַלטענער. אויף אים קאָן מען זאָגן, ווי נאָר מען זעט אים, אַז אָט דאָס איז די תמימות און פּשטות אַליין. און אָט אַזוי וויל ער אויך זיין. ער וועט נישט דערלאָזן מער ביי זיך קיין שום רעיונות פֿון חקירה, ווייל דאָס שטערט נאָר דעם גלויבן. „וצדיק באמונתו יחיה“ שטייט געשריבן, אַ צדיק מוז לעבן נאָר מיטן כוח פֿון זיין אמונה. ער וועט אויך נישט וועלן וויסן פֿון גיטעלען און נישט טראַכטן וועגן איר. אויב עס איז מן

השמים געוואָרן אויס, דאַרף אַזוי זיין. ער וועט אויך נישט פּרווון צו טראַכטן פון פּרויען בכלל און נישט רייצן זיך מיט לילית. דאָס איז אַ געפערלעך שפּיל, און מען דאַרף זיין אַ גרויסער צדיק, צו קענען ביישטיין אַזאַ נסיון. אויך וועט ער זיך דערוויטערן פון זינגען שירים און שבחות צו דער טבע, אָדער צו טרייבן שפּאַס אַליין אָדער צו אַנדערע. ער וועט באַלד צומאָרגנס אין דער פרי צוריקפאָרן קיין מעדזוועדעווקע און אָנהייבן צו פאַרטיפן זיך אין זיך אַליין, אַרבעטן מער איבער זיך און לעבן אַ גאַנץ לעבן, אַ לעבן פון אַ צדיק.

אין ליכט פון די געדאַנקען איז אים שוין געווען איבערדריסיק צו גיין אַפילו טרעפן זיך מיט שמעונען ביים פאַרהער, וואָס דער רב וועט אָנפירן, און ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט אים געהאַט צוגעזאָגט און וואָס ער איז אים אַזאַ נאָענטער חבר, וואָלט ער אַפילו איצט אין בעש״טס בית־המדרש נישט געגאַנגען. אָבער ער האָט שמעונען צוגעזאָגט און ער וויל אים אויך נישט לאָזן אין אַן עת צרה אַליין.

אָבער פאַרוואָס ציט זיך עפּעס היינט די שלוש־סעודות לענגער ווי אַלע מאָל? פאַרוואָס איז זיין טאַטע אַזוי מאריך? עפּעס זינגט ער היינט אַ גאַנצע רייע זמירות, וואָס ער פלעגט קיינמאָל נישט זינגען. טוט ער עס עקסטראַ? איז עס אפשר דערפאַר וואָס ער וויל, אַז ער, נחמנקע, זאָל זיך פאַרשפּעטיקן און קומען, ווען עס וועט שוין זיין נאָך אַלעם? ער קאָן פאַר הבדלה נישט אַוועקגיין. ער ווייס אָבער, אַז זיין חבר שמעון זיצט דאָרטן און קוקט זיך שוין אויס די אויגן אויף אים און אפשר טראַכט ער גאָר, אַז ער, נחמנקע, וועט גאָרנישט קומען...

לסוף האָט די מאַמע אָנגעצונדן אַ ליכט און געזאָגט: „גוט וואָך״. דער טאַטע האָט געמאַכט הבדלה און נחמנקע איז אַוועק, זאָגנדיק די על־טערן ווהין ער גייט.

## 14

ווען נחמנקע איז צוגעקומען צום בית־המדרש, איז עס שוין געווען אַזוי געפּאַקט, אַז מען האָט נישט געקאָנט אַ שפּילקע אַריינוואַרפן. נאָר צוליב דעם, וואָס אַלע האָבן אים געקענט און ליב געהאַט, האָט מען אים

געלאָזט זיך אַריינקוועטשן. ער האָט איצט געוואָרפן זיינע אויגן אַהין און אַהער, אָבער באַלד האָט ער געהערט אַ שטים, וואָס רופט אים: „נחמנקע, אָט דאָ בין איך!" עס איז געווען די שטים פון שמעונען און נחמנקע האָט זיך געשטופט אַהין צו זיין חבר.

— כ׳האָב געמיינט, אַז דו וועסט שוין נישט קומען — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פרעטענזיע אין טאָן.

— האָסט נישט געדאַרפט אַזוי טראַכטן — האָט אים נחמנקע גע־ענטפערט — דער טאַטע איז גראָד היינט געזעסן ביים שלוש־סעודות פיל לענגער ווי אַלע מאָל... אָבער איבעריקנס, איז דאָך דער רב נאָך נישטאָ און דער פרנס הקהל אויך נישט. עס וועט נאָך געדויערן אַ שטיקל צייט.

— נאָך וואָס, נחמנקע, — האָט שמעון צו אים געזאָגט אין דער שטיל — האָט דער רב געדאַרפט דאָס אַלץ? צו וואָס די גאַנצע אסיפה? און וואָס וויל ער פון מיר, פון מיין מאַמען און מיין שוועסטער? איך פאַרשטיי דאָס נישט.

— ער וויל — האָט נחמנקע געזאָגט צו אים אויך אין דער שטיל — זאָגן דעם עולם, אַז זיי זאָלן נישט האָבן צו טאָן מיט די פראַנקיסטן, און ער וויל דאָס באַווייזן דורך לעבעדיקע עדות, דורך דעם וואָס דו, דיין מאַמע און דיין שוועסטער וועלן דערציילן דאָס, וואָס זיי ווייסן און וואָס זיי האָבן געזען. דאָס וועט זיין פאַר אים אַ מיטל צו קענען וואָרענען דעם עולם נישט פאַרפירט צו ווערן פון זיי.

— אָבער איך וועל גאָרנישט דערציילן — האָט שמעון געזאָגט צו אים מיט אַ פעסטן טאָן — אַזוי האָבן מיר אָפּגעמאַכט ביי זיך, איך און גיטעלע. איך האָב שוין דעם רב געזאָגט אַלצדינג. איך וועל זיך דעריבער נישט אַוועקשטעלן דאָ אויסצוריידן אויף מיין טאַטן. ניין, פאַר קיין פאַל נישט.

— און גיטעלע?

— אויך נישט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי וועט דאָס נישט טאָן. זי וועט זאָגן דעם רב, אויב ער וועט זי פרעגן, אַז איר ברודער האָט שוין אים אַלץ דערציילט און מער איז נישטאָ וואָס צו זאָגן.

— און דיין מאַמע?

— זי וויל יאָ דערציילן. אָבער זי וועט זאָגן, אַז דער טאַטע איז נישט שולדיק אין דעם אַלעם. עס איז מער שולדיק די מויד, וואָס האָט אים פאַרפירט און עס זענען געווען נאָך אַנדערע סיבות אויך. מיין מאַמע האַלט, אַז דער טאַטע איז פאַרפירט געוואָרן.

— און דאָס וועט זי זאָגן דאָ, אָפן, פאַר אַלעמען?

— יאָ.

— עס ווייזט אויס, אַז דיין מאַמע האַלט שטאַרק פון דיין טאַטן.

— יאָ, יעדנפאַלס, איז מיין מאַמע גרייט אים מוחל צו זיין, אויב ער וועט צוריקקומען. אַזוי האָט זי אַליין געזאָגט.

— און דו, שמעון, וואָלסט אים אויך מוחל געווען, און אַזוי אויך גיטעלע? — האָט נחמנקע אים אָנגעקוקט.

— עס איז אונדזער טאַטע. און עס איז אויך נישט זיין שולד.

— אַזוי מיינסטו?

— אַזוי מיין איך.

— איך ווייס, שמעון, אַז כאָטש דו רעדסט אַזוי, ביסטו נישט פאַר־פירט געוואָרן פון די פראַנקיסטן אויף אַ האָר. קענסטו מיר אָבער זאָגן, צי גיטעלע איז גאָרנישט פאַרפירט געוואָרן פון זיי, נישט פון זייערע רייד און נישט פון זייערע מעשים?

— ניין, — האָט אים שמעון אין אַ קאַטעגאָרישן טאָן געענטפערט

— מיר האָבן ערשט היינט גערעדט וועגן דעם. גיטעלע האָט אַרויסגע־וויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד קעגן דער מויד, די חיה־רעה. ווייסטו, אַז זי האָט זיך בשום אופן נישט געוואָלט אויסטאָן, כאָטש יענע האָט ממש געוואָלט אַראָפּרייסן די קליידער פון איר.

— טאַקע?

— גיטעלע האָט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. פון קליינוווייז אָן איז זי אַזוי געווען. זי פלעגט זיך אַנטקעגנשטעלן פיל מאָל אויך דעם טאַטן, אויב ער האָט איר געזאָגט אַ זאַך, וואָס איז איר נישט געפעלן. זי האָט אַ גרויסע נשמה, נחמנקע, אָבער אין איין זאַך האָט זי יאָ נאָכגעגעבן דער חיה־רעה.

— וואָס?

— גיטעלע האָט עס מיר ערשט היינט פאַרטרויט בסוד. קיינער ווייסט נישט דערפון, אַפילו נישט די מאַמע. זי איז מיט איר געפאָרן צו אַ יונגנמאַן, וואָס איז איינער פון די פראַנקיסטן.

— ווען איז דאָס געווען?

— פרייטיק נאָכמיטאָג. זי איז געפאָרן מיט איר אין דאָרף וואָל־כאָוויץ, צו זען אַ רייכן בחור, פון אַ יאָר 18.

— צוליב וואָס איז זי געפאָרן מיט איר? — האָט נחמנקע אים אי־בערגעפרעגט דערשלאָגן.

— די ווילדע מויד האָט איר געזאָגט, אַז דער בחור איז זייער אַ שיינער. ער וווינט נישט ווייט, אין דאָרף וואָלכאָוויץ, און זיין פאָטער האָט דאָרטן הייזער און גיטער. עס זאָל הייסן, אַז דער בחור איז פאַר־ליבט אין איר, אין דער מויד הייסט עס. נו, וויל זי אים זען, אָבער אַליין פאָרן צו אים וויל זי נישט. האָט זי געבעטן גיטעלען, אַז זי זאָל מיט איר מיטפאָרן. האָט איר גיטעלע דאָס צוליב־געטאָן.

— פאַרוואָס דאָס יאָ?

— כ׳ווייס נישט. אָבער דאָס שמעקט שוין מיט פרויאישער נייגע־ריקייט.

— נו, איז וואָס געווען?

— וואָס עס איז געווען? דער בחור האָט זיך גאָר פאַרליבט אין גי־טעלען און וויל מער פון דער מויד נישט וויסן.

— וואָס רעדסטו? און וואָס זאָגט גיטעלע? — האָט נחמנקע אים געפרעגט מיט בייגיר.

— זי זאָגט דאָס זעלבע וואָס ביז איצט, אַז נאָר דו ביסט איר זיווג, און פון קיין אַנדערן וויל זי נישט וויסן. — האָט אים שמעון געענטפערט.

נחמנקע, וואָס האָט ערשט פריער געהאַט אָפּגעמאַכט ביי זיך נישט צו טראַכטן מער וועגן גיטעלען און נישט צו וועלן וויסן פון איר, איז איצט דאָך געווען גרייט צו פרעגן שמעונען אַ גאַנצע רייע פראַגן. אָבער פלוצלונג האָבן זיך צעטראָגן שטימען איבערן בית־המדרש:

— דער רבי! דער רבי!

אין בית־המדרש איז איצט געוואָרן אַ טומל. דער רב און ר׳ משה

אהרן, דער פּרנס הקהל, זענען אָריינגעקומען. דער גאַנצער עולם האָט פאַר זיי געמאַכט אַ וואַרע, כּדי צו לאָזן זיי צוגיין צו דער מזרח־וואַנט.

אָבער דער רב און אויך דער פּרנס הקהל זענען אַוועק גאָר צום באַלעמער. אַהין איז אויך אַוועק דער שמש פון רב, וואָס איז געגאַנגען נאָך זיי. דער רב האָט עפּעס געזאָגט אין דער שטיל צום שמש. באַלד האָט דער שמ׳ש זיך אַרומגעקוקט איבערן גאַנצן בית־המדרש, ווי ער וואָלט געזוכט עמיצן מיט די אויגן, און אַז ער האָט נישט געזען דעם, וואָס ער זוכט, האָט ער אויסגערופן:

— איז שמעון, דער זון פון בערן, דאָ אין בית־המדרש?

— יאָ! — האָט אָפּגעקלונגען שמעונס שטימע אין דער שטילקייט פון אָנגעשפּיצטן עולם.

— שמעון, דער רב בעט אייך, אַז איר זאָלט אַרויפקומען אויפן באַלעמער. דער רב בעט אויך אסתרן, די ווייב פון בערן, און זייער טאָכטער גיטל, אַז זיי זאָלן צוקומען אַהין.

— איך גיי, אָבער כ׳וועל גאָרנישט זאָגן — האָט שמעון געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן צו נחמנקען — איך האָב אַפילו חרטה דערויף, וואָס איך האָב בכלל גערעדט צום רב היינט אין דער פרי.

און ער איז אַוועק צום באַלעמער באַגלייט פון אַלעמענס נייגעריקע אויגן און פון געוויסע אומפאַרייַנטלעכע אויסדריקן. אויפן באַלעמער האָט שמעון אַ שטיקל צייט איינגעטענהט מיטן רב. דער רב האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זאָגן דאָ צום עולם אַלץ וואָס ער האָט אים געזאָגט. אָבער שמעון האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין. דערווייל זענען אַרויפגעקומען אויפן באַלעמער אסתר, שמעונס מוטער און גיטעלע. דער שמש האָט זיי געהייסן זיך זעצן אין אַ זייט.

דער רב האָט איצט זיך אויפגעשטעלט און זיך געווענדט צום עולם:

— רבותי, אָט דאָ זיצט שמעון, דער זון פון בערן. ער איז געווען ביי מיר היינט אין דער פרי און האָט מיר דערציילט וואָס עס איז געשען ביי זיי אין הויז, זינט עס איז געקומען צו זיי אלישע מיט זיין טאָכטער. איך האָב אים געבעטן, אַז ער זאָל דאָס דערציילן פאַר אַלעמען דאָ אין שול. איך האָב אייך שוין געזאָגט, אַז ער האָט מיך געפרעגט, צי ער וועט

נישט עובר זיין דערמיט אויפן געבאָט פון כבוד־אָב און אַז איך האָב אים געזאָגט, אַז ניין, ווייל עס האַנדלט זיך אין חילול השם און אין אַזאַ פאַל קוקט מען נישט אויף כבוד־אָב. פאַרקערט, ער וועט נאָך מקיים זיין דערביי אַ מצווה. ווי איר ווייסט אויך, האָב איך געהייסן ברענגען ר׳ בערן אין שול אַריין. אָבער עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז היינט אין דער פרי אַנטלאָפן צוזאַמען מ׳יט דער מויד. איך האָב דעריבער דאָס גבית־עדות אָפּגעלייגט אויף היינט נאָך הבדלה. איצט האָב איך זיך גע־ווענדט צו שמעונען, אַז ער זאָל זאָגן דאָ פאַר אַלעמען דאָס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט היינט אין דער פרי. אָבער שמעון האָט מיר איצט געזאָגט, אַז ער וויל דאָס נישט דערציילן אין דער עפנטלעכקייט. ער זאָגט מיר, אַז ער האָט לכתחילה נאָר געוואָלט דאָס דערציילן מיר אַליין, אָבער נישט בפני כל קהל ועדה. פאַרשטייט זיך, אַז איך קען אים דערצו נישט צווינ־גען. איך וועל דעריבער אַרויסרופן אַהער אַלס עדות ר׳ בערס טאָכטער, גיטל, אַז זי זאָל דערציילן דאָ פאַר אַלעמען וואָס אלישע שאר און זיין טאָכטער חיה האָבן געזאָגט און געטאָן ביי זיי אין הויז, זינט זיי זענען געקומען דאַנערשטיק ביי טאָג ביז זיי זענען היינט אַוועק.

גיטעלע האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע, אָבער געננוג קלאָר, געזאָגט הויך:

— איך וועל טאָן דאָס זעלבע, וואָס מיין ברודער שמעון האָט גע־טאָן. איך וועל נישט דערציילן קיין שום זאַך, וואָס קאָן באַשמוצן מיין פאָטער. אַחוץ דעם האָט שוין מיין ברודער אַלץ דערציילט דעם רב. איך האָב דערצו גאָרנישט צוצוגעבן.

און זי האָט זיך געוואָלט צוריק אַוועקזעצן אויף איר פּלאַץ.

— וואַרט נאָך אַ ווייל — האָט דער פרנס זיך געוואָנדן צו איר — דו קענסט דאָך אָבער אונדז זאָגן, וואָס אלישע שאר און זיין טאָכטער האָבן גערעדט און געטאָן ביי אייך אין הויז. דאָס האָט דאָך מיט דיין טאַטן נישט צו טאָן.

— ניין — האָט גיטעלע אים געענטפערט — דאָס וועט אויך באַ־שמוצן מיין פאָטער, וואָס האָט אַריינגעלאָזט אַזעלכע מענטשן אין זיין הויז.

— און פאַרוואָס האָט טאַקע אייער פאָטער אַריינגעלאָזט אַזעלכע מענטשן אין זיין הויז? — איז דער פּרנס הקהל צו איר צוגעשטאַנען.

— ווייל ער האָט נישט געוווסט וואָס זיי ווילן ריידן אָדער טאָן. ער האָט זיך אַליין נישט פאַרגעשטעלט.

— האָסטו מסכים געווען צו דעם, וואָס זיי האָבן גערעדט אָדער געטאָן ביי אייך אין הויז? — האָט דער רב זי געפרעגט.

— ניין, רבי, ניין! — האָט גיטעלע קאַטעגאָריש געענטפערט.

— האָסטו געטאָן דאָס, וואָס די חצופה האָט דיר געהייסן טאָן? — האָט דער רב זי ווייטער געפרעגט.

— ניין, רבי! — האָט גיטעלע ווידער אים געענטפערט מיט פעסטקייט אין טאָן. — איך האָב אויסדריקלעך איר דערקלערט, אַז דאָס וואָס זי זאָגט, איז פאַלש; אַז דאָס איז קעגן אונדזער תורה; אַז עס איז הוילע אויסגעלאַסנקייט!

— אָבער דאָך ביסטו פון דער היים נישט אַנטלאָפן ווי דיין ברודער האָט געטאָן? — האָט דער פּרנס הקהל זי געפרעגט.

— אַ יידישע טאָכטער קאָן זיך נישט אַרומשלעפן אין די גאַסן — האָט גיטעלע אים לאַקאָניש געענטפערט — איך האָב זיך אָבער פאַרשלאָסן אין אַ זייטיק צימערל און נישט געוואָלט אַרויסקומען מער — האָט גיטעלע געענדיקט.

— גוט, קענסט זיך זעצן! — האָט דער פּרנס הקהל צו איר געזאָגט.

— איצט לאָמיר הערן, וואָס דאָס ווייב פון בערן האָט צו דערציילן. ווי איז אייער נאָמען — האָט דער רב זיך געווענדט צו איר.

— אסתר.

— וואָס קענט איר אונדז דערציילן וועגן דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען ביי אייך אין הויז, זינט אלישע שאר און זיין טאָכטער זענען געקומען צו אייך? — האָט דער רב זיך געווענדט צו איר.

אסתר האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ שטיקל צייט. דערנאָך האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן און זיך געווענדט צום רב:

— רבי, איך בין אַ פשוטע יידענע, אָבער איידער איך גיי ווייטער,

ווײל איך זאָגן, אַז מײַן מאַן איז נישט שולדיק. ער איז פּשוט פאַרפירט געוואָרן פון אלישען און פון דער ווילדער מויד... איך ווייס, אַז מײַן מאַן האָט זיך נישט געריכט דערויף... ער איז נישט קיין פראַנקיסט און ער האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט יענער חברה. ער האָט בלויז געוואָלט, אַז עס זאָלן נישט זײַן קיין מחלוקתן ביי יידן, האָט ער איינמאָל געזאָגט, אַז מען דאַרף זיך אפשר נישט פירן בנוגע זיי אַזוי שטרענג. טאָ מה רעש! וואָס האָט ער דאָס אַזוינס געזאָגט? האָט מען אָבער דאָס אויפגעכאַפּט און אויסגעטײַטשט אַזוי, אַז ער איז איינער פון זיי. אויף דעם סמך האָט מען שוין אָפּגעלאָזן דעם שידוך פון מײַן איינציקער טאָכטער מיט פייגעס זון, נחמנקע, אַ קורצע צייט פאַר דער חתונה. איז דאָס געווען ריכטיק? האָט מען אַזוי געדאַרפט טאָן?

— עס רעדט זיך דאָ נישט וועגן דעם, עס רעדט זיך דערפון, וואָס אלישע שאר און זײַן טאָכטער האָבן געזאָגט און געטאָן ביי אייך אין הויז זינט דאַנערשטיק — האָט דער רב זיך אָנגערופן.

— איך וויל עפּעס פרעגן דעם רב — האָט גיטעלע זיך אָנגערופן.

— פרעג, מײַן קינד — האָט דער רב איר געענטפערט — וואָס ווילסטו פרעגן?

— איז עס אמת, רבי, אַז עס שטייט געשריבן אַז פערציק טעג, איידער אַ מענטש ווערט געבוירן, רופט מען אויס אין הימל מיט וועמען ער וועט חתונה האָבן? ווער עס וועט זײַן זײַן זיווג? מען זאָגט מיר, אַז עס שטייט אַזוי אין דער גמרא.

— יאָ — האָט דער רב איר געענטפערט — עס איז ריכטיק. די גמרא זאָגט אַזוי. אָבער קעגן וואָס פרעגסטו דאָס איצט?

— אַנטקעגן דעם, וואָס מען האָט אָפּגעבראָכן דעם שידוך צווישן מיר און נחמנקען, אַ קורצע צייט פאַר דער חתונה. מיר זענען דאָך אויפגעוואַקסן צוזאַמען. טאָ ווי אַזוי האָט מען דאָס געקאָנט טאָן? ער איז דאָך געווען מײַן זיווג!

— דאָס איז טאַקע אַ באַווייז, אַז ער איז נישט געווען דײַן זיווג, און דערפאַר ווייל ער איז נישט געווען דײַן זיווג, האָט מען מן השמים

אַזוי געמאַכט, אַז עס זאָל נישט זיין קיין חתונה. אָבער דאָס האָט נישט צו טאָן מיטן ענין, וואָס דיין מאַמע דאַרף ענטפערן.

און ווענדנדיק זיך צוריק צו אסתרן, האָט ער צו איר געזאָגט: — וואָס האָט אלישע שאר און זיין טאָכטער געזאָגט און געטאָן ביי אייך אין הויז, זינט דאַנערשטיק ווען זיי זענען געקומען צו אייך? פאַרוואָס טאַקע האָט אייער מאַן זיי גאָר געבראַכט אַהער?

— ווי ווייט איך ווייס, האָט מ׳יין מאַן נישט געמיינט קיין שום שלעכטס דערביי — האָט אסתר גערעדט מיט טרערן אין די אויגן — ער האָט נישט געקענט דעם אלישען און אויך נישט זיין טאָכטער חיה. ער האָט נאָר געהערט וועגן זיי. ער האָט זיך געטראַכט: זאָלן זיי קומען, וועלן מיר הערן וואָס זיי האָבן צו זאָגן. „מען דאַרף נישט מיט זיי מסכים זיין, עס איז אָבער אינטערעסאַנט" — האָט מיין מאַן צו מיר געזאָגט, „איך וויל וויסן, וואָס זיי ווילן". אין אמתן האָט מיין מאַן געוואָלט נאָר ברענגען אַהער אלישען און נישט זיין חצופהדיקע טאָכטער. אָבער אלישע האָט אים געשריבן, אַז ער איז שוין אַלט און קאָן אַליין נישט פאָרן. דעמאָלט האָט מיין מאַן מסכים געווען, אַז ער זאָל קומען מיט זיין טאָכטער. מיין מאַן האָט זיך אָבער נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דער דאָזיקער אַלטער ייד, וואָס איז אַמאָל געווען אַ גרויסער למדן, זאָל רופן יידן צו שמד און אַז זיין טאָכטער זאָל זיך אויפפירן ווי אַ פּראָסטע זונה.

— איר הערט, יידן! — האָט דער פרנס הקהל געזאָגט צום עולם. — איר הערט וואָס די פרוי פון בערן האָט געזאָגט וועגן זיי. איר האָט אַלע געהערט!

— אָבער וואָס איז געווען פרייטיק צו נאַכט? — האָט דער רב ווייטער זי געפרעגט. — וואָס האָט דער אַלטער שאר געזאָגט?

— איך ווייס נישט, רבי — האָט אסתר אים געענטפערט — מיר דוכט זיך, אַז ער איז שוין עובר בטל. ער האָט אַנגעפּלאַפּלט אַזויפיל נאַרישקייטן, אַז עס איז אוממעגלעך עס גאָר צו געדענקען. ער האָט געזאָגט, אַז יעקב פראַנק איז משיח און אַז ער וועט אָפּשאַפן די אַלטע תורה און געבן אַ נייע. דעריבער דאַרף מען זיך שוין איצט נישט האַלטן ביי דער אַלטער תורה, ווייל אַלץ וואָס עס שטייט דאָרטן איז בטל ומבוטל.

— אָט דאָס האָט ער געזאָגט! — האָט דער רב אויסגעשריען — דאַרף מען זיך נישט קריעה רייסן צו הערן אַזעלכע רייד?! אונדזער תורה איז אונדז געגעבן געוואָרן אויפן באַרג סיני, מן השמים, און וועט קיינ־מאָל נישט בטל ווערן, דורך קיינעם נישט! יידן דאַרפן דאָס אַלעמאָל געדענקען.

— און וואָס האָט די טאָכטער געזאָגט אָדער געטאָן? — האָט דער פּרנס זי ווייטער געפרעגט.

— זי האָט געפּלאָפּלט די זעלבע נאַרישקייטן וואָס איר פאָטער און געזאָגט גאַנצע שטיקער פון „זוהר", וואָס קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען — האָט אסתר געענטפערט. — זי האָט זיך אויסגעלערנט צו זאָגן אַזעל־כע שטיקלעך פון „זוהר", כדי צו פאַרבלענדן די אויגן.

— איז עס אמת, אַז זי האָט זיך אויסגעטאָן נאַקעט און געהייסן אַלעמען אַזוי טאָן? — האָט דער פּרנס הקהל זי ווייטער געפרעגט.

— ס'איז אמת! זי האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אירע קליידער און געזאָגט, אַז לויטן „זוהר" דאַרף מען אַזוי טאָן און געהייסן אַלעמען, אַז זיי זאָלן איר נאָכטאָן.

— האָט מען איר געפאָלגט?

— בלויז אַ טייל. נישט אַלע.

— און וואָס איז וועגן אייער מאַן? — האָט דער פּרנס איר אַלץ נישט אָפּגעלאָזן.

— עס איז אַזוי געווען. דאָנערשטיק ביינאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, קומט צו צו מיר די מויד און זאָגט מיר, אַז לויטן „זוהר" דאַרף זי שלאָפן מיט מיין מאַן און איך דאַרף שלאָפן אַנדערשוואו. ווען איך האָב זי אָנ־געקוקט מיט פאַרוואונדערונג, איז באַלד צוגעקומען איר פאָטער און מיר געזאָגט, אַז אַלץ וואָס זיין טאָכטער חיה זאָגט מיר, זאָל איך פאָלגן: אַז נישט, קאָן נאָך אַרויסקומען אַ גרויס אומגליק אויף יידן. בין איך אַוועק שלאָפן אַנדערש־ווו און זי איז געשלאָפן ביידע נעכט מיט מיין מאַן. אָבער שבת אין דער פרי זענען זיי ביידע אַוועק, נישט זאָגנדיק מיר קיין וואָרט. איך באַשולדיק אָבער נישט אים, נאָר איר. עס איז איר שטיקל אַרבעט, די מכשפה, די לילית. זי האָט אים פאַרפירט. איך בין אָבער זיכער, אַז

ער וועט צו מיר צוריקקומען. ער וועט זיך באַפרייען פון איר און קומען צוריק צו מיר און וועט נאָך מיך איבערבעטן. — און זי האָט זיך ווידער שטאַרק צעוויינט.

— גענוג שוין, גענוג שוין וויינען! — האָט דער פרנס צו איר געזאָגט — מיר האָבן שוין געהערט פון אייך אַלץ, וואָס איר האָט געהאַט צו דערציילן וועגן זיי, זעצט זיך!

— אָבער וואָס איז וועגן די מענטשן, וואָס זענען געווען ביי זיי אין הויז, פרייטיק צו נאַכט? ווער זענען זיי? — האָט דער רב זיך אָנגערופן.

— די מענטשן זענען אומשולדיק — האָט גיטעלע אים געענטפערט.

— דער טאַטע האָט זיי אַריינגערופן. זיי האָבן אַפילו נישט געוווסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. טאָ פאַרוואָס דאַרף מען זיי באַשמוצן?

— מען דאַרף וויסן ווער זיי זענען, כדי צו דערמאָנען זיי, אַז זיי דאַרפן תשובה טאָן — האָט דער רב איר געענטפערט.

— איך זע נישט אַ צווק צו וואָס דאַרף מען זיי דאָ דערמאָנען — האָט גיטעלע זיך געשטעלט קעגן רב, — אויב עמיצער פון זיי וועט וועלן תשובה טאָן, קאָן ער גיין צום רב און ער וועט קריגן אַ תשובה. אויב ווידער איינער וויל נישט תשובה טאָן אָדער ער זאָגט, אַז ער האָט נישט אויף וואָס תשובה צו טאָן, איז נישט. צו וואָס דערמאָנען דאָ זייערע נעמען? איך וועל דעריבער זייערע נעמען נישט אָנרופן און אַזוי וועט אויך נישט טאָן קיינער פון אונדזער משפחה.

— נו, אויב איר ווילט נישט זאָגן, איז פאַרפאַלן — האָט דער רב געזאָגט מיט אַ בייזן טאָן. און אין דער שול איז איינגעטראָטן אַ שטילקייט פון דערוואַרטונג. אַלע האָבן געוואָלט וויסן וואָס עס וועט ווייטער זיין.

## 15

באַלד האָט דער רב זיך אַריבערגעבויגן צום פרנס הקהל און אים עפעס געזאָגט אויפן אויער. דער פרנס הקהל האָט דערנאָך אויסגערופן:

— דער רב בעט יעדן איינעם, וואָס איז געווען ביי ר' בערן אין הויז פרייטיק צו נאַכט, זיך אָנצורופן, כדי מען זאָל וויסן צו פאַרשרייבן עס אין **פנקס הקהל**.

נאָך אַט דער מעלדונג איז אין דער גרויסער שול געוואָרן נאָך אַ שטאַרקערע מוראדיקע שטילקייט, וואָס האָט ממש געדריקט איבער אַלע־מענס קעפּ און אַלע האָבן אָנגעשפּיצט זייערע אויערן צו הערן ציִ עמיצער וועט זיך אָנרופן און זאָגן, אַז ער איז שולדיק. אָבער די מינוטן, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי אייביקייטן, זענען אַריבער און קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געגעבן. דער פּרנס הקהל האָט שוין אומרואיק געגעבן אַ קלאַפּ אין באַלעמער אַריין און אויסגעשריען:

— קיינער רופט זיך נישט אָפּ? קיינער נישט? קיינער וויל זיך נישט מודה זיין?

פון דער טיפעניש פון דער שול האָט זיך דערהערט אַ שטילע שטימע:

— איך...

דער פּרנס הקהל האָט געווענדט זיין געזיכט אַהין.

— ווער איז דאָס? ווער רעדט דאָ און וואָס ווילסטו זאָגן?

— איך בין יוסף, דער זון פון ר׳ אהרן הללס — איז די שטימע געוואָרן שטאַרקער — איר האָט אַלע געקענט מיין פאָטער ר׳ אהרן הללס. ער איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ גרויסער ירא שמים. איך בין זיין עלטסטער זון, יוסף.

— וואָס ווילסט זאָגן, יוסף? — האָט דער רב זיך שוין געווענדט צו אים — קום נענטער. לאָמיר דיך הערן.

— איך וויל בלייבן אויף מיין פּלאַץ — האָט יוסף שוין העכער גערעדט — איך וויל זאָגן, אַז איך בין געווען ביי ר׳ בערן אין הויז פריי־טיק צו נאַכט.

— דו ביסט דאָרטן געווען? — האָט דער פּרנס אים איבערגע־פרעגט — דו אַליין?

— ניין, אויך מיין ווייב און מיין עלטסטע טאָכטער, דאָס כלה־מיידל קיילע פון אַכצן יאָר.

— און דו האָסט חרטה? דו ווילסט אַ תשובה דערויף? — האָט דער רב אים געפרעגט — פאַר דיר און פאַר דיין הויזגעזינד?

— ניין, רבי, איך האָב נישט חרטה און איך וויל אויך נישט קיין תשובה.

די גאַנצע שול האָט זיך איצט ווי געוויגט הין און צוריק. אַלע ווי איינער האָבן געמורמלט: „ער וויל נישט תשובה טאָן, איר הערט?"

— דו ווייסט, אַז דו האָסט געזינדיקט און ווילסט נישט תשובה טאָן? — האָט דער רב כמעט ווי געשריען צו אים מיט אַ באַהאַלטענעם כעס.

— איך האָב נישט געזינדיקט, רבי — האָט יוסף צוריק געענטפערט דעם רב מיט אויפרעגונג אין זיין שטימע — אויך מיין ווייב און מיין טאָכטער האָבן נישט געזינדיקט. עס איז אמת, זיי האָבן זיך אויסגעטאָן נאַקעט, ווען די מויד האָט זיי אַזוי געהייסן טאָן.

— ער איז אַ פושע, עוכר ישראל! — האָט אַ שטימע זיך געטראָגן פון אַ ווייטן ווינקל.

— מען דאַרף אים לייגן אין חרם אַריין! — האָט זיך געהערט אַ שטימע פון אַן אַנדער אָרט.

— מען דאַרף די אַלע, וואָס זענען דאָרטן געווען עוקר מן השורש זיין — האָט זיך געהערט אַ דריטע שטימע.

— זאָל זיין שטיל! — האָט דער רב זיך געבעטן.

דער אויפגעשטורעמטער עולם האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט און דער רב האָט געבעטן דעם שמש, אַז ער זאָל קלאַפּן אין בעלעמער אַריין און רופן, אַז עס זאָל זיין שטיל, ווייל ער, דער רב, וויל זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

ווען עס איז געוואָרן שטילער האָט דער רב זיך געווענדט צו יוסף ר' אהרן הללס און אים געפרעגט:

— זאָג מיר, יוסף, פאַרוואָס מיינסטו, אַז דו האָסט נישט געזינדיקט? און אויך נישט דיין ווייב און טאָכטער? ווייסטו דען נישט, אַז דאָס איז געווען אַן אמתע עבודה זרה, אַז אַזוי האָט מען דאָך פאַרצייטנס געדינט צו די פאַרשיידענע אָפּגעטער, ווי זיי האָבן דאָרטן געהייסן, דער בעל פעור און די אַנדערע?

— רבי — האָט יוסף זיך אָנגערופן — איך וויל עפּעס זאָגן, וואָס עס ליגט מיר שוין לאַנג אויפן האַרצן. אָבער כ'וויל, אַז מען זאָל מיך לאָזן אויסריידן; אַז מען זאָל מיך נישט איבעררייסן.

— דו קענסט ריידן, יוסף. איך וועל זען, אַז מען זאָל דיך נישט אי־בערשלאָגן און נישט איבעררייסן. זאָג, וואָס דו ווילסט זאָגן. זאָג דאָס, וואָס עס ליגט דיר שוין לאַנג אויפן האַרצן.

— רבי — האָט יוסף אָנגעהויבן — מיר האָבן איצט שוין דאָס יאָר תקמ״ח, עס איז שוין אַ קיימאַ־לן פון 140 יאָר זינט גזירת ת״ח. מיין עלטער־עלטער־עלטער זיידע איז דעמאָלט אומגעקומען אין דער גרויסער שחיטה אין טולטשין, ווען די קאָזאַקן האָבן באַלאַגערט די שטאָט און דער גראַף טשעטווערטינסקי, וואָס האָט געהאַט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט די יידן, האָט זיי פאַרראַטן און זיי אויסגעליפערט צו די היידאַמאַקעס. מיין עלטער־זיידע איז געווען אין דער גרויסער שול, ווען דער ראש ישיבה ר׳ אהרן האָט גערופן אַלע יידן צו שטאַרבן בעסער אויף קידוש השם און אַלע האָבן אויסגעשטרעקט זייערע העלדזער צו דער שחיטה. דער עלטס־טער פון די קאָזאַקן האָט דעמאָלט געזאָגט צו די יידן, אַז ווער עס וויל זיך שמדן, וועט געראַטעוועט ווערן, אָבער קיינער האָט זיין פאַרלאַנג נישט דערפילט און פונקט אַזוי ווי אין נעמיראָוו, זענען אַלע יידן — מענער, פרויען און קינדער — אומגעקומען אויף קידוש השם. פופצן הונ־דערט נפשות אין איין טאָג בלויז! איצט, ווידער, זיין זון, מיין עלטער־זיידע, איז אומגעקומען אין דעם בלוט־בלבול אין זאַסלאַוו מיט 50 יאָר צוריק. ער איז געווען דער פרנס הקהל און מען האָט אים פאַרמשפט צו־זאַמען מיטן רב, חזן און שמש. מען האָט געשניטן שטיקער פון זיין לייב לעבעדיקערהייט — אַזוי, אַז ער האָט שוין געבעטן דעם טויט אויף זיך.

מיין זיידע, ווידער, איז אומגעקומען ערשט מ׳ט צען יאָר צוריק פון די גאַנטאַ־מחנות אין טעטיעוו (קיעווער גובערניע), און אַזוי זענען אויך נאָך פיל אַנדערע מיטגלידער פון מיין משפחה אומגעקומען פאַר גאָטס נאָמען, צוזאַמען מיט פיל אַנדערע יידן. וויל איך פרעגן דעם רב, אַז ער זאָל מיר זאָגן, צי ס׳איז אַזוי ריכטיק? פאַרוואָס טוט גאָט אַזוי? פאַרוואָס קומט אונדז דאָס אַלץ?

יוספס שטימע איז געוואָרן איצט שטאַרקער, נערוועזער און אויך הייזעריקער:

— רבי, איך וויל פרעגן נאָר איין קשיא. עס שטייט געשריבן:

„השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" דער וואָס משפּט די גאַנצע וועלט זאָל נישט טאָן גערעכטיקייט? אָט דאָס פרעג איך איצט ביי אייך, רבי: ווו איז גאָטס משפט? פאַרוואָס קומט עס אונדז, יידן, אַזעלכע יסורים? פאַרוואָס זאָלן די גויים אויסשעכטן פרומע יידן, וואָס זיצן און לערנען און דינען גאָט? ווו איז דער צדק, די ערלעכקייט, דער יושר?

— אָט דערפאַר, רבי, בין איך געגאַנגען הערן וואָס אלישע האָט צו זאָגן. כ'האָב זיך געטראַכט: אפשר האָט ער אַן ענטפער? אפשר וויס ער? און אָט דערפאַר זענען אים געגאַנגען הערן אַ סך אַנדערע יידן און אפשר דערפאַר האָט ער געהייסן, אַז מען זאָל פאַרוואַרפן די תורה, וואָרום וואָס קומט אַרויס, אַז מען לערנט, אַז מען דאַוונט און מען איז פרום? מען ווערט געשאָכטן סיי ווי סיי ווי די לעמער. טאָ צו וואָס דאָס אַלץ? צו וואָס, רבי, צו וואָס? אָט דערפאַר, רבי, האָב איך זיי געהייסן אויסטאָן זיך. יאָל זיין אַנדערש! שוין גענוג געווען פרום! שוין גענוג צניעות! אויב ערלעכקייט טויג נישט, אויב פאַר צניעות קומט דער טויט, זאָל זיין אויס דערמיט; אויס תורה; אויס צניעות! זאָל זיין פאַרשייטקייט!

ווען יוסף איז שטיל געוואָרן, האָט די שול געקאָכט ווי אַ קעסל און אַלע האָבן גערעדט. קעגנזעצלעכע שטימען האָבן זיך געטראָגן. אַ טייל האָבן געזאָגט: „ער איז גערעכט!" אַנדערע ווידער: „מען דאַרף אים פאַר־שטיינערן!" איינער האָט געשריגן: „ער האָט געזאָגט דעם אמת!" און אַן אַנדערער האָט אים געענטפערט: „ער איז אַ פראַנקיסט", „אַ שבתי צבי־ניק"!

דער שמש פון שול האָט אויפן פאַרלאַנג פון רב געהאַלטן אין איין קלאַפּן אין באַלעמער, ביז דער עולם האָט זיך גענומען באַרואיקן. לסוף איז געוואָרן שטיל און דער רב האָט אָנגעהויבן:

— רבותי, איר האָט געהערט וואָס די צווי שליחים פון יענער חברה האָבן אָפּגעטאָן דאָ, ביי אונדז, אין משך בלויז פון צוויי טעג. איך וויל דעריבער ריידן צו אייך און וואָרענען אייך קעגן זיי, כדי אַזעלכעס זאָל מער ביי אונדז נישט קענען פאַסירן.

רבותי, שוין 23 יאָר ווי עס בושעווען ביי אונדז אָט די בני השטן, די פושעים און עוכרים, וועלכע זענען ערגער נאָך ווי גויים. איך געדענק,

אַזוי ווי היינט, ווען אַט די מגפה האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס איז געווען נאָך אין יאָר תקט״ו. דעמאָלט האָט זיך געיאַוועט אַ גראָבער יונג, אַ וויס־טער עם־הארץ, וואָס האָט געהייסן לייבאָוויץ. אַ שיק־ייִנגל אין בוקאַ־רעשט, וואָס האָט שפּעטער זיך געדרייט ביי די שבתי־צביניקעס ימח שמם און איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער מנהיג. איך געדענק ווי ער איז געקומען קיין פּאָדאָליע און מיט וואָס פאַר אַ כבוד מען האָט אים דאָרטן אויפגע־נומען. מען איז דעמאָלט געווען פאַרנאַרט אין אים. וואָס דאַרפט איר מער, אַפילו עטלעכע גרויסע רבנים זענען פאַרפירט געוואָרן, ווי למשל, דער רב ר׳ יהודה לייב קריסא פון נאַדוואָרנאַ, דער רב ר׳ נחמן בליי פון בריסק און טאַקע דער אלישע שאר אַליין, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן. באַלד אָבער האָט מען זיך געכאַפּט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גראָבן יונג, מיט אַ וויסטן עם־הארץ און דערצו אַ שווינדלער, וואָס שטעלט זיך פאַר אַלס משיח. דאָס איז געווען אין דער שטאָט לאַנקאָראָן. אָט דאָרטן האָט מען אים געכאַפּט טאַנצן מיט אַ נאַקעטער פרוי. מען האָט באַלד גערופן די פּאָליציי, וועלכע האָט אים און אַלע זיינע תלמידים אַרעסטירט. אָבער דערנאָך האָט מען אים געמוזט אַרויסלאָזן פריי, ווייל ער איז געווען אַ טערקישער אונטערטאַן. זינט דעמאָלט האָבן מיר פון דעם דאָזיקן ביליקן נפש נאָך קיין מנוחה נישט געהאַט. ער האָט זיך גע־נומען חברן מיט די כומרים און זאָגן זיי, אַז ער איז נוטה צו זייער אמונה און האָט געמאַכט בילבולים אויף יידן. דאָס האָט געפירט דערצו, אַז אַלע גרויסע רבנים האָבן אַרויסגעגעבן אַ חרם אויף אים און זיין כת אין דער שטאָט בראָדי. אָבער ער האָט זיך נוקם געווען און געצוווּנגען די רבנים צו האָבן אַ וויכוח מיט אים און אַז די כומרים זאָלן זיין דער־ביי. די פראַנקיסטן האָבן די רבנים געשטעלט בכיוון פראַגן וועגן דער קריסטלעכער אמונה, אויף וואָס מיר האָבן נישט געקענט ענטפערן אַזוי ווי מיר האָבן געוואָלט, צוליב די כומרים, און דעריבער האָבן זיי געוווּ־נען. זיי האָבן דאַן געמאַכט אַ מסירה, אַז דער תלמוד רעדט קעגן דער קריסטלעכער אמונה און האָבן געפועלט, אַז מען זאָל דעם תלמוד פאַר־ברענען. איך געדענק נאָך גוט יענעם טרויעריקן טאָג, ערב ראש חודש כסלו שנת תקי״ח, ווען זיי האָבן אויסגעפירט אַז מען זאָל פאַרברענען די

הייליקע גמרות אויפן פייערהויפן אין מיטן שטאָט. איך געדענק, אַזוי ווי היינט, ווי די דאָזיקע אויסוווּרפן זענען אַרומגעלאָפן איבער די יידישע הייזער, געכאַפּט די גמרות און געוואָרפן זיי אויפן פייער, ימח שמם וזכרם.

זינט דעמאָלט איז מיט זיי שוין פיל געשען. זייער פירער איז שוין געזעסן פאַרשפאַרט אין תפיסה 13 יאָר און נאָר מיט שווינדל האָט ער זיך פון דאָרט אַרויסגעקריגן. איצט איז ער דער ראש פון זיין שמד־חברה אין אַ שטאָט אין דייטשלאַנד, וואָס הייסט אָפּענבאַך. דאָרטן טוען זיי אַפּ כל דבר אסור סיי ער און סיי זיין חצופהשע טאָכטער. זיי טוען כלערליי מעשים תעתועים, און יעדן איינעם, וואָס קומט אַהין, רעדט מען צו צו שמדן זיך. וואָס דאַרפט איר מער, אָט דער אַלטער אלישע האָט אַליין געפירט זיינע צוויי זין, צוויי גוטע לערנער און ווילע בחורים, צו שמד, צום ערשטן זיין זון שלמה און דערנאָך זיין זון נתן. און וואָס מיינט איר וועט זיין דער סוף פון זיין טאָכטער, די חצופה? אויך זי וועט זיך שמדן און דאָס זעלבע וועט אויך טאָן דער אַלטער אַליין. דאָס זענען אַזעלכע שמדניקעס, וואָס פאַר זיי איז ווייניק צו שמדן זיך אַליין, נאָר ווי אַמאָל ירבעם בן נבט, דאָס זענען חוטאים ומחטאים את הרבים...

איצט, רבותי, האָט איר אַלע געהערט וואָס יוסף־אַהרן הללס האָט דאָ דערציילט. איך בין צופרידן וואָס ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן דאָ אין שול פאַר אונדז אַלע. ער האָט זייער גוט געטאָן.

איך בין איינער פון אייך אַלע, רבותי, וואָס אין מיין משפחה האָבן די ווילדע אכזרים אויסגעהאַקט די שענסטעביימער און אומגעבראַכט די סאַמע איידלסטע מענטשן. עס רייסט דאָס האַרץ און עס וויינט אין מיר די נשמה. אָבער קען מען דען פרעגן קשיות אויפן רבונו של עולם? פאַר־שטייען מיר דען זיינע וועגן? איז דען דאָס די איינציקע זאַך, וואָס מיר ווייסן נישט? מיר ווייסן דאָך גאָרנישט! וואָס ווייסן מיר פון גאַנג פון דער זון, די לבנה און די שטערן? אָדער צוליב וואָס ער, ברוך הוא, האָט געשאַפן די וועלט? צו וואָס אייגנטלעך די גאַנצע בריאה מיט דעם מענטש, חיות און עופות, מיט די פיש אין די ימים און מיט אַלע אַנדערע ברוּ־אים? וואָס ווייסן מיר דען? אונדזערע חכמים האָבן אָבער אונדז געגעבן איין ענטפער צו דעם אַלעם, וואָס מיר מוזן שטענדיק געדענקען, און

דאָס איז, אַז „צדיק ה׳ בכל דרכיו״, גאָט איז גערעכט אין אַלע זיינע וועגן. אָדער ווי משה רבינו האָט אונדז געלערנט: „הצור תמים פעלו כי כל דרכיו משפט אל אמונה ואין עול, צדיק וישר הוא״, דער אויבערשטער איז גאַנץ אין זיינע מעשים. אַלע זיינען וועגן זענען גערעכטיקייט, ער איז אַ באַגלויבטער גאָט, אַן ערלעכער און אַ גערעכטער. אָט דאָס איז דעם יידנס אמונה. פאַרוואָס טוט דער רבונו של עולם אַזוי פיל שלעכטס צו זיין פאָלק? דאָס ווייסן מיר נישט, מיר מוזן אָבער גלויבן, אַז ער, ברוך הוא, ווייס וואָס ער טוט.

דעריבער קען נישט זיין קיין ענטפער דערצו, ווי עס זאָגן אונדז איצט די האַלבע און גאַנצע משומדים פון פראַנקס חברה, אַז מען זאָל פאַרלאָזן די תורה און זיך אויפפירן פאַרשייט. וואָרום וואָס וועט דאָס דען העלפן? וואָרום אפשר איז עס גאָר פאַרקערט? אפשר צאָרנט גאָט אויף אונדז דערפאַר, וואָס מיר האָבן נישט אָפּגעהיט די תורה געגנוג און נישט געפירט זיך לויט זיינע געבאָטן? אויב אַזוי וועט דאָך נאָך השם יתברך נאָך מער צאָרנען, אויב מען וועט פאַרלאָזן זיין תורה און אויפ־פירן זיך אויסגעלאַסן!

אָבער, רבותי, אויף איין זאַך ווייַנט מיין האַרץ און עס קען זיך בשום אופן נישט איינשטילן. און דאָס איז אויף די שפלות פון מין מענטש, אויף דערויף, וואָס דערט מענטש איז אַזוי טיף געפאַלן, אויף די אכזרישע טויטן, מיט וועלכע עס זענען אומגעקומען די שענסטע יידן פון מיין מש־פחה, רבנים, צדיקים און גאונים. פיל פון זיי האָט מען פשוט צעשניטן לעבעדיקערהייט; ביי פיל פון די ווייבער האָט מען געריסן די הויט פון זייערע לייבער, שטיקערווייז; נאָך אַנדערע האָט מען אַוועקגעלייגט אויף הייסע קוילן און זיי געלאָזט אויסגיין מיט אַ לאַנגזאַמען טויט; און אַנ־דערע ווידער האָט מען אַריינגעוואָרפן אין קעסלען הייס וואַסער, מען האָט אויפגעשניטן ביי פרויען די בייכער, אַריינגעלייגט אין זיי לעבעדי־קע קעץ און צוריק פאַרנייט, און נאָך אַנדערע מינים מיתות משונות.

אין דער ווייבער־שול האָט זיך איצט דערהערט אַ געוויין, וואָס איז ביסלעכווייז אַריבער צו אַלעמען און צו דער מענער־שול אויך. עס איז געוואָרן אַ כליפּעריי.

— ...על זה ידאב לבי — האָט דער רב ווייטער גערעדט מיט טרערן אין זיין קול — אויף דערויף וואָס פון מענטש איז געוואָרן אַ חיה רעה, דערויף וואָס דער, וואָס איז געשאַפן געוואָרן בצלמו, האָט פאַרלוירן דעם צלם אלקים... רבונו של עולם, ווי אַזוי האָט דאָס געקענט געשען? ווי אַזוי האָבן גוטע שכנים, מיט וועלכע מיר האָבן געלעבט יאָרן־לאַנג צו־זאַמען, געהאַנדלט מיט זיי און מיט זיי פאַרקערט, ווי אַזוי האָבן זיי גע־קענט פלוצים ווערן אַזוי ווילד, ווערן ערגער נאָך ווי חיות אין וואַלד?!... ווי אַזוי?!

איבערן שול טראָגן זיך איצט פאַרשטיקטע געוויינען, קרעכצן און זיפצן.

דאָס קול פון אַלטן רב הערט זיך באַלד ווידער:

— איך וויל ענדיקן, רבותי. איך וויל אייך זאָגן, אַז איר זאָלט נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט קיינעם פון דער חברה. איר זאָלט נישט שטיין אין זייערע ד' אמות און נישט אויסהערן זייערע רייד. איר זאָלט נישט זיין אין אַ הויז, ווו ס'איז פאַראַן עמיצער פון זיי, אַ זכר צי אַ נקבה, און אויב עס וועט קומען אַהער איינער פון זיי, זאָלט איר מיר עס באַלד לאָזן וויסן, אָדער דעם פּרנס הקהל. און דו, יוסף, דער זון פון אהרון־הלל און זיין משפחה און אויך די אַלע אַנדערע, וואָס זענען גע־ווען דעם פרייטיק־צו־נאַכט דאָרטן, אין יענעם הויז, און געהערט זייערע רייד און פאַראומרייניקט געוואָרן פון זייערע מעשים, זאָלן קומען צו מיר צוזאַמען און איך וועל זיי אַרויסגעבן אַ תשובה.

איצט, רבותי, דאַרפט איר וויסן, אַז אויף די מעשים תעתועים, וואָס עס זענען געשען אין אונדזער שטאָט, דאַרפן מיר אַלע תשובה טאָן. עס איז אַ חטאת הקהל. די גמרא זאָגט: „ידו של הקב"ה פרושה לקבל בעלי תשובה", די האַנט פון רבונו של עולם איז אָפן אויפצונעמען בעלי תשובה. בין איך דעריבער גוזר אַ תענית קהל אויף קומענדיקן מאָנטיק אי"ה, כדי עס זאָלן פאַרגעסן ווערן אונדזערע זינד, און אַז די אַלע, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין די מעשים תעתועים פון היינטיקן פרייטיק־צו־נאַכט, וועלן קומען צו מיר, וועל איך זיי אַרויסגעבן אַ באַזונדערע תשובה, און אין דעם זכות וועלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה, ובא לציון גואל ונאמר אמן".

ווען דער רב האָט געענדיקט, האָט דער גאַנצער עולם זיך געלאָזט צו די טירן. ווידעראַמאָל איז געוואָרן אַ שטופעניש און אַ געדרענגעניש. דער שמש פון בית המדרש האָט געהאַלטן אין איין שרייען, אַז מען זאָל אַרויסגיין פּאַמעלעך און זיך נישט שטופּן, אָבער קיינער האָט אים נישט געהערט. אין דעם געדרענג איז אויך אַרויסגעקומען פריער אסתר און נאָך איר גיטעלע. שמעון ווידער האָט זיך צוגעשטופּט צו נחמנקען.

— כ'בין צופרידן, וואָס עס איז שוין אַריבער! — האָט שמעון אין דער שטיל געזאָגט צו נחמנקען.

— איך אויך! כ'פאָר מאָרגן באַלד אין דער פרי צוריק קיין מעדוועדעווקע, ווו איך וועל זיך אָפּגעבן אינגאַנצן מיט זיך אַליין. כ'וועל פּרוּבירן גובר זיין אין מיר אַלע אַנדערע נייגונגען און שטעלן די קדושה פון צדיק איבער אַלעם.

— דו מיינסט צו זאָגן?... — האָט שמעון נישט פאַרענדיקט זיין פראַגע.

— יאָ, נחמנקע, איך פאַרשטיי וואָס דו מיינסט. אָבער כ'האָב באַשלאָסן, אַז נישט... עס איז טאַקע דיין שוועסטער און זי איז מיר געווען אַלעמאָל אַזוי נאָענט און טייער... אָבער כ'מוז גיטעלען פאַרגעסן... זי שטייט מיר אין וועג אויפן וועג צו קדושה... צו העכערע בחינות... יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט פון איר, פאַל איך אַראָפּ עטלעכע מדרגות... זי שלעפּט מיך אַרונטער... איך הייב דעמאָלט אָן צו טראַכטן פון איר און פון — תאווה... איך ווייס, אָבער זי איז דאָך יצר־הרע... און אפשר איז זי אונטערגעשיקט גאָר פון ליליתן גופא...

— צו וואָס טויג דאָס טראַכטן פון איר, נחמנקע, אַז אַנדערש קען דאָך שוין סיי־ווי נישט זיין! דו האָסט אַ ווייב און גטן ווערסטו איר נישט. טאָ וואָס טויגן דיר בכלל אָט די מחשבות? צו וואָס קען עס דען דערפירן!

— ריכטיק, שמעון! ווי זאָגסטו, צו וואָס קען עס דערפירן? איך וועל איבעררייסן איצט מיט דעם אַלעם. איך פאָר צוריק אַהיים אָן אַנדערער.

— און איך, נחמנקע, וועל אַרויסהעלפן מיין מאַמען און אויך גי־

טעלען נאַכדעם ווי דער טאַטע איז נישטאָ. מיין מאַמע איז דאָך איצט אַן עגונה און גיטעלע איז ווי אַ יתומה. איך מוז עפּעס טאָן פאַר זייביידע.

— גוט אַזוי, שמעון. טו טאַקע וואָס דו קענסט פאַר זיי ביידע און זע, אַז זיי זאָלן אויך נישט אַריינפאַלן אין דער נעץ, וואָס די טומאה האָט אויסגעשפּרייט פאַר זיי. זיי געזונט, שמעון, און אויב דו דאַרפסט מיך, שרייב מיר אַ בריוול, אָדער קום אַריבער צו מיר. עס איז דאָך נישט ווייט.

— כ'וועל אַזוי טאָן — האָט שמעון געענטפערט — פאַר געזונט־טערהייט!

— זיי געזונט, שמעון — האָט נחמנקע אים געגעבן די האַנט און איז אַוועק אין אַן אַנדער ריכטונג.

שמעון האָט זיך איצט גענומען שפּאַרן צווישן עולם, כדי צו דער־יאָגן זיין מאַמען. נחמנקע ווידער האָט זיך געלאָזט גיין אין דער גאַס וואָס פירט צום הויז פון זיינע עלטערן. פּלוצים האָט ער אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט געהערט אַ קול, וואָס האָט גערופן צו אים:

— נחמנקע!

— ווער איז דאָס?

— איך, גיטעלע.

— האָסט געוואַרט אויף מיר?

— יאָ.

— צוליב וואָס?

— כ'וויל ריידן מיט דיר.

— עס איז נישטאָ וואָס צו ריידן, גיטעלע. עס איז שוין אַלץ אָפּ־גערעדט.

— וואָס מיינסטו דערמיט צו זאָגן, נחמנקע?

— איך מיין אָט דאָס, וואָס איך זאָג.

— דו האָסט געהערט וואָס דער רב האָט מיר געענטפערט אויף מיין פראַגע?

— געהערט.

— נו, און וואָס זאָגסטו?

— ער איז גערעכט.

— ווער איז גערעכט? דער רב איז גערעכט? מיר דוכט זיך, אַז דו האָסט מיר געהאַט אַמאָל געזאָגט גאָר אַנדערש.

— יאָ, כ׳האָב אַזוי געמיינט, אָבער ס׳איז געווען אַ טעות.

— אַ טעות, ניין, קיינמאָל נישט. איך וועל אַלעמאָל טראַכטן וועגן דיר, ביז מען וועט מיר לייגן שערבלעך אויף די אויגן.

— דו מיינסט צו זאָגן, אַז דו וועסט נישט חתונה האָבן?

— און דו מיינסט מיר צו זאָגן, אַז צווישן אונדז איז אַלץ אויס?

— אַזוי זעט עס אויס! — האָט נחמנקע איר געענטפערט.

— נחמנקע! ווי דו רעדסט עפּעס איצט! גיב מיר דיין האַנט! — האָט גיטעלע צו אים געזאָגט מיט אַ געבעט אין איר שטימע.

— בעסער נישט.

— פאַרוואָס?

— ווייל כ׳האָב מורא... ווייל עס איז זינד... איך האָב דאָך אַ ווייב... עס איז יצר־הרע... און ווער ווייס, אפשר ביסטו אונטערגעשיקט פון לי־ליתן... גיי בעסער אַוועק פון מיר!... כ׳וועל מער נישט טראַכטן פון דיר... כ׳וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיר מבלבל זיין מיינע רעיונות... ווייל יעדעס מאָל וואָס כ׳טראַכט פון דיר, נעם איך אַרונטערגיין אין די בחינות... — און נחמנקע האָט גענומען שפּאַנען ווייטער.

— אויב דו רעדסט אַזוי, וועל איך חתונה האָבן מיט אַ פראַנקיסט און זיך נאָך שמדן אויך, דיר אויף צו להכעיס! — האָט גיטעלע אים נאָכגעשריגן מיט כעס און באַלד זיך צעוויינט הויך אויפן קול אַזוי. אַז ער האָט געהערט איר וויינען די גאַנצע צייט, ביז ער איז אַריין אין הויף פון זיינע עלטערן, און דעמאָלט האָט ער זיך אויך צעוויינט...

(סוף פון ערשטן טייל)

צווייטער טייל

# אין קאַמף מיט זיך אַליין

## 16

גיטעלע און שמעון זענען געווען די לעצטע צוויי קינדער, וואָס זענען געבליבן ביי אסתרן נאָך ניין געבורטן. ניין מאָל איז די דאָזיקע פּשוטע, אָבער גוטהאַרציקע אסתר געלעגן אין קימפּעט מיט פינף ייִנגלעך און פיר מיידלעך. אָבער זיבן פון זיי האָבן זיך נישט געהאַלטן. פיר ייִנגלעך און דריי מיידלעך האָבן זיך אָפּגעטראָגן באַצייטנס; אַ טייל נאָך אַ האַלב יאָר, אַנדערע נאָך אַ יאָר און צוויי נאָך אַ יאָר און אַ האַלב.

ווען גיטעלע איז געבוירן געוואָרן, איז מען געפאָרן צו אַלע רביים און מען האָט איר אָנגעטאָן כלערליי קמיעות. ווען שמעון איז געקומען נאָך איר האָט מען אים אַפילו די ערשטע זיבן יאָר געהאַלטן אין לייוונט־ווייסע קליידער, ווייל אַזוי האָט אַ גוטער ייִד געהייסן. עס איז אסתרן גאָרנישט געפאַלן צו שווער כאָטש אויפצודערציען די צוויי קינדער. ר׳ בער האָט אַפילו געקוקט קרום אויף די אַלע „זאַבאַבאָנעס", אָבער אסתר האָט צו אים געזאָגט מיט אַ שאַרפן טאָן:

— איך וועל טאָן אַלץ אין דער וועלט צו דערהאַלטן מיינע לעצטע צוויי קינדער, מעג עס דיר יאָ געפעלן אָדער נישט! דו מעגסט לאַכן פון מיר וויפל דו ווילסט... עס מעג זיין ביי דיר נאַרישקייטן, אָבער איך וועל אַלץ טאָן, וואָרום אויב נישט די צוויי קינדער, האָב איך נישט מער נאָך וואָס צו לעבן.

גיטעלע איז געקומען אַ יאָר און אַ האַלב פאַר שמעונען. אָבער שוין קליינערהייט האָט זי קאָמאַנדעוועט מיטן גאַנצן הויז. איר פאָטער האָט איר נאָך אַלס אַ פּיצל געמוזט אויפהייבן אַזוי הויך, אַז זי זאָל קענען דערגרייכן די סטעליע מיט איר קליינעם פינגער; אויב נישט האָט זי גע־מאַכט אַזעלכע קולות, אַז מען האָט געמיינט, אַז דאָס הויז ברענט. אָדער

זי האָט זיך אַריינגערוקט ערגעץ אין אַ ווינקל און גענומען קוויטשען. און אַמאָל האָבן אַלע געמוזט אַרויסגיין פון שטוב, איבערהויפּט דער טאַטע, ווייל אַזוי האָט זי געוואָלט.

ווען גיטעלע איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, האָט מען זי אַריינגעגעבן אין חדר און זי האָט געלערנט צוזאַמען מיט יינגלעך. דערצו האָט דער רויטער אברהם, אַ דרדקי־מלמד, אַלע טאָג געמוזט זי טראָגן אין חדר אַריין. אַנדערש האָט זי נישט געוואָלט. אין חדר איז זי געזעסן לעבן „רבי" און נאָכגעזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט געזאָגט, גאַנץ גענוי, ווי ער האָט עס געזאָגט. טיילמאָל האָט זי אַפילו נאָכגעמאַכט זיין שטימע און זיינע באַוועגונגען — אַזוי, אַז דער רויטער אברהם אַליין האָט געלאַכט פון אירע נאָכקרימעניש. גיטעלע האָט זיך אַזוי גוט געלערנט, אַז צו זיבן יאָר האָט זי שוין געקענט דעם גאַנצן חומש פון „בראשית", אַלע סדרות פון אָנהויב ביז „ויחי". זי האָט אַפילו געזאָגט גאַנצע שטיקער פון אויסנווייניק. דער רויטער אברהם האָט איינמאָל שבת ביים דאַווענען געזאָגט צו ר' בערן:

— אייער מיידעלע קען שוין באַלד בעסער פאַר מיר און דאַרף נישט גיין מער צו מיר אין חדר, וואָרום ווי נאָר איך זאָג עפּעס אַ זאַך, זאָגט זי עס באַלד נאָך. זי מאַכט, אַזוי אַרום, אַלע יינגלעך פאַר גראָבע קעפּ, אָבער זיי זענען גאַנץ גוטע קינדער, נאָר געוויינלעכע. זיי כאַפּן נישט אויף אַזוי גיך ווי אייער גיטעלע. טאָ וואָס קומט זיי דערפאַר? אייער מ'יידעלע איז ממש פייער־פלאַם, זי האָט אַ קאָפּ אויף שרויפן. איך רעכן אַז מען האָט אויבן אין הימל געמאַכט אַ טעות. עס האָט געדאַרפט גע־בוירן ווערן אַ יינגל, און עס איז גאָר געבוירן געוואָרן אַ מיידל...

אָבער נאָך מער װוּנדער איז געווען שפּעטער, ווען גיטעלע האָט פלו־צים גענומען ריידן גוייש צום שבת־גוי און אויך צום סטרוזש פון הויז. ווי קומט צו איר גוייש? — זי האָט געהערט ווי דער שבת־גוי רעדט און ווי עס רעדט דער סטרוזש, האָט זי זיי נאָכגערעדט. זי האָט געכאַפּט ווערטער ממש פון דער לופט.

אין יענער צייט האָט גיטעלע געקראָגן אַ נייעם קאַפּריז, אַז דער טאַטע זאָל זיך שפּילן מיט איר אַלס פערד. ער האָט זיך איין מאָל גע־

שפּילט מיט איר נאָך הבדלה אַלס פערד, איז עס איר אַזוי געפעלן, אַז אַלעמאָל נאָך „הבדלה" האָט זי געשריגן צו אים:

— טאַטע, ווער אַ פערד!

דער שפּיל איז באַשטאַנען דערין, וואָס איר פאָטער איז געקראָכן אויף אַלע פיר ווי אַ פערד, און זי האָט מיט אַ שטעקעלע געקלאַפּט אים אויף דער פּלייצע און געשריגן: „וויאָ!" „וויאָ!".

אויך פאַר איר מאַמען האָט זי געהאַט דעמאָלט אַן „אַרבעט". זי האָט נישט געוואָלט עסן, ווען עמיצער איז געווען אין שטוב, האָבן אַלע געמוזט אַרויסגיין און זי האָט געגעסן. די מאַמע האָט איר טיילמאָל אי־בערגעלאָזן דאָס עסן אויפן טיש און איז אַרויסגעגאַנגען פון צימער. און טאָמער איז מען נישט אַזוי גיך אַרויס, האָט זי געשריגן מיט באַנומענע קולות:

— אַרויס! גיי אַרויס!

ווען גיטעלע איז עלטער געוואָרן, איז איר גרעסטע אַמביציע געווען איבערצויאָגן איר ברודער, שמעון, און אויך דעם „עלוי" נחמנקע אין לערנען און ווייזן אַלעמען, אַז זי קען בעסער. אין יענער צייט האָבן זיי אַלע דריי געלערנט ביי איין רבין. דאָס איז געווען ר' מאיר סימעס, אַן עלטערער ייד, אַ נידעריקער, מיט אַ גרויסן קאָפּ און אַ גרויסער למדן. נחמנקע האָט שוין ביי אים געלערנט די גמרא „בבא מציעא". אויך שמעון האָט יענעם זמן אָנגעהויבן צו לערנען „בבא מציעא". האָט גיטעלע געזאָגט, אַז נישט אַנדערש, נאָר זי וויל אויך לערנען „בבא מציעא". איר פאָטער, ר' בער, האָט דאָס נישט געוואָלט. ער האָט געטענהט, אַז אַ מיידל דאַרף נישט לערנען קיין גמרא. זאָל זי בעסער זיך לערנען צו זיין אַ גוטע באַלעבאָסטע. אָבער גיטעלע האָט נישט אָפּגעלאָזט און איז נאָכ־געלאָפן שמעונען אין חדר אַריין. ווען דער מלמד האָט זי אַרויסגעטריבן, האָט זי געמאַכט מוראדיקע קולות און גוואַלדן און איז געקומען אַהיים און געוויינט, אַזוי אַז אסתר האָט זיך שוין געבעטן ביי ר' בערן:

— וואָס שאַדט דיר, אַז זי וועט לערנען גמרא? קיין רב וועט דאָך פון איר סיי־ווי־סיי נישט ווערן. זאָל זי לערנען!

האָט ר' בער איר נאָכגעגעבן און ער איז אַליין אַריבער צום גמרא־

מלמד און אים געזאָגט, אַז ער זאָל איר לאָזן זיצן אין חדר. זאָל זי זיצן. זאָל ער זי נישט אַרויסטרייבן. האָט ר׳ מאיר מסכים געווען. גיטעלע איז אָבער נישט גלאַט געזעסן, נאָר האָט אַריינגעקוקט אין שמעונס גמרא. אַזוי יעדן טאָג, נישט אַרויסריידנדיק קיין וואָרט... אָבער ווען איר פאָטער, ר׳ בער, האָט גענומען שבת נאָכמיטאָג פאַרהערן שמעונען, האָט גיטעלע זיך אָנגערופן:

— טאַטע, פאַרהער מיך! איך קען בעסער!...

ר׳ בער האָט פון טשיקאַוועס־וועגן גענומען זי פאַרהערן און ער איז דערשטוינט געוואָרן. זי האָט אָפּגעזאָגט די גאַנצע משנה און דערנאָך די גמרא מיט רש״י און דאָס אַלץ פאַרטייטשט אַזוי, אַז בעסער קען נישט זיין. ר׳ בער, וועלכער האָט שפּעטער פאַרהערט שמעונען, איז נישט געווען אַזוי שטאַרק צופרידן פון זיין „קענטעניש״, האָט אים געמוסרט און געזאָגט צו אים:

— נעם דיר אַראָפּ אַ ביישפּיל פון גיטעלען, זי דאַרף נישט קענען קיין גמרא און דאָך קען זי בעסער פון דיר.

גיטעלעס אַמביציע איז אָבער געווען פיל גרעסער און זי האָט געזאָגט צום פאָטער:

— איך קען אַפילו בעסער ווי נחמנקע אויך!

— אַזוי? — איז שוין ר׳ בער געוואָרן בייז — דו קענסט שוין בעסער פון נחמנקען, דעם „עלוי״?

— יאָ! איך קען בעסער פון אים! — האָט גיטעלע געזאָגט מיט תקיפות.

— אויב אַזוי, וועט מען טאָקע זען. איבעראַכטאָג שבת וועט דער רבי ר׳ מאיר דאָ זיין און נחמנקע אויך, וועט מען זען ווער עס קען בעסער.

— וועט מען זען!... איך קען בעסער ווי נחמנקע! — האָט גיטעלע געענטפערט מיט זיכערקייט אין טאָן.

ר׳ בער איז איצט שוין אַליין געוואָרן נייגיריק און האָט געבעטן ר׳ מאירן דעם מלמד, אַז ער זאָל קומען שבת נאָכמיטאָג מיט נחמנקען. אסתרקע האָט געשטעלט שבת־אויבס אויפן טיש און זיך אַוועקגעזעצט אין אַ זייט.

ר׳ בער האָט איצט צום ערשטן פאַרהערט נחמנקען, וועלכער האָט גיך אָפּגעזאָגט דריי בלעטער גמרא אין אָנהויב „בבא מציעא" מיט רש"י און תוספות. דערנאָך האָט ער צוגערופן גיטעלען און איר געהייסן זאָגן, און גיטעלע האָט געזאָגט די גאַנצע גמרא מיט די רש"י, נישט אַזוי גיך ווי נחמנקע, אָבער זי האָט אַלץ פאַרשטאַנען. בלויז די „תוספות" האָט זי נישט געקענט, ווייל דער רבי האָט מיט די תלמידים נישט געלערנט קיין „תוספות". דאָס האָט נחמנקע אַליין געכאַפּט.

נאָכן פאַרהער האָט ר׳ מאיר סימעס געזאָגט צו ר׳ בערן:

— דאָס מיידל קען טאַקע! הלוואי אויף שמעונען געזאָגט געוואָרן. זי פאַרשטייט די גמרא מיט רש"י, זי זאָגט עס נישט אַזוי גיך ווי נחמנקע, אָבער זי פאַרשטייט דעם גאַנצן ענין.

ר׳ בער האָט איצט אַרומגענומען גיטעלען און איר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ אַריין.

— וואָס וועט פון דיר ווערן, אַ רביצין? — האָט ר׳ בער געשפּאַסט — וועסט נאָך אפשר פסקענען שאלות?

— נחמנקע און גיטעלע דאַרפן זיין אַ פּאָרפּאָלק, וועט פון זיי אַרויס־קומען משיח — האָט ר׳ מאיר זיך אָנגערופן.

ר׳ בער און אויך אסתר, וועלכע איז געזעסן נישט ווייט פון טיש, האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס איז געווען דער ערשטער געדאַנק, וואָס עמיצער האָט אַרויסגעזאָגט אַז ביידע, נחמנקע און גיטעלע, זענען אַ זיווג. זינט דעמאָלט איז גיטעלע געוואָרן אין חדר נעענטער צו נחמנקען און איז אַלעמאָל געזעסן לעבן אים, אַזוי ווייט, אַז אין חדר האָט מען זיי שוין גערופן „דאָס פּאָרפּאָלק".

ווען גיטעלע איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר, איז אַריינגעטראָטן אַ נייע פאַזע אין איר לעבן. זי האָט זיך אָנגעהויבן צו מישן אין געשעפט. זי פלעגט אַריינקומען אין געשעפט פון איר פאָטער און דאָרט מאַכן אָר־דענונג. זי האָט יעדע זאַך אַוועקגעשטעלט אויפן פּלאַץ, זי פלעגט אויך אַרומווישן די פּאָליצעס, אַז עס זאָל זיין ריין און האָט אַפילו אָנגעהויבן זאָגן דעם פאָטער דעות, וואָס ער זאָל יאָ קויפן און וואָס נישט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — האָט ר׳ בער זי איינמאָל גע־פרעגט — ווער האָט דיר דאָס געזאָגט?

— פון דאַנען! — האָט גיטעלע געוויזן אויף איר שטערן.

אָבער מיט אַ קורצער צייט שפּעטער איז גיטעלעס פּלוצים שטאַרק פאַרשלאָפט געוואָרן. מען האָט געזאָגט, אַז עס איז אַן עין־הרע. עפּעס האָט זיך געמאַכט ביי איר אַן אויסשיט פון בלאָטערן אויפן לייב. זי איז אויך געוואָרן אַזוי שוואַך, אַז זי האָט ממש נישט געקענט מער אַרומגיין. מען האָט דעריבער גערופן צו איר דעם יידישן רופא, ר' שמואל האָראָ־וויץ. ער האָט געהייסן איינשמירן איר לייב מיט אַזאַ זאַלב עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד, דערנאָך האָט ער זיי געעפנט מיט אַזאַ שפּיציקער זאַך, אַז עס זאָל אַרויס די מאַטעריע. דאָס האָט איר זייער וויי געטאָן, אָבער גי־טעלע האָט זיך אַפילו נישט אַ קרים געטאָן. איר מוטער איז געווען פאַר־ווונדערט און האָט איר געפרעגט:

— קינד מיינס, טוט דיר נישט וויי ווען ער שניידט אין דיין לייב? עס גייט בלוט!

— עס טוט וויי, מאַמע, עס איז ממש נישט צום אויסהאַלטן, אָבער אַ מענטש דאַרף זיך אויסלערנען צו ליידן. ליידן איז די בעסטע שולע פאַר אַ מענטשן. אָן ליידן וואַקסט מען אויס אַ בהמה.

דער יידישער רופא, וואָס איז דערביי געווען, האָט ממש אָנגעקוואָלן פון אירע ווערטער און האָט זיך גאַרנישט געקענט גענוג אָפּוווּנדערן פון איר קלוגשאַפט.

— איר האָט אַ זעלטן קלוגע טאָכטער! — האָט ער געזאָגט צו אסתרן — זי איז אַ חכמה, אַ גרויסע חכמה!

גיטעלע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ שאַרפן בליק און געזאָגט צו אים:

— אָבער, רופא, עס איז נישט גענוג צו זיין בלויז קלוג. מען דאַרף האָבן אויך אַביסעלע נאַרישקייט.

— ווונדערבאַר! — האָט דער רופא זיך צעלאַכט — גוט געזאָגט! אַ וואָ! גוט געזאָגט, גיטעלע! אָט דאָס הייסט אַ קלוגע!

דער רופא פלעגט איצט קומען צו גיטעלען כמעט יעדן טאָג. אָבער אַז עס איז גיטעלען נאָך אַלץ נישט בעסער געוואָרן, האָט דער רופא גע־הייסן רופן דעם פּוילישן דאָקטאָר, יאַן דאָבזשינסקי, וועלכער איז שוין געווען אַן עלטערער מענטש און האָט נישט געוואָלט גיין צו יעדן איינעם.

מען האָט קוים מיט צרות זיך געדאַרפט איינבעטן ביי אים, אַז ער זאָל קומען צו אַ פּאַציענט. ווען דער דאָקטאָר דאָבזשינסקי איז געקומען צו גיטעלען, האָט ער זי באַטראַכט און דערנאָך געזאָגט צו אירע עלטערן:

— זי פּיעשטשעט זיך. עס איז איר גאָרנישט. עס געפעלט איר דער עסק צו זיין קראַנק. טרייבט זי אַרויס פון בעט!

— אָבער די בלאָטערן? — האָט די מוטער אים געפרעגט — זי האָט דאָך בלאָטערן.

— בלאָטערן — דאָס וועט אַוועקגיין. אָבער אויך דאָס קומט פון פּיעשטשען זיך. איר פאַרשטייט, זי בענקט נאָך ליבע, זי איז פאַרליבט אין עמיצן, וועלכער גיט איר נישט צוריק קיין ליבע... אָט דאָס איז עס!

— עס איז דאָ אַ ייִנגל וועמען זי האָט שטאַרק גערן, אָבער עס איז נאָך דערווייל גאָרנישט...

— אָט דאָס איז עס! — האָט ד״ר יאַן דאָבזשינסקי איר געענט־פערט — זי בענקט און זוכט ליבע און וויל עס געפינען ביי אייך, אָבער עס איז נישט גוט אַזוי. באַמיט זיך צו טאָן מיט איר דעם שידוך. זאָל זי ווערן אַ כלה.

— און וואָס איז וועגן די בלאָטערן? — האָט די מוטער געפרעגט באַזאָרגט.

— עס וועט אַוועקגיין. ווי נאָר זי וועט ווערן אַ כלה, וועט אַוועקגיין!

— האָט דאָקטאָר דאָבזשינסקי געזאָגט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט און איז אַוועק.

יענע נאַכט האָט גיטעלע געקראָגן גרויסע היץ — אַזוי, אַז מען האָט זיך פאַר איר שטאַרק געשראָקן. אָבער אין דער פרי האָט זי געעפנט די אויגן און אַ מונטערע געזאָגט צו אַלע:

— מזל טוב, כ׳קום פון אַ חתונה, קום איך.

— וואָס פאַר אַ חתונה? — האָט די מאַמע זי מיט שרעק געפרעגט.

— כ׳בין געווען אין אַ גרויסן זאַל, וואָס איז געווען פול מיט בלו־מען און אַלע זענען געגאַנגען אָנגעטאָן אין שבתדיקע קליידער און באַלד האָט מען געזאָגט:

— זאָל מען אַריינרופֿן חתן־כלה!

דערנאָך האָט מען אַריינגעפֿירט צום ערשטן נחמנקען און אים גע־שטעלט אונטער אַ חופּה און דערנאָך מיך און מ'יך געשטעלט לעבן אים...

— דאָ האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט.

באַלד נאָכדעם איז גיטעלען בעסער געוואָרן און וואָס אַ טאָג אַלץ מער. ר' בער האָט איצט געזאָגט פֿייגען, אַז מען זאָל שרייבן תּנאים און אָפּשמועסן די חתונה, צו וואָס פֿייגעס מאַן, ר' שמחה, האָט מסכּים גע־ווען. ווען נחמנקע און גיטעלע האָבן זיך דערפֿון דערוווּסט, זענען זיי גע־ווען גליקלעך. עס איז טאַקע באַלד פֿאַרגעקומען די תּנאים און מען האָט אָפּגעשמועסט די חתונה אויף איבער אַ יאָר.

אָבער שוין נאָענט צו דער חתונה האָט ר' בער עפּעס געזאָגט אַ גוט וואָרט וועגן די פֿראַנקיסטן און מער האָט מען נישט געדאַרפֿט... באַלד האָט זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ר' בער איז געכאַפּט אויף דער מעשׂה, אַז נישט מער און נישט ווייניקער, ווי ער איז איינער פֿון זיי... דאָס איז אָנגעקומען צו פֿייגען און שמחהן און באַלד דערנאָך צום רבי ר' ברוך, און ער האָט שוין געקערט וועלטן:

— אויס! אַלץ איז אויס! אויס שידוך! אַז מען קלינגט, איז חגא!...

און דער שידוך איז אָפּגעלאָזן געוואָרן — און עס האָבן זיך אָנגע־הויבן די אַלע צרות: דער פֿאַרפֿירער אלישע; זיין ווילדע טאָכטער חיה; יענער שטורמישער פֿרייטיק־צו־נאַכט; דער שבת אין דער פֿרי, ווען ר' בער איז אַנטלאָפֿן מ'ט דער חיה רעה און דער שבת־צו־נאַכט אין בית המדרש פֿון וואַנען אסתּר און גיטעלע זענען אַהיימגעגאַנגען קראַנקע...

## 17

עס איז זונטיק אין דער פֿרי, נאָך די שטורמישע געשעענישן פֿון דאָ־נערשטיק, פֿרייטיק און שבת. גיטעלע און שמעון זענען אין געשעפֿט, ווייל זייער מאַמע, אסתּר, ליגט אין בעט. זי פֿילט זיך אינגאַנצן צעבראָכן און האַלט אין איין ווייַנען. זי ליגט אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל אַרום איר קאָפּ, וועלכער שפּאַלט זיך ביי איר ממש ווי אויף צוויי העלפֿטן, און זי האַלט אין איין שרייען:

— וואָס איז דאָ פּלוצלונג געשען?! פאַרוואָס האָט זיך עפּעס מיטאַ־מאָל אַראָפּגעלאָזט די „תוכחה" אויף מיר?!...

דבורהלע זיצט איצט לעבן אסתרן אַ פאַרזאָרגטע, אַ פאַרוויסטע, אָבער זי האַלט אסתרס רעכטע האַנט אין אירער און טוט איר טרייסטן. און אַלע ווילע לייגט זי איר צו אַ נייעם קאַלטן קאָמפּרעס צום שטערן.

אין געשעפט זיצט שמעון אַ דערדריקטער און שווייגט. אויך גי־טעלע, וואָס איז אַריינגעקומען נאָכדעם ווי ער האָט געעפנט דאָס גע־שעפט, זיצט אין אַ זייט און שווייגט, אָבער כאָטש זי איז נישט ווייני־קער דערדריקט ווי ער, מאַכט זי זיך אַ האַרץ און טוט אַמאָל אַ שמייכל, צוליב וואָס שמעון קוקט אויף איר ווי מיט כעס. אָבער גיטעלע, כדי אי־בערצושרייען און פאַרשטומען איר טיפן ווייטיק, הייבט פּלוצים אָן שטאַרק צו לאַכן. שמעון ווערט שוין שטאַרק אין כעס און גיט אַ געשריי צו איר:

— וואָס לאַכסטו, בהמה? דער נאַר שטופּט דיך!...

דעמאָלט ווערט גיטעלע שטום און לאָזט אַרויס אַ טרער, וואָס זיווישט באַלד מיט איר טיכל אָפּ, איידער זי קייקלט זיך אַראָפּ איבער איר פּנים.

שמעון און גיטעלע האָבן נעכטן, נאָכדעם ווי זיי זענען אַהיימגעקו־מען פון בית המדרש, כמעט נישט אויסגערעדט קיין וואָרט צווישן זיך און אַזוי אויך נישט אסתר צו זיי ביידן. זיי זענען אַלע געוועז פאַרשטומט פון די פאַרשעמונגען און באַליידיקונגען, פון די אויספּרעגענישן און קשיות פון רב, פון פּרנס און באַזונדערס פון די בייזע בליקן פון עולם...

גיטעלע האָט זיך באַלד געלייגט שלאָפן, אָבער זי איז נישט גע־שלאָפן. שפּעטער האָט זי געהערט ווי איר מוטער האָט אַ גאַנצע נאַכט שטיל געכליפּעט... זי האָט אויך געהערט ווי שמעון האָט אַלע ווילע אַרויס־געלאָזט אַ זיפץ, וואָס האָט געריסן דאָס האַרץ, אָבער זי האָט זיך מיט אַלע כוחות איינגעהאַלטן פון אַרויסווייזן איר צער... און באַלד אין דער פרי האָט זי אָפּגערופן דבורהלען, אַז זי זאָל זיין אין הויז, ביי איר מו־טערס בעט, און האָט געהייסן שמעונען עפענען דאָס געשעפט, ווייל היינט איז דאָך זונטיק, איז אַ גרויסע לייזונג, צוליב דעם גאַיעס, וואָס קומט

הײנט אין שטאָט אַרײַן. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי װעט באַלד אױך אַהינ־קומען, װאָס זי האָט טאַקע אױך געטאָן.

און אָט שטײען זײ בײדע אין דער קראָם און שװײַגן. זײ רײדן אײגנטלעך יאָ, אָבער אין דער שטיל, אָן װערטער... אָבער באַלד רײסט גיטעלע איבער די שטילקײט:

— שמעון, הער מיך אױס, איך פאָר הײנט צװעלף אַזײגער אַװעק.

— װאָס הײסט דו פאָרסט אַװעק? — האָט איר שמעון אָנגעקוקט

— װוּהין פאָרסטו?

— כ׳מוז אַװעקפאָרן...

— פאַרװאָס מוזסטו?

— װײַל כ׳קען מער די גאַס נישט אַריבערגײן... כ׳קען מער נישט פאַרטראָגן די שטעכעדיקע בליקן פון די נאַרישע ײדן און ײדענעם, װי זײ שטעלן אױס אױף מיר אַ פּאָר אױגן! װי זײ גלאָצן אױף מיר, װען זײ זעען מיך! און הײנט די קשיות, װאָס מען פרעגט מיך... נײן, איך מוז אַװעקפאָרן!...

— איך קען עס אױך נישט פאַרטראָגן — האָט שמעון מיט אַ שטילן טאָן געענטפערט — אָבער איך װעל צוליב דעם נישט אַנטלױפן. אױסער דעם, װוּ װעט מען איבערלאָזן די מאַמע?

— די מאַמע דאַרף פאָרן צום פעטער יואל קײן טולטשין — האָט גיטעלע געזאָגט מיט אַ פעסטן טאָן — ער בעט דאָך איר שױן לאַנג, אַז זי זאָל קומען אַהין. כ׳האָב מיט איר גערעדט נעכטן װעגן דעם. װאָס מײנסטו, אַז עס איז אַ תכלית פאַר מיר צו װערן אַ פאַרקױפערין אין אַ קראָם?

— און פאַר מיר איז עס יאָ אַ תכלית? — האָט שמעון איר אָנגעקוקט.

— טאַקע אױך נישט. אָבער דו ביסט כאָטש אַ מאַן און דערצו ביסטו אַלײן אױך אַנדערש.

— װאָס הײסט כ׳בין אַנדערש?

— כ׳מײן דו ביסט נענטער צו די ײדן און ײדענעס װי איך. דו קענסט זײ גיכער פאַרטראָגן װי איך.

— פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס קענסטו זיי עפּעס פּלוצים נישט פאַר־טראָגן? וואָס ביסטו געוואָרן, אַ פּריצטע?

— דו קענסט מיך נישט, שמעון. ניין, דו פאַרשטייסט נישט דיין שוועסטער גיטעלע, — האָט זי אים געענטפערט — דו מיינסט, אַז איך בין נאָך אַלץ די זעלבע גיטעלע, וואָס אַמאָל.

— וואָס? דו ביסט געוואָרן אַן אַנדערע? — האָט שמעון געשפּאָסט.

— יאָ, טאַקע יאָ, כ׳בין אַן אַנדערע און גאָר אַן אַנדערע.

— אַזוי גאָר?

— אַזוי גאָר! ווייסטו, אַז איך האָב לעצטנס זייער פיל געלייענט?

— יידישע ספרים?

— יידישע און אויך נישט־יידישע ביכער.

— איך האָב דיך נישט געזען לייענען קיין ביכער.

— אָט דאָס איז עס, וואָס דו ווייסט נישט, שמעון. געדענקסטו, ווען כ׳בין קראַנק געוואָרן, איז געקומען צו אונדז דער פּוילישער דאָק־טאָר דאָבזשינסקי?

— איך געדענק, אַז עס איז צו דיר געקומען דער יידישער רופא, ר׳ שמואל האָראָוויץ.

— עס איז שפּעטער געקומען אויך דער דאָקטאָר יאַן דאָבזשינסקי. ער איז געווען ביי אונדז צוויי מאָל.

— אַן עלטערער מענטש מ׳יט אַ שפּיציק ווייס בערדל?

— ריכטיק.

— יאָ, כ׳געדענק אים. אָבער וואָס איז וועגן אים?

— ער איז אַ גרויסער געלערנטער, אַ קאָפּ־מענטש.

— נו, איז וואָס זשע?

— עס איז דאָס, וואָס איך בין אָט דעם דאָקטאָר שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ווען כ׳בין געזונט געוואָרן האָט ער מיך געבעטן, כ׳זאָל קו־מען צו אים.

— ביסטו געווען ביי אים?

— יאָ, איך בין געגאַנגען צו אים און ער האָט מיך שיין אויפגענו־מען. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ צימער, וואָס איז געווען פול מיט

ביכער. גאַנצע פּאַליצעס מיט ביכער, ביי אַלע פיר ווענט ביז צו דער סטע־ליע און אַפילו אויף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן ביי אים ביכער און אין פאַרשיידענע שפּראַכן. און ווייסטו וואָס ער האָט צו מיר געזאָגט?

— וואָס?

— קינד מיינס, — האָט ער געזאָגט — דו קענסט קומען אַהער ווען נאָר דו ווילסט און לייענען און לערנען אין די ביכער. טאָמער וועט דיר זיין עפּעס שווער, זאָלסטו מיך פרעגן, וועל איך דיר העלפן. דו געפעלסט מיר, מיין שיין מיידעלע! — און ער האָט מיר געגעבן אַ קוש אין קאָפּ אַריין.

— טאַקע? דו ביסט אָפט געווען ביי אים?

— יאָ, זייער אָפט. פאַר די לעצטע דריי יאָר, אָבער קיינער האָט נישט געוווּסט דערפון. נישט דער טאַטע און נישט די מאַמע און אויך נישט דו, שמעון. איך זאָג עס דיר איצט צום ערשטן מאָל. יאָ, דער דאָק־טאָר האָט מיך זייער ליב געהאַט. דו ווייסט וואָס ער האָט מיר געזאָגט? אַז איך דערמאָן אים זיין ערשטע געליבטע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער סטודענט. זי איז געווען אַ יונג מיידל פון אַ יאָר 16־17, אין מיי־נע יאָרן, מאַריאַ האָט זי געהייסן און זי האָט אויסגעזען פונקט אַזוי ווי איך, ממש ווי צוויי טראָפּן וואַסער. ער האָט זי שטאַרק ליב געהאַט און ער האָט געוואָלט מיט איר חתונה האָבן, נאָכדעם ווי ער וועט ענדיקן זיין שטודיום. ער האָט דעמאָלט געהאַט אַ שטאַרקע אַמביציע צו לערנען מע־דיצין.

— דו מיינסט אַ שטאַרקן רצון — האָט שמעון זיך אָנגערופן.

— יאָ, ריכטיק — האָט גיטעלע אים געענטפערט — יאָ, דער דאָק־טאָר האָט צו מיר אַ סך גערעדט וועגן זיין מאַריאַ.

— האָט ער מיט איר חתונה געהאַט? — האָט שמעון זי געפרעגט.

— ניין, — האָט גיטעלע אים געענטפערט — זי איז דערטרונקען געוואָרן. זי איז זיך געגאַנגען באָדן זומער־צייט אין טייך און איז דער־טרונקען געוואָרן. ער האָט לאַנג, לאַנג געבענקט און געטרויערט נאָך איר. דערנאָך האָט ער געהאַט נאָך אַנדערע ליבעס... יאָ, אַ סך ליבעס, אָבער ער זאָגט, אַז די ערשטע ליבע מיט מאַריאַן איז געווען די בעסטע, די

שטאַרקסטע פון אַלע. דערביי האָט דער דאָקטאָר גיך אַרומגענומען און געקושט מיר אין קאָפּ, אין די אויגן און מיר געזאָגט, אַז איך בין די שענסטע פון אַלע פרויען, וואָס ער קען איצט...

— און דו האָסט זיך געלאָזט קושן פון אים, פון אַ פרעמדן מאַן, פון אַ גוי?

— שמעון, — האָט גיטעלע אויסגעשריגן — איך בין נישט מער אַזוי פרום ווי כ׳בין געווען. ווען אַ מאַן רירט אָן אַ פרוי, גלעט אירע האָר, אָדער גיט איר אַפילו אַ קוש — איז עס גאָרנישט. דאָס איז נישט קיין זינד!

— ניין! — האָט שמעון איר געענטפערט — אַ יידישע טאָכטער טוט נישט אַזוינס, ווייל איינס קען פירן צום אַנדערן. עבירה גוררת עבירה. פאַר אַ יידישער טאָכטער פאַסט עס נישט.

— עס פאַסט פאַר מיר גאַנץ גוט, אויב מען האָט ביי זיך אין האַרצן אַ גרענעץ. זעסטו, דערפאַר האָב איך דאָס נישט געוואָלט דערציילן קיי־נעם, אַפילו דיר אויך נישט. אָבער מער איז נישט געווען ווי דאָס. ער איז אַן איידעלער מענטש.

— אָבער וואָס איז געווען דער פועל־יוצא פון דעם אַלעם?

— דער פועל־יוצא איז, אַז איך האָב געלייענט פיל ביכער אויף רוסיש, פויליש, דייטש און אַפילו פראַנצויזיש און האָב פיל פון זיי גע־לערנט.

— דו קענסט דען די אַלע לשונות?

— כ׳האָב נישט געקענט, אָבער ביסלעכווייז האָב איך געלערנט זיי צו פאַרשטיין... דער דאָקטאָר האָט מיר אויך צוגעהאָלפן... ער האָט מיר פיל געהאָלפן...

— ווי לאַנג ביסטו געווען ביי אים יעדעס מאָל ווען דו ביסט געקו־מען צו אים?

— כ׳בין געווען יעדן טאָג אַ פּאָר שעה — האָט גיטעלע אים גע־ענטפערט.

— יעדן טאָג אַ פּאָר שעה? — האָט זיך שמעון געוווּנדערט.

— יאָ, כ׳וועל דיר אויסזאָגן נאָך אַ סוד. איך האָב אין די ביכער

געזען גאָר אַנדערע מענטשן, שיינע, אינטערעסאַנטע און נישט די אָרעמע יידן און יידענעס, וואָס גייען אַרום אין שמאַטעס און טאַפּטשען אין דער בלאָטע. עס איז מיר דאָ אַלץ מיאוס געוואָרן. כ׳קען מער נישט קוקן אויף דעם אַלעם!

— די אָרעמע יידן, וואָס טאַפּטשען אין דער בלאָטע, זענען די ער־לעכסטע מענטשן אין דער וועלט. — האָט שמעון אויסגעשריגן — זיי האָבן די ריינסטע נשמות, זיי טשעפּען קיינעם נישט, זיי פאַרגיסן נישט קיין בלוט, זיי זענען נישט קיין רוצחים, ווי די שיין אָנגעטוענע גוים. זיי זענען אויך קיינעם נישט פאַלש.

— שמעון, פאַרוואָס רעדסטו אַזוי צו מיר? — האָט גיטעלע זיך גענומען קאָכן — וואָס מיינסטו בין איך? נישט קיין יידישע טאָכטער? ווייס איך דען נישט דאָס אַלץ? אָבער עס ווערט אַמאָל איבערדריסיק... יאָ, עס ווערט מיאוס צו לעבן אין אַזאַ בלאָטיק שטעטל, עס ווילט זיך אַנטלויפן פון דאַנען.

— זאָג מיר, גיטעלע, — האָט שמעון געזאָגט — האָסטו אַזוי גע־פילט אויך איידער עס איז אָפּגעגאַנגען דער שידוך צווישן דיר מיט נחמנקען?

— יאָ, פריער אויך.

— הייסט עס, אַז דו האָסט געוואָלט אַוועק פון נחמנקען אויך? — האָט איר שמעון אָנגעקוקט.

— ער האָט מיך טאַקע צוריקגעהאַלטן! ער איז געווען די סיבה, פאַרוואָס איך בין אין ערגעץ נישט אַנטלאָפן. ער האָט מיך געהאַלטן צו־געבונדן צו דעם שטעטל. אָבער איצט איז אַלץ אויס... איך בין איצט אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע... איצט, ווען אונדזער פאָטער האָט זיך אַזוי דריי מאָל באַנאַרישט...

ביי די ווערטער איז אַריינגעקומען אַ קונה אין געשעפט און דער שמועס צווישן שמעונען און גיטעלען איז איבערגעריסן געוואָרן.

## 18

ווען דער קונה איז אַוועק האָט שמעון זיך אָנגערופן צו גיטעלען:

— דו האָסט פריער געזאָגט, אַז דאָס אַלץ איז געשען צוליב אונ־דזער טאַטן, וועלכער האָט זיך דריי מאָל באַנאַרישט. וואָס האָסטו גע־מיינט דערמיט? פאַרוואָס דריי מאָל?

— ווייל עס איז געווען דריי מאָל — האָט גיטעלע בייז געענט־פערט — ראשית, האָט ער זיך באַנאַרישט דערמיט, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פאַר פראַנקן און פאַר די פראַנקיסטן. וואָס איז עס געווען זיין עסק, צו מישן זיך אין די זאַכן? איז ער דען געווען אַ פראַנקיסט? טאָ פאַרוואָס האָט ער זיך געדאַרפט אָננעמען פאַר זיי? צווייטנס, צו וואָס האָט ער געדאַרפט אַהערברענגען דעם אַלטן נאַר, דעם אלישע, מיט זיין פאַרשייטע טאָכטער? כ׳מיין, וואָס האָט ער געוואָלט באַצוועקן דערמיט? די יידן זענען אויפגעקאָכט אויף די פראַנקיסטן, און מיט רעכט. האָבן זיי דען נישט ערשט נישט לאַנג געברענט אין קרעמעניץ גמרות אין מיטן גאַס? ווייסט דען נישט דער טאַטע ווער זיי זענען? אַ העלפט פון זיי האָט זיך דאָך שוין אויסגעשמדט און די איבעריקע ווערן זיך שמדן. צו וואָס האָט ער געדאַרפט ברענגען אַהער אַזאַ איינעם פון זיי אין אונדזער שטעטל? און צו וועמען? צו אָט די פשוטע יידן, וואָס ווייסן פון גאָר־נישט? דריטנס, צו וואָס האָט ער נאָך זיך געדאַרפט לאָזן פאַרפירן פון דער מוֹידך? פאַרוואָס איז ער עפּעס מיט איר אַנטלאָפן? און אַז זי האָט אים געדרייצט, איז וואָס? נו, לאָמיר זאָגן, עמיצער וועט פּרובירן מיך אָדער דיך צורייצן צו זינדיקן, נו ווען מיר אים דען פאָלגן? — מיט די אַלע זאַכן האָט ער אונדז אַזוי פאַרשוואַרצט דאָס פּנים, אַזוי אַז מיר קענען ממש די גאַס נישט איבערגיין. מען טייטלט אויף אונדז מיט די פינגער.

— האָסט דאָך אַליין געזאָגט ביים פאַרהער, אַז דער טאַטע איז נישט שולדיק. און די מאַמע האָט דאָך אויך אַזוי געזאָגט.

— אַוודאי האָב איך אַזוי געזאָגט. דו האָסט אויך אַזוי געזאָגט. מיר האָבן דאָך געהאַט אַזוי אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז מען זאָל קיין שמוץ אויפן טאַטן נישט וואַרפן. געוויס האָב איך געזאָגט, אַז ער איז נישט

שולדיק, אָבער דאָס איז נאָר פּאָר פרעמדע מענטשן. מיר אָבער, צווישן זיך, קענען דאָך זיך זאָגן דעם אמת. ער האָט אונדז אַלע פאַרשעמט.

— נחמנקע האָט דאָך געזאָגט נביאות, אַז דער טאַטע וועט נאָך צו־ריקקומען און וועט ווערן אַ בעל־תשובה.

— נחמנקע... ער איז דאָך ברוגז מיט מיר — האָט גיטעלע בייז געזאָגט.

— נחמנקע איז ברוגז מיט דיר? — האָט שמעון געגעבן אַ געשריי, ווי עמיצער וואָלט אים דערלאַנגט מיט אַ הייס אייזן.

— אַוודאי! — האָט גיטעלע געזאָגט שטיל — ער איז נעכטן אַנט־לאָפן פון מיר און אַפילו מיר קיין „גוטע נאַכט" נישט געזאָגט. אָבער איך בין נישט בייז אויף אים. איך פאַרשטיי אים. נאָך אַלעם, וואָס עס איז געשען, האָט ער זיך פשוט געשעמט מיט מיר. אָבער פאַרוואָס האָט ער מיך נאָך געדאַרפט אָנרופן „לילית"? זינט ווען בין איך דאָס אַ „לי־לית" צו אים?... אפשר האָט ער געמיינט, אַז איך בין אַ לילית דערפאַר, וואָס צוליב מיר איז איינגעשמירט געוואָרן זיין נאָמען אין דער פּראַנ־קיסטישער בלאַטע, אין וועלכער מיר זענען פאַרקראָכן.

— מיר זענען נישט פאַרקראָכן אין קיין שום פראַנקיסטישער בלאָ־טע, גיטעלע, — האָט שמעון איצט געשריגן אויף איר — דו קענסט גאַנץ גוט נחמנקען, ער האָט ליב אַמאָל צו שפּאַסן. ער האָט ליב אַמאָל צו מאַכן פון אים חוזק. איך בין זיכער, אַז ער האָט דאָס בלויז געשפּאַסט מיט דיר...

— אַזוי מיינסטו, שמעון?

— יאָ, גיטעלע, איך בין זיכער אין דעם. עס איז ביי אים געווען פונקט דעמאָלט אַזאַ לוינע.

— אויב אַזוי — האָט גיטעלע ערנסט געזאָגט — וואָלט ער שוין געדאַרפט אויפהערן צו מאַכן אַזעלכע שפּאַסן, כ'לעבן, עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ מענטש ווי ער...

— מיר האָבן אַמאָל שוין גערעדט דערפון. ער האָט מיר אַליין גע־זאָגט, אַז אַמאָל שטופּט אים עמיצער אין אים צו טרייבן שפּאַס. פונקט אַזוי ווי אַמאָל ווערט ער פלוצלונג אַ פילאָזאָף און נעמט זיך גריבלען אין

וועלט־זאַכן, און אַמאָל ווידער גלוסט זיך אים גאָר שרייבן מעשיות אָדער לידער.

— צו זיין אַ פּאָעט?

— יאָ, ער שרייבט טאַקע אַמאָל לידער מיט גראַמען, ער האָט עס מיר אַליין געזאָגט.

— ווען איך זאָל האָבן די דעה איבער אים — האָט גיטעלע געזאָגט פאַרטראַכט — וואָלט איך עס אים נישט געלאָזט טאָן. נאָך מיין מיי־נונג איז ער נישט באַשאַפן געוואָרן צו זיין אַ פילאָזאָף און נישט קיין פּאָעט און אַוודאי נישט קיין לץ ווי, למשל, הערשעלע אָסטראָפּאָליער. נחמנקע דאַרף זיין אַ צדיק, אַ רבי. אָט דאָס איז וואָס ער דאַרף צו זיין. ער שטאַמט פון דעם דאַזיקן שורש און דאָס דאַרף ער זיין.

— איך האָב אים אויך שוין דאָס אַמאָל געזאָגט און ער האָט מסכים געווען דערצו.

— און ער האָט מסכים געווען דערצו?

— יאָ, — האָט שמעון איר געענטפערט.

— איך זאָג עס גלאַט אַזוי, פאַר זיינעט וועגן — האָט גיטעלע דערקלערט — ווייל פאַר מיר איז עס שוין קיין נפקא מינה נישט, איך מוז אָן נחמנקען אינגאַנצן פאַרגעסן.

— פאַרגעסן? פאַרוואָס?

— ווייל, וואָס מיינסטו? איך קען זיך אַרומדרייען דאָס גאַנצע לעבן מיט אַ חלום? ער האָט חתונה געהאַט און ער וועט זיין ווייב נישט אָפּגטן.

— טאָ וואָס טראַכסטו צו טאָן?

— איך טראַכט פון אַוועקפאָרן.

— וווהין?

— כ׳ווייס נאָך אַליין נישט, עס ווענדט זיך.

— אין וועמען?

— אין דעם, וואָס וועט קומען היינט אין שטאָט אַריין צו מיר.

— וואָס? עס וועט קומען היינט צו דיר אַ יונגערמאַן? האָסט מיר גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם.

— איך האָב עס דיר יאָ געזאָגט. האָב איך דיר נישט דערציילט פון

אַ בחור פון דאָרף וואָלכאָוויץ, וועלכן איך בין געפאָרן זען צוזאַמען מיט דער ווילדער מויד פרייטיק נאָכמיטאָג?

— יאָ, האָסט מיר טאַקע עפּעס דערציילט. איז וואָס איז וועגן אים?

— איך האָב דיר דאָס אויך געזאָגט. דער בחור האָט זיך פאַרליבט אין מיר. ער האָט מער אויף חיהן נישט געוואָלט קוקן, און האָט מיר גלייך געזאָגט, אַז ער וויל מיט מיר חתונה האָבן.

— יאָ, יאָ, איך געדענק עפּעס. נו?

— נו, מיר האָבן זיך אָפּגערעדט, אַז ער זאָל קומען היינט צופאָרן אַהער. ער דאַרף קומען 12 אַזייגער און איך דאַרף אים טרעפן ביים שלאָס.

— אָבער ווער איז ער? ווי הייסט ער? און מיט וואָס פאַרנעמט ער זיך?

— ער הייסט אהרן. מען רופט אים אהרן זלמנס, ווייל זיין פאָטער הייסט זלמן, אָדער זלמנקע. זיין פאָטער איז אַ גרויסער עושר. ער איז געווען פריער אַן אַרענדאַר ביי אַ רייכן פוילישן פּריץ. אָבער דער פּריץ איז אומגעקומען פון די קאָזאַקן און ער האָט אים געירשנט. דער פּריץ האָט געהאַט אַלץ פאַרשריבן אויף זיין נאָמען, כדי ער זאָל קענען זאָגן, אַז ער איז נישט פון דער „שלאַכטע”, נאָר אַ פּראָסטער פּויער. ער האָט געירשנט פון אים אַ גרויסן גוט אין דעם דאָרף וואָלכאָוויץ. זיין זון, אהרן, איז אַ בן־יחיד און איז איצט אַלט אַכצן יאָר. ער האָט געלערנט אין חדרים און ישיבות, אָבער ער איז אויך אַ וועלטלעכער מענטש. ער איז אַ שיינער, אַ הויכער, מיט שוואַרצע האָר, שוואַרצע אויגן און שוואַרצע וואָנסעס.

— נו, וועסטו היינט פאָרן צו אים אין זיין גוט?

— מעגלעך.

— און דו וועסט מיט אים חתונה האָבן?

— אויב ער וועט מיך נאָר וועלן.

— וועסטו חתונה האָבן אַליין, אָן טאַטע־מאַמע, אָן קיינעם?

— שמעון, — האָט גיטעלע געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן — וואָס ווילסטו פון מיר, אַז כ'זאָל פאַרזעסן ווערן ביז אין גרויען צאָפּ אַריין? ווער וועט מיך איצט נעמען, נאָכדעם וואָס עס איז געשען? פאַר־וואָס פאַרשטייסטו נישט!... מה־דאַך פריער, ווען דער טאַטע האָט נאָר

גערעדט אַ פּאָר גוטע ווערטער פאַר די פראַנקיסטן, האָט מען אָפּגעלאָזט מיט מיר דעם שידוך ערב דער חופּה — איז ווער וועט מיך איצט וועלן?

— און אָט דער בחור? פאַרוואָס וויל ער דיך יאָ?

— ווייל... ווייל...

— ווייל וואָס?

— ווייל ער איז אויך געכאַפּט אויף דער מעשה.

— אַ פראַנקיסט?!

— זיין פאָטער איז עס און אפשר ער אויך. דערפאַר איז דאָך די חיה־רעה געפאָרן צו אים. אָבער האָב נישט קיין מורא. אויב איך וועל ווערן זיין ווייב, וועל איך אים מאַכן פאַר אויס פראַנקיסט.

— איך האָב מורא, אַז איידער דו וועסט אים מאַכן אויס פראַנ־קיסט, וועט ער דיך פירן צו דער שמד.

— האָסט נישט וואָס מורא צו האָבן, שמעון, — האָט אים גיטעלע פאַרזיכערט — איך קען דיר צוזאָגן מיט אַ שבועה, אַז דיין שוועסטער, גיטעלע, וועט זיך קיינמאָל נישט שמדן.

— דו זאָגסט מיר טאַקע דאָס צו? — האָט שמעון איר געקוקט אין די אויגן אַריין.

— איך זאָג דיר דאָס צו! — האָט גיטעלע אים געענטפערט.

— גיב מיר דערויף די האַנט. גיב מיר אַ תקיעת כף!

— אָט האָסטו מיין האַנט — האָט גיטעלע געזאָגט — אַז איך וועל קיינמאָל נישט אָפּטרעטן פון דער יידישער אמונה.

— אַפילו ווען מען זאָל דיך צווינגען דערצו?

— אַפילו! — האָט גיטעלע אויסגעשריגן מיט פעסטקייט אין איר שטימע.

— אָבער דאָך, ווו וועסטו זיין? ווו וועסטו וווינען? — האָט שמעון איר ווייטער געפרעגט.

— כ׳ווייס נישט — האָט גיטעלע שטיל אים געזאָגט — עס איז מעגלעך, אַז מיר זאָלן פאָרן קיין קרעמעניץ און דאָרטן חתונה האָבן. דו ווייסט דאָך, אַז קרעמעניץ איז די פעסטונג פון די פראַנקיסטן. קיין קרע־מעניץ לאָזט מען שוין לאַנג נישט אַריין קיין יידן. אָבער די פראַנקיסטן

לאָזט מען, ווייל זיי זענען האַלבע קריסטן. אַזוי זאָגן זיי צו די גויים. נו, וועלן מיר אַוודאי פאָרן קיין קרעמעניץ און דאָרטן שטעלן אַ חופה. קיין שום רב וועט דאָך אונדז נישט געבן קיין חופה וקדושין. נו, דאָרטן וועט אונדז אלישע חתונה מאַכן. ער איז אַ רב און ער ווייס, ווי אַזוי דאָס צו טאָן. עס איז אויך מעגלעך, אַז דער טאַטע מיט דער מויד זאָלן זיין אויף דער חתונה.

— דער טאַטע איז אין קרעמעניץ? — האָט שמעון זיך געכאַפּט.

— ער האָט מיר געזאָגט פאַרן אַנטלויפן, אַז ער וועט אַוודאי פאָרן מיט איר קיין קרעמעניץ. וואָרום ווו דען אַנדערש קען ער זיך אויפהאַלטן מיט איר, אויב נישט דאָרטן?

— אויב אַזוי, אפשר קענסטו אים מאַכן פאַר אויס פראַנקיסט און דערפירן דערצו, אַז ער זאָל אָפּלאָזן די מויד און צוריק זיך אומקערן צו דער מאַמען?

—אפשר! אָבער אַזוי גיך וועט עס זיכער נישט זיין. ער איז נאָך שיכור פון איר. זי וועט אים אויך נישט אַזוי גיך אָפּלאָזן.

— איצט, גיטעלע, איז געקומען די צייט, אַז איך זאָל אויך טראַכטן וועגן זיך — האָט שמעון געזאָגט — עס איז איינס פון די צוויי, אָדער איך זאָל חתונה האָבן מיט דבורהלען, אָדער איך זאָל אַוועקפאָרן ערגעצוווּ און ווערן אַ מלמד, אָדער אַ געהילף פון אַ מלמד. אויב איך זאָל אַוועקפאָרן, וואָלט איך צום בעסטן זיין אין מעדוועדעווקע נעבן נחמנקען, וואָרום ער איז פאַר מיר נישט נאָר אַ חבר, נאָר אויך אַ רבי. איך האָב שוין געלערנט פון אים זייער פיל.

— און וואָס איז וועגן דער מאַמען? — האָט אים גיטעלע אַ פרעג געטאָן.

— נו, מיר האָבן דאָך שוין נעכטן גערעדט, אַז זי דאַרף פאָרן קיין טולטשין צו איר ברודער, יואל. איך האָב איר געזאָגט, אַז זי דאַרף אויפגעבן דאָס געשעפט און וווינען ביי איינעם פון אירע ברידער.

— ביסט אפשר גערעכט, גיטעלע. איך וועל ריידן מיט איר נאָכאַמאָל וועגן דעם. און ווהין, וועט עס הייסן, פאָרסטו גיטעלע.

— איך האָב איר געזאָגט, אַז איך פאָר קיין באַר צום פעטער אברהם

אויף עטלעכע וואָכן. אָבער וועגן דיר, שמעון, — האָט גיטעלע ווייטער געזאָגט — טראַכט איך אָ סך. זאָג מיר, ווילסטו טאַקע חתונה האָבן מיט דבורהלען? אויב יאָ, האָב מיט איר חתונה און פאַרבלייב ביים געשעפט. און אפשר זאָל די מאַמע זיין מיט אייך?

— עס איז נישט אַזוי פשוט, גיטעלע, ווי דו מיינסט. עס איז נישט אַזוי גלאַטיק, ווי עס דוכט זיך — האָט שמעון איר געענטפערט.

— איך פאַרשטיי, דו מיינסט צוליב ראַזען. נו, יאָ, געוויס איז עס נישט אַזאַ לייכטע זאַך. אָבער דו וועסט מוזן זיך אַנטשיידן אַהין אָדער אַהער.

— געוויס, געוויס! — האָט שמעון געזאָגט.

— נו, זיי געזונט — האָט גיטעלע אים אַרומגענומען — און בעט גאָט פאַר מיר. איך גיי טרעפן מיין פריינד. און וועל אַוודאי פאָרן מיט אים אין זיין גוט און אפשר צומאָרגנס קיין קרעמענניץ.

— געדענק, גיטעלע, אַז דו האָסט מיר געגעבן די האַנט קיינמאָל נישט אָפּצוטרעטן פון יידישן גלויבן. קיינמאָל נישט! גיטעלע, פאָר געזונטערהייט און זאָל אַלץ זיין מיט גליק. זאָל דיך השם יתברך פירן אויף גוטע וועגן!

ביי גיטעלען האָבן זיך איצט געוויזן טרערן אין די אויגן און זי איז גיך אַרויס פון געשעפט.

## 19

שמעון האָט געהאַט אַ ביטערן טעם אין מויל, נאָכדעם ווי גיטעלע איז אַוועקגעגאַנגען. ער האָט זיך געפילט שלעכט און האָט זיך נישט געקענט קיין אָרט געפינען. דער געשפרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט איר, האָט אים אַזוי צערודערט, אַז ער האָט געוואָלט איצט אַנטלויפן ערגעצוווּ, אויף שעהן לאַנג, כדי אויסצולאָדענען זיך פון זיינע שווערע רעיונות... אַמבעסטן וואָלט געווען, ווען ער קען איצט גיין אין וואַלד אַריין און גיין און גיין אין אים וואָס אַמאָל טיפער און טיפער און אַזוי אַרום אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די שווערע משא פון די נאָגנדיקע געדאַנקען, וואָס פילן איצט אָן אַלע קעמערלעך פון זיין מוח... ער וואָלט אַזוי שפּאַצירנדיק

אין וואַלד אפשר געפונען פאַר זיך אַ וועג אַרויסצוקריכן פון דער גאַנצער פאַרפלאָנטערטער לאַגע, אין וועלכער ער איז פּלוצים אַריינגעוואָרפן גע־וואָרן. אָבער ער דאַרף דאָך שטיין אין קראָם און ריידן צו די קונים, כאָטש זיי אינטערעסירן אים אַזוי ווייניק.

אָבער זיינע געדאַנקען וואַרטן נישט ביז מען וועט קענען אַרויסגיין פון קראָם... זיי זענען דאָ און באַפאַלן אים ווי הייסעריקן פון אַלע זייטן. זיי פילן אָן זיין לייב, זיין נשמה און אַלץ וואָס עס איז דאָ אין אים... זיי קומען אויך נישט אין אָרדענונג, מיט אַ סדר, נאָר שפּרינגען אַרום הין און צוריק. און אַלץ איז ביי אים אַזוי אויסגעמישט, אַזוי נישט קלאָר...

שמעון האָט זיך איצט אַוועקגעזעצט אין אַ זייט און צוגעמאַכט די אויגן. דאָס איז ביי אים שוין אַן אַלט מיטל אויף צו קענען קאָנצענטרירן זיך. עס איז געווען נאָך פרי. דאָס גאַיעס איז נאָך געווען אין די קאָס־טשיאָלן און צערקוועס און זיך נאָך נישט אַרויסגעלאָזט אויף צו קויפן וואָס זיי דאַרפן. בלויז דאָ און דאָרטן האָט אַ קונה פאַרבלאָנדזשעט אין אַ געשעפט, אָבער דאָס איז געווען ס׳רוב יידישע מענטשן. שמעון האָט דעריבער געקענט זיצן אַביסל שטיל, אומגעשטערט אין זיינע מחשבות און פּרובירן צו טראַכטן מיט אַ סדר, באַמיען זיך אַריינצוברענגען אַ שטיקל אָרדענונג אין זיין קאָפּ.

דאָס ערשטע, וואָס ער האָט זיך אַליין געוואָלט קלאָר מאַכן, איז געווען וועגן גיטעלען. יאָ, עס איז אים נישט געפעלן אַ סך זאַכן, וואָס זי האָט אים דערציילט. נישט די מעשה מיטן פּוילישן דאָקטאָר און נישט די מעשה מיטן בחור פון דאָרף וואָלכאָוויץ און באַזונדערס דאָס טרעפן זיך היינט מיט אים, און שוין אָפּגערעדט פון דעם פאַרן מיט אים קיין קרעמעניץ, אין סאַמע מקור הטומאה, אין דער שטאָט, וווּ מען האָט גע־ברענט אין די גאַסן די הייליקע ספרים און וועלכע אָט די חברה, די סטרא אחראניקעס, האָבן געמאַכט פאַר זייער נעסט. אָבער דאָס ערגסטע פון אַלעם איז דאָס, וואָס זי וועט מיט אים דאָרטן חתונה האָבן. מיט וועמען? מיט אַ פראַנקיסט — אַזוי, אַז ער וועט האָבן אַ שוואָגער אַ ימח־שמו־ניק. היינט ווער וועט דאָס זיין איר מסדר קדושין — אלישע, דער חוטא ומחטיא את הרבים, דער פאַרפירער פון די יידישע יונגוואַרג מיט זיין

חוצפּהדיקער טאָכטער, די חיה־רעה, די לילית, די מאַמע פון די נישט־גוטע...

אָבער צוריקגעשמועסט, האָט שוין שמעון צו זיך אַליין געטענהט, וואָס קאָן אַזאַ מיידל ווי גיטעלע איצט טאָן? זי איז אַ שיין מיידל און דערצו אַזאַ גראָטענע, אַ מיידל אָן עלוי, מיט אַ פייערדיקן קאָפּ, וואָס וואָלט געקענט איינגעמען אַ וועלט, אָבער נאָר ווען אַלץ גייט גלאַטיק. זי וואָלט געקענט, למשל, חתונה האָבן מיט נחמנקען און העלפן אים צו זיין אַ גרויסער רבי, דער ראש פון די צדיקים, און אַליין זיין אַ גרויסע רביצין, אַ שם דבר ביי יידן. דעמאָלט וואָלט ער געהאַט נחמנקען פאַר אַ שוואָגער. נו, איז דאָך אָבער געשען אַזאַ אומגליק, אַז זייער אייגענער פאָטער האָט חרוב געמאַכט זיין הויז. און צוליב וואָס? — צוליב אַ נאַרישקייט, צוליב איין נאַרישקייט נאָך דער צווייטער, און דער שידוך מיט נחמנקען איז אָפּגעגאַנגען און איר נאָמען איז פאַרפלעקט געוואָרן. ווי האָט געזאָגט גיטעלע זייער ריכטיק: „ווער וועט מיך איצט וועלן? אַז פריער, ווען דער טאַטע האָט געהאַט עפּעס גערעדט, האָט מען דערפאַר שוין אָפּגעלאָזט מיט מיר דעם שידוך. איצט, נאָך די אַלע מעשים, וועט מען דאָך אַוודאי נישט וועלן קוקן אויף מיר". און זי איז דאָך גערעכט!

און די מעשה מיטן דאָקטאָר?... זיינע געדאַנקען שפּרינגען איצט איינער אין דעם אַנדערן אַריין. וואָס איז טאַקע געווען מיטן דאָקטאָר? ניין, ער איז איר נישט חושד אין קיין שום שלעכטס. זי איז דעם דאָקטאָר געפעלן. ער איז דאָך שוין אַן אַלטער מאַן. ער קען אים. ער איז שוין אַ זיבעציקער און אפשר נאָך מער. נו, האָט זי אים דערמאָנט אָן זיינע אַ יוגנט־געליבטע. זי, האָט ער געזאָגט, זעט אויס ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו יענער. מאַריאַ, האָט זי געהייסן. האָט ער איר, גיטעלען, געגעבן אַמאָל אַ גלעט און אַמאָל אַ קוש אויך. דאָס איז גאָרנישט. אַוודאי, אַ יידישע טאָכטער דאַרף עס נישט טאָן, עבירה גוררת עבירה. אָבער גיטעלע איז אַ מיידל, וואָס בענקט נאָך ליבע. און דער דאָקטאָר האָט דאָס דערזען און איר... און אפשר האָט זי אים אויך געגעבן אַמאָל אַ קוש, גיטעלע דעם דאָקטאָר, הייסט עס. נו, אַפילו אַזוי איז אויך גאָרנישט. אויב זי האָט געקענטביישטיין דעם יצר־הרע און נישט זינדיקן, איז שוין

דאָס אַליין אַ גרויסע זאַך און ער איז זיכער, אַז זי איז בייגעשטאַנען... אַז זי איז געבליבן אַ כשרע יידישע טאָכטער... וואָרום גיטעלע איז שוין אַ רייפע פרוי... ער זעט עס אין דעם אופן ווי זי קוקט אויף מענער און אַפילו אויף אים. פריער פלעגט זי קוקן אויף אים אַנדערש און איצט קוקט זי אויך אַנדערש... זי וויל חתונה האָבן... זי ווייס אָבער, אַז איצט וועט קיינער זי נישט נעמען... קיינער פון די יידישע קרייזן, סיידן איינער פון זיי, פון יענער חברה, און זי האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן דעם...

אָבער דאָך, דאָס, וואָס זי גייט חתונה האָבן מיט אַ פראַנקיסט, געפּעלט שמעונען גאָרנישט... גיטעלע זאָגט, אַז זי וועט אים מאַכן פאַר אויס פראַנקיסט. אפשר וועט איר טאַקע דאָס געלינגען... און אפשר נישט נאָר אים אַליין, נאָר אויך דעם טאַטן, און אים ברענגען צוריק אַהיים... און טאָמער נישט?... ניין, אַז עס זאָל זיין פאַרקערט, דאָס מיינט, אַז זיי זאָלן האָבן אַ השפעה אויף איר, אַז זי זאָל ווערן אַ פראַנקיסטקע, האָט ער קיין מורא נישט... ערשטנס האָט זי אים געגעבן תקיעת־כף, אַז זי וועט זיך נישט שמדן, און ער גלויבט איר... גיטעלע וועט זיך זיכער נישט שמדן און צווייטנס וועט זי גיכער האָבן אַ השפעה אויף זיי... זי וועט נאָך מחזיר למוטב זיין זיי... זי קען נאָך מאַכן, אַז דער טאַטע זאָל זיך איבערבעטן מיט דער מאַמען און אַלץ זאָל זיין צוריק גוט... גיטעלע טוט אפשר אַ גוטע זאַך דערמיט, וואָס זי האָט חתונה מיט אים. וואָס דען? וואַרטן ביז זי וועט ווערן אַן אַלטע מויד?... ער וועט זיכער נישט האָבן קיין שוואָגער אַ פראַנקיסט... גיטעלע וועט אפשר אַפילו דעם בחורס פאָטער נאָך אויך מאַכן פאַר אויס פראַנקיסט... ער גלויבט אין איר!... גיטעלע האָט אַ כוח!... גיטעלע מוז איצט אָנהייבן אַ נייע פרשה אין איר לעבן, ווייל מיט נחמנקען איז אויס... און עס איז בעסער, אַז ביידע זאָלן אין דעם פאַרגעסן... נחמנקע וועט זיך נישט גטן מיט זיין ווייב, אַפילו ווען ער האָט זי נישט ליב... דאָס איז שוין אַ פאַרפאַלענע זאַך. ער האָט דאָך שוין מיט איר אַ קינד אויך... טאַ צו וואָס נאָך אָנהאַלטן די בענקשאַפט פון איינעם צום אַנדערן?... נחמנקע אַליין וויל עס שוין אויך נישט. ער זעט, אַז עס שטערט אים נאָר אין לערנען און אין דאַוונען... ער וויל איצט זיין אַ צדיק, אַ רבי ביי יידן, אַ צדיק גמור, אַ צדיק בן צדיקים...

ער האָט בכּיוון געזאָגט גיטעלען, אַז נחמנקע האָט נאָר געשפּאַסט אַזוי... ער ווייס גאַנץ גוט, אַז נחמנקע האָט נישט געשפּאַסט... גיטעלע איז גע־רעכט געווען, ווען זי האָט געזאָגט, אַז מיט אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען נישט... אָבער ער האָט איר געוואָלט לייכטער מאַכן, אַז זי זאָל זיך נישט פילן אַזוי דערשלאָגן פון זיינע ווערטער...

אָבער שוין גענוג וועגן גיטעלען. ער דאַרף איצט טראַכטן וועגן זיך אַליין און דאָס איז דער עיקר. וואָס דאַרף ער איצט טאָן?...

יאָ, דאָס ערשטע, וואָס ער דאַרף טאָן, איז צו זאָגן דער מאַמען, אַז גיטעלע איז אַוועקגעפאָרן צום פעטער אברהם קיין באר... ער וועט דאַרפן זאָגן אַ ליגן, אָבער די גמרא זאָגט דאָך, אַז צוליב שלום־וועגן מעג מען זאָגן אַ ליגן. די גמרא גייט דאָך אַזוי ווייט צו זאָגן, אַז דער רבונו של עולם אַליין האָט געזאָגט אַנדערש, ווי עס איז געווען, צוליב שלום־וועגן... נו, וועט ער אויך אַזוי טאָן. ער קען דאָך דער מאַמען נישט זאָגן דעם אמת... וואָס זאָל ער איר זאָגן, אַז זי איז אַוועק צו אַ פראַנקיסט, דער חיה־רעהס אַ פריינט, און אַז ער וועט מיט איר אפשר פאָרן קיין קרעמע־ניץ און דאָרטן מיט איר חתונה האָבן... דאָס וואָלט דאָך געווען שרעק־לעך!... זי וואָלט עס נישט איבערגעטראָגן...

אָבער איצט די הויפּט־פראַגע: וואָס זאָל די מאַמע טאָן און וואָס זאָל ער טאָן? וואָס זאָל זיין מכּוח דבורהלען? און וואָס איז מכּוח ראָזען? יאָ, וועגן דער לעצטער קען ער דאָך אַפילו קיינעם נישט דערציילן... וואָס דאַרף ער מער, אַז ער האָט עס דאָך אַפילו זיין בעסטן חבר, נחמנקען, נישט געזאָגט... אָבער יעדעס מאָל, ווען ער וויל טראַכטן וועגן דעם ענין, צו קומען צו אַ פּועל־יוצא, מישט זיך אים אין קאָפּ און דער גאַנצער ענין ווערט מטושטש פאַר אים... פאַרוואָס איז עס אַזוי?... ער פּרובירט צו גיין כּסדר... דבורהלע איז זיין כּלה, זי איז זיין קוזינע, פון טאַטנס זייט... זי איז די טאָכטער פון שרהן, דעם טאַטנס שוועסטער... ער האָט נאָך אַ קוזינע פון דער מוטערס זייט, ראָזע... אָבער מיט ראָזען איז ער עפּעס נישט געווען אַזוי אויפגעטראָגן קליינערהייט, ווי מיט דבורהלען. זי, דבורהלע, איז געווען ביי אים אין הויז מער ווי אין דערהיים. אַמאָל איז ער אויך געווען ביים פעטער ישעיה, איר פאָטער, אין הויז. פון קליי־

נערהייט אָן האָבן זיי, ער און דבורהלע, זיך געהאַלטן צוזאַמען און מען האָט זיי דעריבער גערופן „ס׳פּאָרפּאָלק״, און ווען ער איז געוואָרן בר־מצווה, האָט דער פעטער ישעיה געזאָגט צו זיין טאַטן, ר׳ בער, אַז מען זאָל מאַכן שוין, אין איין וועג, אויך אַ תנאים, און דאָס איז געווען אַזוי נאַטירלעך פאַר אַלעמען, אַז זיין פאָטער האָט דערויף געענטפערט:

— וואָס מ׳יינסטו? אפשר טאַקע מאַכן איין גרויסע שמחה. אַ בר־מצווה מיט אַ תנאים צוזאַמען...

און עס איז טאַקע אַזוי געווען. קיין זמן־חתונה האָט מען נישט אָפּגערעדט. אָבער צו וואָס? מען האָט עס דען גענדאַרפט? וואָס זענען דען חתן־כלה פרעמדע? ווען מען וועט וועלן מאַכן די חתונה, וועט מען מאַכן.

ראָזע, די אַנדערע קוזינע, מיט די גאָלדענע האָר, בלויע אויגן און ראָזעווע בעקלעך איז אַ סך שענער ווי דבורהלע, אָבער עס גייט דען וועגן שיינקייט? „שקר החן והבל היופי״... ביידע קוזינעס זענען חברטעס און וואָס נאָך פאַר אַ חברטעס! איינע רירט זיך דאָך נישט אָן דער אַנדערער. אָבער ער איז מיט ראָזען נישט געווען אַזוי אויפגעטראָגן ווי מ׳יט דבורהלען, און אַזוי אויך נישט זיינע עלטערן. אים האָט זיך שטענדיק אויסגעדוכטן, אַז זי, ראָזע, בלאָזט זיך קעגן אים. זי ווייס, אַז זי איז אַ שיינע און וויל דעריבער, אַז אַלע זאָלן זיך בוקן צו איר.

אָבער דבורהלע האָט כסדר גערעדט צו אים וועגן ראָזען און געהאַלטן אין איין דערציילן אים, וואָס פאַר אַ גוטע נשמה זי איז, וואָס פאַר אַ קלוגע זי איז און ווי איידל זי איז און אַזוי נאָך און נאָך אַנדערע מעלות, וואָס זי, דבורהלע, האָט געפונען אין איר. אַלעמאָל אַזוי, ביז עס איז געקומען יענער טאָג, יענער פאַרשאָלטענער זונטיק מיט דריי יאָר צוריק. דער זונטיק פאַר זייער פאַסכאַ...

ער געדענקט עס אַזוי קלאָר ווי עס וואָלט איצט געווען. מיטאָמאָל האָט מען אַ וואָך פריער געגומען ריידן אין שטאָט, אַז עס וועט זיין אַ פּאָגראָם אויף די יידן, אַז די קאָזאַקן גרייטן זיך... אַז זיי שאַרפן זייערע מעסערס... עפּעס האָט מען טאַקע געזען, ווי גויים שאַרפן מעסערס און העק... און מערקווירדיק, זיי, די גויים, האָבן אַפילו דערפון קיין סוד נישט געמאַכט... זיי האָבן גערעדט דערפון אָפן, ווי וועגן אַ נאַטירלעכער

זאַך... און די יידן האָבן זיך טאַקע געשראָקן... מען האָט גערעדט דערפון אין בית המדרש און אומעטום, אַז זונטיק וועט עס זיין... זונטיק נאָך האַלבן טאָג, נאָכדעם ווי זיי וועלן אַרויסגיין פון זייערע קאָשטשיאָלן און די צערקוועס... אויף די יידן איז אָנגעפאַלן אַזאַ פחד, אַזוי אַז פיל זענען טאַקע אַנטלאָפן פון שטאָט... אויך ביי זיי אין הויז האָט מען גערעדט וועגן אַנטלויפן... אָבער עפּעס האָט גיטעלע נישט געהאַלטן דערפון... זי האָט געזאָגט אַז זי לייגט נישט קיין שום געוויכט דערויף... פאַרוואָס זי האָט אַזוי געזאָגט, וויס ער אַליין נישט...

דבורהלע אָבער האָט זיך געשראָקן, און עפּעס מער ווי אַלע. זי האָט דעריבער געזאָגט, אַז זונטיק וועט זי זיין אַ גאַנצן טאָג ביי ראָזען אין הויז, ווייל די וווינונג איז אין עק שטאָט, צווישן גויים, וועט דעריבער דאָרטן זיין זיכערער... איר שׂכל איז געווען, אַז די גויים וועלן לויפן אין די יידישע געגנטן... ראָזע האָט אויך אַזוי געזאָגט און האָט דורכאויס געוואָלט, אַז דבורהלע זאָל קומען צו איר שבת און ביי איר נעכטיקן... יאָ, עס איז געווען צוליב נאָך עפּעס... ראָזעס עלטערן זענען דעמאָלט נישט געווען אין דער היים, זיי זענען געפאָרן אויף אַ חתונה אין אַ נאָענטן דאָרף... עס האָט דעמאָלט חתונה געהאַט אַ טאָכטער פון זייערס אַ גוטן פריינט, וואָס האַלט די אַרענדע אין דאָרף. די חתונה איז געווען דאָנערשטיק און אַלע זענען שוין געבליבן דאָרטן איבער שבת און גע־זאָלט אַהיימקומען ערשט זונטיק... איז דבורהלע טאַקע אַהינגעגאַנגען צו ראָזען, כדי זי זאָל נישט זיין אַליין...

אָבער זונטיק בייטאָג האָבן גויים דאָס ערשטע באַלאַגערט זייער הויז. די טיר איז געווען פאַרשלאָסן. אָבער זיי האָבן זי געריסן מיט כוח און געוואָלט עפענען... עפּעס האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אין מיטן שטאָט זענען די יידן געווען זיכערער... עס איז אָנגעקומען אַ סטראַזשניק, וואָס האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן און צעטריבן די גויים מיט די גויעס, וועלכע האָבן זיך שוין געהאַט צוגעגרייט מיט זעק אויף צו ראַבעווען ביי די יידן... אָבער אין עק שטאָט, וווּ עס האָבן געוווינט עטלעכע יידן צווישן גויים, האָבן זיך די גויים געפילט זיכערער און וואָס זיי האָבן נישט גע־קענט טאָן אין מיטן שטאָט, האָבן זיי געזוכט צו טאָן דאָ, אין די זייטיקע געסלעך, שוין ביי די פעלדער...

ווען די מיידלעך האָבן געהערט ווי מען רייסט די טיר, זענען זיי אַרויף אויפן בוידעם און זיך דאָרטן באַהאַלטן... די גוואַלדן פון די גויים און גויעס זענען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער... „ביי זשידאָוו!״ „נעמט נקמה אָן די, וואָס האָבן געהרגעט קריסטוסן!״ אויף די מיידלעך איז אָנגעפאַלן אַן אימה און זיי האָבן אויף גיך באַשלאָסן, אַז איידער אַריינצוּפאַלן אין די הענט פון די רוצחים, זאָלן זיי זיך בעסער דערטרינקען... זיי ווילן קיינמאָל נישט לאָזן פאַראומרייניקט ווערן פון די מערדער... ראָזע האָט צוגערעדט דבורהלען, אַז זיי זאָלן עפענען דאָס קליינע פענצטערל פון בוידעם און אַראָפּשפּרינגען און דערנאָך זיך לאָזן לויפן צום טייך בוג... אויב מ׳וועט זיי דעריאָגן, וועלן זיי אַריינשפּרינגען אין בוג און אַ סוף... דבורהלע האָט מורא געהאַט צו שפּרינגען, אָבער ווען עס האָבן זיך געהערט די הילכיקע קולות פון די גויים און גויעס, וואָס האָבן שוין אויפגעריסן די אונטערשטע טיר, איז ראָזע גיך אַרונטערגעשפּרונגען. זי איז געפאַלן, אָבער האָט זיך גאָרנישט געטאָן. דבורהלע איז באַלד געשפּרונגען נאָך איר, אָבער איר שפּרינגען איז שוין נישט געווען אַזוי גוט. זי איז געבליבן ליגן ווי אַ שטיין און בלוט האָט זיך געלאָזט פון איר מויל... פונקט דעמאָלט איז אָנגעקומען אַ סטראַזשניק, וואָס האָט אויסגעשאָסן אין דער לופטן און די ווילדע מאַסע איז זיך צעלאָפן... ראָזע איז צוגעלאָפן צום סטראַזשניק און אים אָנגעוויזן אויף דבורהלען און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן אים צו העלפן איר אַריינטראָגן דבורהלען אין הויז. דער סטראַזשניק האָט דאָס געטאָן. עס האָט זיך אָפּגעשטעלט דער שטראָם פון בלוט, וואָס איז געלאָפן פון איר מויל, אָבער דבורהלע האָט געשריגן פון שרעקלעכע יסורים. ראָזע האָט באַלד גערופן דעם יידישן רופא און באַלד דערנאָך איז זי געלאָפן צום פּוילישן דאָקטאָר, יאַן דאָבזשינסקי, און איז אים ממש געפאַלן צו די פיס, אַז ער זאָל גיין מיט איר צו דבורהלען. דער דאָקטאָר האָט דאָס איר צוליב געטאָן. ער איז אַוועק מיט איר אין איר הויז און באַטראַכט דבורהלען און געזאָגט, אַז זי מוז ליגן כסדר אין בעט. ער ווייס נישט ווי לאַנג, ווייל זי האָט ביים שפּרינגען צעבראָכן עטלעכע רינגען פון רוקנביין...

דער יידישער רופא איז איצט שוין געקומען יעדן טאָג. אויף זיין

עצה האָט מען דבורהלען אַהיימגעפירט צו אירע עלטערן, וואָס מען האָט אייגנטלעך נישט געטאָרט טאָן, ווייל דער דאָקטאָר האָט עס נישט גע־הייסן, כדי די ביינער זאָלן זיך צוזאַמענוואַקסן. אָבער דער רופא האָט געזאָגט, אַז עס וועט נישט שאַדן, און אַזוי ווי די עלטערן האָבן איר גע־וואָלט האָבן ביי זיך אין הויז, האָבן זיי געטאָן וואָס דער רופא האָט זיי געזאָגט. ווען דער פוילישער דאָקטאָר האָט דאָס געהערט, האָט ער מער נישט געוואָלט קומען צו איר. ער איז געווען בייז פאַרוואָס מען האָט גע־פאָלגט דעם רופא און נישט אים... און אַזוי איז געשען, אַז דבורהלעס פלייצע איז געוואַקסן קרום און עס איז געוואָרן אַ הויקער. זי איז געוואָרן פיל נידעריקער און איינגעשרומפּן. אויך איר קיילעכדיק שיין פּנימל איז עפּעס געוואָרן אַנדערש און אַ מאָדנע גרימאַסע האָט זיך צעלייגט דער־רויף, וואָס האָט געמאַכט איר אויסזען פיל עלטער...

באַלד נאָכן אומגליק זענען געווען ביי איר בעט די גאַנצע משפּחה און שמעונס פאָטער, ר׳ בער, האָט פאַרזיכערט איר פאָטער, אַז דאָס וואָס עס איז געשען איז פון גאָט און דאָס ענדערט נישט דעם שידוך, און ווי נאָר מען וועט זען, אַז דבורהלען איז בעסער, וועט זיין אַ חתונה. דאָס האָט אויך פיל מאָל ער אַליין, שמעון, איבערגעחזרט פאַר איר, דבורהלען גופא, און אויך פאַר אירע עלטערן...

אָבער עס איז געווען נאָך עמיצער, וואָס האָט געזאָגט ענלעכע ווער־טער צו דבורהלען און אירע עלטערן. דאָס איז געווען ראָזע. יאָ, ראָזע איז געווען זייער צעבראָכן פון דעם אומגליק, ווייל זי האָט זיך באַטראַכט פאַר די הויפּט־שולדיקע. האָט זי דאָך געהאַט צוגערעדט דבורהלען צו נעכטיקן ביי איר; זי, ראָזע, האָט אויך איר געהייסן שפּרינגען פון בוי־דעם־פענצטערל און זי איז טאַקע געשפּרונגען צוליב איר... טיילמאָל טראַכט זי, אַז אפשר, ווען דבורהלע וואָלט געשפּרונגען די ערשטע און זי נאָך איר, וואָלט עס דבורהלען נישט געטראָפן, נאָר איר... ווען זי טראַכט אַזוי, ווינטשט זי זיך, אַז הלוואַי וואָלט עס אַזוי געווען. זי וואָלט בעסער געוואָלט, אַז עס זאָל האָבן געטראָפן מיט איר איידער מיט דבורהלען...

און דערפאַר האָט זי, אפשר נאָך פריער ווי שמעונס טאַטע און ווי

שמעון אַליין, געזאָגט צו דבורהלעס עלטערן, אַז זי וועט בלייבן שטענ־דיק לעבן דבורהלען און וועט איר באַדינען און זי וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט פאַר איר צו מאַכן גרינגער איר לעבן...

אָבער ראָזע איז אויסגעוואַקסן אויסערגעוויינלעך שיין. אירע גאָל־דענע האָר זענען עפּעס געוואָרן נאָך גאָלדענער. אירע בלויע אויגן פיל טיפער און אירע ראָזעווע בעקלעך אַזוי ווי צייטיקע עפּעלעך. עפּעס אַזאַ חן איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף איר, אַז ווען זי האָט געלאַכט, האָט געלאַכט מיט איר די גאַנצע וועלט און אירע צוויי שורות ווייסע ציין האָבן שימערירט ווי דימענטן. אַך, וואָס פאַר אַן אונטערשייד עס איז איצט צווישן ראָזען און דבורהלען. ממש צוויי וועלטן!...

און ראָזע איז אויך געוואָרן מיט דער צייט נישט גלייכגילטיק צו אים, צו שמעונען... ער ווייס עס... ער פילט עס פון דעם אופן, וואָס זי ציטערט אינגאַנצן, ווען זי קומט צו נאָענט צו אים... ווען זי דערלאַנגט אים עפּעס צו עסן אָדער צו טרינקען. יעדעס מאָל ווען ער קומט אין הויז פון זיין פעטער, ישעיה, צו באַזוכן דבורהלען, קוקט זי זיך אום, צי קיינער קוקט נישט, נישט די עלטערן און נישט דבורהלע, און דערלאַנגט אים אַ פולע מאָס פון אירע פלאַמענדיקע בליקן... יאָ, זי רעדט צו אים דורך אירע אויגן מער ווי דורך איר מויל... אָבער נישט נאָר אירע אויגן אַלייןריידן צו אים, נאָר אַלע אירע אברים... אירע צאַרטע ציטערנדיקע הענט, — ווען זי דערלאַנגט אים עפּעס... אירע פּיסלעך וואָס וואַקלען זיך, ווען זי קומט צו נאָענט צו אים... דער קאָפּ וואָס הענגט אַראָפּ, אָבער פון וועלכן די אויגן קוקן צו אים אַרויף... אַלץ אין איר רעדט צו אים... און ער הערט עס!... ער פאַרשטייט אירע שטומע ווערטער, וואָס זאָגן אַזוי צו אים בולט, אַז זי האָט אים אַזוי שטאַרק ליב...

און ער?... ער וויל זיך נישט־געפאַרן, עס איז אמת, אַז ער איז משוגע פאַר איר... ער גייט דאָך נאָך אַרויף צו דבורהלען, ווייל זי, ראָזע, איז דאָרטן... פאַר דער וועלט הייסט עס אַנדערש... יאָ, עס הייסט, אַז ער האַלט זיין וואָרט צו דבורהלען, אַז ער זאָגט זיך נישט אָפּ פון איר, נאָכדעם ווי עס האָט פּאַסירט דער אומגליק... אָפילו נחמנקען האָט ער

אַזוי געזאָגט. ער האָט אים אַפּילו געזאָגט, אַז אין איר הויקער איז דאָ פּיל חן... עס איז נישט געווען אמת!... ניין, ער האָט עס נישט געמיינט... פאַרוואָס ער האָט עס געזאָגט?... נו, פאַרוואָס?... ער וויל, אַז מען זאָל מיינען, אַז ער איז אַלץ ווייטער פאַרליבט אין דבורהלען.. עס פּאַסט אים אַזוי, צי אפשר ריכטיקער, עס פּאַסט אים נישט אַנדערש... אָבער דעם אמת מעג ער דאָך זאָגן זיך אַליין... עס איז אַפּילו אַמאָל שוין געווען אַ גערייד וועגן דעם ביי זיי אין הויז... זיין מאַמע, אסתר, האָט עפּעס געזאָגט, אַז זי וויל נישט, אַז איר זון זאָל חתונה האָבן מיט אַ קאַליקע, ובפרט נאָך, ווען איר קוזינע, ראָזע, איז אַזאַ שיינהייט, און זי שטאַרבט אַוועק פאַר אים... אָבער דער פאָטער האָט באַלד געזאָגט, ניין, דאָס טוט מען נישט... זי איז אַ קרבן פון אונדזער גלויבן און עס וואָלט געווען שרעקלעך, אַז דערפאַר זאָל מען זי פאַרשטויסן... ער, שמעון, האָט מסכים געווען צום פאָטערס רייד, כאָטש, מערקווירדיק, גיטעלע האָט געהאַלטן מיט דער מאַמען און געזאָגט, אַז חתונה איז נישט קיין רחמנות־זאַך. מען דאַרף ווינען מיט אַ מענטש, וואָס מען קען ליב האָבן און נישט מיט אײַנעם, אויף וועמען מען דאַרף כסדר רחמנות האָבן...

און אַזוי ציט זיך די זאַך ביז היינט. ער קומט אַרויף צו דבורהלען כמעט יעדן טאָג. ער רעדט צו איר האַרציקע רייד, אָבער דאָס האַרץ איז נישט דערביי. דאָס האַרץ לעכצט צו ראָזען, און ווען קיינער זעט נישט, ריידן זיינע אויגן צו איר פּונקט אַזוי ווי אירע צו אים... דבורהלעס על־טערן ריידן אַמאָל וועגן אַ חתונה, אָבער נישט צו פיל, ווייל זיי זענען אַליין נישט צו דרייסט... אָבער וואָס זאָל דאָ זיין? וואָס זאָל ער טאָן?... עס מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף!... זאָל ער חתונה האָבן מיט דבורהלען און טראַכטן כסדר פון ראָזען?... וואָס?...

## 20

נאָך האַלב צוועלף אַזייגער ביי טאָג איז אסתר געקומען אין געשעפט אַריין. שמעון האָט איר געפרעגט וואָס זי מאַכט, און זי האָט געענטפערט: „אַזוי". אָבער מען האָט איר נישט געדאַרפט פרעגן אויף צו וויסן ווי אַזוי זי פילט זיך. איר פּנים איז געווען פאַרחושכט, מיט אונטערגעשלאָגענע

אויגן און קוים וואָס זי האָט דעם קאָפּ אויף זיך געהאַלטן. שמעון האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט נישט געדאַרפט נאָך אַרויסצוגיין פון בעט.

— איך קען נישט לאָזן דיך אַליין אין געשעפט, מען קען דאָך אַלץ אַרויסטראָגן. איין מענטש אַליין? — האָט זי אים געענטפערט מיט אַ שוואַכער שטימע, קוים וואָס מען האָט געהערט.

— גיטעלע איז דאָ געווען ביז ערשט נישט לאַנג צוריק. — האָט שמעון געזאָגט.

— כ׳ווייס, אָבער זי האָט מיר געזאָגט, אַז צוועלף אַזייגער פאָרט זי אַוועק קיין באַר צום פעטער אברהם, אַזוי האָט זי מיר געזאָגט און זי האָט געוואָלט, אַז כ׳זאָלג איר גלויבן.

— וואָס? דו מיינסט, מאַמע, אַז זי איז נישט געפאָרן קיין באַר?

— וואָס דען? זי איז יאָ געפאָרן? דו ווייסט מן־הסתם.

— איך ווייס נישט.

— אַ מאַמעס האַרץ ווייסט בעסער. זי איז נישט געפאָרן צום פעטער אברהם. — האָט אסתר געזאָגט מיט אַנטשלאָסנקייט אין איר שטימע.

— פון וואַנען נעמסטו דאָס? מיט וואָס ביסטו אַזוי זיכער? — האָט שמעון זי געפרעגט.

— אָט אַזוי פיל איך.

— אָבער וויסן ווייסטו דאָך נישט?

— אַז כ׳וויל, ווייס איך אויך. איך האָב געהערט פרייטיק פאַרנאַכט, ווי זי האָט געזאָגט צו דער ווילדער מויד, אַז ער איז אַ שיינער, אַ רייכער און ער געפעלט איר, און אַז ער וועט קומען אַהער נאָך איר, זונטיק צוועלף אַזייגער בייטאָג.

— נו, אויב אַזוי, ווייסטו דאָך אַלץ, נאָך פיל מער ווי איך. — האָט שמעון איר געענטפערט.

— יאָ, כ׳ווייס — האָט אסתר אים געענטפערט — אָבער כ׳ווייס דאָך נישט, וואָס, ווער און ווען? ווער איז ער? וואָס טוט ער?

— מסתמא ווייסטו דאָס אַלץ וויסן אין משך פון דער צייט. פאַר־וואָס האָסטו איר נישט געפרעגט?

— כ׳האָב נישט געוואָלט. כ׳וויל נישט מישן זיך אין אַלע זאַכן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות מיט דער פּאַסקודנער מויד.

— ווער ער איז, דאָס ווייס איך גראָד יאָ — האָט שמעון זיך אָנ־געררופן — די מויד האָט גיטעלען באַקענט מיט דעם בחור. ער איז פון אַ דאָרף נישט ווייט פון דאַנען און, ווי איך הער, ווערט ער די כפרה פאַר איר.

— פאַר וועמען? פאַר דער ווילדער מויד? אַז אַ שיינע ריינע כפרה זאָלן זיי מיר ביידע זיין.

— ניין, מאַמע, כ׳מיין אַז דעם בחור געפעלט שטאַרק גיטעלע און ער וויל מיט איר חתונה האָבן. ער איז אַ רייכער, זיין פאָטער האָט אַ גרויס פאַרמעגן.

— איז שוין דאָס אַלץ? זינט ווען איז רייכקייט ביי דיר שוין אַלץ, שמעון?

— אַוודאַי נישט, מאַמע, אָבער כ׳האָב גערעכנט, אַז דאָס איז וויכ־טיק פאַר דיר צו וויסן. דו ווילסט דאָך מן־הסתם, אַז זי זאָל נישט ליידן קיין נויט.

— איך האָב אויך נישט חתונה געהאַט מיט דיין טאַטן צוליב רייכ־קייט. פאַרקערט, איך שטאַם גאָר פון אַ רייך הויז, און דיין טאַטע איז געקומען פון אַ משפחה פון לויטער קבצנים. ער האָט אַפילו נישט גע־האַט קיין געלט אויף צו קויפן מיר אַ חופה־רינגל, און מיין טאַטע האָט אים געמוזט געבן אַ מתנה צוויי דוקאַטן, אַז ער זאָל האָבן מיט וואָס צו קויפן.

— מאַמע, גיטעלע קוקט אויך נישט אויס אויף רייכקייט, אָבער מיר דאַרפן ריידן איצט וועגן עפּעס אַנדערש. איך מיין, אַז מיר דאַרפן אויפ־געבן ס׳געשעפט. עס איז צו שווער פאַר אונדז. איך וויל נאָך זיצן און לערנען און אַחוץ דעם טויג איך זיך נישט אויס דערצו. איך בין נישט קיין קרעמער און דו אַליין, מאַמע, וועסט דאָך אַוודאי נישט קענען פירן דאָס געשעפט.

— און פרנסה, שמעון? וואָס איז מ׳כוח פרנסה? פון וואַנען וועט זיין אויף ברויט?

— מיר האָבן דאָך, דוכט זיך, שוין גערעדט דערפֿון — האָט שמעון געזאָגט פּאַרזיכטיק, כדי איר נישט ווי צו טאָן — דאָס בעסטע איז, דו זאָלסט אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען, פֿון מעזשיבוזש. דאָ וועסטו שוין קיין נחת נישט האָבן, מען וועט קוקן אויף דיר פֿון אויבן אַראָפּ מיט שפּאָט אויף די ליפּן, צי גאָר מיט רחמנות־בליקן, וואָס עס איז נאָך ערגער. מיין מיינונג איז, אַז דו זאָלסט פֿאָרן קיין טולטשין צום פֿעטער יואל און מיט די געלטער, וואָס דו וועסט האָבן פֿון די סחורות, וואָס דו וועסט איינלייזן פֿון געשעפֿט, זאָלסטו דיר עפֿענען דאָרטן אַ קליינע קראָם. אויב דו ווילסט, איז אפשר אַ פּלאַן, אַז מען זאָל אַריבערפֿירן אַלע סחורות קיין טולטשין. דו וועסט זיין דאָרטן לעבן פֿעטער יואל, זיינע קינדער, איבערהויפּט די טעכטער, וועלן דיר העלפֿן.

— אָבער איז דאָס אַ תכלית פֿאַר דיר, שמעון? און וואָס וועט זיין מכוח דעם טאַטן? זאָל איך אים איבערלאָזן אין אירע הענט, וואָס זאָגסטו?

— האָט אסתר גערעדט שטיל מיט אַ ווייַנענדיקער שטימע.

— לאָז אָפּ איצט וועגן טאַטן, מאַמע! דערווייל קען מען דאָך גאָרנישט טאָן. אָבער איך בין זיכער, אַז ער וועט קומען צוריק. דו מוזט נאָר האָבן געדולד, אַ סך געדולד. נחמנקע האָט מיר אויך אַזוי געזאָגט, און איך מיין אויך אַזוי.

— און וואָס איז וועגן גיטעלען? וועט זי חתונה האָבן מיט דעם בחור, אָן טאַטע־מאַמע, אָט אַזוי! הפקר!

— מאַמע, גיטעלע האָט מער געליטן ווי מיר אַלע. צוליבן טאַטן איז דער שידוך מיט נחמנקען אָפּגעגאַנגען. דערנאָך זענען געקומען די אַלע פֿאַרשעמונגען, פֿון וועלכע זי האָט ווידער געליטן... וואָס מיינסטו, זי קען איצט קריגן אַ לייטישן חתן נאָך דעם אַלעם, וואָס עס איז געשען? עס איז מיר אַ רחמנות אויף איר, מאַמע, און דעריבער האָב איך איר גאָרנישט געזאָגט. גיטעלע איז אַ טייער מיידל און זי וועט אונדז נישט פֿאַרלאָזן. ווען עס וועט קומען צו עפּעס, וועט זי קומען צו דיר און זיך מיט אונדז מייעץ זיין. זאָל זי דערווייל זיין ווייטער אַביסל פֿון שטעטל, זי קען דאָך נישט די גאַס אַריבערגיין. אַלע טייטלען דאָך אויף איר מיט די פֿינגער.

— און אויף מיר טייטלט מען נישט, שמעון? און אויף דיר?

— נו, דערפאַר זאָג איך דאָך טאַקע, אַז דו זאָלסט אַוועקפאָרן קיין טולטשין. דאָרטן וועט מען גאָרנישט וויסן פון דעם אַלעם. דאָרטן וועסטו זיין ר׳ יואלס שוועסטער און קיינער וועט דיר דאָרטן גאָרנישט פאָרוואַרפן.

— און וואָס איז מכוח דיר, שמעון? זאָג מיר דעם אמת, פאַר אַ מאַמען קען מען אַלץ ריידן, באַהאַלט עס נישט. דו ווילסט חתונה האָבן מיט דבורהלען?

— מאַמע, כ׳מוז...

— דו מוזסט נישט. אויב דו ווילסט נישט, איז נישט. נאָך אַלעם האָסט דאָך נישט אונטערגעשריבן, אַז דו מוזסט מיט איר חתונה האָבן אויף אַלע אופנים.

— דערויף האָט דער טאַטע שוין געענטפערט — האָט שמעון גע־זאָגט מיט אַ שטילער שטימע — דבורהלע איז אַ קרבן פון אונדזער גלויבן און צו פאַרשטויסן זי, וואָלט געמיינט צו פאַרשטויסן די, וואָס זענען זיך מקריב פאַר אונדזער גלויבן.

— און אַז דער טאַטע האָט געזאָגט, איז וואָס? איך קען דיר אָבער זאָגן, אַז ראָזע וועט עס נישט אויסהאַלטן.

— פאַרוואָס מיינסטו אַזוי?

— ווייל כ׳ווייס עס!

— זי האָט מיט דיר גערעדט?

— משל דיר אויס, אַז יאָ.

— זאָג מיר, מאַמע, וואָס האָט זי דיר געזאָגט?

— זי האָט געזאָגט... זי האָט אויסגעגאָסן איר ביטער האַרץ... אויב דו ווילסט וויסן, איז זי שרעקלעך פאַרליבט אין דיר... זי האָט געוווסט, אַז פאַר מיר קען זי דאָס זאָגן, אַז איך וועל זי פאַרשטיין...

— ווען האָט זי גערעדט מיט דיר?

— וואָס איז אַ נפקא־מינה ווען? זי האָט גערעדט מיט מיר.

— עס איז מיר יאָ אַ נפקא־מינה. איך וויל וויסן, צי עס איז געווען פאַר דעם טומל פון דעם פרייטיק און שבת.

— משל דיר אויס, אַז זי איז געווען ביי מיר היינט אין דער פרי.

זי האָט געהערט, אַז איך בין גישט געזונט, איז זי אַריינגעקומען זען וואָס איך מאַך. איך האָב אַן אַנונג, אַז גיטעלע האָט זי אַריינגעשיקט צו מיר. זי האָט איר געטראָפן באַלד אין דער פרי, ווען זי איז געגאַנגען אין גע־שעפט אַריין. אַזוי האָט מיר ראָזע געזאָגט.

— דו מיינסט מיר צו זאָגן, מאַמע, אַז ראָזע שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר גאָרנישט, אַז איר אַרט נישט, וואָס מיר האָבן איצט געקראָגן אַ שלעכטן נאָמען?

— מיר האָבן נישט געקראָגן קיין שום שלעכטן נאָמען, שמעון, — האָט אסתר צו אים געזאָגט פאַרדריסלעך — בלויז דער טאַטע האָט זיך אַביסל באַנאַרישט. אָבער וואָס האָט דאָס מיט אונדז צו טאָן? וואָס זע־נען מיר שולדיק? וואָס האָסטו, למשל, געטאָן פאַר אַ שלעכטס? אָדער וואָס האָט געטאָן גיטעלע? אָדער איך? מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרזינ־דיקט? כ׳בין נאָר געווען אַ נאַר דערמיט, וואָס כ׳האָב עס אַזוי ווייט דער־לאָזן. איך האָב געדאַרפט באַלד, דאַנערשטיק, אַנכאַפּן די מויד ביי די קודלעס, ווי נאָר זי האָט מיר געמאַכט דעם פאָרשלאָג וועגן שלאָפן מיטן טאַטן, און זי גלייך אַרויסוואַרפן פון הויז.

— דער טאַטע וואָלט זיך געפילט באַליידיקט דערפון.

— וואָלט ער! וואָלט ער דעמאָלט געהאַט אַ ברירה זיך אָנצונעמען פאַר איר, דער מויד, און צו אַנטלויפן מיט איר, אַזוי ווי ער האָט טאַקע געטאָן. אָבער עס וואָלט נישט געקומען דערצו... ווילסט הערן מיין מיי־נונג? עס וואָלט בעסער געווען, ווען אָט די געסט, אלישע און די מויד, וואָלטן געזען, אַז זיי קענען נישט פּראַווען ביי מיר אין הויז זייערע שטיק, וואָלטן זיי זיך אָפּגעטראָגן באַצייטנס. איך האָב געמאַכט אַ פעלער דער־מיט, וואָס איך האָב געשוויגן, וואָס איך בין געווען געדולדיק. אָט דאָס האָט נישט געטויגט. אָבער עס איז שוין פאַרפאַלן.

— יאָ, ביסט אפשר גערעכט, מאַמע, האָבן געדולד איז גוט, אָבער אַמאָל, אַז מען איז צו געדולדיק, טויג אויך נישט.

— נו, זאָג מיר, שמעון, וואָס וועט זיין מיט דיר?

— גאָרנישט, מאַמע, עס וועט זיין אַ חתונה.

— אַזוי מיינסטו? דו ווילסט טאַקע מיט דבורהלען חתונה האָבן?

— כ׳וויל? אָבער אַמאָל איז לייכטער צו רייסן פּאַרמעט ווי פּאַפּיר.

— כ׳פאַרשטיי דיך, דו מיינסט, אַז עס וועט זיין לייכטער צו גטן זיך, ווי אָפּצולאָזן אַ שידוך?

— יאָ.

— ראָזע וועט מאָרגן אין דער פרי ווידער זיין ביי מיר.

— צוליב וואָס?

— זי האָט מיך געבעטן, אַז כ׳זאָלריידן מיט דיר. זי וויל וויסן דיין ענטפער.

— מיין ענטפער? זאָג איר וואָס כ׳האָב דיר געזאָגט. זי מוז אויך האָבן געדולד. איך קען איר מער נישט זאָגן. זי וועט פאַרשטיין דאָס איבעריקע.

— דו ביסט גערעכט, שמעון. אַזוי וועט הייסן, אַז דו ביסט זי מבייש, אַז דו לאָזט אָפּ דעם שידוך און האַלטסט נישט דיין וואָרט. נאָך דער חתונה אָבער וועסטו זען. אויב עס וועט זיין גוט, איז דאָך נישטאָ וואָס צו ריידן; אויב נישט, וועט עס זיין גאָר אַן אַנדער זאַך. עס וועט הייסן, אַז עס איז נישט קיין זיווג... כ׳וועל דיר זאָגן נאָך עפּעס, שמעון, וואָס דער רופא האָט מיר געזאָגט. ער זאָגט, אַז זי וועט נישט קענען האָבן קיין קינדער און אויב אַזוי, וועסטו איר קענען גטן, לויטן דין, נאָך צען יאָר.

— דער רופא ווייס נישט פון זיינע הענט און פיס. ער איז אַ קאָוואַל.

— מאָל דיר אויס, אַז דער פוילישער דאָקטאָר האָט אויך אַזוי געזאָגט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס, מאַמע?

— כ׳ווייס עס. כ׳האָב געהערט. שרה האָט עס מיר געזאָגט.

— אויב אַזוי, מיינט עס פאַר ראָזען צו וואַרטן צען יאָר.

— צען יאָר פאַר אַ מיידל מיינט אַ סך, שמעון.

— אָבער עס איז בעסער ווי גאָרנישט. יעקב אָבינו האָט דאָך געוואַרט צוליב רחלען פערצן יאָר.

— אַ מאַן צוליב אַ פרוי איז עפּעס אַנדערש. אַ מאַן האָט מער גע־

דולד, פאַר אַ פרוי איז שווערער צו וואַרטן ווי פאַר אַ מאַן. אַ פרוי פאַר־לירט אין צען יאָר אַ סך פון איר שיינעם אויסזען.

— וואָס קען איך דערויף ענטפערן! — האָט שמעון געזאָגט — אָט אַזוי איז עס. אָבער כ׳מיין, אַז דו דאַרפסט ריידן מיטן פעטער ישעיה וועגן גרייטן זיך צו אַ חתונה. צו וואָס וואַרטן?

— נו, גוט. — האָט אסתר געזאָגט.

— רייד מיט זיי נאָך היינט — האָט שמעון געזאָגט — דו ווילסט דאָך אַוועקפאָרן. אָבער דו וועסט דאָך זיכער נישט פאָרן פריער, איידער עס וועט זיין אַ חתונה.

— איך קען דאָך קומען צוריק אויך. די פורן פאָרן דאָך אַלע טאָג. עס איז דאָך נישט ווייט.

— יאָ, עס איז אָבער בעסער וואָס פריער. רייד מיט איר, מאַמע. איך וועל סיי־ווי־סיי נישט עסן קיין קעסט ביים פעטער.

— ניין? פאַרוואָס?

— ווייל כ׳וויל נישט.

— וואָס ווילסטו דען טאָן?

— כ׳וועל פאָרן אין אַן אַנדער שטאָט אַריין און וועל דאָרטן ווערן אַ מלמד, אָדער אַ שמש אין אַ שול. איך וועל עפּעס טאָן צו האָבן פרנסה.

— דאָס הייסט נישט ווינען צוזאַמען מיט דבורהלען? האָסט לכת־חילה באַלד חתונה אויף נישט צו ווינען מיט איר?

— וואָס איז דען שייך ווינען מיט איר? זי איז דאָך אַ קראַנקער מענטש?

— אירע עלטערן זאָגן, אַז זי א־ז שוין אינגאַנצן געזונט, אַז אַחוץ די הויכע פלייצע, איז זי געזונט ווי אַלע מענטשן.

— עס הייבט זיך נישט אָן. זי איז געבליבן מיט אַ מום און אַ מום איז קרום. דו ווייסט, מאַמע, אַז זי איז געוואָרן שלעכט, זי איז כסדר קריגעריש.

— יאָ, כ׳ווייס עס, כ׳האָב נישט געוווסט, אַז דו ווייסט עס אויך.

— כ׳ווייס עס שוין לאַנג, יעדעס מאָל ווען כ׳רייד מיט איר, זאָגט

זי אַנדערש. און טאַמער וויל איך איר באַווייזן, אַז איך בין גערעכט, ווערט זי אין כעס אָדער זי צעוויינט זיך.

— מיט די עלטערן איז זי אויך אַזוי. שרה האָט זיך אויך באַקלאָגט פאַר מיר. זי האָט געזאָגט, אַז זי ווייס נישט וואָס צו טאָן מיט איר.

— עס איז נישטאָ וואָס צו טאָן. דאָס בעסטע איז אויסצומיידן קריגערייען דורך ווייניק ריידן צו איר, אָבער דאָס טויג אויך נישט, ווייל דעמאָלט האָט זי ווידער טענות, אַז מען מיידט זי אויס, אַז מען פאַרגעסט אָן איר.

— אויב דו ווייסט דאָס אַלץ, שמעון, פאַרוואָס גייסטו ווידער חתונה האָבן מיט איר?

— דערפאַר זאָג איך דאָך דיר, מאַמע, אַז כ׳וועל מיט איר נישט ווינען. איך וועל קיין קעסט נישט עסן. דאָס איז די ערשטע זאַך. נו, דאַרף איך דאָך זוכן פרנסה, וועל איך ווערן אַ מלמד. אָבער נישט דאָ, ווו מען קען מיך, נאָר אין אַן אַנדער פלאַץ. אָדער אפשר גאָר ביי אַ ישובניק אויפן דאָרף. דאָס איז אויך אין מיינע פלענער.

— זייער נישט גוט. אָבער איך וועל נאָך היינט ריידן מיט ישעיהן און שרהן. זאָל זיין אַ חתונה. אַראָפּ פון מאַרק! — האָט אסתר צוגעגעבן.

— איך שטעל מיר פאָר, אַז די חתונה וועט נישט קענען זיין פריער ווי אין פיר וואָכן אַרום.

— געוויס נישט פריער, שמעון, — האָט אסתר געזאָגט נאָכדענקענדיק — מען דאַרף דאָך איר מאַכן אַ וויפּראַווע. און אויך דו דאַרפסט זיך צוגרייטן, שמעון.

— אַוודאי. דעריבער, מאַמע, וועלן מיר שוין נישט מאַכן קיין שום ענדערונג ביז נאָך דער חתונה. כ׳מיין, דו זאָלסט אָפּלייגן דיין פאָרן קיין טולטשין ביז נאָך די שבע־ברכות.

— גערעכט. איך מיין אויך אַזוי.

— דו ווייסט, מאַמע, עס קען זייער זיין, אַז דער טאַטע זאָל נאָך צוזאַמען מיט דיר פירן מיך אונטער דער חופּה.

— דער טאַטע? וואָס רעדסטו? דו ווייסט דאָך אַפילו נישט ווו ער איז.

— איך שטויס זיך אָן.

— יאָ? דהיינו?

— ער מוז אַוודאי זיין דאָרטן, ווו די פראַנקיסטן וווינען. וואָרום גלאַט אַזוי אין אַ יידישער שטאָט לאָזט מען זיי דאָך נישט אויף די אויגן.

— טאָ ווו מיינסטו איז ער? אין וועלכער שטאָט?

— אין קרעמעניץ.

— אין קרעמעניץ־פּאָדאָלסק! אויב אַזוי, וועל איך אַהין פאָרן צו אים און איך וועל אים ווייזן, וואָס כ׳קען טאָן! דאָס וואָס איך האָב נישט געטאָן מיט אים און מיט זיי אַלע פריער, וועל איך טאָן איצט. איך וועל איצט אויסלאָזן מיין גאַנצן כעס צו זייערע קעפּ, אַזעלכע מנוולים! איך בין גרייט צו פאָרן נאָך היינט קיין קרעמעניץ.

— מאַמע, דו דאַרפסט עס נישט טאָן.

— פאַרוואָס, שמעון?

— ערשטנס, ווייל מען וועט דיך דאָרטן נישט אַריינלאָזן. אין קרע־מעניץ לאָזט מען נישט אַריין קיין יידן, מען לאָזט אַריין בלויז זיי, די האַלבע גויים; צווייטנס, אַפילו ווען מען זאָל דיך אַריינלאָזן, ווי וועסטו פירן אַ מלחמה איינע אַליין מיט אַ באַנדע משומדים?

— טאָ פאַרוואָס, ווידער, מיינסטו, אַז דער טאַטע וועט קומען צו דער חתונה?

איך וויל אים שרייבן אַ בריוו און אים בעטן, אַז ער זאָל קומען צו מיין חתונה און פירן מיך אונטער דער חופה.

— אַזוי? אָבער ער וועט זיכער קיין מעזשיבוזש נישט קומען.

— כ׳האָב אויך געטראַכט דערפון, וואָלט גוט געווען, אַז די חתונה זאָל זיין ערגעץ אַנדערשוווּ. עס מאַכט נישט אויס ווו, נאָר נישט דאָ. איך וואָלט געוועז אויך צופרידן, אַז די חתונה זאָל נישט זיין דאָ, אַפילו ווען דער טאַטע זאָל נישט קומען, ווייל כ׳וויל נישט, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל זיך צונויפלויפן צו מיין חתונה צוליב נייגעריקייט.

— עס איז אַ געדאַנק. גוט וואָס דו האָסט עס מיר געזאָגט. איך וועל ריידן מיט זיי וועגן דעם.

— און איך בין זיכער, אַז אויב איך וועל שרייבן אַ בריוו צום טאַטן, אַז ער זאָל קומען צו מיין חתונה, וועט ער קומען.

— מעגלעך?

— איך בין זיכער אַז יאָ. און נאָך עפּעס בין איך זיכער.

— וואָס אַזוינס, שמעון?

— אַז ער וועט מער נישט פאָרן צוריק צו זיי. ער וועט זיך פון זיי אָפּטרייסלען.

— דו מיינסט אַזוי?

— יאָ.

— וואָס מאַכט דיך אַזוי צו טראַכטן?

— ווייל אַ משוגענע מינוט האַלט נישט אָן לאַנג. אַ משוגעת מוז אָפּלאָזן. דעמאָלט קוקט מען זיך אַרום און מען זעט, אַז מען האָט אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט. כ׳גלייב, אַז די משוגענע מינוט איז שוין ביים טאַטן לאַנג אַריבער, און ער וואָלט שוין געוואָלט קומען צוריק.

— פון דיין מויל אין גאָטס אויערן. מיינסטו אויך, אַז ער וועט קומען צוריק צו מיר?

— אָט דאָס מיין איך.

— דאָ, אין מעזשיבוזש?

— ניין, דאָ נישט. אָבער אין אַן אַנדער שטאָט, לאָמיר זאָגן אין טולטשין, יאָ.

— עס וואָלט מיר נישט אויסגעמאַכט ווו עס איז. כ׳וואָלט שוין געוואָלט דערלעבן דאָס. עס וואָלט געווען אַ מצווה אויף דער מויד אויך.

— נו, מאַמע, גיי אַהיים און לייג זיך צו אַביסל. עס איז אַ וואָלקנדיקער טאָג, עס וועט נישט זיין היינט קיין גרויסע לייזונג. גיי בעסער אַהיים, מאַמע.

— ניין, גיי דו בעסער, שמעון, דו שטייסט דאָך שוין פון דער פרי אָן. איך וויל איצט דאָ זיין. עס איז פאַר מיר בעסער צו זיין דאָ ווי צו ליגן אין בעט. גיי דיך אַביסל איבער אָדער זעץ דיך לערנען.

— נו, גוט, איך וועל שפּעטער צוריקקומען. אַ גוטן טאָג, מאַמע.

— אַ גוטן טאָג, שמעון, גיי געזונטערהייט.
און שמעון איז איצט אַוועק אין דער ריכטונג צום וואַלד.

## 21

צען אַזייגער, זונטיק אין דער פרי, האָט שוין די בריטשקע פון זיין רייכן שווער, ר' אפרים, געוואַרט אויף נחמנקען, פאַרן הויז פון זיינע על־טערן. נחמנקע האָט שוין געהאַט אָפּגעדאַוונט און אָפּגעגעסן אָנבייסן. ער האָט זיך גלייך געזעגנט מיט זיין מוטער, פייגע, ווייל מיטן טאַטן, ר' שמחהן, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט סחורות, גייענדיק איבער די דער־פער, האָט ער זיך געזעגנט שוין באַגינען. נחמנקע האָט אויך געזאָגט זיין מאַמען, אַז ער פאָרט צוריק אַ נייער מענטש. ער וועט זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַלע נאַרישע רעיונות און וועט זיך באַמיען צו גיין אין די דרכים פון זיידן עליו השלום. פייגע האָט אים אָנגעקוקט מיט אירע פאַרשנדיקע אויגן און געפרעגט:

— דו מיינסט צו זאָגן, נחמנקע, מכות...

— יאָ, מאַמע, — האָט ער שטיל געענטפערט.

— זייער גוט, מיין קינד, — האָט זי אים געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ — איך זע, אַז דו ווילסט מגביר זיין ביי זיך די נשמה פון צדיק איבער אַלע אַנדערע.

— אָט דאָס, וואָס איך וויל, מאַמע.

— דו גייסט אויפן ריכטיקן וועג, נחמנקע, אָבער דו דאַרפסט צו האָבן אַ סך סעייתא דשמיא. איך וועל בעטן צו השם יתברך פאַר דיר און איך וועל זיך אויך באַמיען פאַר דיר אויפן קבר פון זיידן עליו השלום.

— טו דאָס, מאַמע, טו דאָס אַלץ פאַר מיר — האָט נחמנקע געגלעט אירע דאַרע באַקן, וועלכע זענען איצט נאַס געוואָרן פון די טרערן, וואָס האָבן אַראָפּגערונען פון אירע מידע אויגן.

— כ'וועל טאָן אַלץ פאַר דיר, מיין קינד, און נאָך ווי אַזוי! פאָר, מיין קינד, געזונטערהייט און גריס דיין ווייב אין מיין נאָמען. קוש אויך מיין טייער אייניקל, רחלע, און גיב אָפּ אויך אַ גרוס דיין שווער און שוויגער. פאָר געזונטערהייט.

נחמנקע האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער בריטשקע און דער גוישער בעל־עגלה, איוואַן, האָט געגעבן אַ שמיץ די פערד און מיט אַ „וויאָ" זיך געלאָזט לויפן איבערן שאָסיי, צווישן די פעלדער, וואָס פירן צום דאָרף הוסיאַטין, אין זיין שווערס גוט, נעבן שטעטל מעדוועדוועקע.

שוין היינט באַגינען, ווען ער איז אַוועק אין וואַלד מיטן אויפגאַנג פון דער זון, האָט נחמנקע אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז ער מוז ווערן אַנדערש. ער מוז זיין איינער און נישט קיין סך, „אַ סך איז נישט איינער!", האָט ער איבערגעחזרט עטלעכע מאָל צו זיך אַליין. ער מוז זיין איין מענטש מיט איין נשמה, די נשמה פון אַ צדיק, די נשמה, וואָס ציט איר יניקה פון די הויכע וועלטן, די נשמה, וואָס וועט אים אַוועקשטעלן אין דער ערשטער רייע פון די צדיקים פון דור... ער וועט אונטערדריקן אין זיך אַלע אַנדערע און זיי נישט לאָזן דעם קאָפּ אויפהייבן... ער וועט נישט צו לאָזן ביי זיי קיין שמץ פון אַן אַנדערן רעיון... וועגן מעשים איז שוין אָפּגערעדט... ער וועט זיך דערוווייטערן פון יעדער תאווה, איבערהויפּט פון דער תאווה צו נשים... ער וועט עס טאָן אַזוי ווייט ביז ער וועט קומען צו דער מדרגה פון נישט פילן קיין חילוק צווישן מאַנסבילן און ווייבער... זיי וועלן זיין ביי אים איינס און דאָס זעלבע... אויך גיטעלע זאָל מער נישט פאַרטונקלען זיינע רעיונות... גיטעלע איז אויך אַן אשה און יעדע אשה איז זינד... אַפילו פאַרבייגייענדיק וועט ער איר נאָמען נישט דער־מאָנען, און וועט עס אַמאָל געשען, וועט ער באַלד רייניקן זיין מחשבה... דאָס בעסטע איז צו זאָגן תהלים... אַ קאַפּיטל תהלים העלפט שטענדיק... ער וועט זאָגן עטלעכע קאַפּיטלעך ביז די מחשבות זרות וועלן אינגאַנצן פאַרשווינדן... אָט דאָס וועט ער טאָן... ער מוז גיין אויפן וועג צו ווערן אַ צדיק גמור... וואָרום דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט... דער צדיק איז דער, וואָס טראָגט אויף זיך די וועלט... ער ווייס פון דעם אי־נערלעכן געראַנגל, וואָס עס איז דאָ אין יעדן צדיק... אָבער ער וועט אויפהייבן זיינע מחשבות צו דער העכסטער מדרגה... ער וועט פאַר־טרייבן יעדע מחשבה זרה... און כדי נישט צו האָבן מחשבות זרות איז דאָס בעסטע תפילה און באַהעפטונג מיטן כביכול... דורך דעם וואָס דער מענטש דערנענטערט זיך צום השם יתברך איז אים לייכטער מתפלל צו זיין צו אים...

ער וועט אויך בכל הכוחות זיך דערווייטערן פון חקירה, ווייל חקירה איז אַ פאַלשע זאַך און אַלע פילאָזאָפן ווייסן גאָרנישט... ווי קומט גאָר חקירה, למשל, צו אַ מהרש״א אָדער מהר״ם אָדער ענלעכע ספרים? אין יענע ספרים איז דאָ עמקות, ווּנדערבאַרע שכלדיקע איינפאַלן, אָבער אין חקירה? וואָס איז דאָ דאָרטן? בלויז דברים בטלים, קיין שכל, קיין אויפ־טו, אַלע ריידן זיי נאָר מיט פאַרנעפּלטע רייד... אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָס, ווען אין אונדזער תורה איז אַלץ אַזוי קלאָר און בולט אַרויסגע־שריבן... בראשית ברא און פאַרטיק... מען דאַרף זיך דערווייטערן פון די חקירה־ספרים און דינען דעם רבונו של עולם בשלמות ובתמימות און מורא האָבן פאַר אים... ווייל דער עיקר איז עבודה מיראה... אַוודאי, עבודה מאהבה איז אַ פּיל העכערע מדרגה, אָבער לאו כל אדם זוכה, דער־צו קען נישט יעדער איינער דערגרייכן... אָבער עבודה מיראה מיינט יראת הרוממות... די ספרי־חקירה ברענגען נאָר אַריין ספקות אין האַרצן, און מען קען שוין מער נישט זיך פון זיי באַפרייען, מען קען שוין מער נישט דינען דעם רבונו של עולם מתוך שלמות...

...די טבע פון מענטש איז רשעות... יעדער מענטש האָט אין זיך רשעות... ווי עס שטייט אין פסוק: „כי יצר לב האדם רע מנעוריו״... נאָר די מורא פאַר השם יתברך האַלט דעם מענטש צוריק פון צו טאָן שלעכטס... אָבער די מורא פאַר השם יתברך קען מען האָבן נאָר, ווען מען האָט אמונה שלמה, אמתע אמונה, אָן שום ספקות. דעריבער דאַרף ער זיך אויך נישט אָפּגעבן מיט די אַנדערע זאַכן ווי למשל, מיט שירה וזמרה, מיט שרייבן לידער, ווייל אויך דאָס קען פירן צו ספקות. און ספקות זע־נען ווי ווערים, ווי דער יתוש פון טיטוסן, וואָס קריכט אַריין אין קאָפּ און לאָזט מער נישט אָפּ.

און אַוודאי דאַרף ער זיך דערווייטערן פון זיין שלעכטער טבע, פון טרייבן ליצנות... ליצנות איז עבודה זרה... אויפן פסוק „ובמושב לצים לא ישב״ זאָגט דער מדרש: אפילו אין רעיון טויג אויך נישט... ווייל די אַלע זאַכן פירן צו קלות הראש... זיי דערנידעריקן דעם מענטש צו די נידעריקע מדרגות, צו קטנות דמוחין, אַזוי ווייט, אַז עס איז זיך אַפילו שווער דערנאָך צוריק אויפצוהייבן... דעריבער וועט ער זיך אויך פון דעם

דערווייטערן און ווען עס וועט אים אָנכאַפּן אַ חשק צו טרייבן שפּאַס, זאָל ער מיט אַלע כוחות עס אונטערדריקן...

מ'יט אַט די רעיונות אין קאָפּ איז נחמנקע, אָדער ריכטיקער ר' נחמן, ווי ער הייסט דאָ אין גוט פון זיין שווער און שוויגער, געקומען אַהיים. ער האָט זיך קאַלט באַגריסט מיט זיין ווייב, שאָשע, געקוקשט זיין טאָכטערל, רחלע, שוואַך געענטפערט אויף די שלום־עליכמס פון זיין שווער און שווי־גער און געוואָלט גלייך אַריינגיין אין זיין חדר. אָבער שאָשע האָט צו אים געזאָגט:

— ווילסט גאָרנישט עסן? דו מוזסט דאָך זיין הונגעריק! און פאַר־וואָס דערציילסטו מיר גאָרנישט פון דיינע עלטערן און בכלל פון מע־זשיבוזש?

— וואָס איז דאָ צו דערציילן? — האָט נחמנקע איר געענטפערט — עס איז אַלץ ווי געווען און הונגעריק בין איך אויך נישט. כ'וועל אפשר עסן שפּעטער.

— און פאַרוואָס פרעגסטו זיך גאָרנישט וועגן קינד? דו פרייסט זיך אפילו גאָרנישט מיט איר? — האָט שוין שאָשע געזאָגט מיט אַ פּרעטענ־זיע אין טאָן — מילא, דו פרעגסט זיך נישט נאָך וועגן מיר, בין איך דאָך נאָר דיין ווייב, און וואָס פאַר אַ ווערט האָט ביי אַ חסיד אַ ווייב. זי איז דאָך נאָר אַן אשה. און וואָס איז אַן אשה? אַ גאָרנישט; אַ באַשעפ־עניש, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן בלויז צו באַדינען אַ מאַן. אָבער אַ קינד איז דאָך שוין אַנדערש. עס איז דאָך דיין בלוט און פלייש.

— וואָס איז דאָ צו פרעגן זיך וועגן קינד? איך זע דאָך, רחלע איז גאָט צו דאַנקען בקו הבריאה — איז שוין נחמנקע געוואָרן אומרואיק — און ווי לאַנג בין איך דאָס געווען אַוועק? אינגאַנצן בלויז איבער שבת. טאָ מה רעש?

און ר' נחמן איז אַריינגעגאַנגען אין זיין חדר מיוחד און האָט פאַר־שלאָסן די טיר הינטער זיך.

ר' נחמן שפּאַנט איצט אין דעם נישט צו גרויסן חדר פון וואַנט צו וואַנט. און זיינע רעיונות לאָזן אים אַפילו נישט אָוועקזעצן זיך... יאָ, ער וועט אַזוי טאָן, מגביר זיין דעם צדיק אין זיך... נאָך מער, ער וועט

ווערן אַ רבי... ער וועט אָנהייבן צו פירן אַן „עולם"... ער וועט זיך מתגלה זיין... ער וועט אויך היילן מענטשן... ער ווייס דאָך אַזוי פיל וועגן די רפואות פון עשבים וצמחים און אויפן איבעריקן וועט ער בעטן ביים רבונו של עולם... און אַז ער וועט זיין אַ צדיק שלם, וועט דער רבונו של עולם טאָן זיין רצון... צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים... אָבער דערצו מוז ער זיין אַ צדיק גמור, אָן שום מחשבות זרות... ער מוז זיין הייליק אין אַלע זיינע רעיונות... דעריבער קיין חקירה! קיין שירה וזמרה, קיין ליצנות, גאָרנישט, נאָר עבודת השם בלב שלם און צו גיין אין די דרכים, וואָס פירן צו צדקות, צו זיין דאָס, וואָס ער דאַרף זיין — אַ צדיק גמור...

אָבער לויפנדיק אַזוי פון וואַנט צו וואַנט אין דעם נישט צו גרויסן חדר, וואָס דער שווער האָט אים אָפּגעגעבן פאַר זיך אַליין, זענען אים די ווענט אויסגעקומען ווי מחיצות צווישן אים און דער וועלט, ווי שטע־רונגען פאַרן ים פון זיינע מחשבות און ער האָט געפילט, אַז יעדעס מאָל ווען ער קומט צו אַ וואַנט, שלאָגט ער זיך אָן עפּעס אָן... ער האָט זיך דעריבער אויפגעכאַפּט און איז אַוועקגעלאָפן אין דרויסן, אין גרויסן וואַלד אַריין...

ערשט דאָ, אין וואַלד, האָט ר׳ נחמן געגומען שפּינען וויטער זיינע געדאַנקען וועגן זיין אַ צדיק און זיין עובדא אין לעבן און אַ שטראָם פון געדאַנקען נאָך געדאַנקען איז געקומען אים אין קאָפּ אַריין... נאָך גוט, וואָס ער האָט געהאַט מ׳יט זיך פּאַפּיר און אַ בלייפעדער און האָט גענומען דאָס אַלץ פאַרצייכענען... אָבער די שפע פון רעיונות איז געווען שטאַר־קער ווי זיין האַנט... זיי האָבן געשטראָמט פון אַלע זייטן... און ער יאָגט זיך און פאַרשרייבט גיך אויף וויפל עס איז נאָר מעגלעך... עס זענען רעיונות וועגן אמת, אמונה, אהבה, בושה און אויך וועגן די מידות מגו־נות ווי כעס, חניפה, גאווה, די שטרעבונג צו כבוד, ניבול פה, דער רייץ צו געלט (ממון), די טבע פון קריגערייי (מרידה) און פיל אַנדערע...

דריי טעג און דריי נעכט האָט ר׳ נחמן אַזוי געשטורעמט און צום סוף פון די טעג איז ער שוין געווען ביי זיך זיכער, אַז איצט איז ער אויפן אמתן וועג... זה הדרך אשר ילך בה... אָבער אויפן פערטן טאָג האָט פּלו־צים אַן אַנדער גייסט זיך גענומען וועקן אין אים... באַלד אין דער פרי

האָט ער דערשפּירט, אַז ער איז היינט אַנדערש... גאָר אַנדערע געדאַנ־קען האָבן איצט גענומען באַהערשן די קעמערלעך פון זיין מוח... נישט חקירה?! אָבער פאַרוואָס נישט? — האָט זיך געפּיקט אַ רעיון ביי אים אין קאָפּ. וואָס איז דען חקירה? — דער שכל, וואָס וויל פאַרשטיין זאַכן; דער שכל, וואָס וויל אַלץ באַנעמען... און וואָס איז שלעכט מיטן שכל?... פאַרוואָס זאָל ער איינשפּאַנען דעם שכל אין זיין עבודת השם?... עס שטייט דאָך „כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך"... אַלע אברים דאַרפן די־נען צום כביכול... עס שטייט נישט דאָרטן, אַז אַלע אַחוץ פון שכל... אַז דער שכל דאַרף נישט דינען צו גאָט... און באמת, אויב דינען צו גאָט אָן שכל, וואָס איז עס?... נו, אַוודאַי. דער שכל דאַרף אויך דינען דעם רבונו של עולם ווי אַלע אברים... אָבער דער שכל קען דינען גאָט אויף זיין אופן... דורך שכלות... דורך חקירה און פאָרשונג, ווייל אָט דאָס איז דער וועג פון שכל... און באמת, וואָס איז שלעכט, ווען מען באַווייזט על פי שכל די מציאת השם? און וואָס איז שלעכט, אַז מען קומט לויטן שכל צום רעיון, אַז תורה מן השמים? אָדער ווען מען באַווייזט על פי שכל וועגן שכר ועונש? און אַזוי אויך על פי שכל — תחית המתים? וואָס איז דאָס אַלץ שלעכט?... מיר זעען דאָך אויך, אַז די גרעסטע צדיקים ביי יידן האָבן עוסק געווען אין חקירה, ווי למשל, רמב"ם, וואָס איז ביי אונדז דער גרעסטער פוסק. האָט ער דען נישט געשריבן אַ ספר וועגן חקירה, וואָס הייסט „מורה נבוכים"? אָדער ר' סעדיה גאון, וואָס איז געווען ראש ישיבה אין בבל, — האָט ער דען נישט געשריבן אַ ספר „האמונות והדעות"? אָדער ר' יהודה הלוי, וואָס האָט געשריבן דעם „הכוזרי", און נאָך און נאָך אַנדערע... דעריבער, וואָס איז דאָ שלעכט מיט חקירה? קען מען דען נישט זיין אַ צדיק גמור און אויך האָבן אַ ידיעה אין חקירה? אמת, מען דאַרף נישט זיין קיין חוקר, אָבער אַ ידיעה האָבן — פאַרוואָס נישט... וואָרום אַפילו צו פּשוטער אמונה מוז מען אויך האָבן אַביסעלע חקירה... ווי, למשל, ווען אַ גוי פרעגט דיך אַ פראַגע פאַרוואָס מיר יידן דינען נישט צום יוזל?... מען מוז דאָך אים עפּעס זאָגן וועגן דעם. נו, איז דאָס שוין חקירה... מען מוז אויך אַ טראַכט טאָן וואָס צו ענטפערן אַן אַפּיקורס, וואָס פרעגט אַ קשיא...

אָבער ניין, האָט נחמנקע צוריק געטראַכט, ער וועט זיך האַלטן נאָר

ביי דעם, אַז זיין הויפּט־דרך דאַרף זיין דער דרך פון אַ צדיק און צו גיין אויפן וועג צו זיין אַ צדיק גמור, און אָן חקירה... חקירה טויג נישט... חקירה וועט נאָר שטערן זיין אמונה... חקירה וועט אים נישט לאָזן צו זיין אַ צדיק גמור... דער וועג פון חקירה איז אַ סכנהדיקער... מען קען קיינמאָל נישט וויסן, צו וואָס מען קומט... אויב מען הייבט אָן צו פאָרשן, קען מען דען אָפּשטעלן דעם געדאַנק? קען מען דען אים זאָגן „עד פה תבוא ולא תוסיף"... ביז דאַנען פאָרש און ווייטער נישט? און ווי איז, אַז עס פאַלט איין צו גיין ווייטער?... ווי איז, אַז מען הייבט אָן צו צווייפלען אין מציאת הבורא?... אָדער אין אַן אַנדערן עיקר פון די דרייצן עיקרים?... דעמאָלט קען מען שוין נישט זיין מער אַ צדיק גמור... די ספקות דערלאָזן שוין נישט, וואָרום אַפילו אַ ספק ספיקא טויג אויך נישט... ניין, עס איז אַ געפערלעכער וועג!...

אָבער שירה וזמרה איז אדרבה ואדרבה. שרייבן שירים ותשבחות צו השם יתברך, — וואָס קען דאָ זיין שלעכט? אַלע האָבן עס דאָך געטאָן... אַזוי אַרום זענען דאָך געשאַפן געוואָרן אַלע פּיוטים... אַלע זמירות... אַלע יוצרות... אַלע פּזמונים... למשל, ער וועט דערציילן מעשיות מיט אַ מוסר השכל, וואָס איז דאָ שלעכט?... אדרבה, מענטשן וועלן אָפּלערנען דערפון נישט צו טאָן קיין שלעכטע זאַכן...

און ווידעראַמאָל איז ר' נחמן גאָר אַן אַנדערער. ער פילט ווי חוזק צו מאַכן פון אַלעם, פון אַלע הבלי העולם הזה און אויך פון די מענטשן וואָס זענען אַריינגעטאָן מיט זייער גאַנץ לייב און לעבן אין חומריות... און אַפילו אויך פון די, וואָס זאָגן כלומרשט, אַז זיי זענען אויסן בלויז רוחניות, אָבער אין אמתן שטעקן זיי טיף אין חומר... ער וואָלט געוואָלט לאַכן פון זיי אַלע, עפּעס אָפּטאָן זיי, שפּאַסן פון זיי...

און פאַרוואָס נישט? האָבן די נביאים דען נישט באַנוצט זיך מיט אָט דעם מיטל? האָבן זיי דען נישט אָפּגעלאַכט פון די פאַלשע געטער? האָבן זיי דען נישט געזאָגט „עינים להם ולא יראו, אזנים להם ולא ישמעו", און נאָך אַזעלכע ווערטער? האָבן זיי דען נישט אָפּגעלאַכט פון די שלעכטע פירער, וואָס זענען אויסן בלויז זיך און נישט דאָס פאָלק?... אָ, אָפּלאַכן איז אַ גוט מיטל צו שטראָפן די מענטשן און ווייזן זיי, אַז זיי גייען

אויף פאַלשע וועגן... און איז דען די וועלט אַזוי אין שלמות, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו זאָגן מער?... יאָ, עס ווילט זיך אים איצט ווייזן אַ פייג דער גאַנצער וועלט... אַי, ווי עס גלוסט זיך אים איצט אַרויסצושטעקן אַ צונג אויף אַלע מענטשן... אַי, ווי עס גלוסט זיך...

מיט אַלע אַזעלכע מחשבות וואַנדערט איצט אַרום ר׳ נחמן אין וואַלד פון זיין שוועו׳... די מחשבות זענען נישט אַלעמאָל די זעלבע. אַמאָל איז גובר אין אים דאָס און אַמאָל עפּעס אַנדערש... אָבער ר׳ נחמן זוכט איצט כסדר פאַר זיך, צווישן זיינע אַלטע פריינט, די ביימער פון אור־אַלטן וואַלד, אַ וועג אין לעבן... את הדרך אשר ילך בה...

## 22

דער ווירוואַר פון געדאַנקען האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביי ר׳ נחמנען וואָכן־לאַנג. עס זענען געווען טעג און אַפילו וואָכן, וואָס ער איז שוין געווען זיכער ביי זיך, אַז ער האָט שוין געפונען דעם וועג, אויף וועלכן ער וועט גיין. דאָס איז געווען איבערהויפּט דעמאָלט, ווען ער האָט אָפּ־געמאַכט ביי זיך צו גיין אין די דרכים פון זיין זיידן, צו זיין אַ „צדיק גמור” און נישט וועלן וויסן פון קיין שום אַנדערע זאַכן. אָבער עס זענען געווען באַלד אַנדערע טעג, אין וועלכע ער איז געווען אינגאַנצן באַ־הערשט פון געדאַנקען פון חקירה און דעמאָלט האָט ער געהאַט נאָר איין באַגער׳, און דאָס איז געווען צו גריבלען זיך און פאָרשן, צו פאַרטיפן זיך אין די סודות פון דעם וועלט־באַשאַף און צו גיין ווי ווייט נאָר מען קען... צו ווערן אַ פילאָזאָף... אין יענע טעג, האָט ער געוווסט, אַז די חקירה־געדאַנקען גיבן אַ סך דערהייבונג צום מענטש... ער פאַרטיפט זיך אין די מעשי־בראשית און גייט אויפן וועג פון וויסן... אין אַזעלכע טעג האָט אים געצויגן צום „מורה נבוכים”, צום „האמונות והדעות”, צום „הכוזרי”, צום „ספר העקרים” און אַלע אַנדערע, אין וועלכע ער האָט געזוכט אַ וועג צו באַפרייען זיך פון די גריבלערייען אין די וועלט־קשיות...

און ווידער זענען געקומען טעג פון שטאַרקער אמונה און פון תמי־מות אָן חקירה... און דער־נאָך זענען אים ווידער באַפאַלן אַנדערע געדאַנ־קען צו שרייבן מעשיות, לויט אַ משל מיט אַ נמשל וועגן דעם לעבן פון

די מענטשן און אויך צו שרייבן שירים, לידער צו די מעשי־בראשית און צו אַנדערע נאַטור־זאַכן... און אַמאָל איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין, צו טרייבן ליצנות, און איינמאָל גייענדיק אַהיים מיטן טלית־זאַק אונטערן אָרעם פון בעש״טס בית המדרש, דאָס שטריימל פאַררוקט אויפן קאָפּ און די געקרייזלטע פאות באַמבלענדיק זיך אין דער לופטן, איז אים פּלוצים איינגעפאַלן אויסצוטאָן די שטיוול און גיין אַהיים באָרוועס... אַן אַנדער מאָל ווידער איז אים איינגעפאַלן גאָר צו מאַכן קאָזשעליקעס אין מיטן דער גאַס... און ווידעראַמאָל איז אים איינגעפאַלן צו שפּילן זיך אין סטרולקעס מיט די אָרימע ייִנגלעך... און אַ סך מאָל האָט ער עס געטאָן אויך... פאַרשטייט זיך אַז זיין שווער און שוויגער האָבן פיל צער פון אָט די מאָדנע פירונגען, אָדער „ייִנגלשע שטיק״, ווי זיי רופן עס... ר׳ אפרימס בלוט ווערט פאַרגליווערט אין די אָדערן, ווען ער זעט, אָדער ווען מען דערציילט אים אַזעלכע „נייעסן״ פון זיין איידעם... ווען עס וואָלט געווען אַ גרוב אָפן פאַר אים, וואָלט ער דאָרטן אַריינגעשפּרונגען פאַר חרפּה... אָבער דאָך פילט ר׳ אפרים, אַז די זאַך איז נישט אַזוי פּשוט; אַז זיין איידעם וואָלט זיך נישט גלאַט אַזוי באַנאַרישט. עס מוז דאָך עפּעס זיין דעריך, אָבער וואָס איז עס? פאַרוואָס טוט עס קיינער נישט, נאָר ער אַליין?

און איינמאָל, פאַרצווייפלט ביז גאָר וועגן דעם אַלעם, האָט ר׳ אפרים זיך געטראַכט, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט אַז ער זאָל אַריינגיין צו דעם שאַרפן קאָפּ ר׳ שמשון חריף און מיט אים דאָס אַלץ איבעררעדן. ר׳ שמשון חריף איז שוין איצט אַ ייד פון אַ יאָר זיבעציק, מיט אַ גרויסער ווייסער באָרד, וואָס דערגרייכט אים ביזן גאַרטל. ער איז אַ גרויסער למדן און אַ מקובל. מען דערציילט אַז דער בעל־שם־טוב פלעגט קומען צו אים און אַז זיי האָבן גערעדט וועגן „נגלה״ און וועגן נסתר... ר׳ שמשון האָט שטאַרק געהאַלטן פון בעל־שם־טוב און איז געווען איינער פון זיינע ערשטע חסידים. אָבער ער האָט זיך ווייניק געמישט אין חסידישן עולם...

וואָס מער ר׳ אפרים האָט געטראַכט וועגן דעם, איז אים דער געדאַנק אַלץ שטאַרקער געפעלן געוואָרן און גאַרנישט זאַגנדיק צו קיינעם איז ער אַוועק צו ר׳ שמשונען. ר׳ שמשון האָט ר׳ אפרימען גוט געקענט

נאָך פון די גאַר אַלטע צייטן און זיך גלייך געווענדט צו אים פריינדלעך:

— וואָס הערט זיך עפּעס, ר׳ אפרים? וואָס זאָגט איר גוטס?

— ר׳ שמשון, — האָט ר׳ אפרים קוים אויסגערעדט און די טרערן האָבן אים געשטיקט — איך האָב פיל צער, זייער פיל צער און די צרה איז, וואָס איך קען אַפילו עס פאַר קיינעם נישט אַראָפּריידן און מוז דאָס אַלץ שטיקן אין זיך.

— וואָס איז עס? — האָט ר׳ שמשון אים געפרעגט — עס שטייט דאָך אין פּסוק „ודאגה בלב איש וישחנה״, אַז מען האָט אַ זאָרג אין האַרצן, זאָל מען עס אַרויסריידן. שפּאַרן זיך וועגן דעם אין דער גמרא רב און שמואל. איינער זאָגט, אַז מען זאָל עס דערציילן אַן אַנדערן, און דער צווייטער זאָגט: ניין, בלויז ריידן צו זיך אַליין. איך האַלט אָבער, אַז עס איז בעסער, אַז מען רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן פאַר אַן אַנדערן, אָבער פאַרשטייט זיך, פאַר איינעם וואָס מען קען פאַרטרויען.

— איר זענט גערעכט, ר׳ שמשון, — האָט ר׳ אפרים געזאָגט — איך פּרוביר כסדר אַראָפּריידן עס פאַר זיך אַליין, און עס טויג נישט. די זאָרג קומט צוריק.

— וועגן וואָס איז עס, ר׳ אפרים? — האָט ר׳ שמשון אים געפרעגט.

— עס איז וועגן מיין איידעם, ר׳ נחמן.

— וועגן ר׳ נחמנען? ער איז, דאַכט זיך, אַ ווילער יונגערמאַן. ער איז ערשט נעכטן דאָ געווען און מיר האָבן געשמועסט אין לערנען שעהן־לאַנג. ער האָט אַ פייערדיקן קאָפּ, אַן אָפענעם מוח. ער פאַרשטייט זייער פיל און נישט נאָר אין „נגלה״, נאָר אויך אין „נסתר״. ער ווייס אַ סך, ר׳ אפרים, און דער עיקר, עס זענען אָפן פאַר אים אַלע וועגן אין הימל. אַזוי איז עס, ר׳ אפרים.

— אָבער די יינגלשע שטיק, ר׳ שמשון, — האָט ר׳ אפרים געזאָגט מיט צער — מיט זיי פירט ער דאָך איבער זיין גאַנצע מערכה. אָט איז ער נעכטן אַהיימגעקומען מיט די שטיוול אונטערן אָרעם, באָרוועס. וואָס זאָגט איר צו דעם, ר׳ שמשון?! עס קומט דאָך אויס, רחמנא ליצלן, ווי משוגעת. אָדער הערט אַזאַ זאַך: מיר גייען שבת אין דער פרי צוזאַמען אין שול אַריין, נעמט ער און מאַכט אין מיטן דערינגען קאַזשעלקעס אין

מיטן גאַס. דאָס פּנים האָט מיר אַזש געפלאַמט פון בושה. אַן אַנדערש מאָל גאָר זעצט ער זיך אַוועק מיט ייִנגלעך, פּראָסטע לאַבוסעס, און שפּילט מיט זיי אין סטרולקעס. אַמאָל איז דאָ אין דער באַנדע אויך אַ מיידל, צי גאָר עטלעכע מיידלעך. נו, פרעג איך אייך, פּאַסט עס פאַר אים?

ר׳ שמשון האָט זיך פאַרטראַכט, געצויגן די לאַנגע, ווייסע באָרד פּאַסנווייז און געזאָגט בנעימות:

— ר׳ אפרים, דער פּסוק זאָגט „אין חקר לרוח האדם״, עס איז נישטאָ קיין שום פאָרשונג פאַר דער נשמה פון מענטש. מיר דאַרפן פאַר־שטיין, אַז אַ גרויסער מענטש איז אַ דבר היוצא מן הכלל. ממילא מוז שוין אויך דאָרטן זיין עפּעס אַזוינס, וואָס איז מאָדנע, ווייל דער גאַנצער ענין פון גדלות איז דאָך מאָדנע. האָבן דען אַלע מענטשן גרויסע קעפּ, שאַרפע מוחות און טיפע נשמות? ניין, איז דאָך דאָס אַליין שוין אַ נישט געוויינלעכע זאַך. נו, קומט־צו צו דעם נאָך עפּעס, וואָס איז נישט גע־וויינלעך... ר׳ אפרים, מיר זעען, אַז די נביאים האָבן אויך אָפּגעטאָן מאָד־נע זאַכן... איין נביא, למשל, הייסט מען גאָר פון הימל: „קח לך אשת זנונים... והוליד בן״. אַז דער נביא זאָל חתונה האָבן מיט אַן אשה אַ זונה און האָבן מיט איר אַ קינד, איז דאָס אַ געוויינלעכע זאַך?... צו מאַכן אייך גרינגער דאָס האַרץ, ר׳ אפרים, וויל איך אייך זאָגן, אַז אייער איידעם איז נישט דער איינציקער צווישן חסידים, וואָס טוען אַזוי. למשל, וועגן מאַכן קאָזשעלקעס אין מיטן גאַס. האָט איר אפשר געהערט פון אַ רבי, ר׳ אברהם קאַליסקער? — ער איז אַ גדול בתורה, אַ גרויסער למדן, אַ טיפער מקובל און אַ צדיק גמור. נו, האָט דער ר׳ אברהם קאַליסקער אויך אַזאַ טבע צו מאַכן קאָזשעלקעס אין מיטן גאַס.

— וואָס? עס איז דאָ נאָך אַזאַ משוגענער? אַבי איך האָב געמיינט, אַז בלויז איך האָב אַזאַ אַנטיקל! דערציילט מיר טאַקע, ר׳ שמשון, מער וועגן דעם.

— איך האָב דאָך אייך שוין געזאָגט, ער הייסט ר׳ אברהם קאַליס־קער. ער איז געווען אַמאָל אַ מתנגד און אַ תלמיד פון ווילנער גאון. מיט־אַמאָל האָט ער זיך גענומען מתקרב זיין צו חסידים, איז געפאָרן צום מגיד און געוואָרן אַ פאַרברענטער חסיד. ר׳ אברהם האָט אַ פייערדיקן קאָפּ,

ער כאַפּט זאַכן גיך. ער איז דעריבער נישט געווען צו לאַנגביים רבין ר׳ בער. ער איז געפאָרן אַהין איין מאָל, לכל היותר צוויי מאָל, און דאָס איז פאַר אים געווען גענוג. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז ר׳ אברהם געוואָרן רבי אין זיין שטאָט קאַליסק און ער פירט רביסטווע. אין אָנהייב האָבן די שאַרפע חסידים נישט געהאַלטן פון אים. זיי האָבן געזאָגט, אַז דער מתנגד שפּאַרט אַרויס פון אים, און חסידים, דאַרפט איר וויסן, האָבן גוטע נעז... זיי דערשמעקן באַלד. דערצו האָט ר׳ אברהם זיך גענומען פירן אויף אַזאַ אופן, וואָס איז קיין כבוד נישט פאַר חסידים, ווי למשל, צו זיצן צווישן פּראָסטע מענטשן און מאַכן ליצנות פון תלמידי חכמים. אָבער פונדעסטוועגן האַלט מען פון אים...

— אַזוי? און ער מאַכט קאָזשעלקעס פּונקט אַזוי ווי מיינער! — האָט ר׳ אפרים אָפּגעזיפצט — די זעלבע זאַך! עס איז, הייסט עס, אַזאַ משוגעת, רחמנא ליצלן!

— ניין, ר׳ אפרים, עס איז נישט קיין משוגעת — האָט ר׳ שמשון אים באַרואיקט — איר וועט באַלד הערן...

— טאָקע, וואָס איז עס?

— אין אָנהייב, ר׳ אפרים, האָבן ר׳ אברהמס מעשים געפירט דערצו, אַז דער ווילנער גאון האָט אַרויסגעגעבן זיין חרם אויף די חסידים אין יאָר תקל״ב. אין דעם יאָר, וואָס אייער איידעם, ר׳ נחמן, איז געבוירן געוואָרן. עס איז דעמאָלט געווען אַ וויכוח צווישן חסידים און מתנגדים וועגן חסידות אין שקלאָוו. אויף אַלע טענות פון די מתנגדים האָבן די חסידים געהאַט אַן ענטפער, אָבער ווען מען האָט זיי געפרעגט צי מאַכן קאָזשעלקעס אין מיטן גאַס איז חסידות? — האָבן זיי נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן. און ווייסט איר וואָס דער ווילנער גאון האָט געזאָגט אויף דעם? ער האָט געזאָגט, אַז דאָס איז עבודת אלילים, אמתע געצנדינסט, ווייל אַזוי האָט מען געדינט צום בעל פּעור.

— האָבן די חסידים דערפאַר אויפגעהערט צו פאָרן צו אים? — האָט ר׳ אפרים געפרעגט.

— ניין, דאָס נישט. מען איז געווען ברוגז מיט אים אַ שטיק צייט.

מען האָט אין אָנהייב נישט געהאַלטן פון אים. שפּעטער אָבער האָט זיך דאָס רעדל איבערגעדרייט.

— דהיינו?

— צוליב די רדיפות פון די מתנגדים אויף די חסידים האָבן די חסידים פאַרטראַכט אַ פּלאַן צו פאַרלאָזן אינגאַנצן רוסלאַנד און צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. איר האָט אַוודאי געהערט דערפון. דער אָנפירער פון דעם געדאַנק איז געווען ר׳ מנחם מענדל פון וויטעבסק ז״ל, אַ גרויסער גאון אין לערנען און אויך אין נסתר, איינער פון די הויפּט־תלמידים פון מגיד פון מעזריטש, אַ זייער נאָענטער פריינט צו ר׳ שניאור זלמנען פון ליאָזשנע. ר׳ מנחם מענדל, ווייסט איר דאָך אַוודאי, איז געפאָרן קיין ארץ־ישראל מיט דריי הונדערט חסידים. מיט זיי איז מיטגעפאָרן אָט דער ר׳ אברהם קאַליסקער און הערט — אין ארץ־ישראל איז דער ר׳ אברהם געוואָרן ר׳ מנחם מענדלס געהילף אין דער אַרבעט צו שטיצן די תלמידי חכמים פון ארץ־ישראל. איצט איז אָנגעקומען אַ בריוו פון דאָרטן, אַז אַזוי ווי מנחם מענדל איז מיט אַ קורצער צייט צוריק נפטר געוואָרן, איז ר׳ אברהם קאַליסקער געוואָרן דער ממלא מקומו. ער האָט אַלץ איבערגענומען און איז געוואָרן דער נשיא.

— איר ווייסט וואָס איך וועל אייך זאָגן, ר׳ שמשון, וואָס איך טראַכט? איר ווייסט פאַרוואָס דאָס אַלץ האָט אים נישט געשאַדט? — האָט ר׳ אפרים זיך אָנגערופן — ווייל ער איז געוואָרן גאַנץ פרי אַ רבי. אָט דאָס איז עס! ער האָט געקראָגן חסידים און זיי, די חסידים, האָבן שוין געטאָן אַלץ אין דער וועלט, אַז זייער רבי זאָל ווערן וואָס אַמאָל מער באַוווסט. עס מאַכט נישט אויס וויפל חסידים ער האָט געהאַט, אַפילו אַ קליינע צאָל איז אויך גוט. אָט דאָס טענה איך דאָך כסדר צו מיין אסתרן. אונדזער נחמן דאַרף ווערן אַ רבי. ער דאַרף קריגן חסידים, וועט שוין אַלץ זיין גוט. ראשית, וועלן די חסידים האַלטן פון אים; והשנית, וועט דאָס, וואָס ער איז רבי, אים צוריקהאַלטן און אים נישט לאָזן מאַכן די נאַרישע שטיק. איז אָבער די מעשה, וואָס ווען איך זאָג דאָס צו איר, לאַכט זי פון מיר. זי זאָגט צו מיר, ווי אַזוי קען איינער, וואָס פירט זיך אויף אַזוי יינגלש, ווערן אַ רבי? ווער וועט פאָרן צו אים? ווער וועט

האַלטן פון אים? און, ר׳ שמשון, ווייסט איר וואָס נאָך מיין ווייב זאָגט? איך האָב עס מורא נאָכצוזאָגן. זי זאָגט, אַז די אַלע שטיק זענען הוילע משוגעת און אַז אונדזער נחמן איז געררירט אויפן מוח, רחמנא ליצלן...

— עך, ר׳ אפרים, — האָט ר׳ שמשון געשאָקלט מיט קאָפּ אויף נישט — וואָס פאַלט אייך גאָר איין! עס איז נישט קיין משוגעת. אָבער זעט איר, דאָס וואָס איר זאָגט וועגן רביסטוואָ, איז גאָרנישט קרום. איך דענק, אַז איר האָט רעכט. ר׳ נחמן דאַרף ווערן אַ רבי. ער וויל עס אויך. אָט די שטיק אַליין זענען אַ באַווייז דערויף. איר ווייסט פאַרוואָס ער מאַכט אַזעלכע קאָזשעלקעס? ווייל ער וויל פרסום. יאָ, ער וויל, אַז מען זאָל ריידן פון אים, אַז מען זאָל הערן פון אים. ער וויל זיין אַ רבי. ער קען דאָך אָבער נישט זאָגן פּלוצלונג: „איך בין אַ רבי!״ מאַכט ער אַזעלכע שטיק, וואָס זאָלן צווינגען מענטשן צו ריידן פון אים. עס איז נאַריש, אָבער דאָס באַווייזט, וואָס עס טוט זיך אין אים, אין דער נשמה. עס ברויזט אין אים עפּעס...

— ווי איר פאַרשטייט אים אַזוי גוט, ר׳ שמשון, — האָט ר׳ אפרים אויסגעשריגן מיט באַגייסטערונג — איר קענט אים אויסגעבוינדן. יאָ, איך קוק זיך צו צו אים און זע אַלעמאָל, ווי ער ווערט רויט ווי צונטער און לויפט איבערן חדר פון וואַנט צו וואַנט, און אָט ווערט ער בלאָס ווי שניי און בלייבט זיצןביים טיש, ווי אַ מענטש אָן אַ נשמה, אָדער לייגט זיך גאָר אַוועק אויף דער סאָפע און פאַרמאַכט די אויגן. נאָר ער שלאָפט נישט. טיילמאָל רעדט ער עפּעס אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער, אַז איך דערשרעק זיך ממש... עפּעס קאָכט אין אים, ר׳ שמשון.

— יאָ, עס איז אמת, עס קאָכט אין אים. ער אַליין האַלט אין פאַר־טיק ווערן. איר דאַרפט נישט פאַרגעסן, ר׳ אפרים, אַז ער איז דאָך אַ „צוציק״. ווי אַלט איז ער דאָס אינגאַנצן! אָבער איך זאָג אייך, ר׳ אפרים, אַז ער איז אַ כלי, אַ טייערע כלי, און איר וועט נאָך האָבן פון אים פיל נחת.

— אָבער ר׳ שמשון, ער דאַרף צו האָבן אַ מדריך — האָט ר׳ אפרים איצט גערעדט שוין מיט תחנונים — און ווייסט איר ווער עס קען דאָס זיין? — איר; יאָ, נאָר איר קענט זיין זיין מדריך.

— איך? זיין מדריך? ווי קום איך גאָר דערצו? — האָט ר׳ שמשון זיך געוווּנדערט.

— ר׳ שמשון, — האָט ר׳ אפרים גערעדט מיט געבעט אין דער שטימע — צו אייך הערט ער זיך צו און אייך וועט ער פאָלגן. ער דאַרף הערן עמיצן, וועמען ער זאָל פאָלגן. ער דאַרף ווערן רבי און אָנהייבן פירן, קריגן עולם, אַפילו אַ קליינעם עולם. כל התחלות קשות. דאָס וועט אים צוריקהאַלטן פון אַ סך זאַכן, איבערהויפּט פון די נאַרישקייטן. אָבער עמיצער מוז אים דאָס זאָגן. ער דאַרף קומען צו אייך, צו לערנען זיך, ווי אַזוי זיך צו פירן. ער דאַרף האָבן איינעם, וואָס זאָל אים ווייזן דעם וועג. און ווען איר וועט זען, אַז ער האָט חשק צו די נאַרישע שטיק, צו די „מעשי ילדות״, זאָלט איר אים דאָס נישט לאָזן טאָן. ר׳ שמשון, טוט עס פאַר מיר...

— נו, גוט. שיקט אים אַריין צו מיר — האָט ר׳ שמשון געזאָגט — זאָגט אים, אַז איך וויל אים זען.

— אָבער, למען השם, ר׳ שמשון, ער טאָר נישט וויסן, אַז איך בין דאָ געווען ביי אייך און האָב זיך באַקלאָגט אויף אים. ער וועט ווערן אויף מיר אש־להבה.

— פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל דערפון נישט ריידן, ר׳ אפרים — האָט ר׳ שמשון געגלעט זיין באָרד — זאָגט אים, אַז איך האָב אייך געזען, האָב איך אייך געזאָגט, אַז איך האָב אַ הנאה געהאַט פון דעם שמועס, וואָס מיר האָבן געהאַט און אַז איך בעט אים, אַז ער זאָל צו מיר אָפּט אַריינקומען. ער וועט זיין שטענדיק אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— און איך, ר׳ שמשון, וועל שוין וויסן וואָס צו טאָן, אַז ער זאָל ווערן אַ רבי. — האָט ר׳ אפרים צוגעגעבן — איר האָט מיר צוגעגעבן קוראַזש. ר׳ שמשון, איך האָב עס שוין לאַנג געוואָלט טאָן, אָבער מיין ווייב האָט מיך אָפּגעהאַלטן. איצט וועט זי מיך מער נישט צוריקהאַלטן, איך וועל איר גאָרנישט דערציילן. איך וועל אַליין אים מפרסם זיין, אַז ער איז אַ רבי. ער קען זיכער זיין אַזאַ רבי ווי זיין פעטער, ר׳ ברוך...

— רעדט נישט קיין שלעכטס אויף קיין יידן, דערצו נאָך אויפן בעל־שם־טובס אַן אייניקל.

— זעט איר, ר׳ שמשון, — האָט ר׳ אפרים געזאָגט שוין רואיק — איך האַלט שטאַרק פון ר׳ אפרים סודילקאָווער, דער ברודער פון ר׳ ברוכן, וועלכער איז אויך אַן אייניקל פון בעש״ט. זעט איר, יענער איז גאָר אַן אַנדערער. יענער איז באמת אַ רבי.

— אייער ר׳ נחמן וועט נאָך איבערשטייגן זיי ביידע — האָט ר׳ שמשון געזאָגט מיט אַ פריילעכער מינע.

— הלוואַי, רבונו של עולם! — האָט ר׳ אפרים אויסגערופן מיט פרייד — אַ גוטן טאָג, ר׳ שמשון.

— אַ גוטן, אַ גוט יאָר. גייט געזונטערהייט!

## 23

ווען ר׳ אפרים איז אַוועק אַהיים פון ר׳ שמשונס הויז, איז אים אויפן וועג איינגעפאַלן, אַז ער זאָל זיך נישט אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף ר׳ שמשונען. יאָ, ער ווייס שוין איצט וואָס עס איז. ער האָט דאָך שוין געהערט, אַז זיין איידעם ר׳ נחמן איז נישט דער איינציקער, עס זענען דאָ נאָך אַזעלכע. אָבער אויב ער וועט ווערן רבי און האָבן חסידים, קען זיך אַלץ אויסלאָזן צו גוטן, ווי עס זאָגט ר׳ שמשון. אָט דאָס איז דער איינציקער וועג. און ער וויל דאָס אויך. זיינע קאָזשעלקעס און אַלע אַנ־דערע אַזעלכע שטיק זענען נישט מער ווי אַ באַגער צו פרסום, אַזאַ מין אויסדרוק אויף דער לינקער זייט... ער קוואָקעט אויף רביסטוואָ... יאָ, ער דאַרף ווערן אַ רבי. נו, אויב אַזוי, וועט ער אים העלפן, אַז ער זאָל עס ווערן...

ווען ר׳ אפרים איז אַהיימגעקומען, האָט ער דערציילט אסתרן אַלץ וואָס ר׳ שמשון האָט אים געזאָגט. ער האָט איר דערציילט, אַז ער איז אַוועקגעגאַנגען צו ר׳ שמשונען, כדי זיך מיט אים צו באַראָטן און וואָס ער האָט אים געזאָגט.

— וואָס האָב איך דיר געזאָגט — האָט ר׳ אפרים צום סוף אויס־געשריגן — אונדזער נחמן וועט זיין אַ רבי. ער שטאַמט פון אַ רביישער גזע, ער האָט צוויי פּעטערס, וואָס זענען רביים... זיין טאַטע אַליין איז אויך אַ שטיק רבי. נו, דאַרף ער דאָס אויך זיין. מען דאַרף מאַכן אַזוי,

אַז דאָס גאַנצע שטעטל זאָל וויסן דערפון, און פאַרוואָס נאָר אונדזער שטעטל אַליין? אויך אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך. זאָלן אַלע דאָס וויסן!

— כ׳בעט דיך, אפרים, זאָג מיר: האָבן רביים אויך צו טאָן מיט טויטע?

— וואָס מ׳ייסנטו, אסתר, מיט טויטע? איך פאַרשטיי דיך נישט.

— כ׳מיין צו זאָגן, אַז טויטע זאָלן קומען צום רבי און בעטן אים עפּעס...

— נו יאָ, — האָט אפרים איר געענטפערט אין פאַרלעגנהייט — מען זאָגט, אַז אויך טויטע האָבן נישט קיין רו אויף יענער וועלט, קומען זיי צו אַ רבי נאָך אַ תיקון. אָט דאָס מיינסטו?

— יאָ, דו האָסט דאָך געהערט די מעשה, וואָס נחמן האָט דערציילט וועגן אַ רבי, וואָס עס זענען געקומען צו אים טויטע, אַז ער זאָל זיי העלפן, אַז ער זאָל זיי געבן אַ „תיקון״, ווי דו רופסט עס אָן. אָבער וואָס איז אַזוינס אַ „תיקון״?

— נו, אַ „תיקון״ מיינט אַזאַ מין הילף, אַז די נשמה זאָל נישט מער ליידן אין גיהנום אָדער אין כּף־הקלע; אַז זי זאָל נישט זיין מער פאַר־וואָגלט און קומען צו איר רו. דער רבי בעט פאַר דער נשמה צו גאָט און מיט דעם „כוח״, וואָס ער האָט אין די העכערע וועלטן, פּועלט ער אויס אַ „תיקון״ פאַר איר. חסידים גלייבן אין דעם. זיי גלייבן, אַז זייערע רביים קענען העלפן נישט נאָר לעבעדיקע, נאָר טויטע אויך.

— אויב אַזוי, אפרים, וויל איך דיר עפּעס דערציילן, וואָס כ׳האָב דיר נישט געוואָלט זאָגן ביז איצט. כ׳האָב געזען ביי אונדזער נחמנען אין שטוב אַ טויטן.

— אַ טויטן? ווען האָסטו דאָס געזען? און פון ווען אָן קומען דאָס טויטע צווישן די לעבעדיקע? וואָס רעדסטו?

— כ׳זאָל אַזוי דערלעבן צו זען נאָך נחת ביי אונדזער קינד, אפרים, ווי כ׳האָב עס אַליין געזען. עס איז געווען אַרום צוועלף ביינאַכט. מיר זענען שוין געשלאָפן, אָבער איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און געדאַרפט גיין לאָזן וואַסער, האָב איך געזען, אַז ביי נחמנען אין זיין חדר מיוחד האָט נאָך געברענט דאָס קליינע לעמפּל. פּלוצים האָב איך באַמערקט ווי עפּעס

אַ ווייסע זאַך שטייט דאָרטן נעבן דער טיר אין געשטאַלט פון אַ מענטש און נחמן רעדט צו אים. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, אָבער איך האָב זיך געשטאַרקט און ווייטער געקוקט און געזען, אַז עס איז אַ מת, אַ טויטער אין תכריכים, און ר׳ נחמן האָט גערעדט צו אים. כ׳האָב אַפילו געהערט אַ פּאָר ווערטער אויך.

— רייד נישט קיין שטותים. עס האָט זיך דיר בלויז אויסגעדוכטן.

— איך זאָג דיר, אפרים, אַז כ׳זאָל אַזוי דערלעבן צו זען די גאולה, ווי כ׳האָב עס אַליין געזען. עס איז געווען ביי אים אין שטיבל אַ טויטער, אַ מת אין תכריכים, און ווייסטו וואָס נחמן האָט געזאָגט צום מת? ער האָט געזאָגט צו אים, אַז אַזוי ווי ער איז געווען אַ רשע דאָס גאַנצע לעבן, אַזוי ווי ער האָט אַרויסגעוואָרפן פון דער דירה אין גאַס אַריין אַן אָרימע יידישע משפחה מיט צען קליינע קינדער און דאָס קלענסטע קינד, אַן עופהלע פון צוויי וואָכן, איז פון דער קעלט געשטאָרבן, מוז ער דערפאַר זיין פאַרוואָגלט אַזוי לאַנג, ביז די נשמה פון דעם עופהלע וועט אַלט ווערן אַכצן יאָר און וועט זיין ביכולת אים מוחל צו זיין... באַלד דערנאָך איז דער מת פאַרשוואונדן... דאָס האָב איך אַליין געזען און געהערט, אפרים, מיט מיינע אויגן און אויערן, אַז כ׳זאָל נאָך אַזוי זען גוטס ביי מיין קינד, רבונו של עולם!

— פאַרוואָס האָסטו עס מיר באַלד נישט דערציילט?

— כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דו וועסט לאַכן פון מיר.

— אויב אַזוי, איז ער דאָך טאַקע אַ רבי, אונדזער נחמן. אַז מתים קומען שוין צו אים, טאָ פאַרוואָס נישט לעבעדיקע? ווער ווייס וואָס פאַר אַ „כוח" ער האָט? אַז מתים ווייסן שוין צו קומען צו אים!... זיי מוזן דאָך וויסן בעסער ווי מיר, זיי זענען דאָך דאָרטן...

— ווער ווייס וואָס פאַר אַ גרויסער רבי ער איז? אפשר אַ נייער בעל־שם־טוב? אפשר נאָך גרעסער?

— אויב אַזוי, גיי אַרויס און צעפּויק עס איבער גאַנץ מעדזוועדעווקע און זאָלן אַלע דאָס וויסן. ער איז שוין גענוג געווען באַהאַלטן! זאָל מען וויסן, אַז מיר האָבן אַ גרויסן רבי ביי אונדז אין הויז, אין אונדזער שטעטל.

— איך וועל דאָס טאָן! פאַרוואָס נישט? איך וועל נעמען מיר צו

הילף ביילע די גבאיטע און ציפּע־דוואָשע די טוקערין. זיי קענען פול מאַכן די שטאָט דערמיט אין איין טאָג.

און אסתר האָט זיך טאַקע גענומען צו דער אַרבעט — אַזוי, אַז אין פאַרלויף פון עטלעכע טעג האָט גאַנץ מעדזשעדעוקע שוין גערעדט דער־פון, אַז זיי האָבן ביי זיך אין שטאָט אַ גרויסן רבי, אַ בעל־מופת... אַזאַ איינער, וואָס אַפילו די טויטע אויף יענער וועלט קומען צו אים נאָך אַ תיקון...

באַלד האָט זיך געמאַכט אַ מעשה אין שטעטל, אַז חיהלע, ר׳ אשר דעם נגידס טאָכטער, איז געגאַנגען צו־קינד און איז געווען אַ מקשה לילד. עס איז שוין געווען דער דריטער טאָג און דאָס קינד רירט זיך נישט פון אָרט. די עלטערן, ר׳ אשר און זיין ווייב, גייען אַרום ממש ווי צעמישטע. זיי זענען טאַקע רייך, אָבער וואָס קען זיי דאָ העלפן געלט, אַז זייער קינד איז אין אַזאַ גרויסער סכנה. זיצן שוין צען יידן און זאָגן תהלים צוויי מעת־לעת. ווייבער לויפן אויפן בית עולם צו מעסטן די קברים, מען טיילט צדקה. ר׳ אשר זאָגט צו, צו געבן אויף וואָס נאָר מען פאַרלאַנגט פון אים. אָבער דאָס קינד קומט נישט און דאָס אינגאַנצן צוויי־און־צוואַנציק־יעריקע ווייבל איז שוין באַלד פאַרביי פון יסורים. מען האָט לסוף קוים מיט צרות געפועלט ביים אַלטן פוילישן דאָקטאָר פון נאָענטן מעזשיבוזש, אַז ער זאָל קומען צופאָרן פאַר אַ שטיק גאָלד. ער האָט דאָס קינד אָפּגענומען מיט קלעשטשעס, עס איז אַ ייִנגעלע. עס האָט געלעבט, אָבער זי איז חרוב. דער דאָקטאָר האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט און איז אַוועקגעפאָרן.

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג און דעם ווייבל איז נישט בעסער גע־וואָרן. פאַרקערט, עס איז געוואָרן ערגער. ווידער איז מען געלאָפן צום אַלטן דאָקטאָר און ווידער האָט מען פאַר אים אַוועקגעלייגט אַן אוצר מיט געלט, אַז ער זאָל קומען בלויז אַ קוק טאָן. ער איז געקומען, באַ־טראַכט די קראַנקע און געזאָגט ווי אַ קאַלטער לונג און לעבער:

— זי וועט שטאַרבן, מען קען גאָרנישט טאָן; דער פּולס זינקט, דאָס האַרץ אַרבעט וואָס אַמאָל שוואַכער, אין דריי שעה אַרום וועט זי שוין זיין טויט.

אָפּגעזאָגט און געפאָרן צוריק אַהיים קיין מעזשיבוזש.

אין שטעטל איז געוואָרן אַ רעש. האָבן די ווייבער גענומען שרייען:

— לויפט צו ר׳ נחמנען, דעם נייעם בעל־שם־טוב. ער קען איר העלפן, נאָר ער!

ר׳ אשר איז אַ מתנגד און האַלט נישט פון רביים, אָבער איצט גייט ער שוין אַליין צו אים און בעט אים. אויך די ווייבער באַפאַלן ר׳ נחמנען ממש פון אַלע זייטן: „ר׳ נחמן העלפט דער יולדת!״ „ר׳ נחמן!״ „ר׳ נחמן!״...

רופט זיך אָפּ ר׳ נחמן און זאָגט צו זיי:

— גייט אַהיים, איך קום באַלד. אָבער זאָל קיינער נישט זיין ביי איר. פאַרמאַכט אויך די לאָדנס. אַלע זאָלן זיין אין דרויסן, ביז איך וועל אַרויסקומען... איר הערט?

גייען שוין אַלע אַוועק און ר׳ נחמן נעמט זיין טלית און זיין קיטל און גייט אַהין. אין דרויסן שטייט שוין אַ גרויסער עולם פון מענער, ווייבער און קינדער. מען טייטלט אויף אים מיט די פינגער:

— אָט איז ער! ר׳ נחמן! אַן אוראייניקל פון בעש״ט! אַ גרויסער בעל־מופת! איר וועט באַלד זען!

— ער איז דאָך גאָר אַ יונגיטשקער! עס וואַקסט דאָך ביי אים קוים אַ באָרד!

— אָבער ער האָט אַ „כוח״ צו פועלן אין די הימלען! ער קען מאַכן פון טויט לעבעדיק! איר וועט באַלד זען! — שרייט הויך אַ יידענע.

ר׳ אשר און זיין ווייב מלכה לויפן אים אַנטקעגן:

— ר׳ נחמן, אַלץ איז אַזוי ווי איר האָט געזאָגט. קיינער איז נישטאָ אינעווייניק. די לאָדנס זענען פאַרמאַכט. איילט זיך צו! דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי האָט בלויז נאָך דריי שעה צו לעבן און אַ שעה איז שוין אַוועק.

— דער דאָקטאָר ווייס נישט פון זיין חיות — האָט ר׳ נחמן זיי געענטפערט — עס שטייט געשריבן: „אני ה׳ רופאך... איך גאָט, בין דיין היילער, דער רבונו של עולם איז דער גרעסטער דאָקטאָר!... מען דאַרף נאָר גלייבן אין אים״...

ר׳ נחמן האָט איצט אָנגעטאָן זיין קיטל און פון אויבן דעם טלית און איז געבליבן אַביסל שטיין ביי דער טיר, וואָס פירט צו איר חדר. מיט אַ שטילן געוויין און ציטערנדיקע הערצער האָבן די עלטערן און אויך פיל פון עולם אין דרויסן נאָכגעקוקט ר׳ נחמנען, ווען ער האָט געעפנט די טיר און איז אַריין אין חדר און דערנאָך פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך.

באַלד האָט זיך פון איר חדר אַרויסגעטראָגן אַ שטאַרק וויינענדיק קול, וואָס האָט געזאָגט תהלים מיט אַזאַ האַרץ־רייסנדיקן ניגון, אַז אַלע אין דרויסן האָבן מיטגעוויינט... דער ניגון האָט זיך אַלעמאָל געביטן, אָבער די יללה איז געווען די זעלבע... טיילמאָל האָט זיך אַפילו געדוכט, אַז עס איז נישט איין יללה, נאָר אַ סך... אַז עס זאָגן דאָרטן אינעווייניק תהלים נישט איינער, נאָר אַ גאַנצער מנין יידן... מען האָט בפירוש געהערט נישט איין קול נאָר פיל קולות, און קולות אויך פאַרשיידענע, דינע און גראָבע, שרייענדיקע און אנגענעמע...

דאָס האָט געדויערט אַזוי אַ גאַנצע שעה, אַ שעה וואָס איז באַשטאַנען נישט פון זעכציק מינוט, נאָר פון זעכציק אייביקייטן... עס האָט זיך געצויגן און געצויגן און מען האָט געמיינט, אַז עס וועט גאָר קיין סוף נישט נעמען... לסוף האָט ר׳ נחמן געעפנט די טיר און זיך געווענדט צו ר׳ אשרן און זיין ווייב:

— די קראַנקע האָט זיך אויפגעזעצט און בעט אַ גלאָז וואַסער. גייט אַריין און גיט עס איר. איר האָט אַ נייע טאָכטער!

און ער איז אַוועק אַהיים.

גאַנץ מעדוועדעווקע איז איצט געגאַנגען אויף רעדלעך, איבערהויפט ווען נאָך עטלעכע שעה האָט חיהלע שוין גערעדט מיט אַלעמען, געלאַכט און האָט אַפילו געבעטן עפּעס עסן, ווייל זי איז הונגעריק... און דאָס איז געווען איינגאַנצן פיר שעה נאָך דעם, ווי דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין נישט לעבן.

באַלד האָט זיך די נייעס פאַרשפּרייט אין אַלע אַרומיקע שטעטלעך און אויך אין אַלע דערפער. אַלע האָבן גערעדט וועגן דעם גרויסן נס, וואָס עס איז געשען און וועגן אַ יונגן צדיק, וואָס איז אויפגעשטאַנען צו העלפן די יידן. מען האָט אַפילו שפּעטער איבערגעגעבן פון מויל צו מויל, אַז

ר׳ נחמן זאָל האָבן געזאָגט, אַז עס איז טאַקע געווען אמת, אַז מען האָט געהערט נישט איין קול, נאָר אַ מנין קולות, וואָס האָבן געזאָגט תהלים. דאָס, האָט ר׳ נחמן געזאָגט, זענען געווען די קולות פון די אבות און פון די שבעה כוכבי לכת, וועלכע ער האָט גערופן, אַז זיי זאָלן זאָגן תהלים מיט אים צוזאַמען, און זייערע קולות זענען דאָס געגאַנגען עד לב שמים, ביז צום כסא הכבוד און מען האָט דאָרט מבטל געמאַכט די גזירה פון טויט אויף דעם יונגן לעבן. עס איז געווען אַ גרויסער גזר, אָבער מען האָט אים אָפגעשריגן.

מיט אַכט טעג שפּעטער איז ר׳ אשר און זיין ווייב צוזאַמען מיט דער קימפּעטאָרין, חיהלע, וועלכע איז ערשט אויפגעשטאַנען פון בעט, געקו־מען צו ר׳ נחמנען און יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אין זיינע הענט אַ זעקל מיט גאָלדענע רענדלעך פאַר אים אַ מתנה. אָבער ר׳ נחמן האָט זיי געענטפערט:

— דער רבונו של עולם האָט איר געשאָנקען ביי לעבן, דאַרף מען א י ם געבן די מתנה און נישט מיר. איך בין נאָר געווען אַ שליח. נעמט דאָס געלט און טראָגט עס אַוועק צום פּרנס הקהל און זאָל ער עס נוצן פאַר אַ דבר טוב, ווי למשל, אויף צו בויען אַ נייע מקווה, ווייל די אַלטע איז שוין אַ חורבה.

ר׳ אשר האָט גלייך צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַזוי טאָן.

— אָבער איך וויל פון אייך יאָ איין זאַך, ר׳ אשר — האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו אים — איך וויל, אַז איר זאָלט אָפּהיטן שבת.

— רבי — האָט זיך ר׳ אשר געגעבן אַזש אַ טרייסל אינגאַנצן — איך היט נישט אָפּ שבת?

— ניין, ר׳ אשר, איר זענט מחלל שבת און דערפאַר איז אויף אייך נגזר געוואָרן אָט דער גזר. זאָגט מיר, וואָס טוט אייער איוואַן ביי אייך?

— איוואַן איז אַ רוסישער גוי, וואָס אַרבעט ביי מיר. ער טרייבט אָן די פערד, ווען ער פאָרט מיט מיר ערגעצווו און ער פירט אָפּ משאות פון מיינע געשעפטן.

— יאָ, דאָס וויים איך — האָט ר׳ נחמן געזאָגט — אָבער וואָס טוט

ער, למשל, שבת? איז עס נישט אמת, אַז שבת הייסט איר אים אויס־רייניקן דעם שטאַל און ער אַרבעט שווער אַ גאַנצן טאָג?

— יאָ, רבי, אָבער ער רוט דאָך זונטיק.

— ניין, ר׳ אשר, ער דאַרף רוען אויך שבת. עס שטייט „למען ינוח שורך וחמורך, עבדך ואמתך״, דאָס הייסט אַפילו דיין אָקס דאַרף רוען שבת, אַפילו דיין אייזל און אויך דיין קנעכט און דיין דינסט. איוואַן דינט ביי אייך און ער דאַרף דעריבער שבת רוען. אויב ער אַרבעט שבת, איז עס דאָך פאַר אייך און דעריבער איז עס פונקט אַזוי גוט, ווי איר וואָלט מחלל שבת געווען. פון היינט אָן און ווייטער זאָל איוואַן רוען שבת פונקט אַזוי ווי איר רוט. זאָגט איר מיר דאָס צו, ר׳ אשר?

— יאָ, רבי, — האָט ר׳ אשר געענטפערט ר׳ נחמנען — אָבער וואָס זאָל ער טאָן זונטיק? קען ער אַרבעטן זונטיק?

— ניין, ר׳ אשר, — האָט ר׳ נחמן צו אים שטרענג געזאָגט — זונ־טיק איז זיין שבת. ער טאָר נישט אַרבעטן שבת, ווייל ער אַרבעט פאַר אייך, און ער דאַרף רוען זונטיק, ווייל ער רוט דעמאָלט פאַר זיך.

עס זענען אַריבער בלויז עטלעכע וואָכן און ר׳ נחמן איז באַוווסט געוואָרן אַלס רבי. מען האָט אים שוין גערופן „דער יונגער רבי״ און מען האָט אָנגעהויבן צו קומען צו אים פון מעדוועדעווקע און פון אַלע אַרומי־קע שטעטלעך.

אין אָנהייב האָט ר׳ נחמן אויפגענומען אין זיין חדר מיוחד, אין הויז פון זיין שווער, אָבער ווען עס האָט אָנגעהויבן צו קומען וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערער עולם, האָט ר׳ נחמן זיך געדונגען אַ באַזונדערע דירה אין מעדוועדעווקע, אין וועלכער עס זענען געווען דריי חדרים. אין איינעם פון זיי האָט ר׳ נחמן איינגעאָרדנט פאַר זיך אַ שטענדיקן מנין. ער האָט אַריינגעשטעלט דאָרטן אַן ארון קודש מיט עטלעכע ספר־תורהס און עס געמאַכט פאַר אַ מקום קדוש. ר׳ נחמן האָט איצט געקראָגן גע־שוואָרענע חסידים, וואָס האָבן זיך שטאַרק באַהאָפטן אָן אים און וועלכע האָבן איבערגעזאָגט מיט יראת הכבוד יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון זיין מויל. צוויי פון אַזעלכע חסידים זענען געקומען אַזש פון שטעטל ראַ־שעוו. דאָס זענען געווען ר׳ יהודה און ר׳ שמואל־אייזיק, שפּעטער האָבן

זיי זיך איינגאַנצן אַריבערגעצויגן פון יענעם שטעטל קיין מעדוועדעווקע, כדי צו זיין נענטער צו זייער רבין. ר׳ נחמן האָט פון זיי שטאַרק גע־האַלטן און ער האָט איינמאָל צו זיי געזאָגט:

— איך בענק זייער נאָך די וועגן, וואָס איר זענט אויף זיי געפאָרן צו מיר, ווייל פון יעדן טראָט פון אייער נסיעה איז געשאַפן געוואָרן אַ מלאך.

ר׳ נחמן האָט אָבער איצט געקראָגן אַ שטאַרקן באַגער צו התבודדות. גראָד דאָס, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן צו פאָרן צו אים פיל מענטשן, האָט אים געמאַכט אומרואיק און אַרויסגערופן ביי אים אַ באַגער צו וועלן זיין אַליין, זיך מתיחד זיין אַליין מיט זיך. ער פלעגט דעריבער טיילמאָל איינ־שפּאַנען אַ פּאָר פערד אין דער בריטשקע פון זיין שווער און אַוועקפאָרן טיף אין וואַלד אַריין, אָדער ווייט, ווייט איבער די פעלדער. צוקומענדיק צו אַ בוים, האָט ער צוגעבונדן צו אים די פערד און אַליין איז ער אַוועק טיף אין וואַלד אָדער אויף די פעלדער ערגעצוו אין טיפער התבודדות. פלעגט טאַקע טרעפן, אַז ער האָט אינגאַנצן פאַרגעסן אָן די פערד און זיי פלעגן זיך אָפּרייסן פון בוים און צוריקלויפן אין שטעטל אַריין צום שווערס הויז. אויף ר׳ אפרימען און זיין ווייב אסתר, ווי אויך אויף שאָשען פלעגט דעמאָלט אָנפאַלן אַן אימה; ווו איז נחמן? און זיי האָבן מורא געקראָגן, אַז ווער ווייס צי עס האָט נישט מ׳ט אים עפּעס געטראָפן? דער שווער פלעגט באַלד אַרויפשפּרינגען אויף אַ פערד און לויפן אים זוכן און דע־מאָלט פלעגט ער אים טרעפן ליגן אַ דורכגענעצטן פון רעגן אָדער אַ האַלב־פאַרפרוירענעם, שעפּטשענדיק תהלים... אַן אַנדער מאָל פלעגט ר׳ נחמן טאָן דאָס זעלבע מיט אַ שיפלביים טייך. ער פלעגט זיך אַריינזעצן אין אַ שיפל און לאָזן זיך שווימען גלאַט אין דער וועלט אַריין שעהן־לאַנג און זיין ווייב, ווי אויך שווער און שוויגער, פלעגן זיצן אין דער היים און וואַרטן אויף אים מיט שרעק אין די אויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט...

ר׳ נחמן האָט איצט געפילט נאָך מער ווי פריער, אַז ער דאַרף האָבן עמ׳יצן, וואָס זאָל זיין גאָר גאָענט צו אים, לעבן זיך, דאָס וואָס ער האָט נישט צווישן אַלע, וואָס רינגלען אים אַרום. ער האָט זיך דעריבער פאַר־

בענקט נאָך זיין אַלטן חבר, שמעון, זיין ידיד־נעורים, און איינמאָל האָט ער, ר׳ נחמן, זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן צו שמעונען אַ בריוועלע, אין וועלכן ער בעט אים, אַז ער זאָל קומען צו אים, ווייל די בענקשאַפט איז גרויס און עס איז פּשוט נישטאָ צו וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן...
ר׳ נחמן האָט דאָס בריוועלע געגעבן צו איינעם פון די בעלי־עגלות, וואָס פאָרן יעדן טאָג קיין מעזשיבוזש, אַז ער זאָל עס איבערגעבן שמעונען גלייך אין דער האַנט אַריין.

## 24

צומאָרגנס איז דער בעל־עגלה געקומען צו ר׳ נחמנען און האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט שמעונען נישט געטראָפן. ער איז געווען ביי אים אין הויז, אָבער די מוטער האָט אים געזאָגט, אַז ער איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן און ווען ער וועט צוריקקומען ווייס זי נישט.

פאַר נחמנען איז דאָס געווען אַ גרויסער חידוש. שמעון איז אַוועק־געפאָרן. וווהין האָט ער דאָס געקאָנט פאָרן? און פאַרוואָס האָט ער אים גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם? עס איז שוין באַלד פיר וואָכן ווי זיי האָבן זיך נישט געזען און ער ווייס פון אים גאָרנישט. אויב ער האָט געדאַרפט ערגעץ פאָרן, מוז עס דאָך זיין צוליב עפּעס. אָבער וואָס קען עס זיין? און פאַרוואָס האָט ער אים וועגן דעם נישט געשריבן?

ר׳ נחמן האָט אָבער איצט נישט געהאַט קיין סך צייט צו טראַכטן וועגן שמעונען, ווייל זיין הויז איז געווען באַלאַגערט פון צענדליקער מענטשן, וואָס זענען געקומען צו אים נאָך הילף. זיין נאָמען אַלס בעל־מופת האָט זיך שוין געטראָגן פון מויל צו מויל, און ווו נאָר עמיצער איז געוואָרן נישט געזונט, אָדער ווען עמיצער האָט געהאַט עפּעס אַ צרה אויף זיין קאָפּ, האָבן זיך שוין געפונען מענטשן, וואָס האָבן אים געזאָגט, אַז ער זאָל גיין צום יונגן רבי, ר׳ נחמנען, און ער וועט זיכער געהאָלפן ווערן. ר׳ נחמן איז דעריבער געוואָרן פאַרנומען וואָס אַ טאָג אַלץ מער, אַזוי אַז ער האָט נישט געהאַט קיין צייט מער צו טראַכטן.

ווען ר׳ נחמן וואָלט גענומען פּדיונים, וואָלט ער איצט געקאָנט רייך ווערן, אָדער אַמווייניקסטנס האָבן פּרנסה בריווח, אָבער פאַר אים זענען

כסדר געשטאַנען די געשטאַלטן פון זיינע פעטערס, דעם פעטער אפרים און דעם פעטער ברוך. דער רבי ר׳ אפרים פון סודילקאָוו האָט קיין פדיר־נים נישט גענומען און געלעבט נאָר פון דער שכירות וואָס ער האָט גע־קראָגן פון דער שטאָט אַלס רב. עטלעכע רענדלעך אַ וואָך. עס איז גע־ווען אַן אָרעם לעבן, אָבער ר׳ אפרים האָט נישט געזוכט און נישט גע־וואָלט קיין געלט. דאָס אַנדערע געשטאַלט איז פון פעטער ברוך פון מע־זשיבוזש, וואָס האָט נישט נאָר גענומען פדיונים, נאָר ממש געריסן פון אָרעם און רייך און וויפל געלט ער האָט געהאַט, איז אים אַלץ צו ווי־ניק געווען. ביין, ער וויל נישט גיין אין די וועגן פון פעטער ברוך... ער וועט בעסער גיין אויפן וועג פון פעטער ר׳ אפרים... יאָ, ר׳ נחמן איז שוין איצט אַן אמתער רבי. אַלע לויפן איצט צו אים נאָך הילף, נישט נאָר קראַנקע, נאָר אַפילו געזונטע. מען קומט וועגן פרנסה, וועגן שידוכים, עקרות קומען צו אים, אַז ער זאָל זיי בענטשן צו האָבן קינדער און מען זאָגט אַפילו, אַז ביינאַכט קומען צו אים מתים נאָך אַ תיקון... מענטשן שווערן זיך, אַז ביינאַכט זעט מען ביי אים אין חדר מתים אין תכריכים... עטלעכע ווייבער האָבן אַפילו זיך געשוואָרן, אַז זיי האָבן אַליין געזען, ווי נאָך צוועלף ביינאַכט האָבן זיך געצויגן גאַנצע מחנות מתים פון בית הקברות צו זיין הויז... ווען מען פרעגט ר׳ נחמנען וועגן דעם, לאַכט ער דערפון:

— וואָס? איך קען העלפן טויטע? — ציט ער מיט די פלייצעס — הלוואַי וואָלט איך געקענט העלפן לעבעדיקע! הלוואַי זאָל מיין וואָרט זיין אויבן אַזוי אָנגעזען, אַז איך זאָל קענען טאָן בלויז פאַר די, וואָס ליידן נויט אָדער יסורים.

ר׳ נחמן וווינט איצט אין אַ באַשיידענער וווינונג אין מעדוועדעווקע, אָבער ער וויל נישט קיין גרעסערע, כאָטש דער שווער וויל אים העלפן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט שוין לאַנג פון עסן קעסט. „קעסט איז נאָר פאַר די, וואָס האָבן נישט קיין נשמה", זאָגט ר׳ נחמן, „אַז מען האָט נישט קיין נשמה, האָט מען נישט קיין איך און מען דאַרף אָנקומען צו יענעם. איך אָבער האָב גענוג נשמה, נישט צו קענען עסן קעסט. דערווייל האָב איך נישט וואָס צו זאָרגן" — זאָגט ר׳ נחמן ווייטער אין אַ לוסטיקן טאָן

— „דער שווער האָט מיר געגעבן דריי הונדערט רענדלעך, נו, קען מען לעבן דערפון. וואָס עס וועט זיין דערנאָך, דערויף איז גאָט אַ פּאָטער".

אָבער אַפילו דריי הונדערט רענדלעך שעפּן זיך אויס און עס ווערט טאַקע וואָס אַמאָל ווייניקער. טענהן מיט אים איין זיין שווער און שוויגער, אַז ער זאָל נישט וואַרטן ביז ער וועט שוין גאָרנישט האָבן, נאָר ער זאָל אָנהייבן שוין איצט צו טראַכטן וועגן תכלית. זאָל ער נישט רייסן קיין געלט פון אָרעמע. ווער עס האָט נישט — האָט נישט, אַזאַ איינעם דאַרף מען העלפן אָן פדיון אויך... אָבער, זאָגן זיי, פאַרוואָס העלפן די רייכע בחינם? אויף אַלץ האָבן זיי, קענען זיי דאָך האָבן אויך פאַר אים! ובפרט, אַז זיי בעטן זיך ביי אים, ביי ר' נחמנען טאַקע, אַז ער זאָל נעמען ביי זיי אַ פדיון, טאָ פאַרוואָס נישט?

אָבער אַחוץ וועגן אַ תכלית האָבן ר' אפרים און זיין ווייב אסתר נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס זיי ווילן אַזוי שטאַרק, אַז ר' נחמן זאָל נעמען פדיונים. עס איז דערפאַר, ווייל זייער לאַגע איז נישט קיין זיכערע...

יאָ, עס איז אַ גאַנצע מעשה דערביי, אַן ענין, וואָס פאַרשאַפט זיי פיל צרות. עס איז שוין יאָרן ווי אַ שווערד פאַכעט איבער זייערע קעפּ. עס קען, חלילה וחס, נאָך קומען אַ טאָג, וואָס זייער גאַנצע עשירות זאָל צעגיין ווי שניי אויף דער זון, אַז זיי זאָלן דאַרפן אַוועקגיין פון אַלעם, ווי אַ קאַץ פון דער סמעטענע... יאָ, אָט דער מתנגד, ר' אפרים, איז שוין געווען ביי פיל רביים וועגן דעם. ער האָט שוין אויך גערעדט מיט זיין איידעם, ר' נחמן, אַז ער זאָל זיך באַמיען פאַר אים אויף זיין זיידנס קבר... אין קורצן איז עס אַזוי: ר' אפרים איז געווען יאָרן־לאַנג אַן אַרענדאַר ביי אַ רייכן פוילישן פּריץ, קאַזשימיר יאַזשימאָווסקי. דער פּריץ איז נישט געווען קיין יידן־פיינט, ווי דאָס רוב אַנדערע פוילישע פּריצים, און ער האָט מיט אים פיל מטיב געווען. דער אַלטער יאַזשימאָווסקי איז אָבער געווען אַ פוילישער פּאַטריאָט און האָט געגעבן פיל געלט צו העלפן דער פוילישער אַרמיי אין קאַמף מיט די קאָזאַקן. נאָכדעם ווי דאָס רוסישע חיל האָט אָפּגעהאַלטן נצחונות, האָבן די קאָזאַקן אויפגעזוכט אַלע פוילישע פּריצים, וואָס האָבן געהאָלפן דער פוילישער אַרמיי און זיי ממש צעשניטן מיט זייערע שווערדן אויף שטיק־שטיקלעך. די יידן האָבן אויך

נישט בעסער אָפּגעשניטן ביי די קאָזאַקן, אָבער ר׳ אפרים האָט פאַרשטאַנען צו לעבן גוט מיט די דאָרפישע כּאַכאָלעס און ער האָט געקראָגן ביי זיי אַ גוטן נאָמען, אַזוי אַז עס האָט געהייסן ביי אַלעמען, אַז ער איז אויף זייער זייט. ווען די קאָזאַקן זענען געקומען נאָענט צום דאָרף הוסיאַטין, האָבן די פּויערים געזאָגט ר׳ אפרימען, אַז ער זאָל נישט מורא האָבן, ווייל אים וועט גאָרנישט געשען. אָבער ר׳ אפרים האָט שטאַרק געוואָלט אָפּראַטעווען זיין פּריץ און האָט דאָס געזאָגט צו די פּויערים. האָבן זיי אים געזאָגט: „גוט, נעם אים אַריין צו דיר!״. האָט ר׳ אפרים באַלד אַריינגענומען דעם פּריץ צו זיך און האָט אים באַהאַלטן אין אַ קליין אַלקירל. דער אַלטער פּריץ האָט געקושט די הענט פון ר׳ אפרימען און איז געבליבן אין אַלקירל אַ גאַנצן מעת־לעת. ווען די קאָזאַקן זענען געקומען, האָבן די גויים זיי געזאָגט, אַז דער פּריץ איז אַנטלאָפן. די קאָזאַקן האָבן אים אַרומגעזוכט. זיי האָבן געמאַכט אַ פּאָגראָם אין זיין הויז און אַוועק. ערשט איצט האָט ר׳ אפרים אַרויסגענומען דעם פּריץ פון אַלקירל און אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מער מורא האָבן, אָבער ער זאָל באַדאַנקען די כּאַכאָלעס דורך געבן זיי מתנות. דער פּריץ האָט דערויף געענטפערט ר׳ אפרימען:

— אפרים, דו האָסט געראַטעוועט מיין לעבן, וויל איך דיר דערפאַר באַלוינען. איך וויל דיר אַוועקגעבן מיין גאַנצן מאַיאָנטעק. מיין איינציקער זון, יאַן, איז אַ הולטאַי, ער פאַרברענגט כּסדר מיט פרויען אין פּאַריז און אין אַנדערע גרויסע שטעט. ער וועט דאָס אַלץ סיי־ווי־סיי פאַרהולעווען און עס אַוועקגעבן צו זיינע פרויען. איך וויל עס בעסער דיר געבן און דו טו דערמיט וואָס דו ווילסט... דו גיב די כּאַכאָלעס מתנות יעדן איינעם וויפל דו ווילסט. אַלץ איז דיין. איך וויל בלויז אויסלעבן דאָ מיינע יאָרן אונטער דיין אויפזיכט, ווייל כ׳ווייס, אַז דו וועסט וואַכן איבער מיר און נישט דערלאָזן, אַז מען זאָל מיר טאָן שלעכטס. גיי רוף אַריין עטלעכע פון די בעסערע מענטשן פון דאָרף צוזאַמען מיטן „וואָיט״ און איך וועל זיי זאָגן פאַר דיר אין די אויגן, אַז איך גיב דיר אַלץ אַוועק און אַז דו וועסט פון איצט אָן זיין דער „פּאַן״ און אַז דו זאָגסט זיי צו, אַז דו וועסט זיי גוט באַהאַנדלען, מיט יושר און איינזען.

ר׳ אפרים האָט באַלד אַזוי געטאָן. ער האָט אַרייַנגערופן דעם „וואַיט“ און נאָך פינף מענטשן פון דאָרף און דער פּריץ קאַזשימיר יאַזשימאָווסקי האָט זיי געזאָגט, אַז פון איצט אָן גייט אַלץ איבער צו ר׳ אפרימען און אַז ער איז פון איצט זייער האַר. באַלד דערנאָך האָט ר׳ אפרים געמאָלדן, אַז יעדער איינער, וואָס האָט געהאַט אַן עוולה, זאָל קומען צו אים און ער וועט זיך באַמיען אַלץ צו פאַרגיטיקן און אַז ער וועט בכלל פאַרבעסערן יעדנס לאַגע.

די איינוווינער פון הוסיאַטין זענען טאַקע באַלד געקומען צו ר׳ אפרימען און ער האָט יעדן איינעם אויסגעפרעגט וואָס ער וויל און וואָס ער דאַרף און ער האָט יעדנס בקשה דערפילט. אַזוי האָט ער געטאָן מיט אַלע, איינעם נאָכן אַנדערן ביז צום לעצטן.

פופצן יאָר זענען אַוועק פון יענעם טאָג, ווען דער פּריץ האָט איבער־געגעבן צו ר׳ אפרימען זיין גאַנצן מאַיאָנטעק — דעם פּאַלאַץ און אַלע הייזער, וואָס האָבן געהערט צו אים, ווי אויך אַלע וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן פאַרביי הוסיאַטין ביז מעדזועדזעוקע, אויף אַ שטח פון צענד־ליקער מייל. אַלע אין דאָרף צוזאַמען מיטן פּריץ האָבן געלעבט די גאַנ־צע צייט בשלום אונטער דער אָנפירונג פון דעם ייד, ר׳ אפרים. אָבער עס קומט אַ צייט פאַר יעדן איינעם צו גיין פון דער וועלט, און אַזוי איז אויך געקומען די צייט פון אַלטן פּריץ קאַזשימיר יאַזשימאָווסקי צו ענ־דיקן זיינע טעג, אין עלטער פון 76 יאָר. באַלד האָט מען דאָס געגעבן צו וויסן זיין איינציקן זון, יאַן, אין פּאַריז, כדי ער זאָל קומען צום „פּאָג־זשעב“ פון זיין פאָטער. מען האָט אויך געוואַרט אויף אים מיט דער לוויה ביז ער איז געקומען.

נאָך דעם ווי דער יונגער פּריץ האָט באַגלייט זיין פאָטער צו זיין אייביקער רו, האָט ער דערקלערט פאַר אַלעמען, אַז איצט נעמט ער איבער אַלץ אונטער זיין פירונג — דעם פּאַלאַץ, די הייזער און די וועלדער — און ער וועט זיין אויפן אָרט פון זיין פאָטער. ר׳ אפרים האָט אים אָבער גלייך אויפן אָרט דערויף געענטפערט, אַז ער האָט גאָרנישט וואָס אָי־בערצונעמען, ווייל אַלץ באַלאַנגט איצט צו אים. זיין פאָטער האָט אים דאָס אַלץ איבערגעגעבן און דערביי זענען געווען עדות. ער האָט גלייך

אַריינגערופן דעם „וואַיט" פון דאָרף און נאָך פיר מענטשן (דער פינפ־טער איז שוין געווען טויט), וואָס זענען דערביי געווען, און זיי האָבן די ווערטער פון ר' אפרימען באַשטעטיקט. דער זון, יאַן יאַזשימאָווסקי, האָט אָבער געמאַכט אַ גוואַלד, אַז דאָס האָט דער ייד אויסגענאַרט דאָס גאַנצע פאַרמעגן ביי זיין פאָטער. ער האָט געזידלט ר' אפרימען און אויך די עדות און זיי אָנגערופן „יודאַש" און געזאָגט, אַז זיי האָבן זיך פאַרקויפט צום ייד. ער איז אויך באַלד אַוועק צו אַן אַדוואָקאַט און אָנגעקלאָגט ר' אפרימען אין מלוכה־געריכט פון קיעוו אין אויסנאַרעריי און שווינדל און פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל ביי ר' אפרימען צונעמען דאָס גאַנצע פאַר־מעגן פון זיין פאָטער און אים אַליין פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע פאַר שווינדל און באַטרוג.

דער פראָצעס האָט זיך געשלעפּט יאָרן־לאַנג. דערווייל זענען גע־שטאָרבן נאָך צוויי עדות, דער „וואַיט" און נאָך איינער. נאָך אַן עדות איז געוואָרן אַ שיכור, וואָס איז כסדר געלעגן אין רינשטאָק, און נאָך איינער איז אַראָפּ פון זינען. אַזוי אַרום איז געבליבן אינגאַנצן איין עדות און אַט דעם האָט דער יונגער פּריץ אונטערגעקויפט, ער זאָל זאָגן, אַז ער ווייס פון גאָרנישט.

איז אָבער ר' אפרים נישט געווען קיין נאַר און איז אַוועקגעפאָרן קיין קיעוו און דאָרטן גענומען פאַר זיך אַן אַדוואָקאַט, אַ קריסט, וועמען ער האָט צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט געווינען, וועט ער אים געבן אַ דריטל פון די וועלדער אַרום הוסיאַטין. דאָס איז געווען אַ שטאַרקער רייץ און עס האָט באַוויזן דעם אַדוואָקאַט עפּעס צו טאָן. האָט ער גע־טראַכט און געטראַכט ביז ער איז געפאַלן אויף אַן המצאה אַרומצופאָרן צו אַלע פּריצים פון גאַנצן געגנט און זיי זאָגן, אַז די יורשים ווילן אַרויס־געבן אַלע בריוו פון גראַף קאַזשימיר יאַזשימאָווסקי און אַזוי אַרום צונע־מען ביי זיי אַלע זיינע בריוו. זיין ציל דערביי איז געווען צו געפינען צווישן די בריוו איינעם, אין וועלכן דער פּריץ רעדט וועגן דעם, אַז ער האָט אָפּגעגעבן דעם ייד, ר' אפרים, זיין גאַנצן פאַרמעגן. נאָך פיל חדשים פון זוכן איז לסוף אַזאַ בריוו אַריינגעפאַלן אין אַדוואָקאַטס הענט. דער בריוו איז געווען דאַטירט אַ טאָג נאָכדעם ווי דער פּריץ יאַזשימאָווסקי

האָט געהאַט אָוועקגעגעבן זיין מאַיאָנטעק צו ר׳ אפרימען. אין דעם בריוו טיילט דאָס טאַקע מיט יאַזשימאָווסקי צו זיינעם אַ פריינט, גראַף באַ־ ראָווסקי.

דער אַדוואָקאַט פון ר׳ אפרימען האָט זיך שטאַרק געפרייט מיטן בריוו און געזאָגט צו ר׳ אפרימען, אַז איצט איז ער זיכער, אַז ער וועט געווינען דעם פּראָצעס. אָבער אין געריכט האָט דער יונגער גראַף גע־ טענהט, אַז דער בריוו איז אַ פאַלשער און איז נישט פון זיין פאָטער און דעם יונגן גראַפס אַדוואָקאַט האָט נאָך געטענהט, אַז דאָס איז אַ נייער שווינדל פון דעם ייד אפרים. ער האָט דאָס בכיוון געשיקט אַזאַ בריוו צום גראַף באַראָווסקי, כדי שפּעטער נאָכן טויט פון גראַף יאַזשימאָווסקי זאָל ער קענען זיך פאַררופן אויפן בריוו, וואָס דער גראַף יאַזשימאָווסקי זאָל האָבן געשיקט. אָבער אין דער אמתן האָט דער גראַף גאָרנישט גע־ שיקט אַזאַ בריוו. מיט איין וואָרט: עס איז אַ פאַלשער בריוו און מען האָט פאַלש אונטערגעשריבן דעם גראַפס נאָמען. דערצו האָט דער יונגער גראַף געבראַכט אין געריכט אַריין פיל בריוו פון זיין פאָטער צו אים און גע־ וויזן, אַז די אונטערשריפט איז אַנדערש און אויך די האַנטשריפט איז אַנדערש. דער יונגער גראַף האָט אויסגעפירט, אַז דער געריכט האָט גע־ מאַכט אַ נייע פאָרשונג וועגן דעם בריוו. די פינף ריכטער זענען געווען צעטיילט, צוויי האָבן געטענהט, אַז די אונטערשריפט פון בריוו איז די זעלבע, וואָס אונטער די בריוו צו זיין זון יאַן. ממילא איז דער בריוו גילּ־ טיק און אַזוי ווי דאָרטן זאָגט ער, אַז ער האָט געגעבן זיין מאַיאָנטעק צום ייד אפרים, דאַרף דער גאַנצער מאַיאָנטעק געהערן צו אים. די אַנ־ דערע צוויי ריכטער האָבן אָבער געזאָגט, אַז די אונטערשריפט אונטערן בריוו איז אַ געפעלשטע און נישט פון גראַף, דעריבער קומט נישט דער מאַיאָנטעק דעם יידן און מען דאַרף אים אויך אָנקלאָגן נאָך פאַר פעל־ שונג. דער הויפּט־ריכטער האָט געקאָנט אַרויסזאָגן זיין מיינונג אַהין אָדער אַהער, אָבער ער האָט נישט געוואָלט נעמען עס אויף זיך און דע־ ריבער איז געבליבן, אַז די גאַנצע זאַך זאָל מען איבערשיקן קיין פּעטער־ בורג און אַז דאָרטן זאָל מען אַרויסגעבן דעם פּסק־דין.

דערווייל זענען ר׳ אפרים און זיין ווייב אסתר, אַרומגעגאַנגען אין

איין שרעק, אַז אַ לאַדע טאָג קען אָנקומען אַן אורטייל, וואָס זאָל זיין קעגן זיי און ווער ווייס, אפשר קען מען נאָך ר׳ אפרימען באַשטראָפן אויך, ווייל עס וועט הייסן, אַז ער איז באַאַנגען אַ שווינדל.

אַזוי איז געווען דער מצב פון ר׳ אפרימען אין יענע טעג. אָט דער־ריבער האָט דאָס ר׳ אפרים אַזוי שטאַרק געוואָלט, אַז ר׳ נחמן זאָל יאָ נעמען פדיונים און האָבן אַ געוויסע הכנסה, פון וואַנען צו לעבן. אָבער ר׳ נחמן האָט נישט געוואָלט הערן דערפון. פאַרקערט, ער האָט גערעדט פאַרביטערט קעגן די צדיקים, וואָס נעמען פדיונים און האָבן פון חסידות געמאַכט אַ פרנסה אָדער גאָר אַ געשעפט.

— נישט דאָס האָט מיין זיידע געמיינט — האָט ר׳ נחמן הויך גע־שריגן צו ר׳ אפרימען און זיין ווייב אסתר, ווען זיי זענען צוגעשטאַנען צו אים, אַז ער זאָל נעמען פדיונים — ניין! דאָס איז נישט געווען זיין דרך. ער האָט נישט געשאַפן די שיטה פון חסידות, כדי צו פאַרזאָרגן דורך דעם זיינע אייניקלעך מיט פרנסה. מען טאָר נישט נעמען קיין געלט פאַר העלפן אַ יידן! עס שטייט אין דער תורה „עזוב תעזוב עמו״, דו זאָלסט אים העלפן. פאַרוואָס שטייט צוויי מאָל „עזוב תעזוב״, פאַרוואָס נישט בלויז „תעזוב״? ווייל ווען עס וואָלט געשטאַנען בלויז „תעזוב״, וואָלט עס געקאָנט מיינען — העלפן פאַר געלט. דעריבער שטייט „עזוב תעזוב״, דו זאָלסט אים העלפן בלויז פאַרן העלפן און נישט פאַר קיין געלט. ניין, איך וועל קיין געלט פאַר העלפן אַ יידן נישט נעמען.

ר׳ אפרים און אסתר האָבן שוין זינט דעמאָלט מער נישט גערעדט מיט ר׳ נחמנען וועגן דעם. אָבער ביי ר׳ אפרימען האָט זיך די לאַגע גע־ביטן צום ערגערן, ווייל דאָס געריכט האָט, אויפן פאַרלאַנג פון יונגן גראַף, אַרויסגעגעבן אַ פאַראָרדענונג, אַז ר׳ אפרים טאָר נישט פאַרקויפן קיין געהילץ פון די וועלדער, ביז דאָס געריכט וועט אַרויסגעבן דעם אורטייל. ר׳ אפרים האָט דעריבער געמוזט אָפּשטעלן דעם גאַנצן האַנדל און אַזוי ווי ער איז געווען שולדיק פיל געלטער צו געשעפטס־מענטשן, און קיין ביי־געלטער זענען נישט אַריינגעקומען, איז אים געוואָרן זייער ענג... איז עס געקומען אַזוי ווייט, אַז אויב פריער האָבן נאָך שווער און שוויגער אַמאָל געקאָנט עפּעס אַריינטראָגן צו ר׳ נחמנען אין שטוב אַריין, האָבן

זיי איצט אַליין נישט געהאַט... און איינמאָל האָט שאָשע געזאָגט צו ר׳ נחמנען, אַז זי האָט נישט מיט וואָס צו מאַכן שבת. האָט ר׳ נחמן איר געהייסן נישט זאָרגן און געזאָגט, אַז גאָט וועט העלפן. פרייטיק אין דער פרי, ווען נחמן איז אַהיימגעגאַנגען פון דאַוונען, האָט ער געפונען אַ פּאַ־טשיילע מיט צאַפּלדיקע פיש, טאַקע ווי לכבוד שבת. האָט ער עס גע־בראַכט אַהיים צו זיין ווייב און איר געזאָגט: „זעסט, אַז גאָט פאַרלאָזט נישט, מען טאָר נישט זאָרגן, דער רבונו של עולם וועט אונדז אַלעמאָל העלפן״.

אָבער דעם אַנדערן ערב שבת האָט שאָשע ווידער נישט געהאַט אויף שבת און דאַסמאָל האָט מען פון הימל ר׳ נחמנען נישט צוגעשיקט קיין פיש אין אַ פּאַטשיילע. איז טאַקע געווען אַ פאַרשטערטער שבת... נאָך מער, שאָשע האָט אַ גאַנצן שבת געוויינט און געזאָגט, אַז זי איז נישט געוווינט דערצו און אַז זי קען נישט לעבן אין דחקות.

ר׳ נחמן האָט זיך שטאַרק מצטער געווען דערויף און האָט געזאָגט שאָשען, אַז ער וועט אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין... ער וועט ווערן אַן איינפּאַכער בעטלער. ער וועט זיך לאָזן איבער דער מדינה און וועט זיך באַפרייען פון אַלעם, פון אַלע פאַרלאַנגען פון חומר... ער דאַרף גאָרנישט...

ווען שאָשע האָט דאָס געהערט, איז זי געלאָפן מיט אַ געוויין צו אירע עלטערן. ר׳ אפרים האָט באַלד גערעדט מיט די מענטשן פון שטאָט, אַז מען זאָל ר׳ נחמנען אויפנעמען פאַר זייער „רבי״ און אים געבן אַ שכירות יעדע וואָך. אָבער די אָרעמע יידן האָבן מער ווי איין רענדל אַ וואָך אים נישט געקענט צוזאָגן. דער שווער האָט דעמאָלט געזאָגט, אַז ווי שלעכט עס איז אים איצט, וועט ער אויך געבן אַ רענדל אַ וואָך און שאָשע האָט געזאָגט, אַז זי האָט אירס אַן אייגן קניפּל, וועט זי דערפון אויך אַראָפּנעמען איין רענדל יעדע וואָך, אַזוי אַרום וועט זיין יעדע וואָך דריי רענדלעך. ווען ר׳ נחמן האָט דאָס געהערט, האָט ער זיך אויסגע־רעדט, אַז ער וויל אַז איין רענדל זאָל גיין לכבוד שבת און צוויי אויף דער גאַנצער וואָך.

ר׳ נחמן איז איצט שוין געוואָרן אַ תושב פון מעדוועדעווקע און עס האָבן גענומען פאָרן צו אים מענטשן אויך פון די אַרומיקע שטעטלעך

און דערפער. אַט די מענטשן האָבן צוזאַמען געגעבן דעם קהל פון מעד־ווערוויקע אויף אַ רענדל אַ וואָך פאַר ר׳ נחמנען. אַזוי אַרום האָט ער שוין געהאַט פיר רענדלעך אַ וואָך, וואָס עס איז שוין געווען אַ שטיקל פרנסה.

אָבער ר׳ נחמן האָט איצט געהאַט אַ נייעם צער... עס איז געווען דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן די גאַרישע רייד און די קליינקעפּלדיקייט פון די פּראָסטע יידן, וואָס זענען געקומען צו אים, און עס איז אים געקראָכן פון האַלדז צו ענטפערן זיי אויף זייערע מאָדנע קשיות... ער האָט ממש נישט געהאַט מיט וועמען אַ וואָרט אויסצוריידן און ער האָט געבענקט שטאַרק נאָך שמעונען, מיט וועמען ער וואָלט גע־קאָנט ריידן וועגן אַלעם. אָבער שמעון איז נישטאָ און ער ווייס אַפילו נישט געענוי ווו ער איז; ווו ער איז פאַרשוווּנדן.

## 25

אָבער איינמאָל אין דער פרי איז פּלוצלונג שמעון אַריינגעפאַלן אין ר׳ נחמנס הויז. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט ר׳ נחמנען און צו אים געזאָגט:

— נחמנקע, איך האָב זיך ממש געריסן צו קומען אַהער. וואָס מאַכסטו?

— שמעון! — האָט נחמנקע אויסגעשריגן מיט פרייד — ווו ביסטו געווען? פאַרוואָס האָב איך פון דיר נישט געהערט די גאַנצע צייט?

— קודם־כל — האָט שמעון אים געענטפערט — ווינטש מיר מזל־טוב. כ׳האָב חתונה געהאַט.

— מזל־טוב! מיט דבורהלען?

— יאָ.

— נו, נאָכאַמאָל, זאָל עס זיין מיט מזל און מיט ברכה. אָט דערי בער האָסטו דאָס אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיר? העי?!

— חס ושלום, קיין איין מינוט אויך נישט. עס האָט מיך געצויגן אַהער ווי מיט אַ מאַגנעט. כ׳האָב דיר אַ וועלט צו דערציילן, אַ גאַנצע וועלט!

— טאַקע? טאָ קום, לאָמיר גיין אין וואַלד אַריין. דאָ וועט מען אונדז נאָר שטערן.

שאַשע, וועלכע איז געווען אין אַנדערן חדר, האָט איצט פון דאָרט אַרויסגעשריגן:

— נחמן, פאַרגעס נישט, אַז דו נעמסט פון די היגע יידן אַ רענדל אַ וואָך. דו ביסט זייער רבי. ווען אַ ייד וועט אַריינקומען און וועט ברויכן אַן עצה, וואָס זאָל איך אים זאָגן? דו קענסט דאָ אויך ריידן. איך וועל אַרויסגיין פון שטוב. קיינער וועט אייך נישט שטערן.

— אַזוי גאָר, ר' נחמן, שוין אַ רבי! אויב אַזוי, דאַרף מען שוין נישט רופן דיך „נחמנקע" און אויך נישט זאָגן דיר „דו", האָ?

— מאַך דיך נישט נאַריש, שמעון, רוף מיך „נחמנקע" ווי פריער און דו זאָג מיר „דו" ווי אַלעמאָל. וואָס מיינסטו, כ'בין געוואָרן אַ פּורים־שפּילער? איך האָב זיך פּלוצים פאַרשטעלט?

— נו גוט, גוט, אָבער „נחמנקע" פּאַסט שוין טאַקע נישט — האָט שמעון אים געענטפערט — כ'וועל דיך רופן פון איצט אָן נחמן און אפשר טאַקע ר' נחמן. כ'וויל איצט ווערן דיין חסיד און דו וועסט זיין מיין רבי, און אפשר וועסטו מיר געבן טאַקע אַן עצה אויך. אוי, ווי איך דאַרף אַן עצה! זייער פיל עצות!

— נו, דערצייל מיר עפּעס, דערצייל אַלצדינג. פון וואַנען קומסטו איצט?

— פון באַר.

— פון באַר? וואָס האָסטו געטאָן אין באַר און וואָס איז וועגן מעזשיבוזש?

— מעזשיבוזש איז אויס. מיר וווינען שוין נישט מער דאָרטן. מיר האָבן זיך אינגאַנצן אָוועקגעצויגן קיין באַר.

— דיין מאַמע, הייסט עס, דיין מאַמע און דו.

— ניין, די מאַמע מיטן טאַטן.

— וואָס? וואָס הערן מ'יינע אויערן? די מאַמע מיטן טאַטן?

— אָט דאָס וואָס דו הערסט, די מאַמע מיטן טאַטן. דער טאַטע איז איצט צוריק מיט דער מאַמען און זיי וווינען אין באַר.

— ווען איז דאָס געשען און ווי אַזוי?

— איך האָב דערין אַ חלק. איך בין געפאָרן צום טאַטן קיין קאַמעניץ.

— קיין קאַמעניץ, ווו די פראַנקיסטן האַלטן זיך אויף?

— יאָ, גיטעלע איז אויך דאָרטן.

— מיט די פראַנקיסטן? זי האָט אַוודאי חתונה געהאַט מיט דעם בחור, דעם פראַנקיסט?

— יאָ. אָבער זי איז נישט קיין פראַנקיסטקע. זי וועט אַוועק פון אים. עס איז פיל צו דערציילן.

— נו, דערצייל אַלץ, אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף.

— נו, גוט. פון וואַנען זאָל איך אָנהייבן?

— הייב אָן פון דעמאָלט, ווען איך בין אַוועק פון מעזשיבוזש, פון יענעם זונטיק אין דער פרי.

— גוט. איך וועל דיר אַלץ דערציילן און אויב איך וועל עפּעס איבערהיפּערן, זאָלסטו מיר דערמאָנען. נו, לאָמיר גיין כסדר, פון יענעם זונטיק אָן. יאָ, יענעם זונטיק אין דער פרי איז גיטעלע געקומען אין געשעפט אַריין און מיר האָבן דאָרטן גערעדט. זי האָט געוויינט און האָט מיר געזאָגט, אַז זי קען שוין מער די חרפות און בזיונות נישט אַריבערטראָגן, און היות דער בחור קומט איר הייַנט זען, וועט זי זיך טרעפן מיט אים. ער וויל, אַז זי זאָל ווינען ביי זיי אין הויז. נו, דער בחור, אַהרן הייסט ער, איז טאַקע געקומען און זי איז אַוועקגעפאָרן מיט אים אין זיין פאָטערס הויז אין דאָרף וואָלכאָוויטש, און זי איז דאָרטן געווען עטלעכע וואָכן. זי האָט זיך נענטער באַקענט מיטן בחור און זיי האָבן אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז זיי זאָלן חתונה האָבן. דער בחור און זיין טאַטע זענען באַקאַנט אַלס פראַנקיסטן, האָבן זיי געוווּסט, אַז קיין שום רב וועט זיי נישט וועלן געבן קיין חופה וקדושין. זענען זיי דעריבער געפאָרן קיין קאַמענייץ און האָבן דאָרטן חתונה געהאַט.

— און ווער האָט זיי געגעבן דאָרטן חופה וקדושין? — האָט ר׳ נחמן אים געפרעגט.

— נו, ווער? אלישע. ער איז דאָך דער גאַנצער רב ביי זיי.

— און וואָס איז ווייטער געווען? כ׳בין שוין נייגעריק.

— נו, איך בין שפּעטער געפאָרן קיין קרעמעניץ.

— צוליב וואָס?

— צו בעטן מיין טאַטן, אַז ער זאָל קומען צו מיין חתונה, כדי ער זאָל צוזאַמען מיט דער מאַמען פירן מיך אונטער דער חופּה. איך האָב געהאַט געהערט פון עמיצן, פון זייערע מענטשן, אַז דעם טאַטן טוט זייער באַנג דער גאַנצער עסק. די חיה־רעה, וועלכע האָט אים אָפּגעריסן פון דער מאַמען און האָט אים פאַרפירט אַהין, איז נישט מער מיט אים. זי האָט אַנדערע און ער דרייט זיך דאָרטן אַרום ווי אַ פאַרלוירן שעפּסל. איך האָב זיך אויך דערוווּסט, אַז דער טאַטע וויל צוריקקומען צו דער מאַמען, אָבער ער שעמט זיך דאָס צו טאָן. ער האָט אויך מורא, אַז די מאַמע וועט אים מער נישט וועלן. אַחוץ דעם וויל ער נישט קומען מער צוריק קיין מעזשיבוזש, וווּ אַלע קענען אים און וווּ דאָס אַלץ האָט פּאַסירט. איז מיר איינגעפאַלן, אַז די מאַמע זאָל אויפגעבן איר געשעפט, ווייל זי וועט עס סיי־ווי־סיי אַליין נישט קענען פירן, און זי זאָל זיך באַזעצן אין באַר, וווּ עס וווינט איר ברודער, ר׳ יואל. דאָרטן קען זי עפענען פאַר זיך אַ קליין געשעפט און ציען דערפון חיונה. און אַהין קען קומען דער טאַטע.

— אַ גלייכער געדאַנק, שמעון. האָט דיין מאַמע אַזוי געטאָן?

— יאָ. איך האָב געזען, אַז די מאַמע בענקט נאָכן טאַטן און זי האָט גרויס צער דערפון, וואָס ער האָט זי פאַרלאָזן. און אַזוי ווי איך האָב געהערט, אַז ער האָט חרטה אויפן גאַנצן עסק, איז מיר איינגעפאַלן צו פאָרן צו אים און אים פשוט אַרויספירן פון דאָרטן און אים ברענגען צו־ריק צו דער מאַמען, נישט קיין מעזשיבוזש, נאָר קיין באַר.

— און וואָס האָט דיין מאַמע געזאָגט דערצו?

— זי האָט מסכים געווען. אָבער עס איז נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. דו ווייסט דאָך, אַז קיין קרעמעניץ טאָר קיין ייד נישט אַריינפאָרן, איז געווען די פראַגע: ווי אַזוי קומט מען אַהין.

— טאַקע? וואָס האָסטו געטאָן?

— איך האָב געפונען אַן עצה. אין יענער צייט האָב איך געטראַכט פון גיטעלען, אַז אפשר האָט זי שוין אויך חרטה אויפן שידוך. בין איך

אַוועקגעפֿאָרן צו אהרנען אין דאָרף וואָלכאָוויטש, כדי צו הערן וואָס עס טוט זיך ביי זיי. איך האָב זיך געטראַכט, אפשר איז ער אין וואָלכאָוויטש, אויב נישט, וועל איך פֿון זיין פֿאָטער געוואָר ווערן וואָס עס הערט זיך ביי זיי, ביי אים און ביי גיטעלען.

— נו, וואָס ביסטו געוואָר געוואָרן?

— שטעל דיר פֿאָר, אַז איך האָב געטראָפֿן טאַקע אים אַליין, אהרנען, אין דאָרף וואָלכאָוויטש. איך האָב זיך פֿאַר אים פֿאַרגעשטעלט און אים געפֿרעגט וואָס ער טוט עפּעס דאָ. ער דאַרף דאָך גאָר זיין אין קרעמעניץ, לעבן גיטעלען. דערויף האָט ער מיר אין אָנהייב נישט געוואָלט ענט־פֿערן. ביסלעכווייז אָבער האָט ער מיר אויסגעזאָגט דעם אמת. גיטעלע וויל מיט אים נישט ווינען, זי האָט אים פשוט אַרויסגעטריבן פֿון הויז.

— אַזוי גאָר? פֿאַרוואָס?

— עס זענען פֿאָרגעקומען צווישן זיי פֿיל קריגערייען און אַלץ צו־ליבן פֿראַנקיזם. גיטעלע איז געוואָרן אַ שטאַרקע קעגנערין פֿון אַלע זייע־רע דרכים און זי לאַכט אָפּ פֿון זיי. איר מאַן איז אָבער אַ תם און גלויבט אין אַלעם, וואָס זיי זאָגן אים. די אָנפֿירער פֿון די פֿראַנקיסטן, ווי למשל, אלישע און זיין טאָכטער, די חיה־רעה, און נאָך אַזעלכע האָבן געהאָט צוגעזאָגט דעם בישאָף פֿון קרעמעניץ צוצושטעלן אים יעדעס האַלבע יאָר אַ געוויסע צאָל יידן, וואָס ווילן זיך שמדן. נו, האָט איצט געהאַלטן ביים ווערן אַ האַלב יאָר און זיי האָבן געדאַרפֿט צושטעלן די קאַנדידאַטן. האָבן זיי זיך אָנגעזעצט אויף אהרנען און גיטעלען, אַז זיי זאָלן זיך שמדן. אהרן איז שוין געווען גרייט דערויף, אָבער נישט גיטעלע. זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט זיך קיינמאָל נישט שמדן; זי וועט קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזן די אמונה פֿון יידישן פֿאָלק. דערצו איז גיטעלע געוואָרן מעוברת און דאָס וואָלט געמיינט אָפּצושמדן אויך זייער קינד, וואָס וועט געבוירן ווערן.

— אַזוי? גיטעלע איז שוין מעוברת אויך! — האָט נחמן געזאָגט מיט אַ שטילן טאָן.

— יאָ — האָט שמעון אים געענטפֿערט — זי האָט עס מיר פֿאַר־טרויט בסוד.

— איז וואָס איז געוואָרן?

— עס זענען געווען, ווי כ'האָב שוין געזאָגט, צווישן זיי גרויסע קריגערייען און איינמאָל האָט זי אים געזאָגט, אַז אויב ער וויל נישט אַנדערש, וועט זי אים פאַרלאָזן, אָדער ער זאָל אַוועק פון איר. האָט ער אויסגעקליבן בעסער אַוועקצופאָרן צו זיין פאָטער אין דאָרף.

— אָבער, שמעון, ווי אַזוי האָסטו געקענט וווינען אין קרעמעניץ. מען לאָזט דאָרטן נישט אַריין קיין יידן.

— מיר וועלן קומען דערצו, נחמן. עס איז אַזוי געווען: ווען איך בין געקומען קיין וואָלכאָוויטש און גערעדט מיט אהרנען, האָט ער מיר פאַרטרויט, אַז ער בענקט שטאַרק נאָך גיטעלען. ער ווערט פשוט משוגע פון געדאַנק, אַז ער האָט זי שוין אַזוי לאַנג נישט געזען. ער האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז וועגן שמדן זיך איז שוין אָפּגערעדט. זיין פאָטער אַליין האָט אים אָנגעזאָגט מיטן הארבן וואָרט, אַז ער זאָל עס נישט טאָן, ווייל אויב יאָ, וועט ער אים פשוט מעביר נחלה זיין. ער וועט נישט קריגן קיין איין גראָשן פון זיין גאַנצן פאַרמעגן. איצט וואָלט ער געוואָלט דאָס זאָגן גיטעלען, אָבער ער שעמט זיך. האָב איך אים געזאָגט, אַז מיר זאָלן ביידע פאָרן צוזאַמען קיין קרעמעניץ. איז געבליבן, אַז איך זאָל זיך פאַרשטעלן פאַר זיין בעל־עגלה. ער האָט מיר באַלד אָנגעטאָן אַ פוטערנע קורטקע מיט אַ פעלץ־היטל איבער די אויגן, מ'יט אַ שטריק אַרום די לענדן, און געגעבן מיר אַ בייטש אין דער האַנט אַריין און מיר געהייסן כסדר פאָכען מיט דער בייטש. איך האָב טאַקע אַביסל אויך אָנגעטריבן די פערד און אַזוי זענען מיר אַריינגעפאָרן קיין קרעמעניץ. דאָרטן בין איך אַוועק צו גיטעלען און זיך אויסגעגעבן פאַר איר ווער איך בין, און זי האָט זיך מיט מיר שטאַרק דערפרייט. אין אָוונט האָט זי מיך צוזאַמענגעבראַכט מיטן טאַטן און ער האָט זיך נאָך מער דערפרייט מיט מיר. ער איז געווען אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט ממש נישט געפונען קיין ווערטער וואָס צו זאָגן. ער האָט מיך געקושט און געהאַלדזט און מיר געזאָגט, אַז ער וועט אויפהייבן די הענט צום הימל, ווען ער וועט אַרויסקומען פון דעם גיהנום און פון די טריפניאַקעס. דערנאָך האָט ער זיך צעוויינט און מיר געזאָגט, אַז ער ווייס, אַז ער האָט נישט גוט געטאָן, ער איז פאַרפירט געוואָרן פון דער ווילדער מויד, און ער האָט פאַרשאַפט

אונדז חרפות און בושות. ער איז גרייט תשובה צו טאָן. אָבער ער קען נישט מער פאָרן צוריק קיין מעזשיבוזש. אויך איז זייער שווער פון דאַנען זיך אַרויסצוקריגן, ווייל איינער היט דאָ דעם אַנדערן. איך האָב אים דערויף געענטפערט, אַז איך וועל אים מיטנעמען פון דאַנען פאַרשטעלטערהייט, ווי אַ פויער, און ער וועט פאָרן מיט מיר נישט קיין מעזשיבוזש, נאָר קיין באַר, ווו די מאַמע וווינט איצט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין עקסטראַ געקומען צו אים, כדי אים צו נעמען צוריק אַהיים און ער זאָל מיך פירן צו דער חופה צוזאַמען מיט דער מאַמען. דער טאַטע האָט זיך נאָך מער צעוויינט און געזאָגט, אַז דאָס וועט זיין דאָס גרעסטע גליק אין זיין לעבן און אַז דערנאָך וועט ער זיך אַוועקזעצן אין בית המדרש און וועט לערנען. ער וועט אויך פאַסטן איין טאָג אין דער וואָך, כדי אויסגעלייזט צו ווערן פון די זינד. ווען גיטעלע האָט דאָס געהערט, האָט זי מיך געפרעגט, צי איך גיי טאַקע חתונה האָבן מיט דבורהלען, און וואָס וועט זיין מיט ראָזען.

— ווער איז די ראָזע? — האָט אים ר׳ נחמן אָנגעקוקט.

— זעסט, נחמן, דאָס איז אַ זאַך, וואָס איך האָב דיר ביז איצט נישט געזאָגט. דאָס איז טאַקע די איינציקע זאַך, וואָס איך האָב פאַרהוילן פון דיר.

— אַזוי? פאַרוואָס?

— כ׳האָב עפּעס נישט געקענטריידן פאַר דיר און אויך נישט פאַר קיינעם וועגן דעם. אַחוץ מיט די אייגענע, וועלכע האָבן דאָס געוווּסט אַפילו אָן מיין ריידן מיט זיי. עס איז אַ מעשה מיט אַ מיידל, וואָס איז אויך מיין קוזינע און וועלכע איז כסדר מיט דבורהלען און...

— די מעשה ווייס איך דאָך. דאָס איז דאָך דאָס מיידל, וועלכע האָט איר געהייסן שפּרינגען פון בוידעם און איז אַליין אויך געשפּרונגען און איר האָט עס נישט געשאַדט. יאָ, די מעשה ווייס איך, אָבער וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דער ראָזע?

— אָט דאָס מיידל איז ראָזע און זי איז טאָג און נאַכט מ׳יט דבורהלען, ווייל זי פילט זיך שולדיק אין איר אומגליק.

— נו, אָט די ראָזע איז...

— ווי אַזוי זאָל איך דאָס זאָגן... נו, זי וויל מיך פאַר אַ חתן...

— זי וויל דיך? און דו ווילסט איר אויך?

— יאָ.

— דאָס הייסט, אַז זי געפעלט דיר בעסער פאַר אַ כלה ווי דבורהלע?

— יאָ.

— איך פאַרשטיי. זי איז אַ שיינע און האָט נישט קיין הויקער. אָבער מיר דוכט זיך, אַז דו האָסט מיר געזאָגט, אַז אין דבורהלעס הויקער ליגט אַ סך חן...

— יאָ, אַזוי האָב איך געזאָגט אַלעמען און אַזוי וואָלט איך איצט אויך געדאַרפט זאָגן, ווייל איך טאָר נישט ברעכן מיין וואָרט צו איר. אָבער גיטעלע האָט דאָך שטענדיק געהאַלטן אַנדערש. זי האָט מיר כסדר געזאָגט: „האָב חתונה מיט דער, וועלכע געפעלט דיר בעסער. און אַזוי ווי ראָזע געפעלט דיר בעסער, האָב דעריבער חתונה מיט איר און נישט מיט דבורהלען". אַזוי פלעגט מיר גיטעלע אַלעמאָל זאָגן. איך האָב אָבער געזאָגט גיטעלען דאָס, וואָס איך פלעג אויך אַלעמאָל זאָגן, אַז איך מוז!

— אַוודאי האָסטו געמוזט! — האָט ר' נחמן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

— איך פיל אויך אַזוי. אויב נישט וועט אויסקומען, אַז דערפאַר וואָס זי איז געוואָרן אַ קרבן פאַר אונדזער אמונה, פאַרשטויס איך זי. מיין טאַטע האָט אויך אַזוי געזאָגט. גיטעלע זאָגט אָבער, אַז עס איז איר אַ רחמנות אויף ראָזען. זי איז דאָך אַזאַ שיינע און אַזאַ קלוגע און זי ליידט אַזוי שטאַרק...

— איז וואָס איז געוואָרן מיט אהרנען און גיטעלען? האָבן זיי זיך איבערגעבעטן?

— יאָ. איך האָב פריער גערעדט מיט גיטעלען און שפּעטער מיט אים, דערנאָך האָב איך זיי צוזאַמענגעבראַכט און זיי האָבן זיך איבער־געבעטן.

— און דיין טאַטע איז צוריקגעפאָרן מיט דיר?

— יאָ, פאַרשטעלט אַלס פויער. אהרן האָט מיך מיט אים אַרויסגעפירט אויפן שליאַך. דערנאָך האָבן מיר געקראָגן אַ פור און געפאָרן קיין באַר. דער טאַטע איז געבליבן וואַרטן אין אַ קרעטשמע, הינטער דער

שטאָט און איך בין אַריינגעפאָרן אין שטאָט אַריין. איך האָב באַלד געזאָגט דער מאַמען, אַז דער טאַטע איז דאָ און זי איז געוואָרן פול מיט פרייד. זי האָט זיך אָנגעטאָן דאָס שבתדיקע קלייד און איז געגאַנגען מיט מיר אים באַגעגענען. זיי האָבן ביידע געוויינט מיט ביטערע טרערן און זענען זיך דערנאָך געפאַלן אויף די העלדזער.

דער טאַטע האָט זיך דערנאָך איבערגעטאָן און איז געגאַנגען מיט דער מאַמען און מיט מיר צום פעטער יואל. דער פעטער האָט פון גאָרנישט געוווּסט און האָט פון גאָרנישט געדאַרפט וויסן. דעם פעטער ישעיה און זיין ווייב שרה, האָט מען אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן נישט דערציילן קיינעם קיין וואָרט פון אַלעם, וואָס עס איז געשען, און זיי האָבן אונדז דאָס הייליק צוגעזאָגט. מען האָט איצט גענומען גרייטן אַ חתונה. אַלץ איז געגאַנגען גאַנץ ווויל און גוט ביז עס איז געקומען צו דער חופה און דעמאָלט איז עס געשען...

— וואָס איז געשען? — האָט ר׳ נחמן אים געפרעגט מיט צעעפנטע אויגן.

— עס איז פלוצים ביי דער חתונה געוואָרן אַ גוואַלד, אַז ראָזע דער כלהס קוזינע, האָט זיך געסמט מיט קאַרבאָל און זי איז האַלב טויט. איך און די מאַמע זענען באַלד אַריינגעלאָפן צו איר. דאָס מיידל איז געווען כמעט פאַרביי. מען האָט איר געגעבן צו ברעכן און זי האָט אַלץ אויסגעבראָכן. דערנאָך האָט מען איר געגעבן מילך און מען האָט זי אָפגעראַטעוועט.

— און זי לעבט און איז געזונט?

— יאָ, איך האָב איר געזאָגט, ווי נאָר זי האָט געעפנט די אויגן, אַז זי איז אַ נאַר. „צו וואָס האָסטו עס געטאָן?״, האָב איך איר געפרעגט, „דו ווייסט דאָך, אַז דבורהלע וועט נישט קענען האָבן קיין קינדער, אַזוי האָט דער דאָקטאָר געזאָגט. נו, וועל איך איר געבן אַ גט און דערנאָך חתונה האָבן מיט דיר״.

— וואָס האָט זי דערויף געענטפערט?

— זי האָט געזאָגט, אַז איך בין גערעכט, אָבער אויף דער מינוט, ווען זי האָט געזען, ווי מען פירט מיך צו דער חופה מיט דבורהלען, האָט

זי עס מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן און האָט געכאַפּט די פלאַש קאַרבאָל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל און אַ זופּ געטאָן. אָבער צום גליק בלויז אַביסל...

— און וואָס ווילסטו איצט טאָן, שמעון?

— איך בין געקומען אַהער, כדי צו זיין דאָ מיט דיר און לעבן דיר. איך וועל דאָ דאַרפן עפּעס טאָן, ווייל פון וווינען מיט דבורהלען קען קיין רייד נישט זיין. דאָס איז אוממעגלעך, איך וויל אויך נישט זען ראָזען צו פיל. עס קאָסט מיר געזונט. כאָטש זי אַליין איז געקומען אויף די לעצטע שבע ברכות און געזאָגט פאַר אַלעמען, אַז זי האָט געטרונקען דעם סם, על פּי טעות, ווייל זי האָט געמיינט, אַז עס איז וואַסער... איך קען אָבער נישט אַריבערטראָגן אירע שטעכעדיקע בליקן אויף מיר...

— גאָר פאַרגעסן, און אלישען האָסטו געזען? און די ווילדע מויד — וואָס טוט זי דאָרטן?

— דאָס איז אַ באַזונדער קאַפּיטל און כ׳וועל עס דיר דערציילן אין אָוונט. איך דאַרף איצט ערגעץ זיין, אָבער איך וועל דאָ זיין שפּעטער. אַ גוטן טאָג, ר׳ נחמן.

און ער איז אַרויס פון הויז.

## 26

נאָך מעריב איז שמעון געקומען צוריק צו ר׳ נחמנען. ר׳ נחמן האָט אים געפרעגט ווו ער איז געווען אַ גאַנצן טאָג און שמעון האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט דאָ אַ קרוב, אַ שטיקל מחותנעשאַפט, דער מומע איידעס אַ ברודער. ער הייסט ר׳ שלמה נעכעס און איז אַ פאַרמעגלעכער ייד. איז ער אַוועק צו אים, ווייל אַזוי ווי ער וויל זיך דאָ באַזעצן, זאָל ער אים העלפן, אַז ער זאָל האָבן פון וואַנען צו ציען חיונה. עס איז געבליבן, אַז ער זאָל זיך דערווייל זוכן אַ מלמדות מיט גמרא־בחורים. ר׳ שלמה אַליין האָט צוויי זין, איינער פון דרייצן יאָר און דער צווייטער פון עלף יאָר, פאַר וועלכע ער דאַרף אַ גוטן גמרא־מלמד. אַחוץ דעם וועט ער קריגן פאַר אים אַכט בחורים און ער וועט האָבן פרנסה.

— און דעמאָלט — האָט שמעון אויסגעפירט — וועל איך האָבן מער

צייט און מער מנוחה צו קענען פאַרברענגען ביי דיר און דו, ר׳ נחמן, וועסט זיין נישט בלויז מיין חבר, נאָר אויך מיין רבי.

— גוט, וואָס דו ביסט געקומען אין צייט — האָט ר׳ נחמן געזאָגט — וועסטו עסן מיט מיר וועטשערע.

און ער איז באַלד אַריין צו שאָשען און איר געזאָגט, אַז זי זאָל צוגרייטן עסן אויך פאַר שמעונען.

— כ׳האָב זיך באַלד געריכט דערויף און צוגעגרייט אויך פאַר אים — האָט שאָשע אים געענטפערט — איר קענט זיך שוין וואַשן צום עסן.

שאָשע האָט איצט געגרייט צום טיש. זי האָט ארויפגעלייגט אַן אַנ־דער טישטוך און אַריינגעטראָגן ברויט, זאַלץ און פעפער. דערנאָך האָט זי אַריינגעבראַכט לעפל און גאָפל פאַר אַלעמען.

ר׳ נחמן און שמעון האָבן זיך געוואַשן, געזאָגט „שאו ידיכם" און געמאַכט אַ „המוציא" איבער אַ שטיקל ברויט, וואָס זיי האָבן איינגע־טונקט אין זאַלץ און געגעסן. שאָשע איז דערנאָך אַריינגעקומען און אַביסל אין פאַרלעגנהייט געזאָגט צו זיי:

— עס איז אַן אָרעמער מאַלצייט. עס קען זיין, אַז שמעון איז גע־וווינט צו עפּעס בעסערס. איך האָב אָפּגעקאָכט אַן אַרבעס־זופּ, וואָס איז זייער גוט. יעדער איינער קען האָבן נאָך אַ טעלערל זופּ, אויב ער וועט וועלן.

— וואָס דו האָסט איז גוט! — האָט ר׳ נחמן איר געענטפערט — ברענג אַריין וואָס דו האָסט.

— אַבי מען גיט דעם חומר עפּעס, אַז ער זאָל נישט פייניקן — האָט שמעון זיך אָפּגערופן.

שאָשע האָט אַריינגעבראַכט אַ שיסעלע מיט זופּ, פון וועלכער עס איז געגאַנגען אַ הייסע פּאַרע, און אַוועקגעשטעלט נעבן ר׳ נחמנען. דער־נאָך האָט זי געבראַכט נאָך אַזאַ שיסעלע פאַר שמעונען און זי אַליין איז אַריין אין קיך.

ביידע חברים האָבן איצט גערעדט צווישן זיך וועגן קרעמעניץ און גערעדט האָבן זיי אין דער שטיל, אַז שאָשע זאָל נישט הערן.

ווען זיי האָבן געהאַט אויפגעגעסן די זופּ, איז אַריינגעקומען שאָשע

און זיי געפרעגט, צי זיי ווילן נאָך אַ טעלערל זופּ.ביידע האָבן איר געזאָגט, אַז נישט, האָבן זיך אָפּגעגאָסן די נעגל מיט „מים אחרונים" און געבענטשט.

שאָשע האָט איצט זיי געזאָגט, אַז זי מוז גיין אין אַנדערן חדרל צו לייגן שלאָפן דאָס קינד, רחלע, און איז פאַרשוואונדן, צומאַכנדיק די טיר הינטער זיך.

— איך ווייס נאָך אַלץ גאָרנישט וועגן קרעמעניץ. וואָס געשעט דאָרטן? — האָט ר' נחמן געפרעגט שמעונען. — דו האָסט מיר נאָך גאָרנישט געזאָגט וועגן דעם.

— עס איז נישטאָ וואָס צו זאָגן — האָט שמעון אים נישט גערן געענטפערט — עס איז זנות, אַ לעבן פון הולטאַיסטוואָ.

— וואָס טוען זיי דאָרטן די מענטשן אַ גאַנצן טאָג?

— זיי האַנדלען־וואַנדלען, אַזוי ווי אין מעזשיבוזש אָדער אין באַר. אַ טייל זענען בעלי־מלאכות, שניידער און שוסטער.

— דערויף האָבן זיי געדאַרפט פאָרן קיין קרעמעניץ?

— זיי האָבן געמוזט אַהין פאָרן, ווייל אין קיין יידישע קהילה וואָלט מען זיי נישט געלאָזט טאָן דאָס, וואָס זיי טוען.

— וואָס טוען זיי אַזוינס?

— זיי האָבן אַזאַ אָרט, וווּ זיי קומען זיך צוזאַמען יעדן אָוונט, מענער, ווייבער און אַפילו קינדער און פירן אָן מיט זייערע מעשים תעתועים.

— דהיינו?

— כ'וויל עס פשוט איבערן מויל נישט ברענגען. נו, מיט שכרות און זנות.

— אַזוי? טאַקע? אַלע?

— כמעט. מקטן ועד גדול. עס הייבט זיך אָן מיט שיכרות, מען טרינקט נאָר ויין, נאָר שטאַרקן אָקעוויט. אַלע טרינקען און פולע גלעזער, אַזוי ווי די גויים.

— די ווייבער אויך?

— די ווייבער אויך. די ווייבער אפשר נאָך מער ווי די מענער און אַפילו די קינדער אויך.

— טאַקע? קינדער?

— יאָ, זיי ברענגען אַהין זייערע קליינע קינדער אין דעם פּלאַץ. כ׳מיין נישט גאָר יונגע, נאָר שוין אַביסל אונטערגעוואַקסענע, פון צען יאָר און העכער. אויב איינע האָט גאָר יונגע קינדער און האָט זיי נישט ווו צו לאָזן, נעמט זי זיי אויך מיט.

— און מען שיכורט? און דערנאָך?

— און דערנאָך קומט זנות. ממש אַלע תועבות הגויים, אַזוי ווי די עובדי אלילים, ווי אַמאָל צום בעל פּעור. זיי לויפן אַרום נאַקעט ווי די חיות אין וואַלד און שעמען זיך גאָרנישט און...

— און דאָס אַלץ בריש גלי? בפרהסיא?

— אַזוי ווי איך זאָג דיר. זיי האָבן פאַרלוירן יעדע שפּור פון בושה. פאַר וועמען זאָלן זיי זיך שעמען? זיי זינדיקן דאָך איינער מיטן אַנדערן.

— און נאָך וואָס ביסטו געגאַנגען אין יענעם פּלאַץ?

— כ׳האָב געוואָלט זען מיט מיינע אייגענע אויגן. אהרן, גיטעלעס מאַן, האָט מיך אַריינגעפירט אין מיינע בעל־עגלהשע קליידער. ער האָט זיי געזאָגט, אַז איך קען איינעם פון זיי, האָט מען מיך געלאָזט אַריינגיין.

— און ווער פירט אָן מיט דעם אַלעם?

— די חיה־רעה, לילית, די סטרא אחרא, די קעניגין פון די שדים. זי זיצט אויבן אָן, מוטער־נאַקעט, און פירט אָן מיט אַלע.

— און זי האָט דיך נישט דערקענט?

— איך בין איינמאָל געווען אין אַ גרויסער סכנה. זי האָט צו שטאַרק געקוקט אויף מיר, אָבער איך האָב אַראָפּגערוקט דאָס פוטערנע היטל טיף איבערן שטערן און אויפגעשטעלט דעם קאָלנער פון דער קורטקע ביז צו דער נאָז. דערביי האָט נאָך אהרן מיר געהאַט איינגעשמירט דאָס פּנים מ׳יט בלאָטע. ער האָט געזאָגט אויך דער חיה־רעה, אַז זי זאָל דעם בעל־עגלה נישט טשעפּען, ווייל ער איז נאָך אַ נייער. ער וויל דעריבער, אַז איך זאָל זיך ביסלעכווייז צוגעוווינען צום עולם.

— און גיטעלע איז אויך דאָרטן געווען?

— גיטעלע קען דאָך נישט הערן זייער נאָמען. בלויז איין מאָל איז זי דאָרטן געווען און איז אַנטלאָפן. זי האָט זיך אַפילו נישט אויסגעטאָן.

— און דיין טאַטע, ר׳ בער?

— אויף אים איז געווען אַ גרויס רחמנות. ער איז דאָרטן געווען אין אַנהייב, באַלד ווי זי האָט אים געהאָט פאַרנאַרט אַהין. שפּעטער האָט זי אים איבערגעלאָזט אויף הפקר און גענומען אַרומלויפן מיט אַנדערע.

— און אלישע?

— דער אַלטער בעל־עבירהניק איז שוין איצט אַן עובר־בטל. ער פּלאַפּלט נאָך דאָרטן אַלץ וועגן יעקב פראַנקן און זיין טאָכטער חוה. ער האָט איין דרשה, וואָס ער זאָגט זי אַלעמאָל אַזוי, אַז אַלע קענען זי שוין פון אויסווייניק. בלויז אַמאָל לייענט ער איבער אַ בריוו, וואָס ער האָט געקראָגן פון מלך המשיח אַליין, פון יעקב פראַנקן, פון דער שטאָט אָפּענ־באַך, ווו ער געפינט זיך איצט. יאָ, איין מאָל אין יאָר דאַרפן זיי אַלע עולה־רגל זיין צו אים, צו משיחן, און שיקן אַהין צען מיטגלידער פון זייער כיתה. די צען מיטגלידער זענען אַלע שוין געשמדטע. דאָס הייסט ביי זיי, אַז זיי האָבן איבערגעריסן מיט די אַלטמאָדישע תלמודיסטישע יידן. זיי שמדן זיך אויס ביסלעכווייז, יעדעס האַלבע יאָר דאַרפן זיי צו־שטעלן צום בישאָף אַ געוויסע צאָל נייע משומדים. דערפאַר לאָזט ער זיי ווױנען אין קרעמעניץ.

— שומו שמים!! שומו שמים!! — האָט ר׳ נחמן אויסגעשריגן — ווער האָט זיך געקאָנט פאָרשטעלן אַזאַ זאַך! ווי אַזוי קענען גאָר יידן, אָרנטלעכע יידן, באַלעבאָטישע יידן, זיך לאָזן אויף אַזעלכע וועגן! וואָס איז געשען מיט אונדזערע יידן, שמעון?

— מען דאַרף זיי דן זיין מיט מידת הרחמים. יאָ, נחמן, נאָך די גרויסע שחיטות און הריגות פון אמתע אויפריכטיקע יידן, פון אַזוי פיל צדיקים גמורים, איז שוואַך געוואָרן ביי יידן די אמונה. אָבער די צייט וועט אַריבערגיין. די שבתי־צביניקעס און די פראַנקיסטן זענען מכות אויפן יידישן גוף. עס טרעפט אַמאָל, אַז דאָס גאַנצע פאָלק ווערט קראַנק. אַזוי איז געווען אין די צייטן פון גלות־בבל און אַזוי איז געווען נאָכן חורבן בית שני. אַזוי איז געווען אויך נאָכן גירוש־ספרד און דאָסזעלבע איצט, נאָך גזירות ת״ח... יאָ, עס איז אַ נסיון און נישט אַלע קענען ביי־שטיין אַ נסיון און זיי מורמלען קעגן השם יתברך... אָבער עס וועט אַרי־בערגיין. יידן וועלן בלייבן יידן. די פראַנקיסטן וועלן אַוועקגיין ביסלעכ־

ווייז... זיי פאַלן אָפּ ווי פאַרדאַרטע בלעטער פון אַ בוים, אָבער דער בוים וועט ווידער בליען איבער אַ יאָר און וועט צוריק באַנייען זיינע כוחות.

— דו ווייסט אָבער וואָס מיין זיידע, זכרונו לברכה, דער בעש״ט, האָט געזאָגט, ווען מען האָט אים דערציילט, אַז די פראַנקיסטן שמדן זיך אויס און מען וועט פון זיי פטור ווערן, האָט ער געזיפצט און געקלאָגט, אַז אַזוי לאַנג ווי אַ צווייג איז באַהאַפטן צום בוים, איז אַפילו אויב ער איז אויסגעבויגן און איינגעבראָכן, קען מען נאָך אַלץ אים צוריק געזונט מאַכן, און עס הייסט, אַז ער געהערט נאָך אַלץ צום בוים. קוים אָבער רייסט מען די צווייג אָפּ פון בוים, איז ער שוין מער נישט מחובר צו אים, הייסט עס, אַז דער בוים האָט פאַרלויירן אַ צווייג.

— יאָ, נחמן, — האָט שמעון געענטפערט — אָבער וואָס קען מען טאָן?

ר׳ נחמן האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט און באַלד האָט ער געפרעגט שמעונען:

— זאָג מיר, כ׳בעט דיר, איז דיין טאַטע געווען צופרידן אַוועקצופאָרן פון דאָרטן?

— צופרידן? ער האָט שוין אויסגעקוקט אויף דער מינוט, אַז אהרן און איך זאָלן אים פון דאָרטן אַרויסנעמען.

— און וואָס טוט ער איצט?

— ער זיצט און לערנט. ער זיצט אַ גאַנצן טאָג אין בית המדרש און לערנט און די מאַמע האַנדלט. די מאַמע שטייט אין געשעפט און זי פירט אויך דאָס הויז, אַזוי האָט ער זיך אויסגערעדט.

— און פאַרוואָס האָסטו גאָרנישט געטאָן אַרויסצוראַטעווען גיטע־לען פון דאָרטן?

— מיר האָבן עטלעכע מאָל גערעדט וועגן דעם. אָבער גיטעלע איז מעוברת און ווו צו גיין האָט זי נישט. ביי טאַטע־מאַמע קען זי נישט זיין. זיי האָבן אַליין נישט. און פאַרשטייט זיך, אַז ביי מיר אויך נישט. אַחוץ דעם האָט איר מאַן זי שטאַרק ליב און עס איז זיין הויז. איז געבליבן, אַז זי זאָל דערווייל דאָרטן בלייבן ביז זי וועט האָבן דאָס קינד. זי קומט נישט אין זייערע פלעצער און האָט מיט זיי נישט צו טאָן, און זיי לאָזן

איר צורו, אַפילו די חיה־רעה טשעפּעט איר נישט. נאָך מער, זי עסט אַפילו נישט קיין פלייש, ווייל זי קען נישט קריגן דאָרטן קיין בשר כשר. זי האָט מיר אויך געזאָגט, אַז זי האָפט, אַז זי וועט איר מאַן, אהרן, אײַ־בערמאַכן. זי וועט נאָך וואַרטן אַביסל, ביז אים וועט אויך פאַרמיאוסט ווערן דאָס גאַנצע געזינדל, וועט זי מיט אים אַוועק קיין באַר אָדער טול־טשין און פירן אַן יידיש לעבן.

— איך בין באמת צופרידן דאָס צו הערן פון דיר, שמעון — האָט נחמן געזאָגט מיט אָפענער פרייד אויף זיין פנים — ווען עמיצער אַנ־דערש זאָגט מיר דאָס וועגן גיטעלען, וואָלט איך אים נישט געגלייבט. ווייל ווי אַזוי איז מעגלעך צו גיין אין מקור פון די מ״ט שערי טומאה און דאָך בלייבן ריין? אָבער אַז דו זאָגסט עס מיר, בין איך זיכער, אַז עס איז אַזוי. איך האָב כל ימי מיר פאַרגעשטעלט די מאַמע רחל אין איר געשטאַלט. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, אָבער איך האָב עפּעס די מאַמע רחל אין געשטאַלט פון מיין מאַמע נישט געקענט זען... עס קומט ביי מיר פאַר, אַז די מאַמע רחל איז אייביק יונג און אייביק שיין און דאָס האָב איך נישט געקענט זען אין קיין שום אַנדער פנים, ווי נאָר אין גיטעלעס... דעריבער איז דאָס וואָס דו זאָגסט מיר אַ גרויסע טרייסט. און וואָס טראַכסטו וועגן זיך אַליין, שמעון?

— איך וויל דיר דאָס זאָגן, נחמן. איך וויל זיך באַהעפטן מיט דיר זיין מיט דיר. איך בין געקומען אַהער קיין מעדוועדעווקע נאָר דערפאַר, ווייל דו ביסט דאָ. דו וועסט מיר זיין פון איצט אָן נישט נאָר אַ חבר, נאָר אַ רבי. ווייל איך וויל לערנען פון דיר. איך וועל אַוודאי פאָרן אַהיים בלויז צוויי מאָל אַ יאָר, אויף פסח און אויף סוכות, כדי צו זען מיין ווייב און צו פאַרברענגען מיט איר, אָבער באַלד נאָך יום־טוב וועל איך קומען צוריק צו דיר און וועל זיין גרייט אַלעמאָל דיך משמש צו זיין.

— און וואָס וועט זיין מכוח דער אַנדערער קוזינקע דיינער, וואָס בענקט נאָך דיר אַזוי שטאַרק?

— טאַקע אויך דערפאַר וויל איך נישט זיין אין דער היים. דאָס וואָס עס איז אויסן אויג, איז אויסן האַרץ. אפשר וועט זי אַזוי אַרום אויפ־

הערן צו בענקען נאָך מיר און וועט חתונה האָבן. דאָס וואָלט געווען דאָס בעסטע, אָבער זי וויל דערפון נישט הערן.

— עס קען זיין, אַז מיט דער צייט, ווען זי וועט דיך נישט זען, וועט זי זיך איבערלייגן די זאַך און חתונה האָבן מיט אַן אַנדערן.

— עס איז גאַנץ מעגלעך — האָט אים שמעון געענטפערט. — נו, אַ גוטע נאַכט. מיר וועלן זיך זען מאָרגן אם ירצה השם.

— אַ גוטע נאַכט! — האָט אים ר׳ נחמן געענטפערט פאַרטראַכט.

(סוף פון צווייטן טייל)

## דריטער טייל

# אין קאַמף מיט דער וועלט

### 27

דאָס, פאַר וואָס ר׳ אפרים און זיין ווייב אסתר האָבן זיך אַזוי גע־שראָקן, איז געשען. דאָס העכערע געריכט אין פּעטערבורג האָט, נאָכן עקזאַמינירן דעם בריוו און פאַרגלייכן די האַנטשריפטן, אַרויסגעגעבן אַן אורטייל, אַז עס איז אמת, אַז די אונטערשריפט אונטערן בריוו איז פון גראַף יאַזשימאָווסקי און אַז קיין שום פעלשונג איז דאָ נישט באַגאַנגען געוואָרן. וואָס עס מיינט, אַז די באַשולדיקונג, וואָס יאַן יאַזשימאָווסקי האָט אַריינגעבראַכט אין געריכט קעגן דעם ייד, אפרים, פאַלט אַוועק. דאָך זאָל דער מאַיאָנטעק, וואָס דער גראַף יאַזשימאָווסקי האָט איבער־געגעבן צו דעם ייד אפרים, פון אים אַוועקגענומען ווערן און אומגעקערט ווערן צו זיין זון, יאַן, אַלס דער אמתער יורש. דאָס דאַרף געטאָן ווערן צוליב פאָלגנדיקע טעמים: 1) ווייל דער גראַף יאַזשימאָווסקי האָט נישט געגעבן קיין שום שריפט צום יידן, אָנווייזנדיק גענוי וואָס עס זאָל גע־הערן צו אים, אין דער צייט, ווען דער גראַף האָט געקאָנט אַזוי גוט שרייבן, ווי מיר זעען עס פון זיינע מוסטערהאַפטע בריוו; 2) ווייל ער האָט גאָרנישט געלאָזן פאַר זיין זון, אַפילו נישט אַ קלייניקייט, וואָס עס איז נישט נאַטירלעך און וואָס ווייזט, אַז ער איז נישט געווען ערנסט מיט זיין צוזאָג צום יידן. ער האָט עס אים בלויז אַזוי צוגעזאָגט, אָבער האָט עס נישט געמיינט, און אַז אויך דעם בריוו צום גראַף, זיין פריינט, דאַרף מען זען אין דער זעלבער ליכט; 3) דער ייד האָט פאַר די טובות, וואָס ער האָט געטאָן דעם גראַף, שוין באַקומען גענוג באַצאָלט דורך דעם, וואָס ער איז געווען אַזאַ לאַנגע צייט דער פאַרוואַלטער פון דעם מאַיאָנטעק און אַלץ האָט געהערט צו אים. דעריבער האָט דער העכערער געריכט געפסקנט, אַז אַלץ וואָס געפינט זיך אין דאַרף הוסיאַטין, וואָס עס האָט

פריער געהערט צום גראַף קאַזימיר יאַזשימאָווסקי, דאַרף אַריבערגיין צו זיין זון, יאַן, באַלד נאָכדעם ווי דער אורטייל ווערט אונטערגעשריבן. דער ייד קען אַרויסנעמען פון דאָרטן בלויז יענע זאַכן, וואָס האָבן געהערט צו אים פריער און וועגן וועלכע ער קען באַווייזן, אַז זיי זענען געווען זיינע.

אין פאַרלויף פון בלויז עטלעכע טעג האָבן ביידע, ר׳ אפרים און זיין ווייב אסתר, געדאַרפט פאַרלאָזן דאָס דאָרף הוסיאַטין. דער גראַף, יאַן יאַזשימאָווסקי, איז געווען אַזוי פאַרביטערט קעגן זיי, אַז ער האָט זיי כמעט גאָרנישט געוואָלט לאָזן אַרויסנעמען פון זייער וווינונג און וועגן יעדער זאַך האָבן זיי געמוזט זיך בעטן ביי אים. אַזוי אַרום האָט לסוף ר׳ אפרים און זיין ווייב אויפן דריטן טאָג, ווען דער טערמין פון זייער רעכט צו זיין אין הוסיאַטין האָט זיך געענדיקט, געזעגנט אַ וואָגן און אַרויסגעפירט זייער ביסל בעבעכעס פון דאָרטן קיין מעדזשעדזשעווקע. די איינוווינער פון שטעטל, וועלכע האָבן געקאָנט ר׳ אפרימען פאַר אַ ייד אַ גביר מיט אַ ברייטער האַנט, האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און, מיטן רב בראש, צונויפגעזאַמלט צווישן זיך 50 רענדלעך און אים דער־לאַנגט. ער האָט עס אָבער נישט געוואָלט נעמען, האָבן זיי עס געגעבן זיין ווייב אסתר, וועלכע האָט זיך באַגאָסן דערביי מיט טרערן.

שפעטער האָט ר׳ אפרים געזאָגט צו אסתרן, אַז ער וועט מיט דעם געלט אָנהייבן צו האַנדלען איבער די דערפער, אַזוי ווי עס טוט ר׳ שמחה, ר׳ נחמנס פאָטער און ווי עס טוען פיל אַנדערע חשובע יידן. „גאָט האָט אונדז געגעבן עשירות און גאָט האָט עס צוריקגענומען״, האָט ר׳ אפרים געזאָגט צו זיין ווייב, „זאָל גאָטס נאָמען זיין געבענטשט. לאָמיר אים דאַנקען פאַר די גוטע יאָרן, וואָס ער האָט אונדז געגעבן, פאַר דער מעג־לעכקייט צו קענען האָבן אַזאַ איידעם ווי ר׳ נחמן, וואָס עס קלינגט מיט אים שוין די וועלט און וואָס זיין נאָמען וועט נאָך מער קלינגען אין די קומענדיקע יאָרן״. אָבער נישט אַזוי האָט געזאָגט און געטראַכט אסתר. זי, אַ טאָכטער פון רייכע עלטערן, וואָס האָט קיינמאָל נישט געוווּסט פון נויט אין איר לעבן, האָט עס נישט געקענט אַזוי לייכט אַריבערטראָגן. דער מאַנגל אין עסן, אין קליידער און דאָס מוזן וווינען אין אַ חרוב

שטיבל פון צוויי צימערן מיט אַ קיך, מיט אַן ערדענער פּאָדלאָגע און ברעטער, האָט אויף איר געווירקט אַזוי שלעכט, אַז זי איז קראַנק געוואָרן. צוליב דעם, וואָס ר׳ אפרים איז איצט אַרומגעפאָרן איבער די דערפער, איז אויסגעקומען, אַז עס איז אָפט קיינער נישט געווען ביי איר אין הויז, בלויז שאָשע. ר׳ נחמנס ווייב איז געקומען צו איר מיט איר קינד רחלע. אָבער די קראַנקייט האָט זיך וואָס אַמאָל פאַרערגערט. אסתר האָט געליטן אויף דער צוקער־קראַנקייט. אין דאָרף מעדוועדעווקע איז געווען בלויז אַ יידישער רופא, וואָס האָט זייער ווייניק געוווסט. קיין דאָקטאָר איז נישט געווען. די גבירים פון שטעטל האָבן אין אַ פאַל פון קראַנקייט באַוויזגן דעם אַלטן פוילישן דאָקטאָר פון מעזשיבוזש צו קומען צו זיי פאַר אַ גרויסער סומע געלט. אסתר האָט אָבער איצט נישט געהאַט קיין גרויסע סומען אים צו געבן, אַז ער זאָל קומען צו איר, און האָט דעריבער נאָר געהאָפט אויף אַ נס פון הימל...

אָבער דער נס איז נישט געקומען. נאָך אַ האַלב יאָר קרענקען איז איינמאָל אסתר אַריינגעפאַלן אין אַ הינער־פלעט, וואָס האָט געדויערט דריי טעג און דערנאָך איז איר נשמה אויסגעגאַנגען. ר׳ אפרים איז אַפילו נישט געווען אין דער היים, ווען דאָס איז געשען און שאָשע האָט אים דאָס גלייך געלאָזט וויסן. ער איז אַהיימגעקומען אַ צעבראָכענער מענטש און האָט צוגעגרייט די לוויה. דער רב פון שטאָט און אויך ר׳ נחמן האָבן איר מספּיד געווען און אין הספּד געזאָגט, אַז זי איז געווען אַן אשה צדקנית, וואָס האָט געטאָן פיל גוטס אין איר לעבן און צעטיילט אַ סך געלט פאַר צדקה.

נאָך דער שבעה האָט ר׳ נחמן גערעדט מיט זיין שווער, ר׳ אפרים, אַז ער זאָל זיך איבערציען צו אים, אין זיין ווינונג, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז ער דאָך נישטאָ אין דער היים, ער פאָרט דאָך אַרום איבער די דערפער און שבת דאַרף ער נישט זיין איינער אַליין, וואָרום ווער וועט פאַר אים אָנגרייטן אויף שבת? דעריבער איז דאָס בעסטע, אַז ער זאָל זיך אַריינציען צו אים, וועט ער יעדן פרייטיק, ווען ער וועט קומען אַהיים פון וועג, עסן ביי אים שבת.

ר׳ אפרים האָט דערצו מסכים געווען, אָבער נאָר בתנאי, אַז שאָשע,

זיין טאָכטער און ר׳ נחמנס ווייב, זאָל ביי אים נעמען אַ רענדל אַ וואָך אויף שבת. שאָשע האָט לכתחילה נישט געוואָלט הערן דערפון, אָבער שפּעטער האָט זי לסוף מסכים געווען.

אַזוי איז אַריבער אַ גאַנץ קיילעכדיק יאָר. דורך דער צייט איז דבורהלע באַלד נאָך דער חתונה געוואָרן מעוברת, קעגן דער דערוואַרטונג פון אַלע, איבערהויפּט פון די דאָקטוירים, וועלכע האָבן געזאָגט, אַז זי וועט קיין קינדער נישט קאָנען האָבן און פונקט צו די ניין חדשים האָט דבורהלע געבוירן אַ געזונט קינד, אַ ייִנגעלע, וואָס מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן ישראל, נאָכן בעל־שם־טוב. ביים ברית האָט ראָזע געחלשט און מען האָט זי געמוזט מינטערן. אַלע האָבן געוווּסט פאַרוואָס, אָבער קיינער האָט דערפון נישט געוואָלט ריידן. בלויז שמעון האָט איר שפּעטער געזאָגט, אַז זי זאָל פונדעסטוועגן נאָך נישט אויפגעבן די האָפענונג.

צום יאָר נאָך אסתרס טויט האָט ר׳ אפרים און זיין טאָכטער שאָשע און אויך ר׳ נחמן געשטעלט אַ מצבה אויף איר קבר. באַלד דערנאָך האָט ר׳ נחמן אָנגעהויבן צו ריידן מיט זיין שווער, אַז ער זאָל נאָכאַמאָל חתונה האָבן, ווייל ער איז נאָך אַ יונגער מענטש, אײנגאַנצן אין אָנהייב פערציקער. אָבער ר׳ אפרים האָט אים געזאָגט, אַז ער ווייס נישט ווער עס וועט אים וועלן, ווייל ער איז דאָך אַן אָרעמאַן. „וואָס וועט מען געפינען אין מיר?״ — האָט ר׳ אפרים אים געפרעגט — „נישט קיין סחורה און נישט קיין תורה, טאָ צו וואָס טויג איך?״.

אָבער איין מאָל, מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער, איז מיטאָג־צייט אַריינגעפאָרן אין מעדוועדעווקע אַ טייערע קאַרעטע, געשפּאַנט אין צוויי ווייסע און שטאַרקע פערד ווי לייבן און פאַרפאָרן גלייך צו ר׳ נחמנס הויז. פון דער קאַרעטע איז אויסגעשטיגן אַ ברייטבייניקער ייד מיט אַן אָמתן רוסישן פּנים, אָבער מיט שאַרפע ייִדישע אויגן. דער ייד איז געווען אין די מיטעלע יאָרן, פעסט געבויט און מיט אַ רויטן קאַרק. דאָס פאַרשמאָלצענע פּנים איז געווען איינגעפּאַסט ווי אין אַ ראַם פון אַ קליין געל בערדל און אַרום די ליפּן זענען געווען דיקע געלע וואָנצעס. ער האָט גערעדט רוסיש און געפרעגט זיך צי עס וווינט דאָ דער ראַבין נחמן, דער וואונדער־מאַכער. ווען מען האָט אים געזאָגט, וווּ ער וווינט, איז ער אַריין

אינעווייניק און געבליבן שטיין ביי דער טיר און זיך אַרומגעקוקט. באַלד איז צוגעגאַנגען צו אים ר׳ נחמנס שמש און אים געפרעגט וואָס ער וויל. דער ייד האָט אים געזאָגט, אַז ער איז געקומען פון זייער ווייט, אַזש פון קיעוו און אַז ער איז געשיקט אַהער פון דעם רבי ר׳ נחומטשע פון טשערנאָביל. דער שמש האָט דאָס באַלד געזאָגט ר׳ נחמנען. ר׳ נחמן איז איצט אַרויסגעקומען און אים געגעבן שלום עליכם און געהייסן זיך זעצן. נאָכדעם ווי ער האָט אים גוט באַטראַכט האָט ר׳ נחמן אים געפרעגט נאָך וואָס ער איז געקומען צו אים פון אַזוי ווייט און פאַרוואָס ר׳ נחומטשע פון טשערנאָביל האָט אים געהייסן פאָרן צו אים. דער ייד האָט זיך צעוויינט אויפן קול און געזאָגט:

— איך בין אין אַ גרויסער צרה און נאָר איר, רבי, קענט מיר העלפן. אַזוי האָט געזאָגט דער רבי, ר׳ נחומטשע, און האָט מיך געהייסן באַלד פאָרן צו אייך. איך הייס מרדכי קוזאָרעוויטש און ווין אין קיעוו. איך בין דער פאָדריאַדטשיק פון דער גאַנצער אַרמיי פון גרויס־רוסלאַנד ביז צו דער אוקראַינע. מען זאָגט, אַז איך שטאַם אָפּ פון די כאַזאַרן, אָבער איך ווייס נאָר איינס, אַז מיין טאַטע איז געווען אַ פרומער ייד און אַזוי איז אויך געווען מיין מאַמע און אַזוי פיר איך זיך אויך. איך דאַוון יעדן טאָג, כאָטש איך פאַרשטיי נישט די ווערטער. איך האָב צוויי קינדער, אַ זון און אַ טאָכטער. דער זון הייסט אברהם און האָט שוין חתונה געהאַט. ער העלפט מיר אַרויס אין מיינע געשעפטן. די טאָכטער הייסט לאה, זי איז ערשט אַלט 16 יאָר. מער קיין קינדער האָב איך נישט. לאה איז אַ שיין מיידל, אַן אמתע צירונג. זי איז די קרוין פון מיין קאָפּ. אָבער מיט איר האָט געטראָפן אַן אומגליק, זי איז קראַנק געוואָרן און שפּייט מיט בלוט. איך בין שוין אויסגעווען מיט איר אַ וועלט. איך פאָר אַרום פאַר דער רוסישער רעגירונג איבער אַלע לענדער. איך פאָר אַמאָל קיין בערלין, אַמאָל קיין ווין, קיין אַמסטערדאַם, קיין פּאַריז און אומעטום, וווּ איך קען קויפן אַן אַרטיקל ביליקער. איך בין אויך אויסגעקאָכט מיט אַלע גרויסע לייט פון פּעטערבורג און מען האָט מיך שוין אַמאָל פאַרגעשטעלט פאַר דער „צאַריצאַ" יעקאַטערינאַ די צווייטע. האָב איך אומעטום געזוכט אַ רפואה פאַר מיין קינד און נישט געפונען. כ׳בין געווען שוין ביי

די גרעסטע דאָקטוירים, ביי די באַרימטסטע פּראָפעסאָרן. זיי האָבן קיין עצה נישט. האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן איין רבי, טאַקע אין קיעווער גובערניע, וואָס קען מיר העלפן. ער וווינט אין טשערנאָביל און הייסט ר׳ נחומטשע. בין איך געפאָרן צו אים. האָט ער מיך זייער שיין אויפגענומען און האָט געבעטן פאַר מיין קינד. אָבער עס איז איר נישט געוואָרן בעסער, און איך זע־צו ווי מיין קינד גייט ממש אויס. בין איך ווידער געפאָרן צו אים. געפאַלן צו זיינע פיס און אים געבעטן, אַז ער זאָל מיר זאָגן אפשר קען איך טאָן עפּעס צו ראַטעווען מיין קינד. איך בין גרייט אַוועקצוגעבן מיין גאַנץ פאַרמעגן, איך בין גרייט אויף אַלעם, אַבי צו ראַטעווען זי. רופט זיך אָפּ דער רבי און זאָגט צו מיר אַזוי:

— „הערט מיך אויס, ר׳ מרדכי, עס איז דאָ נאָך איין מענטש, וואָס קען אייך העלפן און דאָס איז דעם בעש״טס אַן אייניקל. איך וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת: איך האָב געבעטן צום רבונו של עולם, אָבער אַ שווערער גזר איז אַרויסגעגעבן אויף איר, און איך קען אים מיט מיינע שוואַכע כוחות נישט מבטל מאַכן. אָבער עס איז דאָ נאָר איין עצה, נאָר איין וועג איז אָפן פאַר אייך און דאָס איז צו פאָרן גלייך צו ר׳ נחמנען, דעם בעש״טס אַן אייניקל. זיין זיידע האָט אים שטאַרק ליב. דעריבער אויב ער וועט שטאַרק בעטן זיין זיידן פאַר אייער קינד, וועט ער נישט רוען, ביז ער וועט פועלן אין הימל, אַז מען זאָל צערייסן דעם שלעכטן גזר. ר׳ נחמן איז נאָך גאָר אַ יונגער מענטש, אָבער מען האָט מיר מגלה געווען, מן השמים, אַז ער האָט דאָרטן אַ גרויסן כוח. דעריבער פאָרט גלייך אַהין צו אים. ער וווינט אין מעדוועדעווקע, נישט ווייט פון מעזשי־בוזש, די שטאָט פון זיין זיידן. גייט אַריין צו אים און לאָזט אים נישט אָפּ ביז ער וועט אייך צוזאָגן צו טאָן עפּעס. אויב איר וועט אַזוי טאָן, וועט אייער קינד געזונט ווערן. האָב איך געפרעגט דעם רבי, ר׳ נחומטשע, צי איך זאָל מיטנעמען מיין קינד. האָט ער מיר געזאָגט, אַז יאָ. עס איז טאַקע שווער פאַר איר אַזאַ נסיעה, אָבער „אין דומה שמיעה לראיה״. עס איז נישט גלייך ווען מען הערט פון עפּעס, ווי מען זעט עס אַליין. אויב איר וועט ריידן צו ר׳ נחמנען אַן איר, וועט ער בלויז האָבן געהערט, אָבער ווען איר וועט זי מיטנעמען, וועט ער זי זען אויך, און דאָס איז דער

עיקר". האָב איך נישט געמאַכט קיין שום שהיות און געהייסן שפּאַנען מיין קאַרעטע און בין געפאָרן אַהער צו אייך, רבי. און איצט וועל איך נישט אָפּטרעטן פון דאַנען, ביז איר וועט ראַטעווען מיין קינד, ווייל מיין לעבן אָן איר איז גאָרנישט ווערט. — און ער האָט זיך צעוויינט הויך אויפן קול.

ר' נחמן האָט זיך פאַרטראַכט און האָט דערנאָך געזאָגט צו דעם רייכן יידן:

— הערט מיך אויס, ר' מרדכי. עס איז נישט מיין דרך צו באַלעס־טיקן מיין יידן מיט מיינע תפילות און צו שטערן אים זיין רו. נאָר היות ווי איר זענט געקומען אַהער פון מרחקים און איר זענט געשיקט געוואָרן צו מיר אַזש פון ר' נחומטשען, וואָס איז געווען דעם זיידנס אַ תלמיד, און היות איר זאָגט, אַז ר' נחומטשע האָט אייך געזאָגט, אַז דער זיידע איז גרייט צו טאָן פאַר מיר, וואָס כ'וועל אים בעטן, וועל איך דאָס טאָן פאַר אייך. איר זאָלט בלייבן דאָ מיט אייער טאָכטער צען טעג. נעמט אייך אַ דירה, ווו אַ יידישע פרוי זאָל פאַר אייך בײדן קאָכן און צוגרייטן די מאכלים. יעדן טאָג נאָכן שחרית זאָלט איר קומען צו מיר דאָ אַהער צו־זאַמען מיט אייער טאָכטער. עס וועט דאָ זיין אַ מנין יידן און מיר אַלע וועלן זאָגן תהלים מיט גרויס כוונה. דאָס זעלבע וועט מען אויך טאָן יעדן טאָג נאָך מעריב. איר, ווידער, וועטביים זאָגן תהלים בעטן צו גאָט, אַז ער זאָל אייך מוחל זיין אייערע זינד, און איך וועל טאָן דאָס מייניקע און בעטן מיין זיידן, אַז ער זאָל זיך מיען פאַר אייער טאָכטער, און אַז מען זאָל צערייסן דאָס שלעכטע קוויטל. און לאָמיר האָפן, אַז מען וועט מיר לאָזן וויסן מן השמים, אַז אייער קינד וועט געזונט ווערן.

באַלד צומאָרגנס נאָך שחרית האָט שוין אַ מנין יידן געזאָגט תהלים מיט גרויס כוונה אין ר' נחמנס הויז. ר' נחמן אַליין האָט אָנגעפירט מיט די תפילות און ביים זאָגן תהלים פיל געוויינט. אַזוי האָבן אויך געוויינט אַלע יידן און באַזונדערס מרדכי און זיין טאָכטער. דאָס האָט זיך איי־בערגעחזרט אַלע טאָג, צען טעג נאָכאַנאַנד.

דעם צענטן טאָג אין אָוונט, נאָך מעריב, נאָכדעם ווי דער מנין יידן

מיט ר׳ נחמנען האָבן אָפּגעזאָגט תהלים צום לעצטן מאָל, האָט ר׳ נחמן הויך אויסגעשריגן:

— זיידע, איך וויל דיך נישט מטריח זיין און נישט שטערן דיין רו, אָבער איך מאַך אַן אויסנאַם צו בעטן דיך פאַרן לעבן פון אַ יונג קינד, וואָס איז אומשולדיק און ריין. איך בעט דיך, זיידע, גיי שוין אַוועק צו דער פּמליא של מעלה און צערייס דעם שלעכטן גזר, וואָס עס איז אַרויס־געגעבן געוואָרן אויף דעם מיידל לאה בת ר׳ מרדכי. איך בעט דיך, זיידע, טו דאָס פאַר מיר און ביינאַכט זאָלסטו קומען צו מיר צו חלום און זאָגן מיר, אַז די תפילות זענען אָנגענומען געוואָרן.

דער גאַנצער עולם איז געוואָרן פאַרציטערט פון ר׳ נחמנס ווערטער און אַלע האָבן זיך באַגאָסן מיט טרערן, באַזונדערס ר׳ מרדכי און זיין טאָכטער לאה, וועלכע האָבן גאָרנישט געקאָנט אָפּשטעלן דעם שטראָם טרערן פון זייערע אויגן.

צומאָרגנס אין דער פרי, ווען מרדכי איז געקומען צו ר׳ נחמנען, איז ר׳ נחמן אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט דער בשורה:

— די תפילות האָבן געהאָלפן! דער זיידע איז מיר געקומען ביי־נאַכט צו חלום און מיר געזאָגט, אַז מען האָט צעריסן דעם שלעכטן גזר. אייער טאָכטער, ר׳ מרדכי, וועט פון איצט אָן זיין געזונט און וועט לעבן לאַנג. איצט, ר׳ מרדכי, טוט אַזוי: בלייבט איבער דאָ נאָך צען טעג און רוט זיך אָפּ פון דער גאַנצער עבודה. אויב אין די צען טעג וועט אייער קינד נישט שפּייען מיט קיין בלוט, וועט איר וויסן, אַז זי איז געהאָלפן געוואָרן און זי וועט מער קראַנק נישט זיין.

ר׳ מרדכי האָט אַזוי געטאָן. ער איז געבליבן נאָך צען טעג און אין די צען טעג האָט לאה קיין איין מאָל אַפילו נישט אויסגעשפּיגן קיין שטיקעלע בלוט. איר אויסזען האָט זיך פיל פאַרבעסערט און זי איז גע־וואָרן אויך פריילעכער און הייטערער.

ר׳ מרדכי איז איצט מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער צוגעבונדן צום רבין ר׳ נחמן. זיין דבקות ביים דאַווענען און זיינע קלוגע רייד האָבן אויף אים שטאַרק געווירקט. ער האָט דעריבער געוואָלט מהנה זיין דעם רבין מיט אַ גרויסער סומע געלט, אַז ער זאָל האָבן פון וואָס צו לעבן.

אָבער ווען ער האָט עס איבערגערעדט מיט ר׳ אפרימען, האָט אים יענער געזאָגט, אַז דער רבי נעמט נישט קיין שום פּדיונים פון קיינעם נישט און ער זאָל אַפילו אים גאָרנישט זאָגן וועגן דעם. ר׳ מרדכי האָט אָבער נישט געפאָלגט און איין מאָל, ווען ער איז געווען מיט ר׳ נחמנען אַליין אין הויז, האָט ער צו אים געזאָגט:

— רבי, איך זע, אַז איר לעבט אין גרויס אָרעמקייט. קען איך דאָס נישט אַריבערטראָגן. פאַרוואָס קומט מיר, אַ גראָבער יונג, וואָס כ׳קום אַפילו נישט צו אייער מינדסטן נאָגל, צו האָבן אַזוי פיל עשירות און איר, וואָס איר זענט אַ גרויסער צדיק, זאָלט גאָרנישט האָבן? רבי, איך וויל זיך דעריבער טיילן מיט אייך אויף גלייך, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן. איר האָט דאָך אַזוי פיל געטאָן פאַר מיין קינד, פאַר מיין טאָכטער!

— אויב דאָס איז עס — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט — דאַרפט איר זיך טיילן מיטן רבונו של עולם, ווייל ער האָט אויסגעהיילט אייער טאָכטער. אויב אַזוי, גיט אייער געלט פאַר צרכי־ציבור. איך נעם ביי קיינעם קיין געלט נישט.

ר׳ מרדכי האָט איצט געהאַט פיל צער פון רבינס אָפּזאָג. ער איז דעריבער געבליבן נאָך עטלעכע טעג. ער האָט פשוט נישט געקאָנט אַוועק־פאָרן פון ר׳ נחמנען, נישט האָבנדיק עפּעס געטאָן פאַר אים. ווען ער האָט געזאָגט ר׳ נחמנען, אַז ער בלייבט איבער שבת, האָט ר׳ נחמן אים פאַרבעטן צו עסן שבת ביי אים צוזאַמען מיט זיין טאָכטער לאה. ר׳ מרדכי האָט דערפאַר דעם רבין שטאַרק געדאַנקט.

## 28

ר׳ נחמן האָט זיך נוהג געווען אָנצוהייבן דעם שבת פרי, ווען עס איז נאָך געווען גרויסער טאָג אין דרויסן. ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה ביחידות באַלד נאָך האַלבן טאָג און שוין זיך גענומען גרייטן צו קדושת־השבת. און ווי נאָר די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן, האָט ער שוין זיך אַוועקגעשטעלט פאַרן עמוד און (צוזאַמען מיט זיין מנין) אָנגעהויבן „מזמור שיר ליום השבת“ מיט אַזאַ התלהבות, מיט אַזאַ ברען, אַז אַלע וואָס זענען דאָרטן געווען, האָבן געפילט ווי דאָס חדר ווערט פול מיט

מלאכים, וועלכע זענען געקומען פון די ווייטסטע הימלען, כדי צו הערן דעם רבין דאַווענען... אַנדערע שטעלן ווידער האָט ער געזאָגט שטיל און בלויז די ליפּן האָבן זיך ביי אים באַוועגן, און ווען ער איז געקומען צו די פּסוקים פון „קול ה׳״, האָט זיך געדוכט ווי עס שרייט אַ לייב, וואָס וועקט מיט זיין קול דעם גאַנצן וואַלד... ווידער שפּעטער ביי דער שטי־לער שמונה עשרה איז איינגעטראָטן אַזאַ פּחד, וואָס האָט אויף אַלעמען געדריקט, אַז מען האָט מורא געהאַט דעם קאָפּ אויפצוהייבן...

ר׳ מרדכי האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזעלכע באַגייסטערטע מינוטן נישט איבערגעלעבט. ער איז איצט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן געווען אויסגעטאָן ממש פון דער וועלט... עס איז אויך געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט געטראַכט: וואָס איז עשירות? וואָס זענען גאָלד און בריליאַנטן? וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס אַלץ? ער האָט גע־טראַכט דערפון, וואָס ער האָט געהאַט געמיינט, אַז ער האָט אַ הנאה פון דער וועלט. ער איז געפאָרן אין אַלע גרויסע שטעט; גערעדט מיט די חשובסטע לייט; פאַרבראַכט מיט די שענסטע פרויען; געטרונקען די טייערסטע ווייגען; געפאָרן אין די בעסטע קאַרעטן און געהערט די גרעס־טע זינגער... אָבער איצט זעט ער, ווי לעכערלעך דאָס אַלץ איז קעגן דעם, וואָס ער זעט דאָ, אין אָט דעם קליינעם חדרל... קעגן די ליכטיקע און אייביקע וועלטן, אין וועלכע דער רבי שוועבט אַרום... די געטלעכקייט, וואָס רינגלט אים אַרום... די התלהבות, דאָס געזאַנג און די טענץ, וועלכע זענען גאָר פון אַן אַנדער וועלט...

— לכה דודי לקראת כלה... אַלע זינגען, אַלע טאַנצן קעגן אַ כלה... די כלה איז געקומען מיט אַ מאַיעסטעטישער קרוין אויף איר קאָפּ... די כלה איז שבת, די שענסטע מתנה, וואָס גאָט האָט געגעבן צו די מענטשן... און אַלע בוקן זיך צו איר, טאַנצן אַרום איר און לויבן איר... שבת מלכתא! שבת קודש... אין יעדן יידישן הויז, ווו מען גרייט אָן לכבוד שבת, ווו מען פּוצט אויס די חדרים און ווו מען צינדט אָן ליכט, רוט די שכינה, די געטלעכקייט... די אייביקע צערטלעכע וווּנדערלעכקייט פון חסד עליון...

און אָט דרייט זיך דער רבי אויס צו אַלעמען און זיין פּנים פלאַמט פון דבקות און ער זאָגט צו אַלע:

— גוט שבת!

— גוט שבת, רבי! גוט שבת! גוט שבת! אַ גוטער שבת קודש איבער דער גאַנצער וועלט! — ענטפערן אים אָפּ אַלע.

און אַט גייט דער רבי אַריין אין אַ צווייטן חדר און ר׳ אפרים און שמעון און אויך ער, ר׳ מרדכי, נאָך אים און דער רבי צעפּירט מיט די הענט זינגענדיק:

— שלום עליכם מלאכי השרת, מלאכי עליון...

און אַלע נאָך אים:

— מלך מלכי המלכים, הקדוש ברוך הוא.

און ווידער הייבט דער רבי אויף זיין קול און זינגט, אָבער שוין מיט אַ מער געמיטלעכן טאָן:

— אשת חיל מי ימצא.. .

און אַלע ענטפערן אָפּ:

— ורחוק מפנינים מכרה...

און אַזוי גייט דאָס געזאַנג ביז דער רבי גייט צו צום טיש. שמעון גיסט אָן דעם בעכער ווייַן און דער רבי מאַכט קידוש מיט אַזאַ ניגון, וואָס צעגייט זיך אין אַלע ביינער, באַזונדערס, ווען דער רבי ציט אויס די ווערטער „וקדשנו מכל העמים" און זאָגט זיי נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל... מען וואַשט זיך און מען זעצט זיך צום טיש. ר׳ נחמן שניידט „מוציאס" און טיילט אַלעמען. אָבער מען פילט, אַז ער איז נישטאָ ביים טיש... זיין נשמה שוועבט אַרום ערגעץ אַנדערשווו, אין די העכערע הימלען...

ר׳ מרדכי האָט מורא אַ וואָרט אַרויסצוריידן פאַר פחד. אַלץ אין אים ציטערט מיט אַזאַ געהיימער שרעק, וואָס ער ווייס נישט וואָס עס איז... ער איז שוין אַמאָל געשטאַנען פאַר דער קייסערין, יעקאַטערינאַ די צווייטע, און געווען איז ער דעמאָלט פול מיט מורא, אָבער וואָס איז עס פאַר אַ פאַרגלייך צו דער שרעק, וואָס ער לעבט איצט איבער... עס איז גאָר אַן אַנדערער סאָרט שרעק, עס איז אַ פחד, וואָס ער וויל נישט, אַז ער זאָל אויפהערן... אַ מורא, וואָס ער וויל, אַז זי זאָל אָנהאַלטן און אָנהאַלטן...

אַזוי איז אַריבער דאָס גאַנצע עסן. דער רבי האָט געזונגען זמירות,

געזאָגט תורה, אָבער ער איז אַלץ נישט געווען דאָ. דאָס פּנים האָט גע־לויכטן ווי די זון אין הימל און די אויגן האָבן געשאָטן מיט פייער...

נאָכן עסן האָט ר׳ מרדכי געזאָגט צו ר׳ אפרימען, אַז ער בעט אים אַז ער זאָל אַריינגיין מיט אים אין אַנדערן חדר, ווייל ער וויל מיט אים עפּעס ריידן. האָט ר׳ אפרים אים געזאָגט, אַז ער זאָל אַריינגיין מיט אים אין זיין צימער. ר׳ מרדכי האָט אַזוי געטאָן.

ר׳ אפרים האָט איצט געבעטן ר׳ מרדכין זיך זעצן אויף דער איינער שטול, וואָס איז דאָרטן געשטאַנען, און אַליין האָט ער זיך געזעצט אויף זיין בעט. ר׳ מרדכי האָט איצט געזאָגט צו אים:

— איך זע דאָך שוין איין, אַז דער רבי וועט ביי מיר גאָרנישט נע־מען. וויל איך כאָטש אייך, ר׳ אפרים, מיט עפּעס מהנה זיין.

— פאַרוואָס קומט עפּעס מיר? וואָס האָב איך דאָ געטאָן? — האָט ר׳ אפרים זיך געוווּנדערט — און אַז איך בין ר׳ נחמנס שווער, איז וואָס?

— עס איז נישט אַזוי, ר׳ אפרים — האָט ר׳ מרדכי זיך ווי געבעטן ביי אים. — איר פאַרשטייט, אַז איר וועט האָבן, וועט דער רבי אויך האָבן. ווי לאַנג איר האָט געהאַט, האָט איר אים געגעבן. נו, וועט איר איצט ווידער האָבן און וועט אים ווידער קענען געבן. איך האָב געהערט, אַז דער יונגער פריץ וויל פאַרקויפן דעם וואַלד. אויב ער וויל אים פאַר־קויפן במקח, בין איך גרייט עס צו קויפן.

— און ווער וועט אָנפירן מיטן וואַלד? זענט איר דען גרייט זיך צו באַזעצן דאָ? — האָט ר׳ אפרים אים געפרעגט.

— ניין, איך מוז צוריקפאָרן קיין קיעוו — האָט ר׳ מרדכי אים געענטפערט — אָבער איר וועט מיט דעם וואַלד אָנפירן. איר וועט זיין דער פאַרוואַלטער, אָדער גאָר בעסער, איך וועל אים אייך אַוועקשענקען.

— אַוועקשענקען? ניין, חס וחלילה, דאָס נישט. ווי שטייט דאָרטן אין פּסוק „ושונא מתנות יחיה“, דער וואָס האָט פיינט מתנות, דער זאָל לעבן.

— נו, גוט. איך, ר׳ אפרים, וועל האָבן אַ טייל אין די פאַרדינסטן, אָבער דער עיקר איז, אַז איר וועט זיין צוריק דאָס, וואָס איר זענט גע־ווען. איר וועט ווייטער פירן אייער לעבן ווי אַמאָל און טאַקע קענען

געבן דעם רבין אַלץ, וואָס ער דאַרף. פּונקט אַזוי ווי איר האָט אַמאָל געטאָן.

— צו קויפן דעם וואַלד איז גראָד איצט אַ פּלאַן, ווייל כ'האָב געהערט, אַז דער יונגער פּריץ וויל פון אים פּטור ווערן, און נישט נאָר פון וואַלד, נאָר פון גאַנצן מאַיאָנטעק. ער וועט אַלץ פאַרקויפן בחצי חינם. ער וויל פאָרן צוריק קיין פּאַריז, צו זיינע נקבות. וואָס דען? ער וועט זיך אָפּגעבן מיטן וואַלד אַזוי ווי איך האָב עס געטאָן!

— גוט, — האָט ר' מרדכי געזאָגט — איך וועל זונטיק באַלד אין דער פרי ריידן מיט אים.

— זונטיק איז זיין הייליקער טאָג. כ'ווייס נישט צי ער וועט וועלן זונטיק ריידן פון געשעפטן — האָט ר' אפרים באַמערקט.

— ער וועט שוין וועלן! ווען ער וועט הערן, אַז עס איז דאָ אַ קונה מיט געלט, וועט ער ריידן אַפילו זונטיק באַלד אין דער פרי. ער וועט באַדאַי אין דער קירכע נישט גיין און דאָס געשעפט מאַכן. איך קען זיי שוין גוט די דאָזיקע צעבאַלעוועטע פּריצים.

— אָבער דאָך — האָט ר' אפרים געזאָגט זיפצנדיק — וועל איך שוין מער קיין גליק אין מיין לעבן נישט האָבן, ווייל מיין בעסטע העלפט איז אַוועק אויף אייביק... זי איז דאָך געווען מיין טייערסטער פריינט אין לעבן.

— איך האָב שוין אויך וועגן דעם געטראַכט, ר' אפרים — האָט ר' מרדכי זיך אָנגערופן — און איך האָב פאַר אייך אַ שידוך, באמת אַ וואונדערבאַרן שידוך.

— איר שפּאַסט פון מיר, ר' מרדכי — האָט זיך ר' אפרים גערויטלט — ווער וועט מיך נעמען? וואָס בין איך? אַ גרויסער בן־תורה? און צי קען איך דען געבן אַ ווייב פּרנסה?

— איר וועט באַלד זיין צוריק אויפן פערד — האָט ר' מרדכי אים געענטפערט — איר וועט זיין צוריק דער נגיד, ר' אפרים. און איר וועט קענען געבן אַ ווייב אַ סך פּרנסה.

— און ווער איז דאָס די אשה, מעג איך וויסן? — איז שוין ר' אפרים געוואָרן נייגעריק.

— גאָר פון גרויסן יחוס — האָט ר׳ מרדכי אים געענטפערט — עס איז געװען, אַז כ׳װעל אײַך זאָגן, אַז זי איז דעם רבי ר׳ נחומטשע טשערנאָבילערס אַ שװעסטער. אַ שײנער יחוס, האַ?

— אַוודאי, אַוודאי! עפּעס אַ קלײניקײט, ר׳ נחומטשע טשערנאָבי־לער, די גאַנצע װעלט קלינגט דאָך מיט אים.

— זי איז אַן אַלמנה, איר מאַן איז געװען אַ גדול בתורה. זי האָט אײן זון, איז ער אױך אַ גרױסער למדן און אַ קענער. מען זאָגט אױף אים, אַז ער װעט אַמאָל זײן אַ גרױסער רבי.

— אַזױ? װי הײסט זי? און װי הײסט איר זון?

— זי הײסט פרײדל און איר זון הײסט הערשל, אָדער הערשעלע, װי זײן מאַמע רופט אים. ער איז אַ טײער קינד.

— און װי אַלט איז ער?

— אַ יאָר צװאַנציק, אַזױ דוכט זיך מיר.

— און ער האָט נאָך נישט חתונה געהאַט? אַ װונדער?

— ער זאָגט, אַז ער װאַרט אױף זײן זיװוג.

— טשיקאַװע!

— נו, װאָס זאָגט איר דערצו, ר׳ אפרים? געפעלט אײַך דער שידוך?

— װי אַלט איז זי?

— כ׳װײס נישט גענױ, נאָר כ׳רעכן, אַז זי איז אַ בת ארבעים, אָדער אין די גאָר שפּעטע דרײסיקער און אפשר נאָך ײנגער.

— איך מוז פרעגן דעם רבין — האָט ר׳ אפרים געזאָגט פאַרטראַכט

— און װאָס ער װעט זאָגן, אַזױ װעט זײן.

— נו, גוט, אָבער װען װילט איר אים פרעגן?

— נאָך הײנט — האָט ר׳ אפרים אים געענטפערט — איך װעל באַלד אַרײנגײן צו אים און אױב עס װעט נאָך זײן מעגלעך צו רײדן צו אים, װעל איך זאָגן װאָס איר האָט מיר געזאָגט.

— אױב אַזױ, װעל איך זײן אין מײן אכסניה. מײן לאה װאַרט שױן דאָרטן אױף מיר. זי קען נישט אײנשלאָפן ביז איך קום צו גײן. אַ גוטן שבת.

— אַ גוטן שבת, ר׳ מרדכי. מיר װעלן שױן רײדן אם ירצה השם מאָרגן אין דער פרי. אַ גוטן שבת.

נאָכדעם ווי ר׳ מרדכי איז אַוועקגעגאַנגען, איז ר׳ אפרים גלייך אַריינגעגאַנגען צו ר׳ נחמנען און האָט אים אַלץ דערציילט, סיי וועגן וואַלד און סיי וועגן שידוך.

ר׳ נחמן איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט און האָט ר׳ אפרימען גאָר־נישט געענטפערט.

— פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט? — האָט ר׳ אפרים געפרעגט ר׳ נחמנען — אויב דו ווילסט נישט ריידן וועגן וואַלד, ווייל עס איז שבת, קענסטו דאָך מיר זאָגן וועגן שידוך, וואָס דו טראַכסט דערפון. וועגן שידוכים מעג מען דאָך יאָ ריידן שבת.

— געוויס מעג מען. — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט — אָבער איך מעג נישט.

— כ׳פאַרשטיי דיך נישט, נחמן — האָט ר׳ אפרים אים אָנגעקוקט — וואָס הייסט אַז מען מעג, נאָר דו מעגסט נישט?

— יעדער שידוך — האָט ר׳ נחמן געענטפערט — איז בידי שמים. נו, וועל איך וואַרטן צו הערן וואָס מען וועט מיר זאָגן, אָדער געבן מיר אַ צייכן, אַז עס איז אַ זיווג. ווען מען וועט עס מיר זאָגן מן השמים, וועל איך עס אייך זאָגן.

ר׳ אפרים האָט איצט געטראַכט, אַז ער איז באַגאַנגען אַ פעלער, וואָס ער איז באַלד אַריינגעקומען צו ר׳ נחמנען וועגן דעם. ער האָט גע־דאַרפט וואַרטן אַביסל. ער האָט דעריבער געזאָגט ר׳ נחמנען אַ „גוטן שבת" און איז אַוועק אין זיין חדר.

צומאָרגנס, שבת אין דער פרי, האָט סיי ר׳ מרדכי און סיי ר׳ אפרים זיך געהיט נישט צו ריידן אַ וואָרט דערפוןביים טיש, נישט בלויז צו ר׳ נחמנען, נאָר אַפילו נישט צווישן זיך. דאָס זעלבע האָבן זיי אויך געטאָן ביים שלוש־סעודות און אַזוי אויך צו מלווה־מלכה.

זונטיק, באַלד אין דער פרי, האָט ר׳ מרדכי אָפּגעדאַוונט בהשכמה און אָן צו זאָגן אַ וואָרט צו קיינעם, איז ער צוגעפאָרן צום יונגן פריצס פּאַלאַץ אין הוסיאַטין. ער האָט געהייסן מעלדן דעם פריץ, אַז אַ גרויסער סוחר פון קיעוו איז געקומען, וואָס וויל ריידן מכוח געשעפט מיטן יונגן פריץ.

דער יונגער פריץ איז נאָך געשלאָפן געשמאַק נאָך דער הולטאַיסקער נאַכט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט ביז פאַרטאָג מיט נאָך יונגע פריצים צוזאַמען מיט עטלעכע וועלט־דאַמען, וואָס זענען געקומען צו זיי, אין זייער פריצים־קלוב, פון ווייטע ערטער. אָבער דער אַדיוטאַנט האָט געוווסט, ווי שטאַרק דער יונגער פריץ זוכט אַ קונה פאַר דעם מאַיאָנטעק, און ער האָט זיך דעריבער אָנגענומען מיט מוט און האָט אים אויפגעוועקט און אים איבערגעגעבן, וואָס ר׳ מרדכי האָט אים געהייסן זאָגן. דער יונגער פריץ האָט געהייסן דעם אַדיוטאַנט זאָגן ר׳ מרדכין, אַז דער קופּיעץ זאָל וואַרטן. באַלד האָט ער אויף זיך אַרויפגעכאַפּט דעם באָדמאַנטל, זיך אָפּגעוואַשן דאָס פּנים מיט קאַלט וואַסער, פאַרקעמט די האָר און געהייסן דעם אַדיוטאַנט אַריינפירן דעם „קופּיעץ".

— איך בין אַ גרויסער קופּיעץ פון קיעוו — האָט ר׳ מרדכי גלייך אָנגעהויבן — איך בין צופעליק געקומען אַהער אין די מקומות און פאַר שוין צוריק. זייענדיק דאָ, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר ווילט פאַרקויפן דעם וואַלד מיט אַלע הייזער זייער ביליק. בין איך דערפאַר געקומען אַהער. זאָגט מיר וואָס איר ווילט פאַר אַלעם. אויב ביליק, בין איך גרייט עס צו קויפן.

דער יונגער פריץ האָט אים געזאָגט אַ פּרייז. ר׳ מרדכי האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון און אָנגעבאָטן זיין פּרייז, וואָס איז געווען פיל ווייניקער פון אַ העלפט פון דעם, וואָס דער יונגער פריץ האָט געזאָגט. דער יונגער פריץ האָט אַראָפּגעלאָזט פון זיין פּרייז, אָבער ר׳ מרדכי האָט זיך נישט גערירט פון אָרט און זיך געהאַלטן ביי זיינס. דער יונגער פריץ האָט ווידער אַראָפּגעלאָזט און ווידער, ביז ער האָט לסוף צוגעשטימט צום פּרייז, וואָס ר׳ מרדכי האָט געזאָגט.

— שרייבט אויס אַ פּאַפּיר, אַז איר פאַרקויפט מיר דעם גאַנצן וואַלד פון אָנהייב ביזן סוף, אַלע הייזער אַריינגערעכנט.

דער יונגער פריץ איז איצט געוואָרן מלא רציחה און געזאָגט:

— די הייזער אויך? די הייזער אַליין זענען דאָך ווערט אַן אוצר?

— וואָס וועל איך טאָן אין וואַלד אָן הייזער? גיין בויען נייע הייזער לוינט נישט. פאַרגעסט נישט, יונגער פריץ, אַז עס זענען נישטאָ

איצט קיין בעלנים אויף אַזאַ קויף. מענטשן האָבן קיין געלט נישט. איר קענט וואַרטן יאָרן און נאָך אַזאַ קונה ווי איך וועט נישט קומען. איך בין דאָ צופעליק און גרייט זיך אַוועקצופאָרן. שרייבט אַריין אין פּאַפּיר, אַז אַלץ וואָס איר האָט געירשנט דאָ פון אייער פאָטער, געהערט צו מיר. איך וועל דאָ אַריינזעצן אַ פאַרוואַלטער. אויב אירווילט אַזוי, גיב איך אייך דאָס געלט; אויב נישט, איז אַלץ אויס.

— וואָס זאָל איך טאָן? — האָט דער יונגער פּריץ געזאָגט מיט אַ זיפץ — איך קען נישט זיין דאָ! איך בין שוין געווינט צו לעבן אַנדערש. איך מוז אַוועקפאָרן צוריק קיין פּאַריז. נו, גוט, נעמט אַלץ צו. איך וועל אָנשרייבן אַ פּאַפּיר.

— רופט אַריין דעם „וואָיט" פון דאָרף און זאָל ער עס באַשטעטיקן — האָט ר' מרדכי ווי באַפוילן.

— גוט, ער וועט דאָ באַלד זיין, — האָט דער יונגער פּריץ געזאָגט.

דער יונגער פּריץ האָט באַפוילן זיין אַדיוטאַנט גלייך אויפוועקן דעם „וואָיט" און אים ברענגען אַהער. דער אַדיוטאַנט האָט אַזוי געטאָן און אין פינף מינוט שפּעטער איז דער „וואָיט" שוין אַריינגעקומען.

— שרייב אונטער אָט דאָ, אַז דו ביסט אַן עדות, אַז איך פאַרקויף אַלץ, וואָס כ'האָב געירשנט פון מיין פאָטער, צו אָט דעם קויפיעץ מרדכי קוזאַרעוויטש פון קיעוו. — האָט דער יונגער פּריץ אים באַפוילן.

דער „וואָיט" האָט באַלד אונטערגעשריבן דאָס פּאַפּיר אַלס עדות נאָך דער אונטערשריפט פון יונגן פּריץ.

ר' מרדכי האָט אַרויסגענומען אַ זעקל מיט גאָלדענע רענדלעך און אַוועקגעלייגט אויפן טיש.

— אָט דאָס איז דער פּרייז, יונגער פּריץ, ציילט עס איבער! — האָט ר' מרדכי געזאָגט צו אים.

דער יונגער פּריץ האָט צוגענומען דאָס געלט און געזאָגט:

— נו, זאָל זיין מיט גליק, איר האָט אַ מציאה. ווער וועט זיין אייער פאַרוואַלטער?

— דער ייד אפרים, וואָס איז דאָ געווען פריער. ער קען דעם גאַנצן געגנט.

— אָ, דער פאַן אפרים — האָט דער „וואָיט“ זיך אָנגערופן מיט פרייד — ער איז אַ פיינער מענטש. כ׳בין צופרידן, אַז ער קומט צוריק.

— יאָ, ער איז אַ גוטער מענטש — האָט דער יונגער פריץ אויך צוגעגעבן.

— איך קויף עס פאַר אים — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט — בכדי ער זאָל האָבן פרנסה.

— טאַקע? אַט אַזוי זענען יידן זיך געטריי איינער פאַר דעם אַנדערן! — האָט דער יונגער פריץ געזאָגט צום „וואָיט“ — וואָלט עמיצער ביי אונדז עס געטאָן?

ר׳ מרדכי האָט איצט געגעבן אַ שיינע סומע דעם „וואָיט“ אַלס טרינק־געלט און ער איז באַלד צוריקגעפאָרן צו ר׳ אפרימען.

— מזל טוב אייך, ר׳ אפרים! — איז ר׳ מרדכי אַריינגעקומען צו ר׳ אפרימען אין זיין חדרל פריילעך און לוסטיק, — עס קומט אייך אַ מזל טוב!

— מיר אַ מזל טוב, פאַרוואָס? — האָט ר׳ אפרים אים אָנגעקוקט.

— ווייל איר ווערט צוריק דער באַלעבאָס פון גאַנצן מאַיאָנטעק — האָט ר׳ מרדכי אים אָנגעזאָגט די בשורה — איר זענט איצט צוריק דער פאַרוואַלטער פון וואַלד. איך האָב אַלץ אָפּגעקויפט ביים יונגן פריץ און זייער ביליק. אָט איז דאָס פּאַפּיר. איר זענט דער באַלעבאָס פון גאַנצן פּלאַץ און איר קענט טאָן וואָס איר ווילט.

— אַ יישר כוח, ר׳ מרדכי! אָט דאָס איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז, צו וואָס איך האָב געשטרעבט און געבעטן צו גאָט די גאַנצע צייט.

— איצט דאַרפט איר האָבן, ר׳ אפרים, אַ ווייב. אָן אַ ווייב קענט איר דעם מאַיאָנטעק נישט פירן. אפשר בין איך געווען אויך דער שליח פאַר אַ זיווג פאַר אייך? איז עס אַזוי, ר׳ אפרים? — האָט זיך ר׳ מרדכי געווענדט צו אים.

— אפשר, ר׳ מרדכי, כ׳וויס נישט. אָבער יעדנפאַלס, איצט קען איך ריידן וועגן חתונה האָבן נאָכאַמאָל. איך וועל דאָך האָבן פון וואָס מפרנס צו זיין אַ ווייב. עס בלייבט נאָר צו הערן וואָס ר׳ נחמן זאָגט וועגן דעם.

— לאָמיר אַריינגיין צו אים און אים פרעגן — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט צו ר׳ אפרימען.

— גוט, קומט לאָמיר אַריינגיין צו אים — האָט ר׳ אפרים געזאָגט דערמוטיקט — ר׳ נחמן האָט מיר אַפילו געזאָגט, אַז ער וועט עס מיר אַליין זאָגן. אָבער אַזוי ווי איר דאַרפט אַוועקפאָרן, מאַכט נישט אויס, אַז מיר זאָלןביידע אַריינגיין צו אים און אים פרעגן וועגן דעם. קומט, ר׳ מרדכי.

ביידע מענער האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט צו עפענען דאָס כמעט פאַרשלאָסענע חדר מיוחד פון ר׳ נחמנען און אַריינצוגיין צו אים, כדי צו הערן זיין מיינונג.

## 29

ווי נאָר ר׳ אפרים און ר׳ מרדכי האָבן איבערגעטראָטן ר׳ נחמנס שוועל, איז ער זיי גלייך אַנטקעגנגעלאָפן פול מיט פרייד און, אָנכאַפּנדיק זיין שווערס האַנט, האָט ער צו אים געזאָגט:

— מזל טוב, שווער, עס איז אַ זיווג מן השמים און עס וועט אויך עולה יפה זיין. מען דאַרף דעריבער באַלד פאָרן.

— פאָרן? וווהין? — האָט ר׳ אפרים אים אָנגעקוקט.

— צו זען די כלה און שרייבן תנאים — האָט ר׳ נחמן געזאָגט קורץ.

— אָבער ווער אַלץ דאַרף פאָרן? — האָט ר׳ אפרים אים איבערגעפרעגט.

— נו, געוויס דער חתן, אָבער איך פאָר אויך מיט. כ׳וועל אויך מיטנעמען שמעונען. ר׳ מרדכי, איר וועט האָבן פלאַץ פאַר אונדז אַלע?

— בכבוד גדול! — האָט ר׳ מרדכי אים געענטפערט — אַ קלייניקייט, אַזאַ זכיה! ווען וויל דער רבי פאָרן?

— טאַקע באַלד. מען דאַרף רופן שמעונען.

— שמעון וועט דאָ באַלד זיין, איך דערוואַרט אים יעדע מינוט — האָט דער גבאי זיך אָנגערופן — אָבער אויב דער רבי וויל, וועל איך אים גלייך רופן.

— דו פאָרסט אַוועק? — איז שאָשע אַריינגעקומען און אָנגעקוקט

ר׳ נחמנען פאַרוואונדערט — פאַרוואָס האָסטו מיר גאָרנישט געזאָגט? איך וואָלט דאָך צוגעגרייט עפּעס אויפן וועג, צידה לדרך.

— כ׳האָב אַליין נישט געוווסט, אַז כ׳וועל היינט פאָרן ערגעצוווּ. ס׳איז מיר אַפילו נעכטן ביינאַכט אויפן רעיון נישט געקומען. אָבער אַזוי האָט מען מיר געוויזן היינט אין דער פרי מן השמים...

שאָשע איז באַלד אַריין צוריק אין קיך און אַרויסגעקומען מיט אַ פּעקל וועש און אויך עסנוואַרג און עס געגעבן שמעונען, וועלכער איז שוין געהאַט אַנגעקומען.

— נו, זאָל זיין אין אַ גוטער שעה! — האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו שאָ־שען — גיב אַ קוש דער קליינער פאַר מיר.

ר׳ אפרים און שמעון האָבן זיך אויך געזעגנט מיט שאָשען און זע־נען אַרויס צו דער בריטשקע. דערנאָך האָט ר׳ מרדכי זיך מיט איר גע־זעגנט און דערביי איר געגעבן אַ פיינעם לעצט־געלט פון אַ היפּשער צאָל רענדלעך.

ביים איינשטייגן אין דער בריטשקע האָט ר׳ מרדכי אַזוי מאַנעוור־רירט, אַז ר׳ אפרים און שמעון זאָלן זיצן פון פאָרנט, לעבן דעם בעל־עגלה, איוואַן, וואָס דינט שוין ביי ר׳ מרדכין פיל יאָרן, און ער אַליין האָט זיך געזעצט לעבן ר׳ נחמנען און זיין טאָכטער לאה אינעווייניק. ער האָט אַוועקגעזעצט לאהן פון רעכטס; ער אַליין, מרדכי, איז געזעסן אין מיטן און ר׳ נחמן לעבן אים, פון דער צווייטער זייט. דאָס האָט ער אַזוי געטאָן לויט ר׳ נחמנס אַ ווונק, כדי נישט צו זיצן לעבן אַן אשה.

ר׳ מרדכי איז געווען איבערגליקלעך צו פאָרן צוזאַמען מיט ר׳ נחמנען. עפּעס אַ קלייניקייט, ער וועט אַנקומען צוזאַמען מיט דעם גרויסן רבין אין דעם קליינעם שטעטל טשערנאָביל און די גאַנצע געגנט וועט קאָכן דערמיט. ער וועט אויסוואַקסן ביי אַלעמען אין די אויגן.

באַלד ווי זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון מעדוועדעווקע האָט ר׳ מרדכי געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— רבי, איך וויל איר זאָלט וויסן, אַז איך בין אויסגעוועזן אַ וועלט. איך קען אייך דערציילן פון דעם, וואָס טוט זיך אומעטום און באַזונדערס וועגן די יידן פון יעדן לאַנד באַזונדער. איך האָב שוין דעם רבי גע־

זאָגט, אַז איך פאַר קיין „זאַגראַניצע", קיין בערלין, קיין ווין, קיין פּאַריז און קיין אַמסטערדאַם. איך בין שוין אויך געווען אין רוים. און ווי נישט? דאָס איז דערפאַר, וואָס ווען מען דאַרף אַן אַרטיקל פאַר דער אַרמיי, וואָס אין רוסלאַנד איז עס נישט בנמצא, פאָר איך קיין אויסלאַנד און קויף עס איין. פאַראַיאָרן, למשל, האָט די קייסערין יעקאַטערינאַ די צווייטע געוואָלט, אַז די סאָלדאַטן זאָלן טראָגן אַ הוט מיט אַ דאַשעק. אָבער נישט סתם אַ דאַשעק, נאָר פון אַ געוויסן טוך. ביי אונדז, אין רוסלאַנד, איז דער שטאָף נישט געווען. האָב איך מיטגענומען אַ מוסטער פון דעם טוך און בין אויסגעפאָרן גאַנץ אייראָפּע, ביז איך האָב ערגעץ אין דייטשלאַנד געקראָגן אָט דעם שטאָף און אים איינגעקויפט אין גאַנצע פודן און אַרויסגעשיקט צו אונדז. אַזוי טרעפט אויך מיט אַנדערע זאַכן. אָבער אומעטום ווו איך קום, וויל איך וויסן, קודם־כל, פאַר מיר אַליין וואָס עס הערט זיך מ׳יט די יידן. איך רייד וועגן דעם מיט די וויכטיקסטע מענטשן פון לאַנד און איך לייען אויך די גאַזעטן פון די לענדער.

— „גאַזעטן"? — האָט זיך ר׳ נחמן געוווּנדערט — וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַזעלכע בלעטער, אויף וועלכע מען דרוקט די נייעס פון דער וועלט. אין דייטשלאַנד גייט איצט אַרויס אַ בלאַט יעדן טאָג, אין פראַנקפורט־אַם־מאַין. זי הייסט „די פראַנקפורטער צייטונג". אַזעלכע בלעטער זענען אויך דאָ אין ענגלאַנד, אין פראַנקרייך, אין האָלאַנד און אויך ביי אונדז אין רוסלאַנד.

— טאַקע? זייער טשיקאַווע. און וואָס שרייבט מען אין די גאַזעטן?

— נייעס, נייעס פון דער גאַנצער וועלט. אַלץ וואָס עס פּאַסירט אין דער וועלט.

— ווער טוט עס?

— שרייבער. מענטשן, וועלכע ווייסן ווי אַזוי דאָס אויפצושרייבן.

— טאַקע? וואָס, למשל, שרייבט מען אַזוינס אין די גאַזעטן?

— למשל, אַז אין פראַנקרייך איז געווען אַ רעוואָלוציע.

— אַ רעוואָלוציע? וואָס איז דאָס אַזוינס?

— אַן איבערקערעניש, אַן אויפשטאַנד. דאָס פאָלק טרעט אַרויס קעגן דעם קייסער. אַ מרידה, מורד געווען קעגן קעניג.

— דאָס איך דאָך אַ שרעקלעכע זאַך?

— געוויס, אָבער דאָס פאָלק האָט זיך צעבונטעוועט און האָט גע־פאַנגען דעם קעניג מיט דער קעניגין און מען גייט זיי שטעלן פאַר אַ משפט.

— פאַרוואָס?

— ווייל דער קעניג האָט גענומען גרויסע פאָדאַטקעס פון פאָלק און עס אויסגעגעבן נאָר פאַר זיך און דאָס פאָלק האָט געהונגערט.

— אַזוי? — האָט ר׳ נחמן זיך געוואונדערט — און וואָס איז מיט די יידן דאָרטן? שטענדיק ווו עס איז דאָ אַ צרה, גייט עס דאָך אויס צו די יידנס קעפּ.

— גראָד דאָס מאָל נישט, רבי. דאָס מאָל וועט עס זיין אַ ישועה פאַר די יידן.

— טאַקע? ווי אַזוי?

— מען האָט דאָרטן איינגעפירט, אַז די יידן זאָלן זיין גלייך מיט די גויים אין אַלע פראַוועס. יידן זאָלן מעגן האָבן שולן, בתי מדרשים, דאַווענען און לערנען.

— נו, דאָס מעג מען דאָך איצט אויך. מען לאָזט דאָך האָבן יידן שולן און אָפּהיטן די יידישע אמונה.

— עס וועט איצט זיין אַנדערש, רבי. עס איז אַ נייע זאַך. גלייכ־באַרעכטיקונג. דער רבי ווייס, אַז אין פיל לענדער האָט מען ביז איצט גערודפט יידן?

— וואָס מיינסטו דערמיט?

— ביז איצט זענען אומעטום, אין אַלע לענדער, געווען איינגעפירט באַגרענעצונגען פאַר יידן. עס זענען אומעטום געווען געזעצן, אַז יידן טאָרן נישט וווינען אין אַלע שטעט, נאָר בלויז אין געוויסע ערטער. יידן טאָרן נישט פירן קיין גרויסע געשעפטן, אַפילו בעלי־מלאכות קענען יידן נישט זיין, ווייל נישט מיט אַלע מלאכות מעגן זיי זיך פאַרנעמען. אומע־טום האָט מען אויך אויף יידן אַרויפגעלייגט אַזעלכע פאָדאַטקעס, וואָס

זיי האָבן געמוזט צאָלן בלויז דערפאַר, וואָס זיי זענען יידן. מען האָט יידן ביז איצט נישט באַטראַכט אין ערגעץ פאַר איינוווינער פון לאַנד, נאָר פאַר פרעמדע. אין דייטשלאַנד, למשל, הייסן די פּאַדאַטקעס „שוץ־געלט", אַן אָפּצאָל כלומרשט צו באַשיצן די יידן. אויך ביי אונדז אין רוסלאַנד זענען דאָ אַזעלכע פּאַדאַטקעס אויף יידן.

— אַזוי? טאַקע?

— יאָ, רבי. אין אַלע לענדער פירט מען זיך קעגן די יידן אויפן אופן ווי אַמאָל אין מצרים. זיי האַלטן אַלע פון „הבה נתחכמה". ווייס דער רבי, אַז אין אַ טייל לענדער האָט מען אַפילו באַגרענעצט יידישע חתונות, כדי די יידן זאָלן זיך נישט מערן.

— בנאמנות? טאַקע, אין וועלכע לענדער?

— אין דייטשלאַנד און אין עסטרייך, למשל, קען מען נישט גלאַט אַזוי חתונה האָבן. מען מוז דאַרטן וואַרטן אויף אַ קוואָטע.

— ביי אונדז אין רוסלאַנד ווייסט מען נישט, גאָט צו דאַנק, פון אַזאַ גזירה.

— ניין, דאָס נישט. אָבער מען באַגרענעצט דאָס לעבן פון די יידן אויף אַנדערע אופנים. ווייס דער רבי, אַז די גרויסע גילדעס, די גרויסע סוחרים, ווילן נישט אַריינגעמען קיין יידן און אַז אַפילו די צעכן פון בעלי־מלאכות ווילן נישט אַריינגעמען אַ יידישן בעל־מלאכה? אָט דער־פאַר מוזן יידן האַלטן נאָר קליינע שפּייז־געוועלבלעך, אָדער באָרגן געלט אויף פּראָצענט. מען לאָזט דעם יידן פשוט נישט לעבן. מען לאָזט די יידן זיין אַרענדאַרן, ווייל די פריצים דאַרפן עס. זיי אַליין ווילן הולטאַ־יעווען, דאַרפן זיי האָבן אַ יידן, וואָס זאָל פירן זייערע געשעפטן... יידן לאָזט מען צו פּראָפּינאַציע, דאָס הייסט, צו האַלטן שענקען. אין אָט די ערטער קומען אַריין גויים און שיכורן זיך אָן און דערנאָך ווילן זיי דעם יידן נישט באַצאָלן. אָבער ווייסט דער רבי, וואָסערע צרות די יידן ליידן זיך אָן אין אָט די שענקען? זיי מוזן צוזען ווי די שיכורע גויים מאַכן ליצנות פון יידן און אויב די יידן האָבן טעכטער, מוזן זיי זיי באַהאַלטן; אַז נישט זענען זיי אין אַ גרויסער סכנה. אַמאָל איז אויך דעם שענקערס ווייב אין געפאַר, אויב זי איז אַ יונגע, אַ שיינע, אָדער אַ חנעוודיקע.

— יאָ, יאָ, ר׳ מרדכי, דאָס איז אמת! — האָט ר׳ נחמן אָפּגעזיפצט.

— איר ווייסט, רבי, — האָט ר׳ מרדכי ווייטער גערעדט — מיר קומט אויס צו זיין אין פאַרשיידענע לענדער. אָבער אַפילו איך, וואָס כ׳האָב פּאַפּירן אונטערגעשריבן פון די מיניסטאָרן און אַפילו פון דער קייסערין גופא, קומט מיר אַמאָל אויס אין דייטשלאַנד פּשוט צו נעכטיקן אין דער גאַס, ווייל קיין האָטעל וויל מ׳יך נישט אַריינלאָזן. ווי נאָר איך זאָג זיי, אַז איך בין אַ ייד, הער איך באַלד דעם באַקאַנטן געשריי: „יודע, העראוס!"

— אַזוי? אַפילו איר, ר׳ מרדכי, מיט אַלע אייערע פּאַפּירן און אויס־צייכענונגען?

— אַפילו איך, רבי. היינט וואָס איז שוין וועגן אַנדערע יידן?

— נו, יאָ, דייטשלאַנד איז אַלעמאָל געווען אַן אַנטיסעמיטיש לאַנד. דאָרטן זענען דאָך געווען גרויסע שחיטות אויף יידן. אַלע סליחות און קינות פון כ׳ סיון זענען דאָך וועגן די שחיטות, וואָס זענען געשען אין פאַרשיידענע דייטשישע שטעט.

— און אין פראַנקרייך איז בעסער? אויך דאָרטן זענען ביזן אויפ־שטאַנד געווען באַגרענעצטע ערטער פאַר די יידן. אין דער פּראָווינץ על־זאַס האָבן די יידן נישט געטאָרט וווינען; אין דער שטאָט שטראַסבורג און אין לויטרינגען האָבן די יידן געמעגט וווינען בלויז אין מעץ און נאַנ־סי. אין גאַנץ דרום־פראַנקרייך האָט מען נישט אַריינגעלאָזט קיין יידן. עס האָבן געוווינט אַביסל יידן, געוועזענע אַנוסים פון שפּאַניע, אין באָרדאָ, מאַרסעיל, בריטאַן און באַיאַן, אָבער מען האָט זיי כסדר גערודפט. אויך אין אַוויניאָן איז געווען אַ באַזונדערע געגנט, וווּ די יידן האָבן געמעגט וווינען. און אַפילו דאָרטן, ווו זיי האָבן שוין געמעגט וווינען, האָט מען זיי אויך שטענדיק פאַרפאָלגט, צוגערויבט ביי זיי זייער פאַרמעגן און זייערע קינדער האָט מען געכאַפּט און געפירט צו שמד. ווייסט דער רבי, אַז קיין פּאַריז האָט אַ ייד ביז איצט נישט געטאָרט אַריינקומען. און אויב מען האָט געכאַפּט אַ יידן דאָרטן, האָט מען אים גלייך אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון דער שטאָט מיטן עטאַפּ. פּונקט ווי מ׳ען טוט איצט צו די יידן, וואָס קומען קיין פּעטערבורג אָדער מאָסקווע? אויך אין פאַ־

ריז פלעגט די פּאָליציי מאַכן „אַבלאַוועס״ איבער די האָטעלן, און אויב מען האָט געפּאַקט אַ יידן, האָט ער געהאַט אויסצושטיין זייער פיל צרות.

— איך זע, אַז איר זענט זייער גוט באַקאַנט מיט דער לאַגע פון די יידן אין דער גאַנצער וועלט — האָט ר׳ נחמן זיך אָנגערופן.

— יאָ, איך בין זייער גוט באַקאַנט — האָט ר׳ מרדכי געענטפערט — איך ווייס אויך וועגן איטאַליע. איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, רבי, וואָס פאַר גזירות מען האָט דאָרטן אַרויסגעגעבן אויף די יידן. דאָס אַליין וואָלט גענומען זייער לאַנג צו דערציילן אייך. בלויז אין האָלאַנד איז די לאַגע פון די יידן אַביסל בעסער. אין אַמסטערדאַם, ראָטערדאַם און האַאַג זענען דאָ גרויסע יידישע קהילות. אין ענגלאַנד האָט מען נישט אַזוי שטאַרק גערודפט די יידן ווי אין פראַנקרייך און דייטשלאַנד. דאָרטן איז די לאַגע פון די יידן פיל בעסער. אין דער שווייץ האָט מען ביז איצט געלאָזט וווינען יידן נאָר אין געוויסע געגנטן. און אַזוי איז אויך די לאַגע פון די יידן אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. די אונטערשטע שורה איז, אַז דעם ייד האָט מען אין קיין אָרט נישט באַזונדערס ליב.

— דאָס זאָגט דאָך דער מדרש און רש״י ברענגט עס אויך „כידוע, שעשיו שונא ליעקב״ — האָט ר׳ נחמן געזאָגט ווי צו זיך אַליין.

— אָבער דאָך ווערט איצט אַנדערש — האָט ר׳ מרדכי אויסגערופן מיט פרייד — עס האָבן אָנגעהויבן צו בלאָזן אַנדערע ווינטן. דאָס האָט געבראַכט מיט זיך די פראַנצויזישע רעוואָלוציע. אָבער פריער נאָך האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם איין ייד.

— איין ייד? ווער איז דאָס, אָט דער ייד? — האָט ר׳ נחמן אים געפרעגט פאַרוואונדערט.

— עס איז געווען איין ייד אין דייטשלאַנד, אַ גרויסער פילאָזאָף, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף אַלעמען. דאָס איז געווען דער יידישער פילאָזאָף משה מענדעלסאָן.

— איר מיינט דעם, וואָס איז נישט לאַנג געשטאָרבן? וואָס האָט געשאַפן דעם „ביאור״, וווּ ער פאַרטייטשט די תורה הקדושה אויף אַן אַפּיקורסישן אופן?

— חס ושלום — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט שוין אַביסל אומרואיק —

עס איז מיר אַ גרויס ווונדער אויף אייך, רבי, אַז איר זאָלט דאָס זאָגן. ראשית, איז משה מענדעלסאָן נישט געווען קיין אפיקורס. ער איז גע־ווען אַ פרומער ייד, וואָס האָבן געטראָגן אַ באָרד און פאות און האָט מקיים געווען אַלע מצוות פון דער תורה. אָבער ער איז געווען אַ גרויסער פילאָ־זאָף און די וועלט האָט דורך אים ערשט געזען, אַז עס איז פאַלש, וואָס די שונאי ישראל זאָגן, אַז יידן קענען זיין בלויז סוחרים. ער האָט באַ־וויזן, אַז יידן קענען זיין אויך גרויסע דענקער און זיי האָבן צוליב אים געקראָגן אַן אַנדערן קוק אויף אונדז.

— וואָס טויגן מיר די מעשיות, ר׳ מרדכי, — האָט ר׳ נחמן געזאָגט צו אים מיט אומגעדולד — איר האָט דאָך מן־הסתם אויך געהערט, אַז ער האָט אויפגעשטעלט אַ דור פון משומדים. ער איז אויך געווען דער, וואָס האָט געשאַפן די נייע חברה, וואָס רופן זיך „משכילים״. ער האָט געהייסן לערנען חכמת יון און אַלע אַנדערע חכמות, נאָר גאָטס תורה נישט. דאָס זאָל מען פאַרגעסן. אָט דאָס איז געווען דער „דעסויער״ און אַזוי זענען אויך געווען אַלע זיינע חברים. אָבער לאָמיר בעסער וועגן דעם נישט ריידן.

ר׳ מרדכי האָט דערויף גאָרנישט געענטפערט און אַ ווײַלע האָבן ביידע, ר׳ נחמן און ר׳ מרדכי, געשוויגן. די שטילקייט האָט געדריקט ביידן, אָבער נאָך מער ר׳ מרדכין, ווײַל ער האָט שוין מורא געהאַט, אַז ער האָט מיט זיינע רייד פאַרלוירן דעם חן ביים רבין. דעריבער איז ער געווען העכסט צופרידן, ווען ר׳ נחמן האָט פלוצלונג זיך צו אים גע־ווענדט פרעגנדיק:

— ר׳ מרדכי, איך בין געווען זייער טשיקאַווע צו הערן פון אייך וועגן דער לאַגע פון די יידן אין דער וועלט, וואָס איר ווייסט אַזוי גוט. זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, ר׳ מרדכי, איז עס טאַקע אמת דאָס, וואָס איר האָט דאָ פריער געזאָגט, אַז דער מצב פון די יידן ווערט אומעטום בע־סער? אַז עס ווערט אַנדערש. איז עס טאַקע אַזוי? אָדער עס דוכט זיך נאָר אייך אויס אַזוי? איר זאָלט מיר מוחל זיין פאַרוואָס איך זאָג אַזוי. אָבער ווי איז עס באמת, ר׳ מרדכי?

— יאָ, רבי — האָט ר׳ מרדכי געענטפערט אים מיט פרייד — עס

איז באמת אזוי. עס האט זיך אנגעהויבן דערפון, וואס דער קעניג פריד־ריך ווילהעלם דער צווייטער האט באלד אין אנהייב פון זיין רעגירונג דערקלערט, אז עס דארף אויסגעבעסערט ווערן, אויף וויפל עס איז נאר מעגלעך, די לאגע פון דעם אונטערדריקטן פאלק (די יידן). דאס איז גע־קומען נאכדעם, ווי די יידישע פארשטייער פון בערלין האבן זיך געווענדט צו אים מיט א בקשה, אז עס זאל עפעס געטאן ווערן אויף אויסצובעסערן די יידישע לאגע. דער קעניג האט באלד דערפילט זייער ביטע און בא־שטימט א קאמיסיע צו באטראכטן די גאנצע "יודן־פראגע". פון דעמאלט ביז איצט איז שוין עפעס געטאן געווארן. עס זענען אפגעשאפט געווארן, למשל, עטלעכע פאדאטקעס, ווי דער "לייב־צאל". אזא מין פאדאטעק, וואס איז געווען א שאנדע פאר די יידן פון פרייסן. א יאר שפעטער ווי־דער האט מען אפגעשאפט אן אנדערן פאדאטעק. איצט דערוואַרט מען, אז די קאמיסיע וועט רעקאמענדירן נאך אנדערע אויסבעסערונגען אין דער לאגע פון די יידן. אין עסטרייך ווידער האט דער קייסער יאזעף דער צווייטער ארויסגעגעבן מיט עטלעכע יאר צוריק, אין יאר 1782, א "טאלעראנץ־עדיקט", אזוי הייסט עס, צו העלפן די יידן, אז זיי זאלן זיין גוטע און נוצלעכע בירגער פון לאנד. נו, און איצט די רעוואלוציע אין פראנקרייך, וואס האט געפירט דערצו, אז מען וועט אפשאפן דארטן אלע גזירות קעגן יידן. יידן זענען איצט אין פראנקרייך גלייך אין זייערע רעכט מיט די נישט־יידן. זיי מעגן וווינען אין גאנצן לאנד, אומעטום, אן שום באגרענעצונגען, און אזוי זענען אויך בטל געווארן אלע אנדערע גזירות קעגן זיי. איז דאס נישט קיין גוטע נייעס?

— נו, געוויס, געוויס! — האט ר׳ נחמן אים געענטפערט.

— איר וועט נאך זען, רבי, — האט ר׳ מרדכי זיך געהיצט — ווי אלע לענדער וועלן נאכטאן פראנקרייך און אויך אפשאפן אלע גזירות קעגן יידן. זיי וועלן געבן די יידן גלייכע רעכט. יידן וועלן ווערן אומע־טום גלייך מיט די גויים.

— זיי זאלן נאר נישט ווערן קיין אמתע גויים — האט ר׳ נחמן אפגעזיפצט. — ר׳ מרדכי, אין די ווערטער "גלייך מיט די גויים" ליגט א גרויסע סכנה פאר אונדז. מיר טארן נישט זיין "ככל הגויים", ווארום

אַזוי ווי אַ ייד ווערט גלייך צו אַ גוי, ווערט ער אַליין אויך אַ גוי. ווען מען ווערט גלייך מיטן גוי, קומט מען אין גויס הויז, מען עסט ביי זיין טיש, מען חברט זיך מיט זיינע קינדער און צו וואָס פירט דאָס? עס פירט אַראָפּ פון יידישן דרך, עס קען פירן, חלילה וחס, צו מתחתן זיין זיך מיט זיי און צו שמד. צווישן אַ ייד און אַ גוי דאַרף זיין אַ מחיצה, אַזוי ווי עס איז דאָ צווישן טומאה און קדושה. מיר דאַרפן זיין אַ „גוי קדוש" און נישט „ככל הגויים".

ר' מרדכי האָט מער נישט גערעדט וועגן דעם, ווייל ער האָט נישט געוואָלט דעם רבי מצער זיין. אויך ר' נחמן איז געבליבן זיצן פאַרזונקען אין זיינע רעיונות.

די גאַנצע צייט פון זייערע רייד איז לאה, ר' מרדכיס טאָכטער, גע־שלאָפן, אָדער געווען פאַרזונקען אין אירע געדאַנקען. אין פאַרנט, ווידער, לעבן בעל־עגלה האָבן די גאַנצע צייט שמעון און ר' אפרים גערעדט שטיל צווישן זיך. אין דער שטיל האָט ר' אפרים דערציילט שמעונען מיט אַלע איינצלהייטן די גאַנצע מעשה, ווי אַזוי דער אַלטער פריץ האָט אים אַוועק־געשאָנקען זיין מאַיאָנטעק און ווי אַזוי דער יונגער פריץ האָט פאַרפירט קעגן אים פּראָצעסן, ביז ער האָט ביי אים אַלץ צוגענומען און ווי זיין ווייב האָט דערפון געליטן ביז זי איז קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. „אָבער איצט", האָט ער געזאָגט צו שמעונען, „האָט השם יתברך אויף מ'יר ווידער רחמנות געהאַט און מיר צוגעשיקט אַזאַ גוטן מענטשן ווי ר' מרדכי, וועלכער האָט אָפּגעקויפט אַלץ ביים יונגן פריץ און מיך צוריק דאָרטן איינגעשטעלט". ר' אפרים האָט פאַרגעלייגט שמעונען, אַז ווען זיי וועלן קומען צוריק אַהיים, זאָל ער, שמעון, אויפגעבן זיין מלמדות און זיין ביי אים אין וואַלד, ווייל ער דאַרף האָבן אַזאַ מענטשן ווי ער, וואָס איז ערלעך און איז בטבע אַ גוטער פון נאַטור. דאָס איבעריקע, ווי אַזוי צו פירן דאָס געשעפט, וועט ער אים שוין אויסלערנען.

ווען מען איז שוין געווען נישט ווייט פון טשערנאָביל האָט ר' מרדכי געזאָגט צו ר' נחמנען:

— איך האָב געוואָלט דעם רבין עפּעס פרעגן, אָבער כ'זע, אַז דער רבי איז פאַרטראַכט, וויל איך אים נישט מבלבל זיין אין זיינע רעיונות.

— איר קענט מיך פרעגן, ר' מרדכי — האָט ר' נחמן אים געענט־פערט — איך קען טאָן צוויי זאַכן מיטאַמאָל. איך קען זיין פאַרטיפט אין מיינע רעיונות און דאָך ענטפערן אויף וואָס מען פרעגט מיך. וואָס ווילט איר פרעגן, ר' מרדכי?

— עס איז וועגן טשערנאָביל — האָט ר' מרדכי ווי זיך אַנטשול־דיקט — איך בין שוין געווען עטלעכע מאָל ביי ר' נחומטשען. ער איז אַ טייערער ייד, אָבער איך ווייס אַלץ זייער ווייניק וועגן אים. איז זיין פאָ־טער אויך געווען אַ רבי? קומט ער אויך אַרויס פון אַ משפחה פון רביים? אַזעלכע בעלי מופת ווי איר, למשל?

— מען דאַרף נישט אַלעמאָל אַרויסקומען פון אַ משפחה פון רביים און בעלי מופת — האָט ר' נחמן אים געענטפערט — ר' נחומטשע שטאַמט פון אַ משפחה פון גרויסע רבנים און גאונים. זיין פאָטער האָט געהייסן ר' הערשל און ער איז געווען אַ גאון עולם. אויך זיין זיידע, נאָך וועלכן ער הייסט, איז געווען אַ גרויסער גאון. נאָך זיין חתונה איז ר' נחום געוואָרן אַ מלמד און האָט געליטן נויט. איינמאָל האָט ער גע־הערט אַ „תורה" פון מיין זיידן, דעם בעל־שם־טוב און ער איז אַריין דער־פון אין אַזאַ התלהבות, אַז ער האָט מיט אַלע כוחות זיך געריסן צו פאָרן קיין מעזשיבוזש. דער זיידע האָט דערפילט, אַז ר' נחום קומט צו אים, האָט ער געזאָגט צו זיין ווייב, אַז זי זאָל אים גוט אויפנעמען. נאָכדעם ווי ער איז צוריקגעקומען אין זיין שטעטל, איז ר' נחומטשע געוואָרן אַ נייער מענטש. אַלע האָבן געזען, אַז זיין פנים שיינט ווי די זון אין הימל און אַז די שכינה רוט אויף אים. דעמאָלט האָט די שטאָט טשערנאָביל אים גענומען, אַז ער זאָל זיין ביי איר דער מגיד. ער האָט זיך באַזעצט אין טשערנאָביל און איז זינט דעמאָלט באַוווסט אַלס ר' נחומטשע טשער־נאָבילער.

— אַ יישר כוח אייך, רבי, פאַר דעם אַלעם, — האָט ר' מרדכי גע־זאָגט מיט גרויס צופרידנקייט. — נו, גוט, מיר פאָרן איצט אַריין קיין טשערנאָביל. איך וועל אייך צופירן צו אַן אכסניה און אַליין וועל איך גיין זאָגן דעם רבין. וואָס פאַר אַ גרויסן גאַסט מיר האָבן דאָ. דערנאָך וועל איך קומען נאָך אייך און אייך ברענגען צום רבין. איז גוט אַזוי?

— אַוודאי, אַוודאי, ר׳ מרדכי — האָט ר׳ נחמן געזאָגט — טוט אַזוי ווי איר האָט געזאָגט.

די בריטשקע האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער אכסניה און אַלע זע־נען אַריין אַהין. און ר׳ מרדכי האָט באַלד צעקלונגען איבער דער גאַנ־צער אכסניה וואָס פאַר אַ גרויסער צדיק עס איז געקומען אין שטעטל אַריין, און גלייך האָט געקאָכט מיט דער נייעס דאָס גאַנצע שטעטל.

## 30

דאָס ערשטע, וואָס ר׳ מרדכי האָט געטאָן איז געווען צו לויפן צום רבי ר׳ נחומטשע, כדי אָנצוזאָגן אים וואָס פאַר אַ גרויסער גאַסט עס איז געקומען צו אים. ר׳ מרדכי האָט אויך מיט גרויס התלהבות דערציילט ר׳ נחומטשען וועגן דעם מופת, וואָס ר׳ נחמן, דער „נייער בעל־שם־טוב״, ווי ער רופט אים שוין, האָט באַוויזן פאַר זיין טאָכטער לאהלע און אַז זי איז איצט געזונט ווי אַלע מענטשן. שוין פיר וואָכן ווי זי האָט אַפילו קיין איין מאָל נישט געשפּיגן מיט בלוט און זעט אויס זייער גוט. דער־ביי האָט ער אַ רוף געטאָן צו לאהן, וועלכע איז געבליבן אין פאָדערהויז און צו איר געזאָגט:

— לאהּ, קום אַריין.

לאה איז אַריינגעקומען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. דער רבי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר פון אונטער זיינע גרויסע ברעמען און געזאָגט צו ר׳ מרדכין:

— נו, איך לייג אייך איצט צו מיין ברכה צו דער ברכה פון ר׳ נחמנען און זאָל זי שוין זיין געזונט פון היינט אָן און ווייטער און איר זאָלט פון איר פיל נחת האָבן.

— אָמן! — האָט ר׳ מרדכי נאָכגעזאָגט — אָמן, עס זאָל ווערן וואָר.

— קענט איר מיר זאָגן, ר׳ מרדכי — האָט ר׳ נחומטשע זיך גע־וווּנדערט — פאַרוואָס ר׳ נחמן איז געקומען אַהער? וואָס איז די מעשה?

ר׳ מרדכי האָט איצט בנעימותדיק דערציילט ר׳ נחומטשען אַלץ, פון וואָס זיי האָבן גערעדט אין מעדוועדעווקע, וועגן אַ שידוך צווישן ר׳ אפרימען מיט פריידלען, דעם רבינס שוועסטער, און אַז ר׳ נחמן האָט

געזאָגט, אַז עס איז אַ זיווג מן השמים און האָט געהייסן באַלד פאָרן אַהער און ער איז אויך מיטגעפאָרן.

— אַז ר׳ נחמן זאָגט, אַז עס איז אַ זיווג מן השמים, בלייבט פאַר מיר נישט מער ווי מסכים צו זיין — האָט ר׳ נחומטשע זיך אָנגערופן — ער ווייס בעסער, ווייל ער האָט אַ צד אין הימל, זיין גרויסן זיידן. נו, גוט, ר׳ מרדכי, זייט זשע מוחל און פאַרבעט ר׳ נחמנען און אויך ר׳ אפרימען, זיין שווער, און אַלע וואָס זענען געקומען מיט אים.

— נישט מער ווי נאָך איינער, זיין תלמיד און חבר ר׳ שמעון, אַחוץ מיר און מיין טאָכטער.

— גוט, גוט, קומט אַלע אַהער — האָט ר׳ נחומטשע געזאָגט — זאָגט זיי אַלעמען אין מיין נאָמען, אַז איך בעט זיי צו זיך אַהער.

ר׳ מרדכי איז באַלד אַוועקגעגאַנגען אין דער אכסניה און דאָס געזאָגט ר׳ נחמנען.

— אַוודאי וועלן מיר אַהין גיין צו אים — האָט ר׳ נחמן אויסגעשריגן — ער האָט דאָך אַזאַ גרויסע נשמה!

— טאַטע — האָט לאה זיך אָנגערופן צו ר׳ מרדכין — איך וויל בעסער דאָ בלייבן. איך בין מיד, כ׳וועל עפּעס עסן און זיך לייגן שלאָפן.

— זייער גוט, מיין קינד. טו אַזוי. דו דאַרפסט נישט מיטגיין, דער רבי האָט דיר שוין געגעבן זיין ברכה.

אַ נידעריקער מיט אַ קליין בערדל און מיט קלוגע דורכדרינגענדיקע אויגן, וואָס זענען באַדעקט מיט גרויסע ברעמען, איז ר׳ נחומטשע מיט אַ שטעקן אין דער האַנט געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט אויף ר׳ נחמנען, און גלייך ווי ער האָט אים דערזען, איז ער אים אַנטקעגנגעגאַנגען און אים געגעבן אַ האַרציקן שלום עליכם און צו אים געזאָגט:

— שלום עליכם, ר׳ נחמן, כ׳האָב געהאַט די גרויסע זכיה צו זען צוויי מאָל דיין גרויסן זיידן, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. איצט האָט מיך דער השם יתברך ווידעראַמאָל מזכה געווען צו זען זיין גרויס אוראייניקל, דעם נייעם בעל־שם־טוב.

— עליכם שלום, ר׳ נחום — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט, האַלטנדיק פעסט זיין האַנט אין זיינע — איך האָב אַזוי פיל געהערט פון אייך.

מען רעדט פון אייך, אַז איר זענט אַ צדיק גמור. מיין גרויסער זיידע האָט מיר געזאָגט אין חלום, אַז איר זענט פון די אמתע צדיקים גמורים אין היינטיקן דור.

— דאָס, וואָס דיין זיידע האָט דיר געזאָגט, איז ביי מיר נאָך מער חשובער ווי דאָס, וואָס מענטשן זאָגן און אַפילו וואָס עס זאָגן די מלאכים, ווייל השמים שמים לה׳, דאָרטן זענען דאָ מלאכים און וואָס ווייסן זיי פון די צרות, דאגות און נסיונות פון מענטשן? זיי זענען מלאכים און פאַרשטייען דאָס אַלץ נישט. זעסטו, אָבער, דיין זיידע איז געווען מער ווי אַ מלאך, ער איז געווען אַן איש אלקים. די געטלעכקייט האָט געשפּראָצט פון אים, פון זיין יעדן קער, פון זיין יעדן טראָט, פון זיין יעדן זאָג... אַ קליינִיקייט דיין זיידע!... נו, קומט אַלע אַריין. שלום עליכם, ר׳... ווי הייסט איר?

— אפרים. איך בין ר׳ נחמנס שווער.

— און איך, רבי, בין זיין חבר און זיין תלמיד. מיין נאָמען איז שמעון.

— נו, שלום עליכם אייך אַלע, קומט אַריין.

— יוסף! — האָט ר׳ נחום צוגערופן צו זיך זיין גבאי, אַ נידעריקער, מיט אַ בייכל אַרומגעגאַרטלט מיט אַ דיקן גאַרטל — גיי אַריין צו דער רביצין און זאָג איר, אַז טייערע געסט זענען געקומען, זאָל זי אַריינברענגען כיבוד.

עס האָט נישט לאַנג געדויערט און די רביצין שרה, אַ מיטליעריקע יידענע, וואָס גייט אָביסל איינגעבויגן, אין אַ הייבל, איז אַריינגעקומען און געבראַכט כיבוד און געזאָגט צו אַלעמען:

— כ׳גרייט צו וועטשערע פאַר אַלעמען אויף באַלד נאָך מעריב.

— גוט, רביצין, — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט — אויב אַזוי וועל איך שוין וואַרטן ביז איבער דער וועטשערע. לאה איז מיד און איך דאַרף אויך שוין זיין צוריק אין קיעוו. אָבער איך וועל וואַרטן ביז איבער דער וועטשערע און דערנאָך פאָרן אַהיים.

— וואָס איז דער געאייל, ר׳ מרדכי? — האָט די רביצין אים געפרעגט.

— כ'דאַרף שוין זיין אין דער היים, רביצין. עס איז נאַטשאַלסטוואָ. כ'בין שוין לאַנג אַוועק פון געשעפט, שוין צו לאַנג. איך האָב צו טאָן מיט הויכע לייט, מיט זיי קען מען זיך נישט שפּילן. אָבער, רביצין, כ'וויל מיט אייך עפּעס ריידן — האָט ער געזאָגט צו איר אין דער שטיל.

די רביצין איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים.

— וועגן וואָס? — האָט זי אים אָנגעקוקט נייגעריק.

— וועגן פריידלען.

— אַ שידוך?

— יאָ.

— אפשר מיט דעם יידן?

— געטראָפן! ס'אַ גליק־שידוך.

— טאַקע? נו, אדרבה. שוין צייט, אָבער ווער איז ער?

— ס'איז פיל צו דערציילן. ער איז דעם רבי ר' נחמנס שווער. איר ווייסט שוין וואָס דער רבי האָט געטאָן פאַר מיין קינד? ער האָט דאָך זי אינגאַנצן געזונט געמאַכט! ער האָט געוויזן אַזעלכע וווּנדער, ממש ווי ביי יציאת מצרים, אָבער דאָס איז אַ באַזונדערע זאַך, וועגן דעם וועלן מ'ir ריידן אַן אַנדערש מאָל. אָבער ווען איך האָב אָנגעשלאָגן זיין שווער דעם שידוך מיט פריידלען, האָט דער רבי געהייסן וואַרטן, ביז מען וועט אים ווייזן מן השמים צי עס איז אַ זיווג. און מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט ער געזאָגט, אַז יאָ, ס'איז אַ זיווג, אַז אַזוי האָט מען אים מגלה גע־ווען מן השמים. און ער האָט אונדז געהייסן גלייך פאָרן אַהער און ער אַליין איז אויך מיטגעפאָרן מיט אונדז.

— בלויז צוליב דעם?

— יאָ.

— אויב אַזוי, מוז עס דאָך עפּעס זיין. פריידל ווייס שוין דערפון?

— ניין.

— נו, גייט אַריבער צו איר, זי וווינט דאָך מיט איר זון, הערשל, אין צווייטן הויז פון דאַנען.

— אפשר איז זי אַמאָל נישט גרייט אויפצונעמען געסט? כ'מיין

אפשר וואָלט די רביצין אַזוי גוט געווען און איר געזאָגט, אַז איך וויל זי זען.

— איך קען דאָס טאָן, מיט פאַרגעניגן. אָבער קומט מיט מ׳יט מיר. איר וועט וואַרטן אין דרויסן און איך וועל איר אַריינגיין דאָס זאָגן. דערנאָך וועט איר אַריינגיין און איך וועל גיין אַהיים. איר זון, הערשל, איז אַוודאי דאָרטן, וועט איר ריידן מיטביידן.

— איר קענט אויך זיין דערביי, רביצין, איר דאַרפט נישט אַוועק־גיין. עס איז נישט קיין סוד.

— איך דאַרף צוגרייטן וועטשערע. נו, איר ווילט גיין? קומט!

— גוט — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט און איז אַרויס נאָך דער רביצין. זי איז צוגעגאַנגען צום צווייטן הויז און איז אַריינגעגאַנגען און ר׳ מרדכי איז געבליבן אין דרויסן. באַלד איז די רביצין אַרויסגעקומען און אים געזאָגט, עז ער זאָל אַריינגיין, ווייל פריידל וויל אים זען. ר׳ מרדכי איז גלייך אַריינגעגאַנגען צו איר. פריידל האָט אים באַגריסט, ווייל זי האָט אים גוט געקענט. זי איז געווען פון מיטלוווקס, מיט אַ מילד פּנים. דאָס הייבל אויפן קאָפּ האָט איר געמאַכט אויסזען פיל עלטער. און כאָטש זי איז געווען אַביסל אַ צעגאָסענע, אַ פעטלעכע, איז זי דאָך געווען זשוואַווע אין אירע באַוועגונגען. זי האָט ר׳ מרדכין געפרעגט וואָס ער מאַכט און אים געהייסן זיך זעצן.

— דאָס איז, ר׳ מרדכי, מיין זון, מיין בן־יחיד הערשל — האָט פריידל געזאָגט צו אים. — איר קענט זיך?

— אַביסל — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט — מיר האָבן איינמאָל זיך געהאָט געטראָפן, אָבער נישט גערעדט צו לאַנג.

— שלום עליכם! — האָט הערשל דערלאַנגט די האַנט ר׳ מרדכין — איר קומט איצט, הער איך, פון אַ ווייטער נסיעה און איר האָט גע־בראַכט מיט זיך דעם רבי ר׳ נחמן. איך האָב אים טאַקע געוואָלט זען.

— דו וועסט אים זען שפּעטער ביי וועטשערע — האָט די רביצין זיך אָנגערופן — דו מיט דער מאַמען וועלן קומען צו מיר אויף וועטשע־רע. איך גרייט צו פאַר אַלעמען. איך דאַרף טאַקע באַלד אַהיימגיין צו שטעלן זיך קאָכן.

— זיך נאָך אַ פּאָר מינוט, דו וועסט נישט פאַרשפּעטיקן — האָט פריידל צו איר געזאָגט.

— מ'ען רעדט דיר אַ שידוך, פריידל, — האָט די רביצין אָנגעהויבן — מיט דעם רבי ר' נחמנס שוועך. ער איז אַ ווױלער ייד, זאָגט ר' מרדכי, און ער איז געקומען אַהער, ווייל זיין איידעם, דער רבי ר' נחמן, האָט געהייסן שפּאַנען די פערד און פאָרן. דער רבי האָט געזאָגט, אַז עס איז אַ זיווג מן השמים. וואָס זאָגסטו, פריידל?

— וואָס קען איך זאָגן, אַז איך האָב נאָך דעם מענטש פּאָר די אויגן נישט געזען. און בכלל ווען אַפילו יאָ, וואָס ווייס איך צו זאָגן וועגן דעם? — האָט פריידל געזאָגט, ציענדיק מיט די אַקסלען.

— זי איז גערעכט — האָט די רביצין געזאָגט — פאַרוואָס נישט אַריינרופן דעם חתן אַהער? זאָל ער קומען אַהער און זיך דאָ באַקענען מיט דער כלה און מיט איר זון.

— עס איז אַ גוטער געדאַנק — האָט ר' מרדכי געזאָגט — איך גיי אים באַלד אַהעררופן.

— איר דאַרפט נישט עקסטראַ גיין — האָט די רביצין געזאָגט — איך גיי סיי־ווי־סיי אַהיים, וועל איך אים הייסן אַהערגיין. איך וועל אים זאָגן, אַז איר רופט אים.

— הייסט אויך דעם רבינס חבר, שמעונען, קומען אַהער. זאָלן זיי ביידע קומען. ר' אפרים וועט זיך פילן אַזוי בעסער.

— נו גוט, — האָט די רביצין געזאָגט — איך גיי איצט אַהיים און וועל זיי ביידן שיקן אַהער. איר האָט פיל צייט איצט צו ריידן ביז עס וועט ווערן נאַכט. אָבער ווי נאָר מען וועט אָפּדאַווענען מנחה און מעריב, זאָלט איר באַלד אַלע אַריבערקומען צו אונדז. געדענקט!

— אַ דאַנק, רביצין.

די רביצין איז איצט אַוועק אַהיים. באַלד איז זי אַריין אין שלום־צימער, ווו ר' נחומטשע איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ שמועס מיט ר' נחמנען און ווו ר' אפרים און שמעון זענען געזעסן און גערעדט אין אַן אַנדער ווינקל. זי איז צוגעגאַנגען צו זיי און זיי געזאָגט, אַז ר' מרדכי

רופט זיי. ער איז ביי פריידלען אין הויז און ער און אויך זי בעטן זיי ביידן, אַז זיי זאָלן אַריבערקומען.

ביידע מענער האָבן זיך אויפגעשטעלט צו גיין. די רביצין האָט זיי אַרויסגעפירט אין דרויסן און זיי געוויזן דאָס הויז, ווו אַריינצוגיין.

דער שמועס צווישן ר׳ נחומטשען און ר׳ נחמנען האָט זיך איצט פונאַנדערגעוואקסן.

— איך האָב געהאַט די זכיה צו זיין ביי אייער גרויסן זיידן צוויי מאָל — האָט ר׳ נחומטשע געזאָגט מיט זיין קוויטשיק־קינדערישן קול — בלויז צוויי מאָל, אָבער די צוויי מאָל האָבן געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף מיין גאַנץ לעבן. נאָך זיין הסתלקות בין איך געפאָרן צום „מעזרי־טשער״ און אויך ביי אים האָב איך פיל געלערנט. ער האָט מיר קלאָר געמאַכט זאַכן, וואָס אייער גרויסער זיידע האָט געזאָגט, אָבער איך האָב זיי דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען. דער „מעזריטשער״ האָט פאַר מיר אויפ־געבויט די גאַנצע שיטה פון ר׳ ישראל בעל־שם־טוב. ער האָט זי ממש אַריינגעפלאַנצט אין מיר און דאָס איז איצט מיין גאַנץ חיות. ער האָט מיר געוויזן דעם וועג צו עבודת השם יתברך. דער וועג פון „עבודת השם מאהבה״...

— איך האַלט נאָך נישט אַזוי וויט, ר׳ נחומטשע, — האָט ר׳ נחמן צו אים געזאָגט — איך האַלט נאָך נישט ביי „עבודת השם מאהבה״. דאָס איז נאָר מעגלעך פאַר יחידי סגולה און לאו כל אדם זוכה. איך האַלט, אַז אויב מען קומט צו דער מדרגה פון „עבודת השם מיראה״, איז שוין אויך גענוג.

— עס איז נישט מעגלעך קיין „עבודה מיראה״ אָן „עבודה מאהבה״ — האָט ר׳ נחומטשע געראַדט ווייטער מיט זיין קוויטשענדיקן קול — מיר זאָגן ביים דאַווענען „לשם יחוד קודשא ברוך הוא ושכינתיה בדחילו ורחימו״. דאָס מיינט יראה מיט אהבה צוזאַמען. ביידע גייען צוזאַמען.

— אָבער ווי אַזוי? אויב „יראה״, איז דאָך נישט „אהבה״, און אויב „אהבה״ איז דאָך נישט „יראה״? עס איז דעריבער פאַר מיר נישט קלאָר, ווי אַזוי מען קען דינען דעם רבונו של עולם דורך ביידע מידות מיטאַמאָל. פאַרקערט, ביי מיר קומט עס אויס, אַז עס איז גאָר אַ סתירה.

— מיר מוזן, נחמן, צוריקגיין צום סאַמע מקור פון אייער גרויסן זיידנס שיטה — האָט ר׳ נחומטשע קוים גערעדט — וואָס האָט אונדז אייער זיידע, ר׳ ישראל בעל־שם־טוב, געלערנט? ער האָט אונדז געלערנט, אַז השם יתברך רוט אומעטום און דעריבער דאַרף דער מענטש דינען אים אויף אַזאַ אופן, אַז עס זאָל זיין מיט אַלעם און דורך אַלעם, ווייל „לית אתר פנוי מניה״, עס איז נישטאָ קיין אָרט, וווּ ער איז נישטאָ. ער איז אומעטום, ווייל ער איז דאָס חיות פון יעדער זאַך, אַפילו פון סאַמע גראָבע זאַכן. אויך אין אַלעם, וואָס עס איז ערדיש, איז דאָ כבוד השם יתברך. ווי עס שטייט „אפס בלתך״, דאָס מיינט, אַז אין אַלעם איז דאָ די התגלות אלקים. אין יעדער זאַך איז דאָ פון זיין ז יי ן, ווייל אַלץ איז נאָר זיין לבוש. דערפאַר הייסט ער „חי החיים״, דער לעבנסקראַפט פון אַלעם, וואָס לעבט, פון בהמות, עופות און אַפילו פון ווערים. און טאָמער וועט עמיצער פרעגן, ווי אַזוי קען זיין דאָס חיות פון השם יתברך אין אַזעלכע נידעריקע באַשעפענישן ווי חיות, עופות אָדער גאָר ווערים? — איז דער תירוץ „כביכול צמצם״. דער „אין סוף״ האָט זיך אַליין מצמצם געווען און זיך פאַרקלענערט, כדי ער זאָל קענען רוען אומעטום. דער רבונו של עולם פאַרקלענערט זיך אַליין, כדי צו קענען רוען צווישן אונדז, צווישן די גשמיותדיקע זאַכן און די נידעריקע באַשעפענישן, וואָרום אַלץ, וואָס איז דאָ אין דער וועלט, איז נאָר אַ משל, כדי צו פאַרשטיין דעם נמשל און דאָס איז די בחינת אלקות, וואָס עס איז דאָ אין יעדער זאַך און דעריבער איז „מלא הארץ כבודו״. פונקט אַזוי ווי אַ מלמד וויל געבן אַ קינד צו פאַרשטיין אַ שווערן ענין, מוז ער זיך אַראָפּלאָזן צום קינד און ריידן צו אים מיט זיין לשון, כדי עס זאָל קענען משיג זיין וואָס ער, דער מלמד, וויל אים זאָגן, אַזוי טוט אויך מיט אונדז דער רבונו של עולם.

— נו, געוויס, אַזוי לערנט אונדז דער בעש״ט, אָבער ווי אַזוי קומט דאָס צו „עבודה מאהבה״?

— וואַרט אונטער! מיר וועלן גיין כסדר. לויט אָט דער שיטה קומט אויס, אַז מען דאַרף דינען דעם רבונו של עולם מיט אַלעם, וואָס איז דאָ אין דער וועלט, איז אַלץ דעריבער איינס. מיר דאַרפן דינען אים דורך לערנען תורה, דורך דאַוונען און פונקט אַזוי אויך דורך אונדזער עסן און

טרינקען. אויב אַזוי, אויב אַלץ איז איינס, איז דאָך נישטאָ קיין חילוק צווישן עסן און טרינקען און צווישן טאָן מצוות, ווייל אַלץ איז דאָך איינס, איין עבודה צו השם יתברך; אויף אַזאַ אופן קען מען אַפילו מיט גשמיות אויך דינען דעם כביכול. מען קען אַפילו זאָגן, אַז דאָס דינען דעם רבונו של עולם דורך גשמיות איז נאָך גרעסער ווי דאָס לערנען תורה, ווייל עס איז פיל וויכטיקער דאָס אַרויסברענגען דאָס חיות פון דער געטלעכקייט במקום שפל, ווי דער וואָס איז עוסק אין הויכע ענינים. אויב אַזוי קען מען דאָך נישט דינען דעם רבונו של עולם בלויז מיראה, ווייל דעמאָלט איז עס דאָך באַגרענעצט בלויז צו דעם. דער אמת איז, אַז מיר האָבן ליב פיל זאַכן און די ליבע איז צום געטלעכן, וואָס עס איז דאָ אין דער זאַך. קומט דאָך אויס, אַז מען דינט שוין ממילא דעם רבונו של עולם מאהבה.

— אויב אַזוי, איז דאָך „עבודה מאהבה" נישט גרעסער ווי „עבודה מיראה", ווייל עס איז דאָך אַלץ איינס. טאָ פאַרוואָס האָבן אונדזערע חכמים געזאָגט, אַז „עבודה מאהבה" איז גרעסער ווי „עבודה מיראה"?

— דאָס איז אויך ריכטיק. ווייל עס דאַרף זיין א ה ב ה, וואָס קומט פון י ר א ה. אין פסוק שטייט „את ה׳ אלקיך תירא", דו זאָלסט מורא האָבן פאַרן רבונו של עולם. דאָס איז י ר א ה. „ואותו תעבוד" און אים זאָלסטו דינען. דאָס איז א ה ב ה. „למען חייך", צוליב דעם וואָס ער איז דיין חיות, ווייל די עבודה דאַרף זיין מדעת, ווי עס שטייט „ודע את ה׳ אלקיך", און אַז עס איז דאָ „דעת" איז דאָ ביידע, י ר א ה און א ה ב ה צוזאַמען. וואָרום אַז ווען מען ווייס, אַז דער כביכול איז אומעטום און אַז ער איז דער מקור פון גאַנצן לעבן, איז דאָך נישט מעגלעך, אַז מען זאָל אים נישט ליב האָבן, ווייל דאָס איז דאָך דיין לעבן. אָבער ווייל ער איז אַזוי גרויס און שטאַרק, איז דאָ די מורא פאַר אים. אָט דאָס איז י ר א ה און א ה ב ה.

— אָבער ווי אַזוי פאַרשטייט איר, ר׳ נחומטשע, א ה ב ה? איז עס לויט אונדזערע מענטשלעכע באַגריפן? — האָט ר׳ נחמן אים גע־פרעגט.

— „דברה תורה בלשון בני אדם" — האָט ר׳ נחום אים געענטפערט

— דער זוהר זאָגט אונדז כסדר, אַז די דבקות, די באַהעפטונג אין אים כביכול, דאַרף זיין לויטן סוד הזיווג. די כנסת ישראל איז אין דער בחינה פון אַן אשה, וואָס נעמט אויף די שפע פון אַ מאַן. זי גלוסט שטענדיק צו אים און ער, כביכול, שטרעבט זיך צו באַהעפטן מיט איר, מיט דער כנסת ישראל. אָט דער זיווג ווערט דורכגעפירט דורך דער תורה און דאָס איז דער טייטש פון פסוק „תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב". מען דאַרף נישט לייענען דאָס וואָרט „מורשה", נאָר „מאורסה". דורך דער תורה ווערט די כנסת ישראל פאַרבונדן מיטן הקדוש ברוך הוא און דערפאַר שטייט אין פסוק „לך אל העם וקדשתם", דו זאָלסט גיין צום פאָלק און עס מקדש זיין, ווי מען איז מקדש א כלה, און דעמאָלט ווערט פאַראייניקט (בחינת נוקבא ודוכרא) השם יתברך מיט דער כנסת ישראל. אַזוי ווי באַלף אלפי הבדלות אַ קערפּערלעכער זיווג, וואָרום אַלץ ווענדט זיך פון דער „התעוריתא דלתתא", ווען מיר דערוועקן זיך צו באַהעפטן מיטן בורא עולם, פון אונטן אַרויף, ווערט געשאַפן אַ תשוקה ביי אים כביכול. פון אויבן אַראָפּ, משפיע צו זיין אויף אונדז אַלדאָס גוטס און ברכה והצלחה.

— און וואָס איז לויט אייער מיינונג, רבי, די אויפגאַבע פון צדיק? — האָט ר' נחמן אים געפרעגט.

— דער צדיק — האָט ר' נחומטשע אים געענטפערט פול מיט רגש — איז דער צינור, דער קאַנאַל, וואָס פירט אַראָפּ די שפע פון דער אויבערשטער וועלט צו דער אונטערשטער. דער גאַנצער דור לעבט אין זכות פון צדיק. אַמאָל ווען יידן האָבן עוסק געווען בתורה ומעשים טובים, איז געווען גענוג איין צדיק אין אַ דור. אָבער איצט בעוונותינו הרבים, ווען מענטשן זענען פול מיט עבירות, מוז מען האָבן אַ סך צדיקים, כדי אויפצוהאַלטן די וועלט.

— אויב אַזוי, רבי, — האָט ר' נחמן ווייטער געטענהט — וויל איך אייך פרעגן נאָך צוויי קשיות. ראשית, וואָס טראַכט איר וועגן די יעניקע, וואָס זיצן כסדר און לערנען. זיי זאָגן פשטלעך, אַז עס גייט אַזש אַ רויך, אָבער קיין אַנדערע זאַכן טוען זיי נישט. זענען זיי אויך צדיקים גמורים אָדער נישט?

— ניין, ר' נחמן, — האָט ר' נחומטשע גערעדט שוין מיט האַרץ

— די וואָס זענען עוסק נאָר אין פּלפּול און האָבן נישט די מורא פאַרן כביכול פאַר זייערע אויגן, זיי זענען גאָרנישט מתקן, ווייל דער לימוד התורה דאַרף זיין על טהרת הקודש פול מיט יראה און אהבה צו אים יתברך. זיי האָבן שלעכטע מידות און זענען ווייט פון צו דינען דעם רבונו של עולם. דער יצר־הרע טאַנצט אַרום ביי זיי אין קאָפּ און זייער לערנען תורה איז גאָרנישט ווערט. דעריבער מוז מען זיך ווענדן נאָר צו יענעם צדיק הדור, וואָס גייט אין די וועגן פון אייער גרויסן זיידע, וועלכער קען באַווייזן מופתים דורך דעם, וואָס ער איז זיך מתיחד מיט דער שכינה.

— און וואָס איז, רבי, אייער מיינונג וועגן פּדיונים? דאַרף אַ צדיק נעמען פּדיונים אָדער מתנות פון די יעניקע, וועלכע ער העלפט? די קשיא איז ביי מיר די סאַמע שווערסטע, ווייל איך וויל פון קיין שום געלט־ענינים נישט וויסן. אָבער איך זע, אַז אונדזערע צדיקים נעמען יאָ פּדיונים. ווי אַזוי איז אייער מיינונג, ר׳ נחום?

— דער צדיק באַזאָרגט אַלע, וואָס גלייבן אין אים, מיט אַלעם וואָס זיי באַדאַרפן: מיט פּרנסה, מיט רפואות הנפש והגוף און מיט אַלע אַנדערע הצטרכותן. מוז דעריבער דער, וואָס קומט צו אים, נישט זיין בלויז אַ מקבל, נאָר אויך אַ נותן. על פּי רוב זענען די צדיקים נישט מענטשן פון משא־ומתן און פאַרנעמען זיך נאָר מיט הויכע ענינים צו ברענגען שפע און הצלחה צו די יידן. נו, דעריבער איז נישט מער ווי אַ יושר, אַז די יידן, וואָס קומען צו אים, זאָלן אים העלפן. פאַראַן צדיקים וואָס פאַרלאַנגען אַ גרויסע „נתינה״, כדי צו קענען לעבן ברייווח און נישט האָבן קיין שום דאגה פון פּרנסה, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס זענען זיך מסתפּק במיעוט. אָבער צו קריגן אַ נתינה אין אופן פון אַ פּדיון, איז נישט קיין קרומע זאַך. דער צדיק האָט דאָס פאַרדינט מיט זיינע מעשים.

ר׳ נחמן האָט גראַד געהאַט אויף דעם וואָס צו ענטפערן. ער האָט כלל נישט מסכים געווען מיט ר׳ נחומטשען אין דעם פּרט, אָבער פּונקט דאָ איז אַריינגעקומען ר׳ נחומטשעס גבאי, ר׳ יוסף, און דערמאָנט זיי ביידן, אַז עס איז שוין באַלד פינצטער און אַז זיי דאַרפן דאַווענען מנחה און מעריב.

— איך האָב ליב צו דאַווענען ביחידות — האָט ר׳ נחמן געזאָגט.

— עס ווענדט זיך וואָס פאַר יחידות — האָט ר׳ נחומטשע אים געענטפערט — מען קען אַמאָל דאַוונען בציבור און דאָך דאַוונען ביחידות, און אַמאָל דאַוונען ביחידות און דאָך בציבור.

— איך מיין טאַקע אָט די יחידות — האָט ר׳ נחמן זיך אָנגערופן.

דער גבאי האָט איצט געוויזן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל אַריינגיין אין אַ באַזונדער חדר, ווו ער וועט זיין איינער אַליין. ר׳ נחמן האָט אַזוי געטאָן. ר׳ נחומטשע איז אַריינגעגאַנגען אין זיין מנין, ווו מען האָט שוין געוואַרט אויף אים, און זיך געשטעלט דאַוונען.

ווי נאָר די רביים זענען אַרויס פון דער שלום־שטוב, איז אַריינגעקומען דאָרטן די רביצין און גענומען גרייטן צום טיש. איין טיש פאַר די מאַנסלייט און אַ צווייטן פאַר די ווייבער; ווייל ר׳ נחומטשע האָט קיינמאָל נישט געגעסן, אַפילו שבת און יום־טוב, ביי איין טיש מיט זיין אשה, אָדער אַפילו מיט זיין שוועסטער, און אַוודאי נישט מיט אַנדערע. דעם טיש פאַר די מאַנספאַרשוינען האָט זי געגרייט פאַר זיבן מענטשן, אויבן־אָן ר׳ נחומטשע, ווי אַלעמאָל, און נעבן אים אַ פּלאַץ פאַר ר׳ נחמנען. אַחוץ דעם האָט זי געגרייט אויך פאַר ר׳ אפרימען, פאַר ר׳ מרדכין, פאַר שמעונען, פאַר הערשלען און פאַר ר׳ נחומטשעס גבאי, ר׳ יוסף.ביים טיש פאַר די נשים האָט זי געגרייט בלויז פאַר פריידלען, פאַר לאהן און פאַר זיך.

באַלד זענען אָנגעקומען ר׳ מרדכי, ר׳ אפרים און שמעון און נאָך זיי פריידל מיט הערשלען. דער גבאי האָט אָנגעצונדן דעם גרויסן לאָמפּ, וואָס מען צינדט אָן נאָר לכבוד שבת אָדער יום־טוב. און ווען ר׳ נחומטשע און ר׳ נחמן זענען פאַרטיק געוואָרן מיט „מעריב" און זענען אַריינגעקומען, האָט דער גבאי זיי געהייסן זיך וואַשן און זיך זעצן צום טיש, וואָס זיי האָבן אויך געטאָן. ר׳ מרדכי איז אַוועק אין אכסניה און האָט אויפגעוועקט לאהן, וועלכע איז געשמאַק געשלאָפן אַ גאַנצן נאָכמיטאָג, און זי אַריינגעפירט צום רבין און אַוועקגעזעצט ביים טיש פאַר די ווייבער.

די רביצין האָט געהאַט אָפּגעקאָכט אַ קרופּניק און געגעבן יעדן אַ שיסעלע און אַלע האָבן עס געגעסן מיט ברויט און דערפון אָנגעקוואָלן.

ווער עס האָט געוואָלט, האָט געקראָגן נאָך אַ שיסעלע. קיין פלייש האָט מען אין מיטן דער וואָך ביי ר׳ נחומטשען נישט געגעסן.

נאָכן עסן האָט ר׳ מרדכי זיך אָנגערופן און געזאָגט צו אַלעמען:

— רבותי, איך וויל ביי אייך נעמען רשות צו זאָגן אַ פּאָר ווערטער, ווייל איך וועל באַלד נאָך דער וועטשערע מוזן אַוועקפאָרן. אייער גבאי האָט מיר געזאָגט, אַז די גמרא זאָגט אַז ווער עס הייבט אָן אַ מצווה, דאַרף זי ענדיקן. איך האָב אָנגעהויבן אַ שטיקל מצווה פון הכנסת כלה און גערעדט אַ שידוך פריידלען און דער רבי׳ ר׳ נחמן האָט אונדז געזאָגט, אַז ער זעט, אַז דער שידוך וועט עולה יפה זיין און האָט אונדז געהייסן גלייך פאָרן אַהער, און אויך ער אַליין בכבודו ובעצמו איז מיטגעפאָרן. נו, דאַרף מען דערפירן די זאַך לידי גמר. וואָס זאָגט איר, ר׳ נחומטשע? — האָט ער זיך געווענדט צו אים.

— לאָמיר פריער הערן קול חתן וקול כלה, וואָס דער חתן זאָגט און וואָס די כלה זאָגט. וואָס זאָגסטו, פריידל?

— איך זאָג — האָט זי זיך אָנגערופן שעמעוודיק — אַז אויב דו, מיין ברודער, וועסט זאָגן יאָ, וועט זיין יאָ.

— און וואָס זאָגט דער חתן? — האָט ר׳ נחומטשע געקוקט אויף ר׳ אפרימען.

— איך האָב געפאָלגט מיין איידעם, וואָס האָט מיר געהייסן פאָרן אַהער. ער זאָגט, אַז עס איז אַ זיווג מן השמים.

— נו, אויב אַזוי, בלייבט פאַר מיר מער נישט איבער — האָט ר׳ נחומטשע אויסגעפירט — ווי צו בענטשן אייך, אַז איר זאָלט זיין אַן אמתער זיווג און לעבן בשלום ושלוה און האָבן פיל נחת, אָמן.

— אָמן — האָט דער גבאי ר׳ יוסף אָפּגעענטפערט — נו, אויב אַזוי, דאַרף מען דאָך מקבל קנין זיין.

באַלד דערויף האָט דער גבאי אַרויסגענומען פון קעשענע אַ רויט טיכל און עס דערלאַנגט ר׳ אפרימען, וועלכער האָט עס אָנגערירט מיט דער האַנט. דערנאָך האָט ער עס געגעבן פריידלען און אויך זי האָט עס אָנגערירט מיט איר האַנט. דער גבאי האָט באַלד דערנאָך אויסגערופן:

— מזל טוב! מזל טוב, יידן! זאָל זיין מיט מזל!

— מזל טוב! מזל טוב! — האָבן אַלע אָפּגעענטפערט.

— וועגן דעם זמן־החתונה און אויך ווו די חתונה זאָל זיין, וועט מען באַשטימען שפּעטער — האָט ר׳ נחומטשע געזאָגט.

— עס קען זיין אין אַ האַלב יאָר אַרום — האָט די רביצין זיך אָנגערופן — אָבער נישט דאָ אין טשערנאָביל, צוליב פיל טעמים. איך וואָלט געהייסן, אַז מען זאָל מאַכן די חתונה גאָר אין מאַהילעוו.

— זייער גוט, — האָט זיך אָנגערופן ר׳ נחומטשע — אויב אַזוי, וועלן מיר דאָרטן באַלד אָפּהאַלטן אויך אַן אַסיפה פון רביים צו באַטראַכטן וואָס צו טאָן קעגן די מתנגדים, וואָס רודפן אונדז אַזוי שטאַרק. אָבער וועגן דעם וועלן מיר ריידן שפּעטער.

— איצט זאָג איך אייך אַ גוטע נאַכט — האָט ר׳ מרדכי געזאָגט, אָנהאַלטנדיק לאהן ביי זיין האַנט — איך פאָר איצט אַהיים, אָבער אויב איר וועט מיך דאַרפן לאָזט מיר גלייך וויסן, וועל איך קומען אַהער. אַ גוטע נאַכט אַלעמען!

— אַ גוטע נאַכט, ר׳ מרדכי! פאָרט געזונטערהייט צוזאַמען מיט אייער טאָכטערל! — האָבן קולות פון אַלע זיי באַגלייט. באַזונדערס דאָס קוויטשיקע קול פון ר׳ נחומטשען.

ר׳ מרדכי און לאה זענען איצט אַרויס צו זייער בריטשקע און אָפּגעפאָרן אַהיים.

**31**

שמעון איז אַרומגעגאַנגען די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געווען אין טשערנאָביל, ווי אויף אַ פרעמדער חתונה. ער האָט אויסגעהערט אַלץ, וואָס ר׳ מרדכי האָט דערציילט, וואָס ר׳ אפרים האָט מיט אים געשמועסט און וועל כולם, וואָס ר׳ נחמן, זיין חבר און רבי, האָט מחדש געווען יעדן טאָג. אָבער אין האַרצן האָט גענאָגט אַ וואָרעם און זיינע געדאַנקען זענען געווען אַנדערשווו — ביי זיין שוועסטער גיטעלע.

דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס פונקט אין דעם טאָג, וואָס ר׳ מרדכי איז אָנגעקומען קיין מעדוועדעווקע, האָט ער, שמעון, געקראָגן אַ בריוו פון גיטעלען מיט אַ וועלט פון נייעס. ערשטנס, האָט ער גאָרנישט געוווּסט,

אַז גיטעלע האָט שוין אַ קינד, אַ ייִנגעלע וואָס הייסט לוי, און איז שוין אַלט אַ יאָר. גיטעלע שרייבט אים, אַז זי האָט אים דאָס געשריבן שוין העכער אַ יאָר, באַלד נאָכדעם ווי דאָס קינד איז געבוירן געוואָרן, און זי האָט אַ טענה צו אים, פאַרוואָס ער האָט איר נישט געענטפערט און איר נישט געוווּנטשן קיין מזל טוב און בכלל האָט זי שוין פון אים נישט געהערט אַ לאַנגע צייט. זינט ער איז געווען אין קרעמעניץ־פּאָדאָלסק און זי פרעגט אים אויך אין בריוו, וואָס דאָס זאָל באַדייטן. איז ער ברוגז אויף איר? אָדער ער שעמט זיך מיט איר, און עס פּאַסט אים נישט, אַז זי זאָל זיין זיין שוועסטער? אויסער דעם האָט זי אים געשריבן גאָר אַ וויכטיקע נייעס, אַז זי האָט זיך געגט מיט איר מאַן, אהרן, ווייל ער האָט געצויגן צו פיל צו דער טומאה און זי האָט מיט אים גאָרנישט געקענט מאַכן. אַנשטאָט זי זאָל אים אַרויסרייסן פון דער טומאה, האָט ער, פאַר־קערט, געוואָלט זי וואָס מער אַריינשלעפּן אין איר. דער סוף איז גע־ווען, אַז זיי האָבן זיך געגט אין טולטשין,ביים רב. זי האָט נישט גע־וואָלט אַנדערשווו, נישט ביי איינעם פון די פראַנקיסטישע רבנים, נאָר ביי אַן אמתן רב. זי האָט זיך אויך אויסגערעדט, אַז דאָס קינד זאָל בלייבן ביי איר און אַז זי וועט פון אים מאַכן אַן אמתן ייד. ווייטער שרייבט זי אים, אַז זי איז נאָך אין קרעמעניץ, אָבער זי וואָלט געוואָלט פון דאָרטן אַוועק. קרעמעניץ ווערט וואָס אַמאָל אויסגעליידיקט פון די ווייסע „חברה־לייט", שרייבט זי אים, ווייל זיי שמדן זיך צוביסלעך אויס. דער בישאָף פאַרלאַנגט אַ געוויסע צאָל יעדעס האַלבע יאָר, און די, וואָס שמדן זיך, דאַרפן נישט מער וווינען אין קרעמעניץ. זיי קענען וווינען אומעטום. די איבעריקע, די וואָס ווילן זיך נישט שמדן, אַנטלויפן פון קרעמעניץ, ווייל דאָ איז פאַראַן אויף זיי אַ דרוק, אַז זיי זאָלן אויסטוישן דאָס רענדל. איר, גיטעלען, טשעפּעט מען שוין נישט, אָבער עס איז איר נישט גוט. זי האָט דאָ אַ פרייע וווינונג אין הויז, וואָס האָט געהערט צו איר מאַן און צוליב דעם איז זי דאָ, ווייל זי קען דאָ וווינען, לויט די גט־באַדינגונגען, ווי לאַנג נאָר זי וויל. אָבער דאָך איז דאָ פאַר איר קיין פּלאַץ נישט.

צום סוף פון בריוו שרייבט זי אים אַזוי: „שמעון, עס וואָלט מיר שוין געמעגט זיין גוט. צוליב די זינד פון מיין טאַטן האָב איך פאַרלוירן

נחמנען און שפּעטער זיך פּאַרדרייט דעם קאָפּ מיט אַ נאַרישן בחור. טאָ ווי לאַנג איז דער שיעור צו ליידן? איך וואָלט איצט געוואָלט געפינען אַ מענטשן, וואָס זאָל מיר זיין צום האַרצן, וועלכער זאָל מיך פאַרשטיין און אַרויסנעמען מיך פון אָט דער בלאָטע. איך וואָלט געוואָלט האָבן איי־נעם, וואָס גייט אויפן וועג פון חסידות, ווייל נאָר אַזאַ איינער איז אויפן וועג פון אמת. ביי זיי, ביי די חסידים, איז דאָ התלהבות און שמחה של מצווה און דאָס איז דער עיקר. אָבער ווו קען איך געפינען אַזאַ איינעם? און אויף צו זוכן — טויג איך נישט. איך בין נישט דער מענטש דערצו... דערפאַר טוט מיר ווי דאָס האַרץ און איך זע מיין לעבן זייער טרויעריק".

און זי ענדיקט דעם בריוו אַזוי:

„ענטפער מיר באַלד, ליבער ברודער, כ'האָב דאָך נישט קיינעם מער אין דער וועלט ווי דיך. דו האָסט דאָך מיך אַמאָל אַזוי ליב געהאַט און אַזוי גוט פאַרשטאַנען. פאַרוואָס ביסטו איצט אַזוי קאַלט צו מיר? גע־דענק, זאָג נישט אַ וואָרט וועגן דעם נחמנען. אים טאָר מען נישט מצער זיין און נישט מבלבל זיין זיינע רעיונות. כ'האָב געהערט, אַז ער איז געוואָרן אַ רבי. גוט אַזוי, זאָל ער גיין אויף דעם וועג. דעריבער טאָר ער נישט וויסן קיין וואָרט וועגן מיר. דאָס וועט אים נאָר צערודערן און דאָס וויל איך אויף קיין פאַל נישט. ווייז נישט מיין בריוו קיינעם, ווייל מען קען עס נאָך אָפּטראָגן צו אים. דער בריוו איז געשריבן געוואָרן נאָר צו דיר, שמעון, און ענטפער מיר באַלד און זיי צו מיר אַ ברודער און זיי ווי דו ביסט פריער געווען... דיין גיטעלע".

„זיי צו מיר אַ ברודער און זיי ווי דו ביסט אַמאָל געווען!"... — געוואַלד געשריגן, איז ער דען איר נישט ווייטער איר ברודער?... איז ער דען נישט גרייט צו טאָן פאַר איר אַלץ אין דער וועלט?... עס זעט אויס, אַז איין בריוו איז פאַרלוירן געגאַנגען. יאָ, עס איז זייער גוט, וואָס זי איז אַוועק פון אהרנען... ער איז נישט געווען פאַר איר... ער האָט גע־צויגן צו דער טומאה, און זי ציט צו דער קדושה... עס איז גוט אויך, וואָס דאָס קינד איז מיט איר... זי וועט עס דערציען צו זיין אַ ייד, אַן אמתער ייד... אַך, ווי גליקלעך איז ער, וואָס זי וויל איצט חתונה האָבן מיט איינעם פון די חסידים... זי זעט איר גאַנצע אויסלייזונג נאָר דורך

חסידות... אָבער זי איז נאָך אין קרעמעניץ... זי שטעקט נאָך אין דער טומאה, אָבער זי בענקט אַזוי שטאַרק נאָך דער קדושה... זי וויל תתונה האָבן איצט מיט איינעם פון אונדזערע מענטשן... אָבער ווו געפינט מען אַזאַ איינעם? ובפרט נאָך נאָכדעם וואָס זי האָט אַלץ שוין מיטגעמאַכט...

אָבער — דאָ שטעלט זיך שמעון אָפּ — עס איז אים נעכטן דורכגעלאָפן אַ געדאַנק, ווען ער האָט זיך באַקענט מיט הערשלען... הערשל איז זייער אַ ווויִלער בחור... ער איז אַ גרויסער למדן, אַ בקי אין ש״ס און פוסקים. עס איז אים אויך נישט פרעמד די וועגן פון נסתר און איז אויך געלערנט אין אַנדערע חכמות. ער קען עטלעכע שפּראַכן און ער האָט געלייענט פיל פון זייערע ביכער, אָבער ביי דעם אַלעם איז ער געבליבן פרום... וואָס הייסט פרום?... ער איז זייער אָפּגעהיטן און איז מדקדק במצוות כחוט השערה... און וואָס פאַר אַן איידלקייט עס ליגט אויסגעגאָסן אויף זיין לענגלעך בלאַס אַליוור־פּנים, וואָס איז איינגעזוימט אין צוויי שוואַרצע פאות מיט אַ שיטער שוואַרץ בערדל. ער איז הויך, אַזוי ווי גיטעלע און ער וואָלט גיטעלען פאַרשטאַנען... יאָ, ער — זי און זי — אים... זיי וואָלטן געווען אַן אמתע פּאַרפאָלק... אַ זיווג מן השמים. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?...

עס איז דעם אַנדערן טאָג אין דער פרי אין טשערנאָביל. שמעון איז אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. פיל פון די געדאַנקען האָבן אים געמאַטערט און נישט געגעבן קיין רו. ער האָט אָבער געטאָן איין גוטע זאַך. נאָך נעכטן האָט ער זיך אָפּגערעדט מיט הערשלען צו טרעפן זיך היינט אין דער פרי, האַלב נאָך ניין אין בית המדרש. ער וויל מיט אים ריידן... ער וויל מיט אים ווערן נענטער... ער פילט ווי ער וואָלט געקענט ריידן מיט אים אַ גאַנצן טאָג... יאָ, אַפילו פיל מער נאָך ווי מיט ר׳ נחמנען... מיט ר׳ נחמנען קען ער איצט נישט ריידן אַזוי אָפן... ר׳ נחמן איז איצט רבי... ער קוקט אַרויף צו אים... ער מוז ריידן צו אים געציילטע ווערטער... נישט אַזוי ווי אַמאָל. אַמאָל האָט ער געקענט ריידן צו אים פריי... עס האָט זיך אַליין גערעדט, ער האָט נישט געדאַרפט היטן זיך מיט אַ וואָרט... איצט אָבער איז נישט אַזוי, ער האָט איצט אַפילו מורא צו ריידן מיט אים... ער קען נישט ריידן אַלץ, וואָס קומט אים אויפן רעיון...

אָבער מיט הערשלען — יאָ... ער האָט נאָך נישט גערעדט מיט אים, אָבער ער פילט, אַז ער וועט קענען ריידן מיט אים אָפן וועגן אַלעם... ווייל אויב נישט אָפן, טויג נישט... ריידן אַנדערש קען ער נישט... אָבער צי זאָל ער ריידן אָפן אויך וועגן גיטעלען?... ער וועט זיכער דאַרפן עפּעס זאָגן אים וועגן איר... וואָס זאָל ער זאָגן?... וואָס איז בעסער: זאָל ער אים אויסזאָגן אַלץ, אָדער גאָרנישט?... אָדער זאָל ער אפשר זאָגן אַביסל, זיין אַ מגלה טפח ומכסה טפחיים... ניין, דאָס קען ער נישט... עס איז אַזוי שווער פאַר אים... אויב אַזוי איז בעסער נישט אָנצוהייבן, ער קען נישט, יאָ זאָגן און נישט זאָגן... ניין, ער וועט פאַר הערשלען גאָרנישט באַהאַלטן... אָט אַזוי פילט ער... געוויס, אויב ער טראַכט עפּעס וועגן אַ שידוך, מוז ער דאָך גיין מיטן אמת... ראשית, ווייל עס וועט דאָך סיי־ווי־סיי אַרויסקומען און שנית, אויב נישט, מיינט עס דאָך אָפּנאַרן, און דאָס וועט ער נישט טאָן, אַפילו ווען גיטעלע זאָלן שטיין דערביי און אים הייסן דאָס טאָן... אָדער ער וועט ריידן וועגן אַלעם, אָדער ער וועט גאָרנישט ריידן... ער פילט אַפילו, אַז כאָטש גיטעלע האָט אים נישט געהייסן ווייזן דעם בריוו צו קיינעם, וועט ער א י ם יאָ ווייזן... באַטירלעך וועט ער אים אָנזאָגן, אַז ער זאָל נישט זאָגן קיין וואָרט וועגן דעם ר׳ נחמנען, אָבער ער וועט אים דערציילן וועגן גיטעלען אַלצדינג... ער וועט גאָרנישט באַהאַלטן... אַלץ, פון אָנהייב אָן, אַז זי איז געווען ר׳ נחמנס כלה און ווי זיינע עלטערן האָבן פאַר דער חתונה אָפּגעבראָכן דעם שידוך צוליב איר פאָטער; וועגן די נעכט מיט אלישע און דער חיה־רעה; וועגן אהרנען; וועגן זיין אייגענער רייזע קיין קרעמעניץ, און ווי אַזוי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דאָרטן זיין פאָטער... און צום סוף, וואָס גיטעלע שרייבט אים און וועט אים ווייזן איר בריוו... זאָל ער אַלץ וויסן...

און ווידער האָט שמעון אָנגעהויבן צו טראַכטן, צי עס איז גוט אַזוי... אפשר נישט? אפשר גאָרנישט דערציילן... שמעון איז אָבער נישט געווען קיין וואַקלדיקער... ער האָט טאַקע ביי יעדער זאַך געוויגן און געמאָסטן, אַלץ וואָס עס קען זיין אויף יאָ. קעגן אַלעם וואָס עס קען זיין אויף ניין. אָבער ער איז דערנאָך געקומען צו אַ החלטה און אַזוי האָט ער געטאָן. אויך דאָסמאָל האָט שמעון געזאָגט צו זיך אַליין: הערשל גע־

פעלט מיר און איך וועל זיין מיט אים אָפן. איך וועל נישט ריידן צו אים אחת בפה ואחת בלב...

שמעון איז איצט אַוועק אין בית המדרש אַריין מיט אַ פעסטער מיי־נונג און האָט טאַקע באַלד געטראָפן הערשלען.ביידע האָבן זיך באַגריסט ווי אַלטע חברים און גענומען ריידן וועגן אַלעם. צום ערשטן האָט הערשל געוואָלט וויסן אַלץ וועגן ר׳ נחמנען, און שמעון האָט אים אַלץ דער־ציילט, אַלץ וואָס ער האָט געוווּסט וועגן אים. דערנאָך האָט אים הערשל דערציילט וועגן זיך, וועגן זיין קינדהייט ביז איצט. שפּעטער האָט שמעון ווידער אים דערציילט אַלץ וועגן זייער הויז און דאָ איז ער צוגעקומען צו גיטעלען און אים אָנגעהויבן צו דערציילן אַלץ וועגן איר...

און הערשל איז געזעסן און האָט אויסגעהערט יעדעס וואָרט, וואָס שמעון האָט אים דערציילט וועגן גיטעלען, ווי וועגן אַ מענטשן, וואָס ער וואָלט שוין לאַנג געקענט... ער האָט אים טיילמאָל עפּעס איבערגע־פרעגט און טיילמאָל אויך געבעטן, אַז ער זאָל אַ געוויסע זאַך נאָכאַמאָל דערציילן. ער האָט ממש געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס איז אַרויס פון שמעונס מויל, ביז שמעון איז געקומען צום בריוו און האָט אים געוויזן הערשלען, וועלכער האָט אים געלייענט און געלייענט פאַר אַ צייט לאַנג. ער האָט גאָרנישט געוואָלט דעם בריוו אַרויסלאָזן פון זיין האַנט. באַלד האָט ער געזאָגט צו שמעונען:

— דיין שוועסטער איז מיר געוואָרן נאָענט באַלד ווי דו האָסט אָנ־געהויבן צו ריידן וועגן איר, און וואָס מער דו האָסט גערעדט פון איר, אַלץ זיכערער בין איך געוואָרן, אַז זי איז מיין זיווג... זי האָט אַ גרויסע נשמה, דיין שוועסטער. און אַזאַ איינע זוך איך אַרום. עס מאַכט מיר נישט אויס דאָס, וואָס זי האָט זיך געחברט מיט יענע לייט, זי איז פון זיי אַרויס געלייטערט... זי האָט געוואָלט זיי מתקן זיין... זי איז דווקא דאָרטן, אין דער טומאה, געשטיגן אַלץ העכער און העכער און איצט בענקט זי נאָר נאָך קדושה. איך וואָלט זייער שטאַרק געוואָלט זי זען.

— אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס? — האָט שמעון געפרעגט.

— איך האָב אַן עצה — האָט הערשל געזאָגט — זאָל זי קומען אויף דער חתונה פון מיין מאַמע מיט ר׳ אפרימען.

— דאָס איז אַ געדאַנק — האָט שמעון געזאָגט — אָבער אויף דער חתונה וועט דאָך אויך זיין ר׳ נחמן און זי וויל זיך נישט טרעפן מיט אים. זי וויל אים נישט מבלבל זיין זיינע רעיונות, אַזוי ווי זי שרייבט אין בריוו.

— זייער גוט. זי דאַרף זיך טאַקע נישט טרעפן מיט אים, דאָס איז אויך מיין מיינונג — האָט הערשל געזאָגט — עס טויג בכלל נישט. מיר דאַרפן זיך נישט זען, ווען זי קען האָבן רעיונות וועגן אַ פריערדיקן... דע־ריבער, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?...

— איך האָב אַן עצה — האָט שמעון אַ מאַך געטאָן מיט דער רעכ־טער האַנט — זאָל זי נישט קומען צו דער חתונה, נאָר שפּעטער. אויב זי וועט קומען צו דער חתונה, מיינט עס, צו זיין דאָ די גאַנצע שבע ברכות. דעמאָלט איז לאָ ימלט, אַז ער זאָל איר נישט זען. זאָל זי דערי־בער קומען צום סוף פון די שבע ברכות. איין נאַכט קען זי מאַכן, אַז ער זאָל איר נישט דערקענען און דערנאָך, ווען ער וועט אַוועקפאָרן, וועט זי בלייבן.

— דאָס איז גוט — האָט הערשל געזאָגט. — ווייסטו וואָס, שמעון, שרייב איר וועגן דעם אַלעם. שרייב איר, אַז איך האָב דיר געהייסן איר אַזוי שרייבן...

— זייער גוט — האָט שמעון געזאָגט — איך וועל איר טאַקע נאָך היינט שרייבן אַ בריוו. די מעשה איז וואָס איך בין זיכער, אַז ר׳ נחמן וועט עס סיי־ווי וויסן. מען איז אים מגלה מן השמים אַ סך זאַכן. אָבער אין דומה שמיעה לראיה, זאָל מען אים מגלה זיין. איך וועל אים שפּע־טער סיי־ווי אַלץ דערציילן.

שמעון און הערשל האָבן איצט נאָך גערעדט וועגן פיל אַנדערע זאַכן און, ווען עס וואָלט זיי נאָר נישט געהונגערט, וואָלטן זיי געשמועסט אַ גאַנצן טאָג און פאַרגעסן גאָר ווו זיי זענען אין דער וועלט. אַזוי צוגע־צויגן זענען זיי געוואָרן איינער צום אַנדערן.

נאָך מיטאָג האָט שמעון זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן אַ בריוו צו גיטעלען. אָבער דאָס איז פאַר אים געווען זייער אַ שווער שטיקל אַר־בעט און ער האָט זיך דערביי באַגאָסן מיט שווייס. קיין כתבא רבא איז

שמעון קיינמאַל נישט געווען. דעריבער, ווען ער האָט געדאַרפט שרייבן צו איר און איר מסביר זיין דעם גאַנצן ענין וועגן הערשלען, אַז זי זאָל עס זען אַזוי ווי ער זעט עס, איז עס פאַר אים גאָרנישט אַזוי גרינג געווען. אַחוץ דעם האָט ער געוואָלט, אַז ווען ער שרייבט שוין, אויך צו שרייבן איר עפּעס וועגן זיך. ער קען דאָך נישט שרייבן צו איר און נישט דערמאָנען אַ וואָרט וועגן זיך. און וועגן זיך האָט ער איר גראָד פיל צו זאָגן... זיין האַרץ איז צעוויייטיקט, אפשר נאָך פיל מער ווי אירס... און וואָס איז ער שולדיק? איז ער שולדיק וואָס דבורהלע איז געוואָרן אַ קאַליקע? איז ער שולדיק, אַז ראָזע האָט אים ליב? און איז ער שולדיק אַפילו, ווען אויך ער האָט זי ליב?... אָט האָט שוין דבורהלע אַ קינד און ער איז גאָר פון איר אַוועק... ער זעט נישט נישט זי און נישט דאָס קינד... און אַפילו, ווען ער זעט זי, איז אויך אַזוי גוט ווי נישט געזען, ווייל זיין האַרץ איז נישט מיט איר... און ראָזען זעט ער אויך נישט... זי בענקט צו אים און ער צו איר... אָבער אַפילו ווען זיי זעען זיך, קענען זיי איינער צום אַנדערן אַפילו אַ וואָרט נישט אַרויסריידן. מען טאָר נישט וויי־טאָן דעם און מען טאָר נישט וויי־טאָן יענעם, אָבער מען מעג וויי־טאָן זיך אַליין, אָט דאָס מעג מען... ווי מאָדנע דאָס לעבן איז!...

אַזוי טראַכטנדיק וועגן דעם ענין, האָט שמעון געשריבן און געמעקט, געמעקט און געשריבן ביז עס איז געוואָרן טונקל. ער האָט איצט אַוועקגעלייגט דעם בריוו און אָפּגעמאַכט ביי זיך צו זיצן מאָרגן, אם ירצה השם, אַ גאַנצן טאָג אין זיין חדר אין דער אכסניה און שרייבן און שרייבן, ביז עס וועט עפּעס אַרויסקומען.

צומאָרגנס האָט זיך שמעון טאַקע נישט געוויזן פאַר קיינעם און געשריבן דעם בריוו. עס איז אייגנטלעך נישט געווען קיין בריוו, נאָר געדאַנקען וועגן גיטעלען און וועגן זיך, וואָס האָבן אים נישט געגעבן קיין רו. אָט האָט ר׳ אפרים מיט אים גערעדט, אַז ער זאָל זיין ביי אים אין וואַלד דער גאַנצער מאַכער, אַ וואַלד־שרייבער. אפרים וויל, אַז ער זאָל האָבן די דעה איבער דער גאַנצער הוצאה והכנסה, אַז וואָס מען וועט דאַרפן, זאָל מען מוזן אָנקומען צו אים. ער, ר׳ אפרים, זאָגט, אַז ער איז שוין אַלט און מיד... ער האָט שוין, וואָס אַן אמת, געוואָלט ענדיקן זיינע

ביסל יאָרן אַט אַזוי, אַרומפּאַרנדיק איבער די דערפער, פאַרדינען אויפן טאָג און ברוך ה׳ יום טוב... וואָס דאַרף ער מער? ער איז דאָך נאָר איין מענטש אַליין... אָבער, אַז עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז דער רבונו של עולם האָט צוגעזען זיין צער און צו אים געשיקט אַ מלאך אין דער געשטאַלט פון ר׳ מרדכין, וואָס האָט אים צוריקגעבראַכט צו זיין גדולה — נו, איז ער טאַקע דאַנקבאַר דעם רבון העולם פאַר דעם אַלעם. אָבער עס זענען מער נישטאָ יענע כוחות פון אַמאָל צו לויפן, צו פאָרן, צו רייטן, מיט איין וואָרט: צו ברענען די וועלט. האָט ער דערפאַר גערעדט דערפון מיט שמעונען, ווען זיי זענען געפאָרן אַהער... אַגב, ער וועט איצט האָבן אַ ניי ווייב און עס שטייט דאָך אין דער תורה, אַז דאָס ערשטע יאָר דאַרף מען זיך אָפּגעבן מיט איר און זי נישט פאַרלאָזן... האָט ער טאַקע דאָס געזאָגט שמעונען, אַז ער ווייס, אַז אויף אים וועט ער זיך קענען פאַרלאָזן. נאַטירלעך, ער וועט זיך אויך מישן אין אַלעם, און וואָס שמעון וועט וועלן טאָן, וועט ער דאַרפן מיט אים איבעררעדן פריער, אָבער דער עיקר איז, אַז ער, שמעון, זאָל עס טאָן און זאָל טראָגן די אחריות דערפאַר אויך...

זיצט ער און וויל דאָס שרייבן גיטעלען, זאָל זי זיך פרייען. עפּעס אַ קלייניקייט, ער וועט פּטור ווערן פון מלמדות אויף אייביק, וועט ווערן אַ וואַלד־שרייבער און נישט סתם אַ וואַלד־שרייבער, נאָר אויך אַ וואַלד־סוחר... ער וועט פירן גרויסע געשעפטן... דאָס איז אַ גרויסע זאַך!

אָבער וואָס וועט ער טאָן מיט דבורהלען און וואָס וועט זיין מיט ראָזען?... זאָל ער זיי ביידן ברענגען אַהער און ווינען מיט דבורהלען און זען זיך מיט ראָזען?... ווי אַזוי וועט ער דאָס קענען טאָן? וואָס איז די עצה?...

און נאָך עפּעס איז דאָ, וואָס ער וויל איר שרייבן... עס איז דאָך נישט קלאָר, אָבער הערשל האָט אים געגעבן אַן אָנדייטונג דערויף. הערשל האָט אים געזאָגט, אַז ר׳ מרדכי האָט מיט אים גערעדט, אַז ער וויל אים געבן אַ שטעלע ביי זיך אין קיעוו אין זיינע געשעפטן... ער האָט אים דערפון אַביסל געזאָגט... ער וועט דאַרפן שרייבן בריוו צו גרויסע לייט אויף פאַרשיידענע לשונות, אָבער ער ווייס נישט צי ער זאָל עס טאָן. ווייל נפשו חשקה בתורה, ער וויל בעסער זיצן און לערנען. אָבער, טראַכט זיך

שמעון, ווען הערשל זאָל חתונה האָבן מיט גיטעלען, וואָלט זי דאָך דאָס געקענט טאָן... זי וואָלט געשריבן בריוו אויף רוסיש, פראַנצויזיש, דייטש און אויך אויף אַנדערע לשונות. זי איז דאָך אַ מלומדת... זי קען דאָך!...

נו, וואָלט ער, שמעון, געוואָלט אויך דאָס שרייבן איר אין זיין בריוו... זאָל זי דאָס אַלץ וויסן, זאָל זי זען, אַז ער איז יאָ אַ ברודער צו איר און וואָס נאָך פאַר אַ ברודער! אַז ער טראַכט וועגן איר און וועגן איר לעבן. אָבער שרייבן וועגן דעם מוז ער אויף זייער אַן איידעלן אופן, ווייל נאָך אַלעמען איז דאָך נאָך גאָרנישטאָ. עס איז דאָך נאָך דערווייל אַלץ אין הימל אַ יאַריד... אָבער ער וויל איר דאָך וועגן דעם עפּעס שרייבן.

אָבער גאָר באַזונדער שווער איז פאַר אים צו שרייבן איר דאָס, וואָס ער האָט גערעדט מיט הערשלען, אַז זי זאָל קומען נישט צו דער חתונה גופא, נאָר דעם לעצטן טאָג פון די שבע ברכות... ווי אַזוי זאָל ער עס אַרויסברענגען און איר דערביי נישט וויי־טאָן?...

און אָט אַזוי איז שמעון געזעסן אַ גאַנצן טאָג און געשריבן און איבערגעשריבן דעם בריוו, וואָס איז אייגנטלעך געווען נישט קיין בריוו, נאָר אַן אויסגוס פון געדאַנקען און געפילן. צום סוף האָט ער באַרירט די פראַגע וואָס זי זאָל טאָן מכוח קרעמעניץ? צי זי זאָל זיין דאָרטן? ווו קען זי דען זיין? ביי טאַטע־מאַמע נישט, ביי אים — נישט... אהרן וויל איר טאַקע געבן אויף אַלץ, זי ציט דאָך אויף זיין קינד. זי קען קריגן פון אים וויפל נאָר זי וויל, אַזוי האָט ער איר בפירוש געזאָגט. אָבער, שרייבט זי ווייטער, דאָס איז אויך ביי איר נישט אינגאַנצן גלאַט. זי פרעגט זיך אָפט אַליין צי זי זאָל נעמען געלט ביי אים... וואָרום אויך זיין געלט איז דאָך טמא און אַחוץ דעם, וועט דאָך דאָס געלט זי מאַכן צו זיין אַ מחויב צו אים... גיטעלע האָט אים געשריבן, אַז זי קען זיך אַליין קיין עצה נישט געבן און זי וויל הערן זיין מיינונג. אָבער וואָס זאָל ער איר שרייבן? עס וואָלט אַנדערש געווען, ווען ער וואָלט שוין געהאַט די שטעלע און וואָלט פאַרדינט געלט. ער וואָלט איר דאַן געשריבן זי זאָל קומען צו אים. אָבער אַזוי ווי איצט — וואָס קען ער טאָן? — פון מלמדות האָט ער דאָך אַפילו נישט אויף חיונה. און אפשר זאָל ער איר טאַקע דאָס שרייבן... זאָל ער איר שרייבן, אַז ווי נאָר ער וועט פאַרדינען, וועט ער איר שיקן געלט אויף אַלעם?... אפשר?... עס איז אַ געדאַנק...

## 32

צומאָרגנס האָט ר׳ נחמן געהאַט נאָך אַ לאַנגן שמועס מיט ר׳ נחומטשען און דאָסמאָל װעגן מצב פון חסידות אין דער װעלט.

— עס איז זײער נישט גוט, — האָט זיך געקלאָגט ר׳ נחומטשע — דער װילנער האָט זיך ממש פאַרלײגט, אונדז עוקר מן השורש צו זײן. ער האָט זיך אַרײנגענומען אין קאָפּ, אַז מיר זענען אַ נײע כיתה, װאָס איז געקומען אויף דער װעלט, כדי אומצוברענגען דאָס יידישקייט און ער רודפט אונדז. שוין אין יאָר תרל״ב האָט ער אויסגערופן זיין ערשטן חרם אויף אונדז און האָט אונדז אָנגערופן „פושעים״ און „עוכרים״ און געװאָרנט, אַז מען זאָל זיך מיט אונדז נישט מתחתן זײן. שפּעטער, אין יאָר תקמ״א, װען עס איז אַרויס דאָס ספר „תולדות יעקב יוסף״, האָבן די מתנגדים זיך גענומען צו נײע רדיפות, אַזוי װײט, אַז זיי האָבן מתיר געמאַכט צו מסרן אונדז צו מלכות. די מ׳תנגדים האָבן צעריסן דאָס ספר אויף שטיקער און דערנאָך עס פאַרברענט... זיי האָבן אונדז אָנגערופן מיט די ערגסטע נעמען און עס האָט אויך פּאַסירט, אַז מען האָט אַרעסטירט פיל פון די אָנגעזעענע חסידים און אַ טייל זיצן נאָך עד־היום אין געפענגעניש. דערנאָך האָבן זיי װידער אויסגערופן אַ צװייטן חרם אין יאָר תקמ״ח אין זעלװע. אַלץ כסדר חרמות און חרמות. עס איז ממש נישט אויסצוהאַלטן פון זײ. װאָס טוט מען?

— איך האָב פאַר זיי אַ שטיקל פאַרענטפערונג — האָט ר׳ נחמן זיך אָנגערופן — װען עס װאָלט נישט געװען פריער קײן כת פון די שבתי צבי׳ניקעס און באַלד נאָך זיי װידער אַ נייע כת פון די פראַנקיסטן, װאָלט אפשר זייער התנגדות נישט געװען אַזוי שטאַרק. איצט אָבער האָבן זיי פשוט מורא. זיי טראַכטן זיך: אפשר איז שוין װידער אַ כת! פאַרװאָס טויג נישט דאָס יידישקייט אַזוי װי עס איז ביז איצט? װאָס איז שלעכט אָן חסידות?

— איר זענט אַ מליץ יושר פאַר זיי, ר׳ נחמן! — האָט ר׳ נחומטשע זיך אָנגערופן מיט אַ שמ׳ייכל — איר זענט מלמד זכות אויף זיי! דאָס איז זייער שיין פון אייער זייט, זייער שיין! אָבער...

— איך זוך נישט קיין זכותים פאַר זיי — איז ר׳ נחמן אים אַרײנ־

געפאַלן אין די רייד — איך זוך גאָר זיי צו פאַרשטיין. נאָך אַלעמען האָבן דאָך מיר, חסידים, אַביסל משנה געוועזן דעם נוסח אין פיל דינים און מנהגים... מיר זענען מער מקפיד אויף דער כוונה, ווי אויף דעם אופן ווי מען טוט אַ מצווה; מיר האַלטן מער פון קבלה און פון מעשיות וועגן צדיקים, ווי פון דער טרוקענער הלכה... מיר האַלטן נישט צו שטאַרק פון זמן קריאת שמע, ווייל מיר ווייסן, אַז מען מוז האָבן הכנה דערצו און די הכנה איז וויכטיקער ווי זמן; מיר זענען אויך נישט שטאַרק מקפיד אויף צו דאַוונען בציבור; מיר זאָגן אויך ווייניק יוצרות און פיוטים אין די ימים טובים, און עס זענען דאָ נאָך און נאָך זאַכן, וואָס עס איז ביי אונדז אַנ־דערש. נו, אַט דאָס שרעקט זיי.

— אַ! האַ! איר זענט שוין באַלד אַ גרעסערער מליץ יושר ווי אונ־דזער לוי יצחק — האָט ר׳ נחומטשע זיך שטאַרק צעלאַכט — אַזוי גאָר? איר נעמט זיך אָן פאַר זיי! נו, מילא, דאָס איז גאַנץ שיין. אָבער איר זענט נישט גערעכט. עס זענען אַלעמאָל געווען מחלוקתן ביי יידן אין ענייני הלכה און אויך אין אַנדערע ענינים, ווי למשל, אַמאָל די בית הלל און די בית שמאי, אָדער רב און שמואל וכדומה. אָבער האָבן דען די בית הלל גע־לאָזט שלעפּן אין געפענגעניש אַריין די תלמידים פון בית שמאי? אָדער האָט רב חלילה וחס אויפגעהויבן אַ האַנט קעגן שמואלן? די אביי קעגן רבאן?... די גמרא זאָגט „זונות מפרכסות זו את זו תלמידי חכמים לא כלשכן" (זונות פוצן איינע דער אַנדערער. תלמידי חכמים דאַרפן עס אוודאי טאָן)... ווייל עס דאַרף אַלץ זיין לשם שמים... ניין, ר׳ נחמן, די מתנגדים זענען אונדזערע שונאים. איר ווייסט גאָר נישט, ווי ווייט עס גייט.

— און פאַרוואָס טראַכט איר, ר׳ נחומטשע, אַז ביי זיי איז עס נישט לשם שמים? — האָט ר׳ נחמן געפרעגט תמימותדיק.

— אוודאי איז עס נישט. מיר האָבן איצט צווישן אונדז אַזאַ גדול הדור ווי ר׳ שניאור זמן פון ליאזשנע. ער איז נאָך אַ גדול בתורה וחכמה, סיי אין נסתר און סיי אין נגלה און דערצו אַ בקי אין אַלע שבע חכמות, קומען אַרויס עטלעכע ארחי פרחי פון ווילנע און ריידן אָן דעם „ווילנער", אַז ער זאָל אים רודפן און ער פאָלגט זיי... איז אַמאָל געהערט געוואָרן

אַזאַ זאַך? ער, דער גרויסער קאָפּ, דער גרויסער גאון פאַלגט די, וואָס קומען נישט לקרסוליו, צו זיין קנעכל, צו רודפן אַ גאון אויף אַזאַ שטייגער ווי ער!... און דאַרפט איר נאָך מער, אָט איז דאָך ר׳ שניאור זלמן מיט ר׳ מנחם מענדל וויטעבסקער צוזאַמען מיט ר׳ שניאור זלמנס זון, ר׳ בער, געפאָרן קיין ווילנע, כדי צו מאַכן שלום מיטן גאון, אָבער וואָס האָט דער גאון געטאָן? — ער איז אַנטלאָפן פון שטאָט. איז דאָס אַזוי ריכטיק? מיינען זיי עס נאָך אַלץ לשם שמים, אָדער נישט? דער ווילנער האָט גע־מעגט כאָטש אויסהערן די גרויסע יידן צו וויסן וואָס זיי ווילן אַזוינס. ער האָט דאָך זיי געקאָנט פרעגן קשיות, און אויב ער איז אַזוי זיכער ביי זיך, אַז ער איז גערעכט, האָט ער דאָך געקאָנט ווייזן אַלעמען, אַז זיי ווייסן נישט וואָס אים צו ענטפערן. ווידער פאַרקערט, אויב זיי וואָלטן אים אויף אַלעם געענטפערט אויף אַ ריכטיקן אופן, וואָלט דאָך טאַקע מער נישט געווען קיין שום מחלוקתן, טאָ פאַרוואָס איז ער אַנטלאָפן און דערמיט פאַרשעמט אַזעלכע דריי גרויסע יידן? הע?

— זעט איר, ר׳ נחומטשע, מיט דער זאַך זענט איר גערעכט — איז ר׳ נחמן געבליבן זיצן פאַרטראַכט און זיינע אויגן האָבן געקוקט ווייט, ווייט, — אַנטלויפן דאַרף מען נישט. אַז מען ווייסט, אַז מען איז גע־רעכט, דאַרף מען דאָס אויפווייזן. פאַרוואָס עפּעס אַנטלויפן?

— נו, — האָט ר׳ נחומטשע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, אונ־טערצושטרייכן זיין נצחון — ווייזט דען דאָס נישט, אַז זיי מיינען גאָר־נישט לשם שמים; אַז זיי ווילן נאָר מחלוקתן; אַז זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער וועלן די חסידים אויפווייזן, אַז זיי זענען גערעכט און עס וועט ווערן שלום. איז עס נישט אַזוי?!

— און צווישן אונדז, חסידים, גופא, איז בעסער? — האָט ר׳ נחמן אַנגעוועגדט אַ נייע טענה — צווישן אונדז אַליין איז דאָך אויך אַזוי. אָט האָב איך געהערט פון דער מחלוקת, וואָס עס האָט אויסגעבראָכן צווישן ר׳ אברהם קאַליסקער און דעם ליאָזשנער. שטעלט זיך פאָר, אַז אַזאַ איי־נער ווי דער קאַליסקער, וואָס קומט נישט צום קנעכל פון גרויסן גאון פון ליאָזשנע, זאָל אַרויסטרעטן קעגן אים און אים זידלען. און עס איז שוין דאָ אַ צדיק אויך, דער לעכעוויצער, וואָס האַלט מיטן קאַליסקער. נו, קענט

איר מיר זאָגן, ר׳ נחומטשע, אַז דאָס איז אַלץ לשם שמים? איך בין זיכער, אַז ביים קאַליסקער איז עס נישט, ווייל אַלע ווייסן, אַז ער וויל זיין דער נשיא און וויל נישט דערלאָזן, אַז עמעצער אַנדערש זאָל האָבן אַ דעה אין די חלוקה־געלטער.

— עס איז טאַקע נישט גוט און נישט שיין אויך — האָט ר׳ נחומ־טשע אָפּגעזיפצט — אוודאי איז עס אויך ביי אונדז נישט אַלעמאָל לשם שמים. עס זענען דאָ נאָך אַנדערע מחלוקתן צווישן אונדז אויך. אָבער וואָס קאָן מען טאָן?

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן צו רופן אַן אסיפה פון אַלע רביים וועגן די אַלע מחלוקתן? ר׳ נחומטשע, ווי דענקט איר?

— עס איז אַ פּלאַן — האָט ר׳ נחומטשע געזאָגט, גלעטנדיק דערביי זיין ווייס־גרוי בערדל. — יאָ, עס איז אַ געדאַנק. און כ׳האָב אַ פּלאַן. ווייסט איר ווען מען דאַרף רופן די אסיפה? אויף דער צייט פון מיין שוועסטערס חתונה צו אייער שוואָגער. ווי מיינט איר, ר׳ נחמן?

— עס איז זייער אַ גוטער רעיון, אָבער וועלן דען די רביים קומען קיין טשערנאָביל, אין אַ פאַרוואָרפן שטעטל, אין קיעווער גובערניע?

— מען האָט דאָך עפּעס גערעדט, אַז די חתונה זאָל זיין אין אַן אַנדער אָרט, למשל, אין מאַהילעוו. דאָרט אַהין וועלן שוין אַלע קענען קומען. עס איז נישט צו ווייט פאַר קיינעם.

— מאַהילעוו איז גוט — האָט ר׳ נחמן צוגעשטימט — מאַהילעוו איז אַ גרויסע שטאָט און אַהין קענען קומען פיל פון די אָנגעזעענסטע רביים און צדיקים. אָבער וועמען וואָלט איר גערופן צו אַזאַ אסיפה?

— נו, קודם כל מיין אַלטן ידיד, דעם גאון און צדיק, ר׳ שניאור זלמן און זיין זון, ר׳ בער, וואָס איז אויך אַ גדול בתורה. איך וואָלט בעטן צו קומען אויך ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו און נאָך פיל צדיקים, ווי דעם קאַרלינער, דעם לעכעוויצער און נאָך פיל אַנדערע. איך וואָלט אויך גערופן אייערע צוויי פעטערס, ר׳ אפרים סודילקאָווער און ר׳ ברוך פון מעזשיבוזש. איך וואָלט אויך פאַרבעטן מיין ידיד דעם מגיד, זאב וואָלף פון זשיטאָמיר און אפשר אויך דעם רבי אלימלך פון ליזענסק און זיין ברודער זישא אַניפּאָלער, וועלכער איז געווען אַ תלמיד מובהק פון מעז־

ריטשער. מען דאַרף אויך רופן ר׳ יחיאל מיכל זלאָטשאָווער, וואָס זיין פּאָטער איז געווען אייער זיידנס אַ תלמיד, און אויך ר׳ פּנחסל קאָריצער און אפשר אויך ר׳ לייב שרהס, כאָטש איך האַלט נישט פון אים.

— איר האָט פאַרגעסן, ר׳ נחומטשע, נאָך עטלעכע, ווי, למשל, ר׳ אברהם יהושע העשל פון אַפּטא, דעם צדיק תמים; ר׳ משולם פייבוש פון זבאַרזש און דעם גרויסן יידן, וואָס האָט אַ צד אין הימל, ר׳ ישראל קאָזשעניצער.

— איר זענט גערעכט, ר׳ נחמן — האָט ר׳ נחומטשע צוגעגעבן — איר זענט גערעכט. ווייסט איר גאָר וואָס, אפשר וואָלט איר מאַכן אַ צעטל פון אַלע רביים, די צדיקים, און טאָקע זיי פאַרבעטן אויך אין מיין נאָמען צו דער אסיפה. עס איז נאָך דאָ אַ סך צייט, אָבער עס איז בעסער, אַז מען הייבט אָן פריער.

— גוט, — האָט ר׳ נחמן מסכים געווען — איך וועל דאָס טאָן. איך וועל צונויפשטעלן אַזאַ צעטל און מען וועט אַרויסשיקן בריוו צו זיי אַלע, אַז זיי זאָלן קומען אויף דער חתונה, וואָס וועט זיין בשעה מוצלחת אין מאָהילעוו. מען דאַרף אָבער אָנגעבן דעם טאָג פון דער חתונה. מען וועט טאָקע שרייבן, אַז צוליב טלטול הדרך וועט מען אויסנוצן די צייט פון דער חתונה, כדי אָפּצוהאַלטן אַן אסיפה פון אַלע רביים, וואָס וועלן קומען צו דער שמחה של מצווה. אויף דער אסיפה וועט מען באַטראַכטן אַלץ, וואָס מיר דאַרפן טאָן אין דער מחלוקה מיט די מתנגדים און מען וועט אויך פּרובירן אויסצוגלייכן אַלע סכסוכים, וואָס עס זענען דאָ צווישן חסידים גופא.

אין מיטן ריידן האָט ר׳ נחמן געזען, אַז ביי ר׳ נחומטשען, וועלכער איז געווען אַ חלוש, שליסן זיך די אויגן. האָט ער דעריבער גלייך געזאָגט, אַז עס איז נאָך צייט און מען וועט נאָך ריידן דערפון, און איז אַרויס.

אַרויסקומענדיק אין דרויסן האָט ר׳ נחמן זיך אָנגעשטויסן אָן הערש־לען, וועלכער האָט געוואָלט אַריינגיין צו ר׳ נחומטשען. ר׳ נחמן האָט אים גלייך געזאָגט, אַז ער זאָל נישט אַריינגיין, ווייל זיין פּעטער, ר׳ נחומטשע, איז מיד און איז געגאַנגען זיך צולייגן אַביסל.

— כ׳פאַרשטיי, אַז ער איז אוודאי נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט,

ווייל ער האָט עוסק געווען אין נסתר. זענט איר אויך עוסק אין נסתר? — האָט הערשל נישט דרייסט געפרעגט ר׳ נחמנען.

— אַ ביסל — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט — איך האַלט, אַז איך האָב נאָך פיל צו לערנען פריער אין נגלה.

— זייער ריכטיק — האָט הערשל זיך אָנגעכאַפּט אָן זיין ענטפער — איך האַלט דאָס פאַר מיר אויך אַזוי. כ׳וואָלט געווען צופרידן צו קענען ריידן מיט אייך.

— אדרבה! — האָט ר׳ נחמן צוגעשטימט — עס וועט זיין פאַר מיר אַ גרויסער פאַרגעניגן צו ריידן מיט אייך. לאָמיר גיין אין די הינטערגאַסן, צווישן סעדער, ווו מיר וועלן נישט געשטערט ווערן.

הערשל האָט איצט געפירט ר׳ נחמנען ווייט אַוועק פון די יידישע געסלעך אין אַ שטילן געגנט, ווו עס זענען געווען סעדער, איינע נעבן די אַנדערע, אין וועלכע עס זענען געוואַקסן עפּל, באַרנעס און פלוימען און ווו די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט אָנגענעמע ריחות.

— ר׳ מרדכי האָט מיר דערציילט וועגן אייך וונדערבאַרע זאַכן — האָט הערשל אָנגעהויבן. — שוין דאָס, וואָס איר האָט געטאָן פאַר זיין טאָכטער, איז דאָך אַליין פלאי פלאים. איר האָט אַ צד אין הימל, זאָגט ער.

— יאָ, אַלץ וואָס איך האָב געטאָן, איז געווען מיטן כוח פון מיין גרויסן זיידן, זכרונו לברכה, — האָט ר׳ נחמן געזאָגט מיט אַ געוויסן שטאָלץ — דאָס איז אָבער נישט וויכטיק. דאָס איז נישט חסידות. אמתע חסידות באַשטייט נישט פון קיין מופתים, עס איז פיל העכער ווי דאָס, פיל העכער.

—אוודאי, אוודאי. חסידות איז כולל אַלץ. עס איז אַלץ אין איינעם. עס באַשטייט פון אַלע שיטות, וועלכע פירן צו איין שיטה — האָט הערשל צוגעגעבן — די הויפּטזאַך איז אָבער „קדושים תהיו״, איר זאָלט זיין הייליק. מען קאָן קומען דערצו דורך פאַרשיידענע וועגן, אָבער ערשט ווען מען קומט צום תכלית, צום עיקר, האָט מען דערגרייכט דעם תמצית פון חסידות, לויט ווי אייער גרויסער זיידע האָט עס פאַרשטאַנען.

— איר ווייסט, הערשל, אייער פעטער האָט מיר היינט אויסגע־טייטשט דעם זיידנס שיטה און עס איז באמת געווען וואָס צו הערן. ער

פאַרשטייט דעם זיידן פיל בעסער, ווי למשל, מיין פעטער, ר׳ ברוך, וואָס איז זיינס אַן אייניקל, און אַפילו מער ווי דער פעטער ר׳ אפרים פון סודילקאָוו, דאָס צווייטע אייניקל. ער איז באמת אַריינגעדרונגען אין תוך פון זיידנס שיטה. ער פאַרשטייט וואָס דער זיידע, דער בעש״ט, האָט געמיינט מיט די ווערטער, אַז השם יתברך איז אין יעדער זאַך, דאָס איז זייער אַ טיפער ענין. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין.

— איך האָב ערשט די טעג געהאַט אַ שמועס וועגן דעם מיט די בייע בעלי חקירה, וואָס זענען איצט אויפגעשטאַנען ביי אונדז, וועלכע רופן זיך „משכילים״. מיר האָבן דאָ אַזאַ איינעם, ר׳ יוסף סימכעס, הייסט ער, וואָס האַלט זיך פאַר אַ גרויסן חוקר. נו, האָט ער ליב צו שמועסן מיט מיר. די טעג האָט ער מיך פאַרטשעפּעט און געפרעגט, צי איך קען אים געבן צו פאַרשטיין די שיטה פון בעש״ט. האָב איך אים פאַרטייטשט דעם גאַנצן ענין פון בעש״ט׳ס שיטה וועגן דער געטלעכקייט, אַז כביכול רוט אומעטום און אַז ער רוט אין אַלעם. ווען כ׳האָב אים דאָס געזאָגט, איז ער אויפגעשפּרונגען מיט אַ געשריי און געזאָגט צו מיר: „אויב אַזוי, זאָגט דאָך דער בעש״ט דאָס זעלבע, וואָס שפּינאָזאַ״. דאָס האָט ער געמיינט דעם יידישן פילאָזאָף, וואָס האָט געלעבט מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק, וועלכן די יידישע קהילה פון אַמסטערדאַם האָט אַריינגעלייגט אין די דריי אותיות. וואָס זאָגט איר דערצו, ר׳ נחמן?

— איך ווייס וועגן שפּינאָזאַן. איך האָב געהאַט מעיין געווען אין זיינע ספרים. אָבער ווי קומט ער, להבדיל, צו מיין זיידן?

— אָט דאָס האָב איך טאַקע געזאָגט צו אים. וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער בעש״ט, ז״ל, צו שפּינאָזאַן? דער בעש״ט איז געווען אַ קדוש וטהור, אַ צדיק יסוד עולם און שפּינאָזאַ איז געווען אַן אפיקורס. פאַרוואָס רעדט איר וועגן זיי ביידן אין איין אָטעמצוג? ווערט יענער שוין בייז און שרייט, אַז איך פאַרשטיי נישט וואָס מען רעדט צו מיר. באשר בכן שפּינאָזאַ האָט אויך געזאָגט, אַז די וועלט איז די געטלעכקייט און אַז די געטלעכקייט איז די וועלט. נו, זאָגט ער ווייטער צו מיר, אויב דאָס איז דעם בעש״ט׳ס שיטה, איז עס דאָך דאָס זעלבע, טאָ פאַרוואָס איז שפּינאָזאַ אַן אפיקורס און דער בעש״ט אַ צדיק? האָב איך געזאָגט צו אים אַזוי:

„זעט, אַז איר פֿאַרשטייט נישט וואָס איר רעדט, אין פּלוג קאָן טאַקע אויס־זען, אַז בײדע זאָגן דאָס זעלבע, אָבער אַז מען טראַכט זיך גוט אַרײַן, זעט מען ערשט, ווי עס איז אַנדערש. שפּינאָזאַ זאָגט, אַז די וועלט איז כּביכול און אַז כּביכול איז די וועלט. אָבער דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש פֿון דעם וואָס דער בעש״ט זאָגט. דער בעש״ט זאָגט נישט, אַז כּביכול איז אין אַלעם. נאָר אַז ער רוט אין אַלעם. דאָס איז אַ גרויסער אונטערשייד. שפּי־נאָזאַ מיינט באמת, אַז יעדע זאַך פֿון דער וועלט איז אַ טייל פֿון דער געטלעכקייט און אַז די גאַנצע וועלט איז ער, כּביכול. דאָס איז פֿאַלש. דאָס איז כּפירה. דער בעש״ט אָבער זאָגט אַנדערש. ער זאָגט, אַז כּביכול איז כּביכול און ער איז איבער אַלעם, אָבער ער רוט אין אַלעם, אין יעדן. איר פֿאַרשטייט שוין? נישט ער איז אין אַלעם, נאָר ער רוט אין אַלעם. עס איז, דוכט זיך, אַ קליינער אונטערשייד, אָבער עס איז גאָר אַ גרויסער״.

— גאָלדענע ווערטער! — האָט ר׳ נחמן אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע — איר פֿאַרשטייט גוט דעם זיידן. עס איז אַ חיוּנ מיט אײַך צו ריידן. אָבער עס לוינט זיך נישט אַרײַנצולאָזן אין וויכּוחים מיט אָט די אפּיקורסים. מען דאַרף אויסמיידן דעם גאַנצן וועג פֿון חקירה, ווײַל עס שאַדט נאָר צו דער אמונה תמימה.

— אונדזערע חכמים האָבן דאָך אָבער געזאָגט, „ודע מה שתשוב לאפּיקורס״. ווײַזט דאָך אויס, אַז מען דאַרף יאָ לערנען די אַלע זאַכן, כּדי צו וויסן וואָס צו ענטפֿערן אַזאַ איינעם.

— דאָס איז נאָר בדיעבד, ווען אַן אפּיקורס באַפֿאַלט דיך מיט קושיות, דאַרף מען וויסן וואָס אים צו ענטפֿערן; אָבער לכתחילה דאַרף מען זיך נישט אַרײַנלאָזן דערין. אָט האָב איך געהאַט אַזאַ וויכּוח, ווען איך בין געפֿאָרן אַהער מיט ר׳ מרדכין. ער איז אַ ווילער ייִד, ר׳ מרדכי, אָבער ער איז, דוכט זיך מיר, געכאַפּט אין דער מעשה.

— יאָ! — האָט הערשל אויסגעשריען — ער איז באַוווּסט אַלס אַ משׂכּיל. איך האָב שוין געהאַט מיט אים פֿיל וויכּוחים. ער האַלט דאָך אַ וועלט פֿון משה דעסויער.

— יאָ, יאָ, ער האָט מיט מיר אויך גערעדט וועגן אים — האָט ר׳ נחמן זיך דערמאָנט. — ער האָט מיר געוואָלט אײַנריידן, אַז דער דע־סויער איז געווען אַ פֿרומער ייִד.

— ער איז געווען אַן אפיקורס גמור — האָט הערשל אויסגעשריען מיט כעס — אַלע ווייסן דאָס. ער האָט דאָך איבערגעזעצט די תורה אויף דייטש, כדי צו געבן אַ פאַלשן באַגריף וועגן אַלעם. אויך זיין „ביאור" איז פול מיט אפיקורסישע טייטשן. פיל רבנים פון דייטשלאַנד גופא זענען דאָך אַרויסגעטראָטן קעגן אים. דער גאון, ר' יחזקאל לאַנדוי, דער „חתם סופר" פון פראַג, דער גאון ר' צבי הירש יאַנאָוו פון פויזן און ר' פנחס הלוי הורוויץ, דער בעל „ההפלאה". יאָ, ערשט נישט לאַנג איז דאָך אָפּ־געהאַלטן געוואָרן אַן אַסיפה פון די רבנים און מען האָט אַרויסגעטראָגן אַ בפירושן איסור דער קעגן דער דייטשער איבערזעצונג און אויך קעגן דעם „ביאור". די רבנים האָבן פשוט פאַרבאָטן צו לערנען אין זיי מיט קינדער.

— מיר דוכט זיך, הערשל, אַז איידער מ'יר זענען נאָך פטור געוואָרן פון די פראַנקיסטן, ימח שמם, האָבן מיר שוין אַ נייע כיתה, וואָס וויל פאַרפירן דעם עולם. דאָס זענען די „משכילים", וואָס גייען אין די וועגן פון דעסויער. כ'האָב געהערט, אַז דאָס רוב פון זיינע קינדער האָבן זיך שוין אויסגעשמדט. איך מיין, אַז מיר, חסידים, האָבן איצט צו פירן אַ טאָפּלטע מלחמה פון פאָרנט און פון הינטן — מיט די מתנגדים און מיט די משכילים, און אַמאָל טרעפט, אַז ביידע שונאים פאַראייניקן זיך קעגן אונדז.

—זייער ריכטיק, ר' נחמן, — האָט הערשל אים גענומען אונטערן אָרעם צו גיין מיט אים ווייטער — מיר זעען עס דאָ זייער בולט. מיר האָבן דאָ אַ שטאָט פון לויטער מתנגדים און עס געפינען זיך דאָ אויך עטלעכע משכילים. אַ הייפל מענטשן, אַפילו נישט קיין מנין. דאַרפט איר זען, אַז געוויינטלעך האַלטן נישט די מתנגדים פון זיי און רופן זיי אַן „אפיקורסים", אָבער טאָמער דאַרף מען עפּעס אָפּטאָן אַ שפּיצל די חסי־דים, וואָס די מתנגדים האָבן זייער ליב, רופן זיי צו הילף די משכילים און מאַכן מיט זיי יד אחת.

— איך האָב היינט גערעדט מיט אייער פעטער, ר' נחומטשע. ער האָט געזאָגט, אַז ער וויל רופן אַן אַסיפה פון רביים, ווען עס וועט זיין די חתונה פון אייער מוטער מיט מיין שוועער, ר' אפרים, און אַז עס זאָל זיין אין מאַהילעוו, ווייל עס איז אַ שטאָט, וואָס איז גוט פאַר אַלע. נו, וועט

מען דאָרטן, אויף דער אסיפה, דאַרפן ריידן וועגן דעם אַלעם, איך מיין וועגן די משכילים אויך.

— אוודאי אַזוי, וועגן ביידע שונאים. איך וועל דאָס זאָגן מיין פּע־טער׳. מען דאַרף זוכן עצות וואָס צו טאָן קעגן זיי. זיי זענען, לויט מיין מיינונג, נאָך ערגערע שונאים ווי די מתנגדים.

— איך מיין אויך אַזוי — האָט ר׳ נחמן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — מתנגדים זענען כאָטש פרומע יידן, אָבער די חברה־לייט זענען דאָך משו־מדים. יאָ, הערשל, איך וועל איצט גיין אויף מיין אכסניה און זעצן זיך לערנען. כ׳האָב שוין עטלעכע טעג אין קיין ספר נישט אַריינגעקוקט.

— און איך וועל טאַקע גיין זען וואָס די מאַמע מאַכט. זי האָט עפּעס היינט אין דער פרי נישט געפילט זיך מיט אַלעמען. אַ גוטן טאָג, ר׳ נחמן!

— אַ גוטן טאָג, אַ גוט יאָר! זאָגט אייער מאַמען, אַז זי וועט האָבן אַ רפואה שלימה. אַ גוטן טאָג! גייט געזונטערהייט!

## 33

אויפן פערטן טאָג האָט ר׳ נחמן געזאָגט, אַז ער פאָרט אַהיים. אומ־זיסט האָט ר׳ נחומטשע אים געבעטן, אַז ער זאָל כאָטש בלייבן איבער שבת. ר׳ נחמן איז געבליבן איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז אַהיים פאָרן, און באַלד האָבן זיך אויך ר׳ אפרים און שמעון געגרייט אין וועג אַריין. די רביצין האָט געוואָלט לאָזן וויסן ר׳ מרדכין, אַז ער זאָל קומען מיט זיין בריטשקע און זיי אָפּפירן צוריק אַהיים. אָבער ר׳ נחמן האָט געזאָגט, אַז מען זאָל אים נישט מטריח זיין און אַז פורן קריגט מען אין יעדער שטאָט. מען וועט פאָרן מיט געשטוקעוועטע פורן. עס איז געבליבן, אַז אַלע דריי וועלן צוריקפאָרן צומאָרגנס, גלייך נאָכן דאַוונען.

די רביצין האָט תיכף פאַרבעטן ר׳ אפרימען און פריידלען צו קומען צו איר אין אָוונט אויף אַ גלעזל טיי, כדי זיך בעסער צו באַקענען און אויך כדי אַרומריידן אייניקע ענינים. זי האָט געוואָלט, אַז עס זאָלן נישט זיין דערביי קיין אַנדערע און אפילו געזאָגט הערשלען, אַז ער זאָל גיין ערגעץ־ווו און לאָזן זיי אַליין. אָבער סיי ר׳ אפרים און סיי פריידל זענען געווען שעמעוודיקע און האָבן וויניק גערעדט צווישן זיך. עס איז בלויז געבליבן,

אַז די חתונה זאָל זײַן בשעה מוצלחת מיט אַ האַלב יאָר שפּעטער אין מאָ־הילעוו. די רביצין האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין אַלץ אײַנאָרדענען. זי וועט באַשטימען דעם טאָג און פאַרבעטן די געסט. זי האָט נאָר געוואָלט, אַז ר׳ אפרים זאָל קומען מיט אַ פּאָר טעג פריער, כדי זי זאָל זיך קענען מיט אים מייעץ זײַן וועגן פאַרשיידענע זאַכן. ר׳ אפרים האָט באַלד איר געגעבן אַ שיינע מטבע, אַלס „אַדערויף״, כדי זי זאָל האָבן מיט וואָס אַרײַנצופּעדעמען...

אַ גאַנצן וועג אַהיים איז ר׳ נחמן געזעסן אײַנגעשלאָסן אין זיך און ווייניק גערעדט צו זײַנע מיטפאָרער. מען האָט געזען, אַז ער איז פאַרטיפט אין הויכע רעיונות און נישט ר׳ אפרים און אוודאי נישט שמעון האָבן געוואָלט איבערשלאָגן זײַנע געדאַנקען. דער אייביקער געראַנגל, וואָס איז כסדר פאָרגעקומען אין ר׳ נחמנען, האָט זיך איצט ווידער צעשפּילט אין אים און אויף גאָר אַ שטאַרקן אופן, אַזוי, אַז מען האָט געזען, אַז ער איז שטאַרק צעטראָגן. עס איז געווען דער אַלטער צוזאַמענשטויס צווישן אמונה און חקירה און די פראַגע, צי מען קאָן זײַן אַ צדיק תמים, אויב מען גיט זיך אָפּ מיט חקירה און מיט פרעגן קשיות, אָדער עס שטערט נישט צו זײַן אַ פרומער ייד און אפשר אַמאָל איז עס נאָך בעסער... עס זענען אויך געווען מינוטן, ווען ר׳ נחמנען האָט זיך געוואָלט זינגען און אַפילו טאַנצן בריש גלי, אין מיטן דער גאַס אין די שטעטלעך, ווו מען איז פאַרבײַגע־פאָרן און אַפילו אַמאָל אָפּצוטאָן עפּעס אַ שפּיצל. וועגן אָט די ווילדע פאַרלאַנגען זײַנע האָבן ביידע, ר׳ אפרים און שמעון, גוט געוווסט און זיי האָבן פאַרשטאַנען זיך אויפן ווונק, אַז זיי זאָלן פאַר קיין פאַל עס נישט דערלאָזן. זיי האָבן אים דעריבער געהיט, ווי מען היט אַ קליין צעלאָזן קינד... און ר׳ אפרים האָט אַלעמאָל אונטערגעזאָגט ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל זיך האַלטן אין דער מדרגה...

מיט גרויסע שוועריקייטן איז אָנגעקומען ר׳ אפרימען צו קריגן פור־לעך צו פאָרן ווייטער, ווי פון אָרט צו אָרט. דאָס רוב בעלי עגלות האָבן געהאַט זייערע שטרעקעס, אויף וועלכע זייערע קליאַטשעס זענען שוין גע־לאָפן, אַפילו מיט פאַרמאַכטע אויגן. אָבער צו לאָזן זיך אין וועג אַרײַן אויף אַ ווייטער נסיעה האָבן זיי נישט געהאַט קיין חשק און אויב איינער וואָלט

עס שוין יאָ געטאָן, האָט ער זיך געהייסן אָנשיטן דערפֿאַר אַ זאַק מיט גאָלד. עס איז דערפֿאַר געווען אַ גרויס שלעפּעניש און דערצו נאָך מיט אַזאַ קאַפּריזנעם און אַנגעבלאָזענעם מענטשן ווי ר׳ נחמן... ר׳ אפרים איז טאַקע אַהיימגעקומען פֿון דער נסיעה מער טויט ווי לעבעדיק און זיך באַלד געלייגט אין בעט אַריין. שמעון, ווידער, האָט געהאַט אויפֿן געוויסן דאָס, וואָס ער איז שוין אַזוי לאַנג נישט געווען אין דער היים און ווייס גאָר נישט פֿון זיינע עלטערן און נישט פֿון זיין ווייב און קינד און אויך גאָר נישט פֿון ראָזען... ער האָט דעריבער באַלד נאָכדעם, ווי ער איז געקומען קיין מעדזשעדוועקע, ווי מ׳יד ער איז נישט געווען, געדונגען אַ פֿור קיין באַר.

אָבער אַ בייזער שליח האָט אים אָפּגעוואַרט, נאָך איידער ער איז צוגעקומען צום הויז פֿון זיינע עלטערן, ווו זיין דבורהלע מיטן קינד האָבן אויך געוווינט. עפּעס אַ דיקע יידענע, אַ שכנטע, איז אים אַנטקעגנגעקו־מען, ווי נאָר ער איז אַראָפּ פֿון דער פֿור און אים מכבד געווען מיט אַזאַ „ברוך הבא״:

— איר זענט שוין געקומען? איר האָט שוין נישט נאָך וואָס. איר מעגט שוין צוריק אויסדרייען דעם דישל! עס איז שוין נאָך אַלעם... אייער דבורהלע איז טויט און איר קינד מוטשעט זיך נעבעך אויף פֿרעמדע הענט.

ווען מען גיט שמעונען מיט אַ שטיק אייזן איבערן קאָפּ, וואָלט עס אים נישט אַזוי געטראָפֿן, ווי אָט די ווערטער. ער איז געבליבן שטיין מיט אַן אָפֿן מויל און אויסגעשטאַרטע אויגן און האָט קוים אַרויסגעמורמלט:

— ווער?... דבורהלע?... וואָס איז געשען? דאָס קינד?... טאַטע־מאַ־מע!... וואָס שווייגט איר?... רעדט!...

די יידענע האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „גיי אַהיים, וועסטו שוין אַלץ וויסן״. און איז אַוועק. שמעון האָט איצט גענומען לויפֿן אַהיים, צו זיינע עלטערן, אָבער דער וועג האָט זיך עפּעס אַזוי אויסגעצויגן פֿאַר אים. עפּעס איז ער איצט לענגער געוואָרן... עפּעס איז אַזוי ווייט געווען פֿון גריבעם מאַרק, ווו די פֿורן שטעלן זיך אָפּ, ביז זיין היים, צום עק פֿון קליינעם געסעלע. עפּעס אַזאַ מהלך!...

ענדלעך איז ער אַריינגעפֿאַלן אין הויז מיט אַ געשריי:

— וואָס איז געשען? זאָגט! רעדט!... וואָס איז געשען?... וואָס?

די ערשטע צו דערזען שמעונען איז געווען זיין מוטער. זי איז אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס און מיט אַ וויינענדיק קול.

— שמעון! מיין אָרעם קינד! מיין שמעון! ווען ביסטו געקומען?

— אַט ערשט איצט, מאַמע, אָבער כ׳האָב שוין געהערט... דבורהלע...

— אַזאַ אומגליק! — האָט די מאַמע געגעבן אַ קלאַפּ מיט די הענט — פאַרוואָס האָט זי עס געטאָן? מיר האָבן דאָך איר אַזוי גוט באַהאַנדלט... מיר זענען דאָך געווען אַזוי גוט צו איר... היינט דאָס קינד, אַזאַ טייער יינגעלע!... עס האָט דאָך אַזוי פיל חן... און צו דיר האָט זי דאָך אויך גאָרנישט געהאַט... דו ביסט אַוועקגעפאָרן זוכן פּרנסה... פיל מענער טוען דאָך דאָס... וואָס?... אַזאַ גרויסן נדן האָבן זיי דיר געגעבן, אַז דו זאָלסט נישט דאַרפן זיין קיין מלמד?... און אויב עס איז איר נישט געפעלן, האָט זי דאָך געקאָנט זאָגן... אָבער אָפּטאָן אַזאַ זאַך!... ניין, ביי יידן טוט מען דאָס נישט... און וואָס האָט זי פון דיר געוואָלט? פאַרוואָס האָט זי דיר פאַרשוואַרצט דאָס פּנים?

און זי האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— ווען איז דאָס געשען? — האָט שמעון קוים אַרויסגערעדט.

— מיט צוויי וואָכן צוריק... זי האָט זיך געהאַט אַ גאַנצן אָוונט געשפּילט מיטן קינד און ביינאַכט האָט זי געמאַכט די „קונץ"...

— זיך פאַרסמט?... הע?...

— מיט קאַרבאָל... און געטרונקען אַ סך... עס איז נישט מעגלעך געווען איר אָפּצוראַטעווען...

— זי האָט עפּעס געזאָגט פאַרן טויט וועגן מיר?

— זי... זי האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו דיר... אַ גרויסן בריוו...

— ווו איז דער בריוו? — האָט שמעון זי אָנגעקוקט פאַרדעכטיק.

— איך האָב אים... איך האָב אים באַהאַלטן פאַר דיר — האָט די אַלטע מאַמע געזאָגט וויינענדיק און באַלד גענומען זוכן אין דער קאָמאָדע און אַרויסגענומען דעם בריוו און אים געגעבן שמעונען.

— מען האָט דעם בריוו געעפנט? — האָט שמעון געפרעגט בייזלעך.

— יאָ, ראַזע האָט עס דורכויס געוואָלט און מען האָט עס איר געמוזט צוליב טאָן; ווען נישט, איז ווער ווייס וואָס עס וואָלט געווען.

שמעון האָט באַטראַכט דעם בריוו פון אַלע זייטן און ער איז דער־נאָך אַריין אין צווייטן צימער און אָנגעהויבן צו לייענען; און טרערן האָבן דערביי גערונען פון זיינע אויגן.

„מיין ליבער און טייערער מאַן, שמעון: איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין פאַר דעם, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן. איך ווייס, אַז עס איז אַ גרויסע עבירה; איך ווייס אויך, אַז איך באַרויב מיין טייער קינד פון אַ מאַמען; איך ווייס אויך, אַז איך וועל דיר פאַרשאַפן דערמיט טעג פון אומרו און צער און וועל אויך דיר נישט פאַרשאַפן דערמיט קיין כבוד. אָבער דאָך האָב איך אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז עס זאָל געשען און נאָך די נאַכט, ווייל עס קומט אַמאָל אין אַ מענטשנס לעבן אַזאַ צייט, ווען ער קאָן מער נישט אריבערטראָגן די יסורים, וואָס ער ליידט...

„עס איז נישט בלויז איין סיבה, וואָס טרייבט מיך דערצו, נאָר עטלעכע און איך קען זיך נישט ווערן קעגן זיי. איך קען זיך נישט העלפן. דאָס מיינט צו זאָגן, אַז עס איז נישט דיין שולד... עס האָט זיך אַזוי געמאַכט, אַז איך בין געוואָרן איבעריק און אַ שטער צו אַנדערע...

„ערשטנס, אין ראָזעס לעבן. ראָזע האָט מיט עטלעכע טעג צוריק כמעט אָפן מיר געזאָגט, אַז זי איז פאַרליבט אין דיר און נאָר אין דיר און אַז זי וועט מיט קיינעם נישט חתונה האָבן ביז זי וועט שטאַרבן... איך ווייס אויך, אַז דו האָסט זי שטאַרק ליב...

„...איז געוועזן די רייד וועגן קינד, ווייל ער דאַרף אַ מאַמע. איז עס נישט אַזוי. איין אָוונט, ווען איך האָב אים געוואָלט נעמען אויף מיין שויס, איז ער אַנטלאָפן פון מיר צו ראָזען און זיך געטוליעט צו איר. זי איז גוט צו אים. אפשר מער ווי איך... אַזוי ווי זי קאָן נישט האָבן דיך, קושט זי כאָטש דיין קינד, וואָס איז אַ טייל פון דיר... זי היט אים אָפּ, זי וואַשט אים, טוט אים אָן, גייט מיט אים אַרויס שפּאַצירן. זי האַלדזט און קושט אים, פיל מער ווי איך... איך האָב דעריבער געזאָגט צו זיך אַליין: „עס איז צייט פאַר דיר צו טרינקען פון דעם סם המות און גיין מיטן וועג פון אַלע”... אָבער טרינקען נישט אַזוי ווי ראָזע האָט אַמאָל געטאָן ביי מיין חתונה, בלויז אַ לעק. ניין, טאַקע טרינקען, אַז עס זאָל האָבן אַ פּעולה...

„...איצט, שמעון, ווייסטו שוין אַלץ. באַשולדיק מיך נישט. באַשולדיק אויך נישט ראַזען און נישט זיך... עס איז אַזוי געשען... דו וועסט טרויערן נאָך מיר, אָבער שפּעטער וועסטו זיך פּאַרייניקן מיט ראַזען און זיין מיט איר גליקלעך. דערציט דאָס קינד... עס דאַרף נישט וויסן מער וועגן מיין טויט, ווי אַזוי איך בין געשטאָרבן. נישט וויכטיק, ווי אַזוי און צוליב וואָס... און האַלט טייער מיין אָנדענקען, ווייל נאָך אַלעם האָב איך דיך ליב געהאַט מיט דער גרעסטער ליבע, וואָס איז נאָר דאָ אויף דער וועלט...

דיין דבורהלע".

שמעון האָט איצט געפילט ווי עס דריקט אים ביים האַרצן און אין קאָפּ איז אים געוואָרן אַזוי ענג. טרערן האָבן אים געשטיקט אין האַלדז, און קוים וואָס ער האָט געקאָנט אָטעמען. שמעונס מאַמע איז פּונקט אַריינגעקומען און זי האָט דערקענט גלייך אין זיין פּנים, אַז ס'איז אים נישט גוט. זי איז גלייך צוגעלאָפן צו אים מיט אַ געשריי: „שמעון, שמעון, וואָס איר דיר?" און אַז ער האָט איר נישט געענטפערט, האָט זי געכאַפּט אַ שעפּ וואַסער און אַ גאָס געטאָן אים אויפן פּנים און דערנאָך האָט זי אים געגעבן יום־כיפּור־טראָפּנס אויף אַ שטיקל צוקער. שמעון האָט געעפנט די אויגן, וועלכע זענען געווען ווי פאַרגלאָזט, און הויך אויפגעאָטעמט. די מאַמע האָט אים געגעבן צו טרינקען פון דעם וואַסער אין דער שעפּ און אים אָפּגעשפּיליעט דעם קאָלנער פון העמד. שמעון איז איצט געקומען צו זיך, זיך אַרומגעקוקט און זיך שטאַרק צעוויינט. ווען זיין מאַמע האָט דאָס געזען, האָט זי זיך אויך צעוויינט אויפן קול. שמעון האָט זיך אָבער באַלד געכאַפּט און זיך געשטאַרקט, זיך אַריבערגעבויגן איבער זיין מאַמען און זי געקושט:

— מאַמע, וויין נישט... איך בעט דיך... עס איז אוודאי נישט דאָס ערשטע מאָל, וואָס דו ווייסט... נו, גענוג שוין, גענוג... ווו איז דאָס קינד?... ווו איז ישראלקע? און ווו איז ראַזע?

— ראַזע איז אַרויס אַביסל מיט אים אויף דער לופט. זי וועט אוודאי באַלד זיין צוריק. דאָס קינד דאַרף שוין באַלד עסן. זי היט עס שטאַרק אָפּ. זי גיט זיך דערמיט זייער אָפּ.

— און ווו איז דער טאַטע? — האָט שמעון געפרעגט.

— אין געשעפט.

— ער טוט שוין עפּעס אין געשעפט אויך?

— יאָ, ער טוט שוין אַביסל. פריער פלעגט ער דאָך גאָרנישט טאָן. אַזוי האָט ער זיך געהאַט מיט מיר אויסגערעדט. נו, בין איך באַשטאַנען. אָבער עס איז געווען שווער. רוימען, איינקויפן, קאָכן און באַקן און דערצו נאָך שטיין אין געשעפט. דאָס איז געווען אוממעגלעך. איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל צוזאַמענברעכן. האָב איך מיט אים גערעדט. נו, האָט ער מסכים געווען, אַז ער וועט אַביסל אַרויסהעלפן. איז איצט אַזוי, אין דער פרי בין איך אין געשעפט, ווייל ער דאַרף גיין דאַוונען און אויך צו לערנען זיין שיעור אין גמרא יעדן טאָג. איך עפן דאָס געשעפט און בין דאָרטן ביז מיטאָג. דערנאָך איז ער אין געשעפט ביז מנחה־מעריב, דע־מאָלט גיי איך צוריק אין געשעפט אַריין און שטיי דאָרטן ביז כ׳פאַרמאַך.

— און פון גיטעלען האָסטו עפּעס געהערט?

— זי איז דאָ געווען. זי האָט זיך דאָך געגט מיט איר מאַן. זי האָט אַ ווויל ייִנגעלע. זי האָט זיך געקלאָגט אויף דיר, אַז דו שרייבסט איר גאָרנישט.

—אַזוי? זי איז דאָ געווען. איך האָב געקראָגן פון איר אַ בריוו און איך האָב איר גלייך געענטפערט.

— אַ שאָד, וואָס זי דאַרף זיין אַליין. ווען עס זאָל זיך מאַכן פאַר איר עפּעס אַ לייטישער שידוך...

— עס דוכט זיך מיר, מאַמע, אַז עס מאַכט זיך עפּעס.

— יאָ, טאַקע? דערצייל עס מיר. מיט ווענען?

— כ׳וועל דיר דערציילן, אָבער נישט איצט. עס איז מיט אַ פיינעם בחור פון גרויסן יחוס.

— אַ בן־תורה?

— גאָר, גאָר, און אַ קלוגער אויך.

— און ער וועט איר וועלן?

— יאָ, אַזוי זעט עס אויס. כ׳וועל נאָך מיט דיר ריידן דערפון.

ביי די ווערטער איז ראָזע אַריינגעקומען מיטן קינד און ווי זי האָט דערזען שמעונען, האָט זי אַ געשריי געטאָן אויף אַ הויכער שטימע:

— שמעון! שמעון!!

— ראָזע!

— ווען ביסטו געקומען?

— ערשט נישט לאַנג.

זי האָט געשוויגן.

— דו ווייסט שוין אַלץ? — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

— יאָ, ראָזע, אַלץ...

— האָסט דעם בריוו שוין אויך געזען?

— יאָ.

— באַשולדיק מיך נישט, שמעון, פאַרוואָס איך האָב געהייסן דעם בריוו עפענען. איך האָב געמוזט וויסן, וואָס זי שרייבט. אויב זי וואָלט מיך באַשולדיקט אין איר טויט, וואָלט איך שוין נישט געלעבט.

— זי באַשולדיקט דיך נישט, ראָזע — האָט שמעון איר באַרואיקט.

— און דו, שמעון, דו באַשולדיקסט מיך אויך נישט? — האָט זי אים אָנגעקוקט מיט שרעק אין די אויגן.

— ניין, געוויס נישט! וואָס פאַלט דיר גאָר איין?

ראָזע האָט זיך צעוויינט.

— איך האָב נישט געוואָלט, אַז זי זאָל שטאַרבן!... הלוואַי וואָלט זי געלעבט.

— איך ווייס דאָס, ראָזע, קיינער טראַכט גאָר נישט דערפון. עס איז נישט קיינעמס שולד... עס איז איר שלעכטע אויסטייטשונג פון זאַכן... הלוואַי וואָלט זי צו מיר פריער גערעדט... אָדער אַפילו צו מיין מאַמען, אָדער גאָר צו דיר...

ראָזע האָט זיך אָפּגעווישט די טרערן פון די אויגן.

— דו פרייסט זיך גאָר נישט מיט דיין טאַטן? — האָט ראָזע גע־זאָגט צו ישראלקען — זאָג: „טאַטע, טאַטע!"

— טאַטע, — האָט דאָס קינד אַרויסגעשטאַמלט.

— יאָ, עס איז דיין טאַטע, גיי צו צו אים און גיב אים אַ קוש.

ישראלקע האָט באַהאַלטן זיין קאָפּ אין אירע קליידער.

— ער איז נישט צוגעווינט צו דיר — האָט זי אים פאַרענטפערט פאַר שמעונען — נאָך אַלעמען האָט ער דאָך דיך ווייניק געזען.
ראָזע האָט איצט צוגעפירט צו אים ישראלקען און געזאָגט צום קינד:
— גיב אַ גלעט דיין טאַטן, גיב אים אַ קוש, ער איז דיין טאַטע, דיין טאַטע! — און זי האָט צוגעפרעסט דעם קינדס ליפּן צו שמעונס באַק.

## 34

הערשל איז איצט געוואָרן דער „כתבא רבא", וואָס האָט פאַרבונדן טשערנאָביל מיט מעדוועדעווקע. ער האָט געשריבן און געשיקט בריוו צו ר' נחמנען פון ר' נחומטשען; ער האָט זיך דורכגעשריבן מיט ר' אפרימען אין נאָמען פון זיין מאַמען און אויך פון דער רביצין וועגן אַלע חתונה־ענינים און ער האָט אויך געשריבן בריוו צו שמעונען מיט אַ ווונק וועגן גיטעלען, ווייל וועגן דעם האָט ער נישט געוואָלט ריידן אָפן, נאָר ברמז צווישן אַנדערס. שמעון, ווידער, האָט אַראָפּגענומען דעם עול פון ענטפערן אויף די בריוו, סיי פון ר' נחמנען און סיי פון ר' אפרימען, וועלכע זענען געווען קנאַפּע בריוו־שרייבער. ער האָט זיי געזאָגט, אַז ער וועט דאָס שוין טאָן, כאָטש ער אַליין איז אויך געווען אַ קנאַפּער בריוו־שרייבער און האָט געשוויצט איבער יעדן בריוו אַ טאָג צי אַמאָל גאָר עטלעכע טעג.
שמעון איז געווען אין באַר בלויז אַ וואָך. דורך דער צייט האָט ער גערעדט מיט דער מאַמען און אויך מיטן טאַטן וועגן אַלע היימישע ענינים, ווי וועגן דעם שידוך פאַר גיטעלען, וועגן ראָזען און אַנדערע ענינים. וועגן ענין גיטעלע האָט ער זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן דערפון מיט קיינעם נישט ריידן, ווייל חתן־כלה האָבן זיך נאָך נישט געזען. אָבער ער האָפט, אַז עס וועט זיין אַ זיווג. ער האָט זיך אויך מער דערנענטערט צום קינד, צו זיין ישראלקען, און דאָס קינד איז אויך געוואָרן פריינטלעכער צו אים. דאָס איז שוין געווען ראָזעס אַרבעט, וועלכע האָט געטאָן אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, צו ברענגען צו אַ דערנענטערונג צווישן שמעונען און דעם קינד.
דעם אָוונט, פאַרן אָוועקפאָרן צוריק קיין מעדוועדעווקע, איז אויסגעקומען שמעונען צו זיין אַליין אין הויז מיט ראָזען. דאָס קינד איז שוין געשלאָפן. די מאַמע איז געווען אין געשעפט און דער טאַטע איז צוריק־

געגאַנגען אין בית המדרש אַריין. ראָזע האָט זיך צוגערוקט צו שמעונען.

— דו טראַכסט נאָך, שמעון, וועגן מיר, אַזוי ווי איך אַמאָל? האָ?

— יאָ, ראָזע.

— פונקט אַזוי ווי אַמאָל?

— פונקט אַזוי.

— עס איז גאָר נישט אַנדערש?

— ניין.

— טאָ פאַרוואָס ביסטו אַזוי קאַלט צו מיר? פאַרוואָס זיצסטו אַזוי אָפּגערוקט פון מיר? פאַרוואָס נעמסטו מיך נישט אַרום אַזוי ווי אַמאָל?

— צו וואָס דאַרף מען דאָס?

— צו וואָס? — איז ראָזע געבליבן זיצן פאַרשעמט פון זיינע רייד, אָבער זי האָט זיך באַלד געכאַפּט און געזאָגט — גלאָט אַזוי, ווי אַ שוועסטערקינד.

— ווי אַ שוועסטערקינד? — האָט שמעון איר אַנגעקוקט.

— יאָ.

— נו! — האָט שמעון געגעבן אַ צי מיט דער פּלייצע און איז געבליבן שטיל.

ראָזע האָט אים איצט אַרומגענומען און געגעבן אַ קוש. שמעון האָט אַרויסגעוויזן אַן אומצופרידנקייט דערמיט.

— עס קאָן זיין גוט אַן דעם אויך, ראָזע.

— פאַרוואָס נישט מיט דעם?

— ווייל מען באַדאַרף עס נישט.

— קיינמאָל נישט?

— נאָך דער חתונה איז עפּעס אַנדערש.

— וועסטו מיט מיר חתונה האָבן?

— אם ירצה השם, ווען עס וועט קומען די צייט.

— ווען?

— נו, ווען? פריער דאַרף מען שטעלן אַ מצבה אויף דבורהלעס קבר. און איך וועל זיין אַן אבל אַ יאָר צייט.

— און נאָכן יאָר?

— וועט מען זען.
— אָבער איצט זענען מיר דאָך אַזוי ווי חתן־כלה, נישט אַזוי?
— מען האָט נישט געשריבן קיין תנאים.
— איז אָן תנאים. קאָן מען נישט זיין קיין חתן־כלה אָן תנאים?
— אוודאי קאָן מען.
— און אַ כלה מעג געבן אַ קוש איר חתן. טאָר זי נישט?
— זי מעג.
— און אַ חתן מעג געבן אַ קוש זיין כלה. נישט אַזוי?
— יאָ.
— נו.
— אָבער דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אָן אבל.
— דו ביסט שוין נישט מער קיין אבל. דו ביסט אָפּגעזעסן, לויטן דין, אַ שעה און דאָס איז גענוג.
— אָבער דאָך...
— שמעון, איך האָב אַזוי לאַנג דיך נישט געזען און אַזוי לאַנג גע־בענקט נאָך דיר... כ׳האָב אַזוי געבענקט! דבורהלע האָט עס דערפילט... יאָ, זי האָט דערפילט מיין בענקשאַפט נאָך דיר... איך האָב נישט געוואָלט, אַז זי זאָל עס פילן, אָבער כ׳האָב זיך נישט געקאָנט העלפן... יעדער איי־נער האָט עס געזען. עס איז געלעגן אויף מיין פנים, אין מיינע אויגן. אין מיין יעדן קער און דריי, אין יעדער ווענדונג. דיין מאַמע האָט עס אויך געזען אין מיר... אַלע האָבן עס געזען...

און זי האָט אַרויסגעשטרעקט אירע צוויי לאַנגע ווייסע הענט. ווי צוויי ווייסע פליגל פון אַ שטרויס־פויגל און מיט זיי אים אַרומגעקלאַ־מערט.

שמעון האָט דערפילט די וואַרעמקייט, וואָס שלאָגט פון אירע הענט, פון פנים, פון אירע האָר און באַזונדערס פון אירע אויגן, און ער האָט צוגעטראָגן זיינע ליפּן צו אירע... זי האָט פאַרשלאָסן אירע אויגן און גע־זויגן פון זיינע ליפּן, ווי עס וואָלט פון זיי געגאַנגען אומאויפהערלעכער זיסער געטראַנק, גן־עדן־וויין, וואָס האָט איר פאַרשיכורט און זי האָט נישט געלאָזט אים מער אַראָפּנעמען זיינע ליפּן פון אירע, ביז עס האָט זיך געעפנט די טיר.

דאָס איז געווען זיין מאַמע. שמעון האָט זיך גיך אָפּגערוקט פון איר. ראָזע האָט זיך אַרומגעקוקט ווי זי וואָלט דערוואַכט פון אַ לאַנגן זיסן חלום...

***

ווען שמעון איז געקומען צוריק קיין מעדזשעדזשוקע, האָט ער שוין געפונען דאָרטן אַ גאַנצן פּאַק מיט בריוו. איין בריוו איז געווען פון הערש־לען צו אים. אַ צווייטער בריוו איז געווען געשריבן צו ר׳ אפרימען און אַ דריטער בריוו איז געווען. וואָס ר׳ נחומטשע האָט געשיקט צו ר׳ נחמנען. דער לעצטער בריוו, פון ר׳ נחומטשען, איז געווען פול מיט חידושי תורה, וואָס ער האָט מחדש געווען אין די לעצטע וואָכן. דערפאַר איז הערשלס בריוו צו ר׳ אפרימען געווען שוין פון אַ פּראַקטישן ווערט. קודם־כל האָט ער מיטגעטיילט ר׳ אפרימען אַז זיין מאַמע, פריידל, האָט אים געבעטן, אַז ער זאָל שרייבן צו אים, אַז דאָס, וואָס ער, ר׳ אפרים, האָט געזאָגט צו איר דעם לעצטן מאָל, ווען ער איז געווען ביי דער רביצין אין הויז, אַז ער וויל איר געבן דאָס צירונג פון זיין ווייב, נאָך פאַר דער חתונה, כדי זי זאָל עס קאָנען טראָגן צו דער חתונה, איז נישט גייטיק. עס וועט זיין גוט, אויב ער וועט עס איר געבן נאָך דער חתונה, ווען זי וועט שוין זיין זיין ווייב, אָבער אפילו דעמאָלט, וויים זי נאָך אויך נישט, צי זי זאָל נעמען פון אים אַלצדינג, ווייל זי האַלט נישט פון אָט די נאַרישקייטן; צווייטנס, האָט ער געשריבן, אַז די חתונה איז באַשטימט געוואָרן אויף דינסטיק, דעם 15טן טאָג אין חשוון, און אַז עס זענען פאַרבעטן געוואָרן צו דער חתונה זייער פיל פון די גדולי ישראל. מען רעכנט, שרייבט ער ווייטער, אַז אַזוי ווי עס וועלן זיין צוויי זאַכן מיט אַמאָל, אי אַ חתונה און אי אַן אסיפה, וועלן קומען אַ סך רביים און רבנים. צווישן זיי אויך עטלעכע גאונים. עס וועט זיין אַ גרויסע רבישע חתונה און מען וועט טאַנצן ביזן גרויען טאָג אַריין.

אין בריוו, וואָס הערשל האָט געשיקט צו שמעונען, שרייבט ער אים, אַז ער האָט שטאַרק הנאה געהאַט צו טרעפן זיך מיט אים און אפשר איז ער געווען דער שליח, אַז עס זאָל זיין אַ זיווג צווישן אים און זיין שוועס־

טער, דערביי פרעגט ער אים, צי ער האָט שוין געשריבן צו זיין שוועסטער וועגן דעם און צי ער האָט שוין געקראָגן פון איר אַ תשובה.

הערשל האָט אויך געשיקט אַ בריוו צו ר׳ נחמנען אין נאָמען פון ר׳ נחומטשען. עס האָט געהייסן, אַז אַזוי ווי ר׳ נחומטשע איז אַ חלוש, בעט ער הערשלען, אַז ער זאָל שרייבן אַ טייל פון זיינע בריוו. די בריוו, אין וועלכע עס איז נישטאָ קיין חידושי תורה. אין דעם בריוו האָט ר׳ נחומטשע געבעטן ר׳ נחמנען, אַז ער זאָל פאַרבעטן צו דער חתונה זיינע צוויי פעטערס, דעם רבי ר׳ ברוך און ר׳ אפרים סודילקאָווער. אוודאי, שטייט ווייטער אין בריוו, אויב זיינע עלטערן ווילן קומען, וועט מען זיי אויפנעמען בכבוד גדול, אָבער אַז זיינע פעטערס זאָלן קומען — איז נייטיק צוליב דער אסיפה פון די רביים, וואָס וועט זיין אין דער זעלבער צייט. דעריבער זאָל ער זיך מטריח זיין און ריידן מיט זיי פה אל פה און זען, אַז זיי זאָלן קומען אויף דער חתונה.

נאָכדעם ווי ר׳ נחמן האָט געקראָגן דעם בריוו, האָט ער זיך פאַרטראַכט, אַז היות ער האָט שוין אויך נישט געזען זיינע טאַטע־מאַמע אַ לאַנגע צייט, זאָל ער אַריבערפאָרן קיין מעזשיבוזש צו זען זיך מיט זיינע עלטערן און אין איינוועגס אַריינגיין צום פעטער ברוך און מיט אים ריידן וועגן דער חתונה. ער האָט אָבער נישט געוואָלט קומען אויף שבת. ווייל ראשית, מאַכט ער דערמיט אַ הכבדה זיין מאַמען אָנצוגרייטן פאַר אים אויף שבת און שנית, וויל ער נישט זיצן ביים טיש ביי זיין פעטער ברוך, ווייל אויב ער וועט קומען אויף שבת און וועט אים וועלן זען, וועט ער דאָס מוזן טאָן. ער האָט דעריבער געזאָגט שאָשען, אַז ער פאָרט אַריבער קיין מעזשיבוזש אויף עטלעכע טעג און פון דאָרטן וועט ער פאָרן קיין סודילקאָוו צום פעטער אפרים. ווי זיין שטייגער איז שוין געווען, האָט ער מ׳טגענומען שמעונען אויף דער רייזע.

ר׳ נחמן איז קודם כל געגאַנגען אַהיים צו זיינע עלטערן. זיין מאַמע האָט זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט.

— כ׳האָב גוטע גרוסן פון דיר, מיין קינד, כ׳הער, אַז דו פירסט און דו האָסט גרויס הצלחה. זאָל השם יתברך דיר שטענדיק העלפן.

— מען טוט וואָס מען קען פאַר יידן — האָט ר׳ נחמן עס געמאַכט צו קליינגעלט.

— עס איז נישט קיין קליינִיקייט, מיין קינד, דיין זיידע באַמיט זיך פאַר דיר. מופתים וואַלגערן זיך נישט איבער די גאַסן... כ׳האָב געהערט, אַז דו האָסט באַוויזן גרויסע זאַכן. מען זאָגט אויף דיר, יאַקאָבי, אַז די ביסט אַ „נייער בעל שם טוב״.

— מאַמע! — האָט זיך ר׳ נחמן פאַרשעמט ווי אַ קליין קינד — די זאָלסט עס זאָגן! איך וויל גאָרנישט זיין קיין נייער בעל שם טוב. צו גיין בלויז אין זיידנס דרכים איז גענוג פאַר מיר.

— האָסט זיך פאַרבענקט נאָך מיר, נחמנקע — האָט די מוטער געזאָגט צו אים — און דערפאַר ביסטו געקומען?

— דאָס אויך, מאַמע, אָבער דו וועסט נישט זיין בייז אויף מיר, אויב כ׳וועל דיר זאָגן דעם אמת?

— חס ושלום. ווען בין איך בייז געווען אויף עמיצן פאַר זאָגן דעם אמת, נחמנקע?

— נו, איז פאַראַן אין מיין קומען אַהער נאָך עפּעס. איך וועל באַלד אַוועקגיין צום פעטער ברוך. די מעשה איז די, וואָס מיין שווער, ר׳ אפרים, גייט חתונה האָבן מיט רבי ר׳ נחומטשע טשערנאָבילערס אַ שוועס־טער. האָט ר׳ נחומטשע מיך געבעטן צו פאַרבעטן מ׳יינע פעטערס צו דער שמחה. דאָס איז דערפאַר וואָס מען וויל, בשעת מעשה, אויך אָפּהאַלטן אַן אַסיפה פון רביים. איך וועל דעריבער באַלד אַריבערגיין צום פעטער ברוך. דערנאָך וועל איך פאָרן קיין סודילקאָוו און פון סודילקאָוו אַהיים.

— וועסטו נישט בלייבן דאָ אויף איבער שבת? — האָט די מאַמע אים באַזאָרגט געפרעגט.

— ניין, מאַמע, איך בין בכיוון געקומען אין מיטן וואָך, כ׳זאָל נישט דאַרפן זיצן ביים פעטער ברוכס טיש און אויסהערן זיין „תורה״. איך וועל דעריבער אם ירצה השם. מאָרגן באַלד אין דער פרי פאָרן קיין סור־דילקאָוו. אָבער כ׳וועל קומען צוריק אַהער און דאָ נעכטיקן. וואָס איז מיטן טאַטן? ער שלעפּט זיך נאָך אַלץ אַרום איבער די דערפער, האַ?

— וואָס קאָן מען טאָן? עס איז אַ שווערע פרנסה, אָבער... — האָט פייגע אָפּגעזיפצט.

— נו, גוט, מאַמע, כ׳וועל זיין צוריק שפּעטער. אַ גוטן טאָג.

— אַ גוטן טאָג, נחמנקע, גיי געזונטערהייט.

ר׳ נחמן איז איצט אַרויס פון דער היים, מיטן געדאַנק נישט אַרייַנ־צולאָזן זיך אין קיין שום לאַנגע דרכים מיט זיין פעטער ברוך, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער פאַרגינט אים נישט.

— שלום עליכם, פעטער! — איז ר׳ נחמן אַריין אַ פריילעכער צום רבי ר׳ ברוך — שלום עליכם, וואָס מאַכט דער פעטער?

— זע נאַר, ווער עס איז דאָ! נחמנקע! וואָס טוסטו דאָ? — האָט דער הויכער ר׳ ברוך אים אָנגעקוקט מיט אַ בליק פון אויבן אַראָפּ.

— כ׳בין געקומען צו זען מיינע עלטערן. ס׳האָט זיך מיר שוין פאַר־בענקט נאָך זיי.

— כ׳האָב געהערט, אַז דו „פירסט" שוין, הע, ביסט שוין געוואָרן אַ רבי! לייענסט קוויטלעך... נעמסט פדיונים! הע!... — האָט ר׳ ברוך גערעדט צו אים פון אויבן אַראָפּ, ווי אַ האַר צו אַ דינער.

— איך נעם נישט קיין פדיונים.

— און קוויטלעך לייענסטו? — האָט ר׳ ברוך ווייטער אים געפרעגט מיט אַ שטרענגן טאָן.

— אַז אַ ייד בעט עפּעס, דאַרף מען דאָך אים העלפן — האָט זיך ר׳ נחמן ווי פאַרענטפערט.

— זאָג מיר, כ׳בעט דיך, נחמנקע, דו קענסט לייענען אַ קוויטל? דו ווייסט וואָס עס שטייט אין אַ קוויטל? — האָט ר׳ ברוך שוין געדונערט איבער אים.

— וואָס איז דאָ צו וויסן? יידן בעטן אויף פרנסה, אויף קינדער, יידן ווילן אַ רפואה שלימה. וואָס איז דאָ צו וויסן?

— אַזוי? מען דאַרף גאָר נישט וויסן, זאָגסטו? און דו רעדסט דיך איין, אַז דו ביסט אַ רבי? — האָט ר׳ ברוך כמעט ווי געשריען אויפן קול.

— איך רייד זיך גאָר נישט איין, אַנדערע ריידן דאָס מיר איין — האָט ר׳ נחמנס שטימע שוין געציטערט.

— אַז דו קענסט אַפילו נישט לייענען קיין קוויטל — האָט ר׳ ברוך אַלץ נישט אָפּגעלאָזן — און דו זאָגסט אַז דו ביסט אַ רבי! דו ווייסט אַפילו נישט, אַז אַ קוויטל דאַרף מען קענען לייענען! אַז אין אַ קוויטל

שטעקט סודי סודות! פון אַ קוויטל קען מען זען דעם גאַנצן מענטשן און אין זעלבן קוויטל קען מען זען, צי זיין בקשה וועט דערפילט ווערן צי נישט. אויב איינער איז רחמנא ליצלן קראַנק, קען מען וויסן פון קוויטל, צי ער וועט געזונט ווערן. ביי אַן עקרה קען מען וויסן, צי זי וועט גע־האָלפן ווערן צו האָבן אַ בן זכר. ביי איינעם, וואָס בעט אויף פרנסה, קען מען וויסן צי ער וועט האָבן אויף חיונה. אַלץ שטייט אין קוויטל, אָבער מען דאַרף עס קענען לייענען — האָט ער אויסגעפּירט, געבנדיק אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אויפן טיש.

— און דער פעטער קען לייענען אַ קוויטל? — איז שוין ר׳ נחמן געוואָרן בייז — טאַקע צו וויסן פון קוויטל באַלד, וואָס עס וועט געשען מיט יענעם מענטשן?

— דו שייגעץ איינער! — האָט שוין ר׳ ברוך אין גאַנצן געברענט פון כעס — דו חוצפּהניק איינער! מיך פרעגסטו, צי איך קען לייענען אַ קוויטל? אויב איך קען נישט, טאָ ווער קען? איך בין דאָך דער ראש פון אַלע צדיקים אין דער היינטיקער צייט.

— דער פעטער הייבט שוין אָן מיט זיין „ענייוות״ — האָט ר׳ נחמן זיך צעלאַכט.

דער רבי, ר׳ ברוך, איז געוואָרן אָנגעצונדן.

—אַזוי? דו לאַכסט שוין פון מיר. נו, זאָג איך דיר, אַז דו זאָלסט קיין רבי נישט זיין! פאַרפיר נישט דעם עולם! דו ביסט קיין רבי נישט! דו זעסט גאָר נישט! ווען מען גיט דיר אַ קוויטל, קוקסטו אַריין דערין ווי אַ האָן אין בני אָדם... דו דאַרפסט זאָגן אַלעמען, אַז דו ביסט קיין רבי נישט!

— טאַקע? — האָט ר׳ נחמן אים אָנגעקוקט מ׳ט שפּאַס אין די אויגן.

— טאַקע! — האָט ר׳ ברוך געשריען ווילד — איך וועל עס אויך זאָגן דיין מאַמען, וויפל רביים דאַרפן אַרויסקומען פון איין משפּחה? דער בעש״ט איז געווען אַ רבי, דיין זיידע ר׳ נחמן האָראָדענקער — אַ רבי, דיין טאַטע איז אַ האַלבער רבי, דיין מאַמע — אַ שטיק רביצין, איך בין אַ רבי, אַ גרויסער רבי, מיין ברודער ר׳ אפרים איז אויך אַ רבי, און

איצט נאָ דיר גאָר אַ נייער רבי, שפּאָגל־ניי, נאָרוואָס פון דער נאָדל אַרויס, אַ יינגל, נחמנקע, איז אויך שוין אַ רבי! וויפיל איז דער שיעור?

ר׳ נחמן איז איצט שוין געוואָרן בייז. דאָס בלוט איז אים געקומען אין פּנים אַריין און ער האָט אים געוואָלט דערויף ענטפערן, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און בלויז געזאָגט צו אים:

— רבי ר׳ ברוך, איך בין געקומען אין אַ שליחות צו אייך, אין נאָמען פון רבי, ר׳ נחום פון טשערנאָביל. דער רבי האָט מיך געבעטן צו זען אייך און זאָגן אייך פּה אל פּה, אַז ער פאַרבעט אייך צו קומען צו דער חתונה פון זיין שוועסטער, וואָס וועט זיין אין מאָהילעוו. עס וועלן קומען אַ סך רביים און מען וועט בשעת מעשה אָפּהאַלטן אַן אַסיפה וואָס צו טאָן קעגן די מתנגדים. וואָס זאָל איך שרייבן ר׳ נחומטשען פון טשערנאָביל? וועט דער רבי ר׳ ברוך קומען צו דער חתונה, צי נישט?

—איך האָב נישט קיין צייט צו פאָרן אויף חתונות און אויף אסיפות. די חתונה און אַפילו די אסיפה קאָן זיין אָן מיר אויך. — האָט ר׳ ברוך אים געענטפערט, זיך טרייסלענדיק אין גאַנצן.

— איך וועל אים אַזוי שרייבן. אַ גוטן טאָג, פעטער! — האָט ר׳ נחמן הויך אויסגעשריען און צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך.

— דו זאָלסט נישט זיין קיין רבי, הערסט! איך זאָג דיר אָן! — האָט ר׳ ברוך אים נאָכגעשריען.

ר׳ נחמן האָט געעפנט צוריק די טיר און אַריינגעשריען צו זיין פעטער ר׳ ברוך:

— צו מיר וועלן נאָך פאָרן חסידים, ווען אַלע רביים, וואָס לעבן היינט, וועלן שוין זיין לאַנג טויט. אַ גוטן טאָג, רבי ר׳ ברוך! — און ער האָט ווידער צוגעקלאַפּט די טיר.

ביים אַרויסגיין האָט ר׳ נחמן געטראָפן הערשעלע אָסטראָפּאָליער, וואָס פלעגט זיין אָפט ביים רבי ר׳ ברוך. הערשל אָסטראָפּאָליער, אַ מיטל־ווּקסיק יידל מיט אַ קליין שוואַרץ בערדל, אַ שפּיציקע נאָז און שטעכע־דיקע אויגן, איז געווען אָנגעטאָן אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע. ווען ר׳ נחמן האָט אים דערזען, האָט זיך אים פאַרגלוסט צו שפּאַסן מיט אים.

— הערשל, איר חנפהעט שוין אַזוי לאַנג מיין פעטער ר׳ ברוך און

איר גייט נאָך אַלץ אַרום אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע? אויב אַזוי, צו וואָס חנפהעט איר אים? וואָס האָט איר דערפון?

— איך חנפהע אים? — האָט הערשעלע אויסגעשריען — פאַר־קערט, איך זאָג אים אַריין ווי נאָר איך קען. איך גיב אים קאָלטס און וואָרעמס. ערשט נעכטן האָב איך אים אַריינגעזאָגט אַזוי, אַז ער האָט אַזש געברענט פון כעס.

— דערציילט מיר, הערשל, וואָס איר האָט אים געזאָגט.

— איר וועט מיר געבן צו שטייער עפּעס אויף שבת?

— נאָט אייך שוין אַ רענדל — האָט ר׳ נחמן אַרויסגענומען אַ רענדל פון קעשענע און אים געגעבן.

— אַ יישר כוח, נחמנקע, — האָט הערשעלע אים באַדאַנקט — אויב אַזוי, הערט: לעצטן פרייטיק בין איך געקומען צו אייער פעטער ר׳ ברוך און בין געווען זייער פאַרזאָרגט, ווייל עס איז שוין געווען שפּעט און כ׳האָב נאָך נישט געהאַט אויף שבת. אַזוי ווי דער רבי האָט מיך דערזען, פרעגט ער מיך: „הערשל, וואָס איז די עצבות?״ זאָג איך אים: „רבי, כ׳וועל אייך דערציילן אַ מעשה. איך האָב היינט געהאַט צוויי באַ־געגעענישן. איך בין אַרויס אין דער פרי צו גיין צום רבין און בין געווען פול מיט דאגות, ווו נעמט מען אויף שבת. ערשט עס קומט מיר אַנטקעגן דער יצר הרע. ער פרעגט מיך, וואָס מאַכט איר, ר׳ הערשל, זאָג איך, אַז כ׳בין פאַרזאָרגט, ווייל עס איז פרייטיק און איך האָב נאָך נישט אויף שבת. זאָגט צו מיר דער יצר הרע: כ׳האָב פאַר דיר אַן עצה. דיין רבי, ר׳ ברוך, איז זייער רייך. ער האָט אַ סך גאָלד און זילבער. גיי אַריין אין קיך, נעם אַ זילבערנעם גאָפּל, פאַרקויף אים, וועסטו האָבן אויף שבת. טראַכט איך מיר, אַז איך זאָל טאָקע אַזוי טאָן. ערשט ווי איך גיי אַזוי, קומט אַן דער יצר טוב און זאָגט מיר: „גוט מאָרגן״, פרעגט ער מיך ווו כ׳גיי, זאָג איך אים: צום רבין. זאָגט ער צו מיר: „כ׳האָב דיך געזען ריידן מיט מיין קאָנקורענט, דעם יצר הרע. וואָס וויל ער פון דיר?״ זאָג איך אים דאָס, וואָס דער יצר הרע האָט מיר געזאָגט. זאָגט צו מיר דער יצר טוב: „הערשל, ניין, עס שטייט „לא תגנוב״, דו זאָלסט נישט גנבענען, טו עס נישט״. זאָג איך צו אים: „אָבער וואָס זאָל איך טאָן, איך האָב

דאָך נישט אויף שבת". זאָגט ער צו מיר: „גיי אַריין צום רבין און זאָג אים דאָס, וועט ער דיר אַליין געבן". זאָג איך צו אים: „כ'האָב מורא פאַר אים. ער איז שטענדיק בייז, אפשר וועט איר, יצר טוב, מיטגיין מיט מיר צו אים". רופט זיך אָן דער יצר טוב: „ווי אַזוי קאָן איך גיין צו אים, אַז ער קען מיך גאָר נישט?! ער חברט זיך דאָך נאָר מיטן יצר הרע און פון מיר וויל ער נישט וויסן..."

— גוט געזאָגט! — האָט ר' נחמן זיך הויך צעלאַכט — זייער גוט אים אַריינגעזאָגט! נו, אַ גוטן טאָג, ר' הערשל, איך אייל צו גיין אַהיים.

אין אָוונט נאָך מנחה־מעריב האָט ר' נחמן דערציילט זיין מאַמען וועגן דעם קבלת פנים, וואָס ער האָט געהאַט פון זיין פעטער ר' ברוך.

— דאָס זיין אַ רבי איז גאָר געוואָרן ביי אים אַ געשעפט — האָט זיין מאַמע פייגע זיך אָנגערופן — אַז ער רייסט געלטער פון טויטע און פון לעבעדיקע. דו וועסט זען, אַז דיין פעטער, אפרים, וועט דיך בעסער אויפנעמען. אָבער געדענק, אַז ער וויל אויך נישט, אַז דו זאָלסט זיין רבי. דעריבער נעם עס דיר נישט צום האַרצן. איך זאָג דיר צו, אַז דו וועסט „פירן" און „פירן" און עס וועט זיין אַזוי ווי דו האָסט געזאָגט ברוכן, ווען אַלע איצטיקע רביים וועלן שוין לאַנג זיין טויט, וועסטו נאָך „פירן".

— דו זאָגסט אויך אַזוי, מאַמע? — איז ר' נחמן געווען איבערראַשט.

— צי איך זאָג אַזוי! מיין קינד, איך זאָג עס אַלעמען און אַזוי זע איך עס פאַר מיינע אויגן. פאַר נאָר נישט אַראָפּ ביי זיך, נחמנקע!

צומאָרגנס באַלד אין דער פרי איז ר' נחמן אַוועקגעפאָרן מיט אַ פור קיין סודילקאָוו און איז גלייך צוגעגאַנגען צום רב פון שטאָט, זיין פעטער ר' אפרים, דער סודילקאָווער רב און רבי.

ר' אפרים סודילקאָווער האָט זיך זייער געפרייט מיט נחמנקען און אים גוט אויפגענומען. ער האָט גלייך געהייסן אים דערלאַנגען טיי מיט קוכן און האָט אַליין זיך געפאַרעט אַרום אים.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען, נחמנקע? — האָט ר' אפרים אים געפרעגט.

ר' נחמן האָט אים דערציילט וועגן דער חתונה און אויך וועגן דער אסיפה פון רביים, וואָס וועט זיין אין מאָהילעוו און אים געזאָגט, אַז ר' נחומטשע האָט אים געבעטן צו פאַרבעטן אים אויף דער חתונה.

— כ׳בין נישט בכוח איצט צו פאָרן. כ׳בין אַ קראַנקער ייד און דער טלטול הדרך איז צו שווער פאַר מ׳יר. אַ חוץ דעם מיינט עס נאָך אַ גרויסע הוצאה פאַר מיר. עס וועט מוזן זיין גוט אויך אָן מיר.

— נו, מילא, אַז דער פעטער קאָן נישט, איז פאַרפאַלן.

— זאָג מיר, נחמנקע — האָט ר׳ אפרים זיך געוואָקלט צו זאָגן דאָס צו אים — מען האָט מיר געזאָגט, אַז דו „פירסט״, איז דאָס אמת?

— אַז מען קאָן העלפן אַ יידן, דאַרף מען עס טאָן — האָט ר׳ נחמן אים געענטפערט מיטן זעלבן לשון ווי ר׳ ברוכן.

— מיט אַזעלכע רעיונות אין קאָפּ ווילסטו זיין אַ רבי? — האָט ר׳ אפרים אים אָנגעקוקט.

— וואָסערע רעיונות, פעטער? — האָט ר׳ נחמן זיך געוווּנדערט.

— כ׳מיין וועגן אָן אשה... תאווה... כ׳ווייס אַלץ. דו ווייסט וואָס עס הייסט צו זיין אַ רבי? דו ווייסט וואָס עס מיינט צו זיין אַ צדיק גמור? מען דאַרף זיין אויסגעטאָן פון דער וועלט לגמרי... מען דאַרף נישט האָבן קיין ברעקל תאווה אין האַרצן. קיין שום חשק אָדער גלוסטונג... און דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ שנעק און ביסט אוודאי פול מיט שלעכטע מחשבות... טאָ ווי אַזוי קאָנסטו זיין אַ רבי? ניין, נחמנקע, נעם דיך צו עפּעס אַנדערש. דו ביסט נישט קיין רבי, דו וועסט עס קיינמאָל נישט זיין...

ר׳ נחמן האָט אויסגעבראָכן אין אַ ביטער געוויין און האָט אַזוי געכליפּעט איבער אַ שעה און דערנאָך איז ער פון דאָרטן אַרויסגעלאָפן צו די פורן און איז גלייך אָפּגעפאָרן קיין מעדוועדעווקע.

## 35

גלייך נאָך ר׳ נחמנס אַהיימקומען פון טשערנאָביל, האָט הערשל, דער „כתבא רבא״, אָנגעהויבן זיך דורכצושרייבן מיט אים וועגן די רביים, וואָס מען זאָל פאַרבעטן צו דער חתונה. געמיינט האָט עס, ווער פון די רביים עס איז חשוב געווען, אַז מען זאָל אים רופן צו דער אסיפה פון די רביים און צדיקים. ווי דער שטייגער עולם איז, האָט דער יצר הרע פון קנאה, שנאה, גאווה און ביטול אויך געהערשט צווישן די הייליקע, וואָס כאָטש זיי אַליין זאָגן כסדר אין זייערע „תורהס״, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפטן זענען

שלעכטע מידות, פון וועלכע אַ ייד דאַרף זיך דערווייטערן, האָט זיך דאָך פון פיל פון זיי זיך געפילט דער איבלדיקער ריח פון נישט־פאַרגינערײַ און דער עיפּושדיקער געשטאַנק פון גרויסהאַלטונג און אַנדערע שלעכטע ריחות פון כעס, קאַרגשאַפט און נאָך אַזעלכע „טייערע״ אייגנשאַפטן... נו, מענטשן זענען מענטשן און „הייליקע״ אויך אַזוי. עס איז אמת, אַז פיל פון זיי האָבן געאַרבעט איבער זיך צו זיין אַנדערש; נאָך אַנדערע, ווידער, האָבן אַפילו נישט געדאַרפט גאָר שטאַרק צו אַרבעטן איבער זיך, ווייל זיי זענען געבוירן געלייטערטע פון דורי דורות, דורך אַ לאַנגער קייט פון יחוס. און ווידער אַנדערע, זענען בטבע געווען מזג־טובס, וואָס האָבן זיך באמת געפרייט, ווען אַ מענטשן איז געגאַנגען גוט. דאָך האָט הערשל מיט דעם אַלעם געהאַט אַ שווער שטיקל אַרבעטביים פאַרבעטן די געסט צו דער חתונה, וואָס האָט געמיינט דער עיקר די אסיפה, ווייל דער האָט נישט געוואָלט האָבן יענעם און יענער האָט ווידער נישט געוואָלט האָבן דעם, און אַזוי איז אָנגעגאַנגען כסדר אַ דינגעניש צווישן די רביים וועגן דעם ווער עס זאָל קומען צו דער אסיפה... עס איז געקומען אַזוי ווייט, אַז הערשל איז געווען זייער פאַרדאגהעט וועגן דעם און האָט געשריבן צו ר׳ נחמנען אַ לאַנגן בריוו, אין וועלכן ער האָט אויסגעדריקט זיין זאָרג, וואָס צוליב די חלוקי־דעות, וואָס דער וויל נישט האָבן דעם און יענער וויל נישט האָבן יענעם, וועט אפשר אויסקומען, אַז אַ סך וועלן נישט קומען און עס וועט במילא קיין גרויסע אסיפה נישט זיין. ער האָט עס געשריבן צו ר׳ נחמנען, ווייל מיט זיין פעטער, ר׳ נחומטשע, האָט הערשל וועגן דעם אַלעם נישט געקאָנטריידן: ער איז געווען אַ חלוש און וואָס ווייניקער מען האָט אים געדרייט אַ קאָפּ וועגן דעם, איז געווען בעסער. מען האָט אים אויך נישט געטאָרט מצער זיין, אַפילו אויף אַ האָר, ווייל ער איז באַלד געפאַלן אין בעט אַריין. אַז דער גאַנצער מענטש האָט קוים, קוים געזשיפּעט. הערשל האָט דעריבער געשיקט בריוו נאָך בריוו צו ר׳ נחמנען און אים כסדר מיטגעטיילט, אַז דער שרייבט אַזוי, און דער אַנדערער שרייבט ווידער אַנדערש, און אים געפרעגט וואָס זאָל ער טאָן. ר׳ נחמן האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל שרייבן צו אַלעמען, אַז זיי זענען פאַרבעטן אויף אַ חתונה און ער זאָל מער נישט אויסרעכענען ווער עס

וועט זיין און אַז ער זאָל אויך קיינעם נישט נאָכגעבן, אויב מען וועט שרייבן צו אים, אַז מען זאָל אַן אַנדערן נישט רופן. ווער עס וויל, זאָל קומען און ווער — נישט, איז נישט. און אויב עס וועט צוליב דעם קיין אסיפה נישט קענען זיין, איז פאַרפאַלן... אויב די רביים אַליין ווילן עס נישט, דאַרף מען נישט, ווייל פאַרשעמען עמעצן טאָר מען נישט. אָט די ווערטער פון ר׳ נחמנען אין זיינע בריוו צו הערשלען האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. הערשל האָט איצט געזען אין ר׳ נחמנען אַ גרויסן נייעם כוח, וואָס גייט אויף, אַ זייל פון נבואה צוזאַמען מיט ליבע צו אַלע מענטשן; אַ געטלעכער מענטש, וואָס איז נאָך יונג, אָבער וועלכער וועט וואָס אַמאָל אַלץ מער לייכטן, ווי אַ נייער שטערן אין הימל. און הערשל האָט געקראָגן אַ שטאַרקע ליבע צו ר׳ נחמנען, וואָס האָט זיך ערשט איצט אַנטפּלעקט צו אים און ער איז צו אים שטאַרק באַהאַפטן געוואָרן.

וואָס נענטער עס איז געקומען צו דער חתונה, האָט זיך אַלץ מער אַרויסגעשטעלט, אַז אַן אסיפה וועט יאָ זיין. עס האָבן צוגעזאָגט צו קומען צום ערשטן ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו אין אַ בריוו פול מיט התלהבות צו ר׳ נחומטשען, און אויך אין אַ צווייטן בריוו צו הערשלען. עס האָט אויך צוגעזאָגט צו קומען, אָן שום טענות ומענות, ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי מיט זיין זון ר׳ בער און דער מגיד ר׳ זאב וואָלף פון זשיטאָמיר. עס זענען אָבער אָנגעקומען פיל בריוו מיט טענות און אויספרעגענישן פון אַנדערע. הערשל האָט זיך אָבער געהאַלטן ביי דער החלטה פון ר׳ נחמנען און געשריבן צו אַלעמען, אַז ר׳ נחומטשע האָט צונויפגערופן אַלע צדיקים פון היינטיקן דור, וואָס זענען באַזאָרגט וועגן דעם מצב פון די יידן און וועגן מצב פון די תלמידים און תלמידי תלמידים פון ר׳ ישראל בעל שם טוב און האָבן פיל יסורים און צער פון די מעשים רעים פון די מתנגדים. דעריבער ווערן אַלע גערופן צו דער אסיפה, וואָס וועט זיך אָנהייבן דעם דריטן טאָג פון דער חתונה און וועט זיך ציען ביזן סוף, ביז צום לעצטן טאָג פון די שבע ברכות. די אסיפה וועט זיך אַרויסזאָגן וועגן אַלעם און וואָס מען דאַרף טאָן, כדי עס זאָל נישט קומען צו אַ חילול השם און חילול התורה.

ווען עס איז געווען שוין נאָענט צו דער חתונה, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מרדכין צו ר׳ אפרימען, אַז אויב ער וויל און אויב דער רבי ר׳ נחמן וויל אויך אַזוי, וועט ער קומען צופאָרן און ער וועט נעמען ר׳ נחמנען, אים, ר׳ אפרימען, און שמעונען צו דער חתונה אין מאָהילעוו. אַזוי ווי ער איז געווען פריער דער גוטער שליח צו ברענגען צום שידוך, האָט ער געשריבן אין זיין בריוו, וויל ער איצט ווידער זיין דער גוטער שליח אויף אויסצופירן די זאַך. ר׳ אפרים האָט געוויזן דעם בריוו ר׳ נחמנען, אָבער ער האָט אים תיכף בפירוש געענטפערט: „ניין, שרייב אים, האָט ר׳ נחמן צו אים געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט, זאָל ער נאָך אונדז נישט קומען. מיר וועלן פאָרן אָן אים אויך״.

ר׳ אפרים איז געבליבן דערשטוינט און געזאָגט צו ר׳ נחמנען:

— פאַרוואָס, ר׳ נחמן, וואַרפסטו אָפּ זיין פאָרשלאָג? נאָך אַלעמען איז עס דאָך אַ שיינע זאַך פון זיין זייט, צו וועלן קומען אַזש אַהער, כדי אונדז צו ברענגען אַהין, קיין מאָהילעוו. דו ווייסט דאָך שוין ווי עס זעט אויס דאָס פאָרן מיט געשטוקעוועטע פורן. מיר זענען דאָך אַזוי געפאָרן אויף צוריק און מען איז זייער אויסגעריסן געוואָרן. אַ חוץ וואָס די נסיעה וועט געדויערן פיל לענגער.

— כ׳ווייס אַלץ, שווער, — איז ר׳ נחמן שוין געוואָרן בייז — אָבער דאָך וויל איך נישט פאָרן מיט אים. אויב דער שווער וויל פאָרן מיט אים, זאָל ער פאָרן, אָבער איך וויל מיט אים נישט פאָרן.

— פאַרוואָס, ר׳ נחמן? פאַרוואָס? האָסטו אויף אים געוואָרפן אַן אומחן?

— ווייל ער איז נישט מאנשי שלומינו, פון אונדזערע לייט. ער איז פון דער נייער כיתה, פון די משכילים. דאָס איז אויך אַזאַ מין גרופּע פראַנקיסטן, וואָס זייער רבי איז געווען דער פאַרשטאָרבענער משה דער סויער. די גאַנצע צייט, וואָס כ׳בין געפאָרן מיט אים, בין איך געווען זייער דערדריקט. כ׳האָב זיך בשום אופן נישט געקאָנט אויפהייבן און אין קאָפּ זענען אַרומגעקראָכן אַלערליי מחשבות זרות...

— ער איז דאָך אָבער געווען דער גורם, אַז עס זאָל קומען צו דעם שידוך מיט ר׳ נחומטשעס שוועסטער. — האָט ר׳ אפרים ממליץ געווען אויף אים.

— אַז אַ פּרי ווערט פּאַרטיק אויפן בוים, קאָן עס אַפילו אַ קליין שייגעצל אויך מיט אַ שטעקעלע אַראָפּוואַרפן — האָט ר׳ נחמן אין קורצן די גאַנצע אַרבעט פון ר׳ מרדכי מבטל געמאַכט.

— און דאָס, וואָס ער האָט פאַר מיר געקויפט דעם וואַלד, איז אויך אַ קלייניקייט? — האָט ר׳ אפרים זיך ווידער געשטעלט קעגן ר׳ נחמנען.

— דאָס איז דער איינציקער זכות, וואָס ער האָט און טאָקע דעריי־בער בין איך געפאָרן מיט אים קיין טשערנאָביל, — האָט ר׳ נחמן אָפּ־געהאַקט — אָבער גענוג! איך האָב אים שוין באַצאָלט דערפאַר און איצט בין איך אים גאָר נישט שולדיק.

ר׳ אפרים האָט אָבער נישט אָפּגעלאָזן.

— ער האָט געוואָלט דיך, נחמן, מהנה זיין מיט וואָס נאָר דו וואָלסט געוואָלט.

— דער רבונו של עולם איז מהנה אונדז אַלעמען און נאָר פון אים נעמען מיר וואָס ער גיט אונדז. מיר וועלן פאָרן מיט געשטוקעוועטע פורן אַזוי ווי מיר זענען געפאָרן צוריק אַהיים. עס איז אפשר נישט אַזוי גוט פאַרן חומר, וועט אָבער דערפאַר זיין צופרידן דערפון די נשמה. ווער דאַרף דאָס זאָרגן אַזוי פיל פאַרן חומר, זאָל ער אַביסל ליידן, אַבי די נשמה ליידט נישט. און דאָס איז דער עיקר.

און אַזוי איז געווען. צוויי וואָכן פאַר דער חתונה האָבן ר׳ נחמן, ר׳ אפרים און שמעון זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ר׳ אפרים און שמעון האָבן געדאַרפט קריגן די פורן און ר׳ נחמן, כאָטש ער איז געפאָרן מיט זיי, איז כסדר געווען אין התבודדות מיט זיך אַליין. ער האָט צו זיי ווייניק גערעדט דעם גאַנצן וועג אַהין, און אַז זיי האָבן געזען, אַז ער רעדט נישט צו זיי, האָבן זיי אויך ווייניק גערעדט צו אים... אַזוי איז אַריבער דער גאַנצער וועג, ווייל אַפילו צווישן זיך האָבן זיי אויך נישט גערעדט צופיל, כדי נישט מבלבל צו זיין ר׳ נחמנען אין זיינע רעיונות.

באַלד ווי זיי זענען געקומען קיין מאָהילעוו, אַ טאָג פאַר דער חתונה, איז שמעון אַוועק אין איינער אַן אכסניה, וועגן וועלכער ער האָט גע־ווּסט, און דאָרטן גענומען דריי חדרים: איינעם פאַר ר׳ נחמנען, איינעם פאַר ר׳ אפרימען און איינעם פאַר זיך. אָבער ר׳ נחמן האָט געוואָלט, אַז

זיין חדר זאָל זיין פון דער אַנדער זייט פון דער אכסניה און גישט לעבן ר׳ אפרימס אָדער שמעונס חדרים און מען האָט אים דאָס אויך נאָכגעגעבן. דער בעל־הבית פון דער אכסניה האָט אים געגעבן אַ באַזונדער חדר פאַר זיך אַליין אין אַ ווינקל פון הויז.

באַלד ווי ר׳ נחמן איז געקומען, האָט ער געהייסן אָװעקלייגן זיינע זאַכן אין זיין חדר און איז אַװעק צו זען זיך מיט ר׳ נחומטשען, וואָס איז שוין דאָרטן געווען און איז איינגעשטאַנען אין הויז פון גביר פון שטאָט, ר׳ אליעזר כץ. דאָרטן, וווּ די חתונה וועט זיין. עס זענען שוין אויך געווען ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו און ר׳ שניאור זלמן פון ליאַדי מיט זיין זון ר׳ בער. ווען ער איז אַריינגעקומען אין הויז, איז ר׳ לוי יצחק אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט התלהבות און זיך מיט אים שטאַרק דערפרייט. אויך די אַנדערע רביים האָבן זיך מיט אים אַרומגעכאַפט. מען האָט באַלד געשטעלט משקה און געטרונקען לחיים.

ר׳ נחומטשע האָט געוואָלט, אַז מען זאָל זיך תיכף פאַרטראַכטן וועגן די ענינים, וואָס מען דאַרף אַרומריידן אויף דער אסיפה. אָבער אַלע זענען געווען מיד. דערצו איז נאָך אין הויז פון גביר, ר׳ אליעזר, געווען אַ גרויסער טומל פון די קינדער. איז דעריבער געבליבן, אַז די אסיפה זאָל זיין צוזאַמענגענומען נאָך דער חתונה. באַלד נאָכמיטאָג, נאָכדעם ווי עס וועט שוין זיין די חתונה אַריבער און מען וועט אויך שוין זיין אַביסל אויסגערוט.

די חתונה פון ר׳ אפרימען מיט פריידלען איז געווען זייער אַ שיינע, ווייל די רביצין האָט געאַרבעט מעשים, אַז עס זאָל אַלץ זיין אויף אַ פיינעם אופן. זי האָט זיך דורכגעשריבן, דורך הערשלען, מיטן גביר, ר׳ אליעזר כץ, און ער האָט צוגעזאָגט צו טאָן פאַר איר וואָס זי וועט נאָר וועלן. עס איז דעריבער אַ טאָג פאַר דער חתונה געווען אַ גרויסער מאָלצייט פאַר אָרעמעלייט, צו וועלכן עס זענען געקומען חתן־כלה און דערצו אויך אַלע רביים, און פיל פון זיי האָבן געזאָגט „תורה". אויך די כלי־זמרים האָבן געשפילט אַ פריילעכס און דער בדחן האָט זיך געלאָזט ווויל־גיין אויף זיין אופן.

אָבער אויב דער אָרעם־מאָלצייט איז געווען גרויסאַרטיק, איז די חתונה גופא געווען באמת הערליך. עס איז געווען אַן אמת־נגידישע

חתונה. קודם כל איז עס געווען אין גרויסן זאַל פון גבירס הויז. דאָרטן האָט מען אַרויסגענומען אַלע איבעריקע מעבל־שטיקער, כדי עס זאָל זיין וואָס מער פלאַץ פאַר מענטשן. אין די גרויסע קאַנדעליאַברעס האָבן גע־ברענט אַלע הונדערט זעקס און זעכציק ליכט אין אַלע רערן — אַזוי, אַז עס האָט אויסגעזען ווי אַ ים פון פייער. לאַנגע טישן זענען געשטאַנען איבער דער לענג פון זאַל מיט בענק פון ביידע זייטן. אין איין טייל פון זאַל איז אויבנאָן געזעסן דער חתן, ר׳ אפרים, און אַרום אים די גרויסע רביים, און אין צווייטן טייל פון גרויסן זאַל — די כלה מיט די רביצינס און מחותנתטעס.

ביים באַדעקן די כלה האָבן די כלי־זמרים געאַרבעט מעשים, דערנאָך האָט ר׳ יאָקל בדחן געזאָגט אין גראַמען מוסר סיי דעם חתן און סיי דער כלה, און מען האָט געפירט דעם חתן צו דער חופה, וואָס איז געווען אין דרויסן אונטערן פרייען הימל. דערנאָך האָט מען זיי געפירט צו עסן פון איין טעלער די גילדענע יויך.

ביי דער סעודה האָבן, לויט ר׳ נחומטשעס פאַרלאַנג, אַלע רביים געזאָגט „תורה״. ער אַליין האָט אַלעמען אויפגערופן. איינער האָט גע־זאָגט אַ לענגערע זאַך און איינער אַ קירצערע. ווען עס איז געקומען צו ר׳ נחמנען, האָט אים ר׳ נחומטשע אָנגערופן „דער נייער בעל שם טוב״ און אַ ציטער איז דורכגעלאָפן דורכן עולם, ווען זיי האָבן געהערט אָט די ווערטער. ר׳ נחמן האָט זיך פאַרשעמט און זיך אויפגעשטעלט צו ריידן. דער עולם איז איצט געוואָרן נאָך מער נייגעריק צו הערן אים, ווייל מען האָט געזען, אַז ער איז נאָך גאָר יונג — אַזוי אַז עס וואַקסט אים קוים אַ באָרד.

מיט אַ ציטערדיקער אָבער פעסטער שטימע און מיט פיל זיכערקייט אין טאָן האָט ר׳ נחמן אַזוי אָנגעהויבן:

— רבותי, מיין זיידע, דער בעל שם טוב, זכרונו לברכה, פלעגט זאָגן, אַז עס זענען געווען פיל צדיקים, וואָס האָבן אויפגעטאָן גרויסע זאַכן, אָבער ווען זיי זענען געגאַנגען פון דער וועלט האָט דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אויפגעטאָן, אויפגעהערט; דאָס גרויסע ליכט, וואָס אָט די צדיקים האָבן איבערגעגעבן צו זייערע תלמידים, איז נישט איבערגעגאַנגען

ווייטער צו די תלמידימס תלמידים און דערפאַר איז נישט געקומען די גאולה. דעריבער, רבותי, וויל איך שאַפן אַזאַ זאַך, וואָס זאָל האָבן אַ שטענדיקן קיום, אויף דורי דורות. אויפשטעלן אַזעלכע תלמידים, וואָס זיי זאָלן אויפשטעלן אַנדערע תלמידים און יענע, ווידער, נאָך אַנדערע תלמידים און אַזוי ביזן סוף פון די דורות. איך וועל גיין אין וועג פון מיין זיידן. עס איז אַ נייער וועג, וואָס קיינער איז נאָך אויף אים נישט געגאַנגען און אויב מען וויל, קאָן מען זאָגן פאַרקערט, אַז עס איז אַן אַלטער וועג, אָבער ער איז נאָך ניי.

אין זאַל איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון באַגייסטערטע אויסרופן: „אַ־וואָ! „אַ־וואָ! דאָס זענען ווערטער!" „זאָל ר׳ נחמן נאָך עפּעס זאָגן!" „זאָל ער נאָך עפּעס ריידן!"

ר׳ נחמן האָט זיך נישט אָוועקגעזעצט. ער איז געבליבן שטיין אַביסל פאַרטראַכט און געזאָגט צום עולם:

— כ׳וועל אייך זאָגן אַ זאַך, וואָס איך האָב די וואָך מחדש געווען. מיר געפינען אין דער גמרא „ישראל בני מלכים הם", יעדער ייד איז אַ בן מלך אָדער בבחינת מלכות. די דאָזיקע בחינה איז אָבער נישט ביי אַלעמען גלייך. יעדער איינער האָט, לויט זיין כאַראַקטער, זיין מאָס פון מלכות. למשל, איינער הערשט אין דער היים און זיין גאַנץ בני בית האָט מורא פאַר אים. מען זעצט זיך נישט אויף זיין שטול, און אַלע ציטערן פאַר זיין וואָרט. דאָס איז בחינת מלכות. אָבער נאָר אין דער אייגענער היים. פאַראַן אָבער נאָך איינער, וואָס זיין בחינת מלכות איז נישט נאָר אין דער היים, נאָר אויך אין דרויסן. למשל, ער איז אַ גבאי אין אַ חברה און אַלע ציטערן פאַר אים, אָדער למשל, ער איז אַ ראש הקהל און קהל האָט מורא פאַר אים. דאָס איז אַ גרעסערע מדרגה פון בחינת מלכות. און אַזוי זענען פאַראַן פאַרשיידענע בחינות פון מלכות. עס זענען דאָ „שרי עשרות, שרי חמישים, שרי מאות און שרי אלפים"... אָבער די אַלע צעפאַלן זיך אויף צוויי סאָרטן פון בחינות מלכות. עס איז דאָ אַזעלכע, וואָס זענען דאָס אָפּן, און אַזעלכע, וואָס זענען דאָס באַהאַלטן. אָפּן מיינט לויט דעם וויפיל איינער הערשט איבער אַנדערע, וואָס מוזן אַנקומען צו אים. באַהאַלטן מיינט לויט דער השפּעה, וואָס זיי האָבן אַפילו נישט

ריידנדיק קיין וואָרט וועגן דעם צו עמעצן. יעדער איינער האָט זיין מאָס פון בחינת מלכות, סיי פון דער אָפענער פאָרם און סיי פון דעם באַהאַלטענעם אופן. פאַראַן אַפילו אַזעלכע, וואָס אָפן האָבן זיי נישט קיין סך אונטערגעוואָרפענע אונטער זיך, אָבער באַהאַלטענערהייט האָבן זיי אַ גרויסע השפעה אויף מענטשן. און אַפילו אין באַהאַלטענעם אופן זענען אויך דאָ פאַרשיידענע מדרגות. אַזוי ווי עס זענען דאָ מדרגות אַזעלכע, וואָס זענען אָפן... עס זענען דאָ מענטשן, וואָס אָפן האָבן זיי קיינעם נישט און באַהאַלטן האָבן זיי טויזנטער מענטשן, ווייל זייערע נשמות הערשן איבער פיל אַנדערע נשמות, און אַזוי איז אויך פאַרקערט. אָבער דאָס איז אַ זייער טיפער ענין און מען קאָן נישט פיל ריידן וועגן דעם. דאָס דאַרף מען פאַרשטיין און דעריבער וועט עס זיין גענוג פאַר היינט...

ווידער האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון באַגייסטערטע אויסרופן און פיל האָבן איצט גערעדט אָפן דערפון וואָס ר׳ נחמן — דער יונגסטער פון אַלע רביים — וועט מיט דער צייט נאָך אַלע אַריבערשטייגן. אָט די ווערטער האָבן נישט געשמעקט אַ טייל פון די רביים און צדיקים, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, און אַנדערע האָט עס אַפילו פאַרדראָסן. באַזונדערס האָט עס ווי געטאָן ר׳ ליב שרהס, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן, און ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— שוין גענוג געזאָגט אים שבחים! איר וועט אים נאָך דעם קאָפּ פאַרדרייען. ער וועט נאָך ווערן דערפון אַ בעל־גאווה...

ר׳ נחמן האָט געהערט די ווערטער פון ר׳ ליב שרהס און געשוויגן, אָבער ער האָט געהאַט דערפון שברת לב און אַ פאַרדראָס איז אים געבליבן אין האַרצן. אַזוי אַז באַלד נאָך דער סעודה של מצווה איז ער אַוועק אויף זיין אכסניה און האָט אַפילו נישט געוואַרט אויפן מצווה־טענצל.

צומאָרגנס אין דער פרי איז ר׳ נחמן געקומען צו ר׳ נחומטשעס מנין. ער האָט געטראָפן דאָרטן אַלע רביים, אָבער ער האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, געדאַוונט פאַר זיך אַליין ביחידות אין אַ זייטיקן חדר. ר׳ ליב שרהס האָט דאָס פאַרדראָסן און ער האָט געזאָגט ר׳ נחומטשען:

— וואָס מיינט ער זיך, אָט דער שנעק! וואָס! עס פּאַסט אים שוין נישט צו דאַווענען מיט אונדז? אַזוי גרויס איז ער שוין?

ווידער האָט ר׳ נחמן געהערט די ווערטער פון ר׳ ליב שרהס, וועל־כער האָט געהאַט אַ טבע צו זאָגן אַלץ אויף אַ הויך קול, און ווידער האָט ער עס באַהאַלטן ביי זיך אין האַרצן. אָבער נאָכן דאַווענען איז ער צוגע־גאַנגען צו ר׳ נחומטשען און אים געפרעגט ווען די אסיפה וועט זיין. אין דער מינוט איז אָנגעקומען הערשל. ר׳ נחומטשע האָט געזאָגט צו ר׳ נחמנען, אַז ער וויים נאָך נישט, ער וועט ערשט איבעריידן מיט די רביים וועגן דער צייט. האָט ר׳ נחמן אים געזאָגט, אַז ער גייט איצט אַוועק אין זיין אכסניה אַריין און ווען ער וועט וויסן וועגן דער אסיפה, זאָל ער אים דאָס צו וויסן געבן.

— איך וועל קומען אייך דאָס זאָגן אין אייער אכסניה — האָט זיך הערשל אָנגערופן — איר, ר׳ נחמן, קענט גיין אַהיים און זיך אויסרוען. איך וועל אם ירצה השם קומען שפּעטער צו אייך.

אָבער הערשל האָט זיך נישט באַוויזן אין דער אכסניה אַ גאַנצן נאָכמיטאָג. ר׳ נחמן האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין וואָס דאָס קאָן באַ־דייטן. ערשט פאַרנאַכט־צו, מנחה־צייט, איז הערשל געקומען צו ר׳ נחמנען מיט אַ פאַרשעמט פּנים און האָט ממש נישט געקאָנט ריידן פון צער.

— וואָס איז געשען? — האָט ר׳ נחמן אים אָנגעקוקט דערשראָקן — פאַרוואָס ביסטו נישט געקומען פריער? ווען איז די אסיפה?

— שוין געווען, — האָט הערשל קוים אַרויסגעשטאַמלט.

— שוין געווען די אסיפה? — האָט אים ר׳ נחמן אָנגעקוקט דער־שטוינט.

— יאָ, — האָט הערשל געשאָקלט מיטן קאָפּ — אָבער זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז איך זאָל אייך קומען זאָגן פריער... אמת, נישט אַלע, אַ טייל האָבן שטאַרק געוואָלט, אַז איר זאָלט זיך באַטייליקן אין דער אסיפה, אָבער ר׳ ליב שרהס האָט געשריען, אַז נישט און אַ סך האָבן גע־האַלטן מיט אים. ביים אָפּשטימען האָבן בלויז פינף געזאָגט, אַז מען דאַרף אייך רופן, זיבן אָבער האָבן געזאָגט, אַז נישט און צוויי האָבן גאַרנישט געזאָגט, נישט יאָ און נישט ניין.

— ווער זענען זיי עס געווען? — האָט ר׳ נחמן אים אָנגעקוקט מיט אַ שטילן כעס.

— וואָס איז די נפקא מינה? איך וועל עס אייך זאָגן אַן אַנדערש מאָל.

— איך פאָר שוין אַוועק! — האָט ר׳ נחמן געזאָגט מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס. — פירט מיך צו צו אַ פור.

— איצט, אַזוי שפּעט, זענען נישטאָ קיין פורן, ר׳ נחמן! פאָרט נישט אַוועק! מיין פעטער און איך אייער שווער וועלן האָבן דערפון גרויס צער.

— מיך קימערט עס נישט מער! איך וויל שוין אַוועקפאָרן! איך וועל באַצאָלן וויפיל געלט מען וויל פון מיר. זאָל מען מיך כאָטש צופירן אין אַן אַנדער שטעטל. אויב נישט, קריגט אַ פערד און וואָגן, וועל איך אַליין אַנטרייבן די פערד.

— עס איז דאָ אַ ייד, אַ גרויסער גביר, ער הייסט ר׳ שלום לעווי, ער האָט אַ בריטשקע. איך וועל גלייך אַהינגיין צו אים. אפשר וועט ער אייך וועלן צופירן ערגעץ.

— גייט גיך, הערשל, טוט עפּעס. אַז נישט וועל איך גיין צופוס אַ גאַנצע נאַכט.

הערשל האָט זיך איצט דערשראָקן פאַר ר׳ נחמנס כעס און אַנטשלאָסנקייט און געלאָפן גיך צו ר׳ שלום לעווי.

— פירט מיך אַרויס פון דאַנען — האָט ר׳ נחמן באַפוילן.

— איך וועל אייך צופירן צו אַ נאָענטן אָרט, ווו איר וועט קאָנען קריגן אַ פור. עס איז נישט ווייט. קומט אין מיין בריטשקע.

ר׳ נחמן האָט זיך אַריינגעזעצט אין דער בריטשקע און זיך געזעגנט מיט הערשלען און צו אים געזאָגט:

— זאָג זיי, אַז איך דאַרף נישט זייערע אסיפות. ווען איך קום זיך צוזאַמען מיט מיין זיידן, איז דאָס די גרעסטע אסיפה, קעגן וועלכע עס וועלן נישט האָבן קיין שום תקומה, נישט נאָר מתנגדים, נאָר אַפילו אויך רביים און צדיקים. זאָג זיי, אַז איך פאָר איצט צו אַזאַ אסיפה און אַז מיין זיידע אויבן און איך אונטן וועלן אָנפירן מיט דער וועלט.

ביי די ווערטער איז די ברייטשקע אַוועקגעפֿאָרן און הערשל איז געבליבן שטיין פאַרקלעמט ביים האַרצן און ס׳האָט זיך אים געגלוסט צו וויינען...

## 36

ווען דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען אין אָוונט צו די שבע ברכות, האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן דאָס, וואָס ר׳ נחמן איז נישטאָ. דער ערשטער דאָס אויסצוגעפינען איז געווען שמעון, וועלכער האָט כסדר געהאַלטן אַן אויג אויף זיין חבר און רבי און האָט אים געהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּעל פון זיין אויג. ווען שמעון האָט געזען, אַז אַלע זענען שוין דאָ אין גרויסן זאַל, אָבער נישט ר׳ נחמן, איז ער צוגעלאָפן צו ר׳ אפרימען און אים געפרעגט: „ווו איז ר׳ נחמן?" ר׳ אפרים האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט אים אַ גאַנצן טאָג נישט געזען פֿאַר די אויגן. שמעון איז איצט פּאַמעלעך צוגעגאַנגען צו ר׳ נחומטשען און אים אויך געפרעגט, צי ער האָט געזען ר׳ נחמנען. ר׳ נחומטשע האָט אים געענטפערט, אַז ער האָט אים געזען באַלד אין דער פרי צו שחרית, אָבער נישט מער. שמעון האָט איצט נישט געמאַכט קיין שהיות און איז צוגעלאָפן צו דער אכסניה, ווו ר׳ נחמן איז איינגעשטאַנען. אָבער דאָרטן האָט אים דער בעל־הבית געזאָגט, אַז ר׳ נחמן איז אַוועקגעפאָרן ערשט נישט לאַנג. ער האָט באַצאָלט וויפל עס איז פון אים געקומען און איז אַוועקגעפאָרן. שמעון האָט דאָס נישט געגלויבט און אין אָנהייב געמיינט, אַז דער בעל־הבית שפּאַסט דאָס פון אים, ווייל ווי אַזוי קאָן דאָס זיין? פאַרוואָס איז ער עפּעס אַזוי פּלוצלונג, מיצקע־דערינען אַוועקגעפאָרן, נישט געזעגענענדיק זיך מיט אים, מיט ר׳ אפרימען און מיטן רבין, ר׳ נחומטשען. אָבער ווען די אַנדערע מענטשן פון דער אכסניה האָבן אים דערין פאַרזיכערט, איז ער געבליבן שטיין ווי צעמישט און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ער איז באַלד צוריקגעלאָפן אין זאַל פון דער חתונה, אויפגעזוכט הערשלען, אים דערציילט די נייעס און אים געפרעגט, צי דאָס איז מעגלעך. איז ר׳ נחמן טאַקע אַוועקגעפאָרן אַזוי פּלוצלינג? פאַרוואָס?

— עס איז אמת — האָט הערשל געזאָגט נישט ווילנדיק.

— ביסט זיכער אין דעם? — האָט שמעון אים אָנגעקוקט מיט פאַרשנדיקע בליקן.

— יאָ, כ׳בין געווען דערביי.

— ביסט געווען דערביי? ער האָט זיך מיט דיר געזעגנט?

— יאָ.

— און פאַרוואָס איז ער אַוועקגעפאָרן?

הערשל איז געבליבן שטיין מיט אַ פאַרשלאָסן מויל און גאָרנישט געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָט שמעון פון אים געמאָנט אַן ענטפער — פאַרוואָס?

— עס איז עפּעס געשען — האָט הערשל קוים אַרויסגעלאָזט אַ פּאָר ווערטער פון מויל.

— איז עס אַ סוד? — איז שמעון שוין צו אים צוגעשטאַנען.

— כ׳ווייס נישט, צי עס איז אַ סוד, צי נישט — האָט הערשל זיך געקווייכלט — מעגלעך, אַז יאָ.

— ווייסט ר׳ נחומטשע דערפון?

— מיר דוכט זיך, אַז נישט.

שמעון האָט זיך נישט געקענט באַרואיקן. ער האָט געהאַט בדעה צו לויפן צוריק אין זאַל פון דער חתונה. ער האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסרופן דאָרטן קיין טומל. ער האָט געוואָלט דאָס זאָגן ר׳ אפרימען, אָבער יענער איז דאָך געזעסן איצט אויבן־אָן, אַלס חתן, צוזאַמען מיט ר׳ נחומטשען. וואָס זאָל ער דאָ טאָן?

— הערשל, — האָט שמעון אים אָנגעכאַפּט ביי אַ לאַץ פון זיין מאַנטל — דו מוזט מיר זאָגן. איך האָב אויך נייעס פאַר דיר. כ׳האָב היינט געקראָגן אַ בריוו פון גיטעלען. זאָג מיר וואָס עס איז געשען מיט ר׳ נחמנען, מיט מיין רבין, וועל איך דיר זאָגן וועגן גיטעלען.

— וואָס שרייבט דיר גיטעלע? זי קומט צו די לעצטע שבע ברכות, ווי מיר האָבן אָפּגערעדט? — איז הערשל שוין געוואָרן נייגעריק.

— כ׳וועל דיר גאָרנישט זאָגן פריער, ביז דו וועסט מיר זאָגן וואָס עס איז געשען מיט מיין רבין. פאַרוואָס איז ער פּלוצים אַוועקגעפאָרן?

— ווערסט עס קיינעם נישט אויסזאָגן? — האָט הערשל אים אָנגע־כאַפּט ביי דער האַנט.

— ניין. אויב מען דאַרף עס נישט זאָגן, וועל איך עס נישט זאָגן.

וואָס איז? ער האָט דיר נישט געהייסן עס זאָגן קיינעם?

— ניין, דאָס נישט. ער האָט נישט געזאָגט קיין וואָרט וועגן דעם.

אָבער איך אַליין וויל נישט, אַז עס זאָל אַרויסקומען פון מיר.

— אָבער זאָג מיר שוין וואָס איז געווען! — איז שמעון שוין גע־וואָרן אומגעדולדיק.

— ער האָט געהאַט גרויס עגמת־נפש.

— פון וועמען?

— פון עטלעכע רביים, וואָס בלאָזן זיך קעגן אים. זיי האָבן אים נישט צוגעלאָזט צו דער אַסיפה.

— צו דער אַסיפה, וואָס ער האָט אַזויפיל געאַרבעט, אַז זי זאָל צו־זאַמענגערופן ווערן? וואָס ער איז געווען דער גאַנצער מאַכער פון איר?

— יאָ.

— פאַרוואָס?

— ווייל ער איז נאָך צו יונג, אַזוי האָבן זיי געזאָגט. ער איז נאָך נישט קיין רבי. עס פּאַסט זיי נישט צו האָבן אים אין זייער חברותא.

— ווען איז דאָס געווען?

— היינט נאָכמיטאָג. עס איז געווען אַן אַסיפה וועגן דער אַסיפה, דאָס הייסט, מיט וועמען מען זאָל גיין צום טיש. האָט זיך איינער אַוועק־געשטעלט און געטענהט קעגן אים און עס האָבן זיך באַלד געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן מסכים געווען מיט אים. ר׳ נחומטשע, מיין פעטער, האָט זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט, אַז מען זאָל אים נישט אויסשליסן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. דער רוב איז געווען קעגן אים.

— דער רוב איז געווען קעגן אים! — האָט שמעון אויסגעשריגן מיט אַ קוויטש — איז דאָס מעגלעך? עס איז אַ חרפה! שעמען מעגן זיי זיך, אַט די... אַט די...

הערשל האָט אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף שמעונס מויל.

— זאָג נישט אַרויס קיין איין שלעכט וואָרט אויף די גדולי ישראל, אַפּילו ווען זיי האָבן זיך באַנאַרישט און אַפּילו ווען זיי זענען באַגאַנגען אַ גרויסע עוולה. נו, איצט זאָג מיר וועגן גיטעלען.

הערשל האָט איצט געזען טרערן ביי שמעונען אין די אויגן.

— לאָמיר דאָס לאָזן, הערשל, אויף מאָרגן. כ׳בין איצט צופיל צע־טראָגן צו קענען ריידן... מען דאַרף אויך גיין באַלד צוריק אין זאַל צו די שבע ברכות. מאָרגן וועל איך עס דיר זאָגן.

— גוט, — האָט הערשל מסכים געווען — זאָג מיר נאָר בלויז איין וואָרט, זי קומט?

— יאָ.

— זייער גוט.

ביידע זענען איצט געגאַנגען שטיל־שווייגנדיק צום חתונה־זאַל צו די שבע ברכות און שמעון האָט זיך כסדר געווישט די אויגן.

די סעודה איז געווען אַ קורצע און ביים טיש איז שוין געגאַנגען פון מויל צו מויל, ביי די רביים, אַז ר׳ נחמן האָט זיך באַליידיקט און איז אַוועקגעפאָרן. דאָס איז אויך אָנגעקומען צו ר׳ נחומטשען און ער האָט געגעבן אַ קלאַפּ מיט די הענט און געזאָגט מיט זיין דין קוויטשעדיק קול:

— עס פאַרדריסט מיך זייער שטאַרק פאַרוואָס עס איז אַזוי געשען. אַ שאָד וואָס ער איז אַזוי אַנטלאָפן. ער האָט זיך אַפּילו מיט מיר נישט געזעגנט. עס איז אים געשען אַ גרויסע עוולה! הלוואַי זאָל קיינער נישט ליידן דערפון.

קיינער האָט איצט נישט געזאָגט קיין וואָרט, נאָר די בליקן פון אַלע רביים זענען געווען געווענדעט צום אַלטן ר׳ ליב שרהס און אַט די בליקן האָבן געזאָגט, אַז ער איז שולדיק אין דעם. ר׳ ליב שרהס האָט דערפילט די שטעכעדיקע בליקן אויף זיין פּנים און האָט זיך אויפגעהויבן פון טיש און איז אַרויס.

צומאָרגנס באַלד אין דער פרי האָט זיך ר׳ ליב שרהס אויך זיך גע־זעגנט מיט ר׳ נחומטשען און איז אַהיימגעפאָרן. ר׳ נחומטשע האָט גע־וואָלט מיט אים כאַפּן אַ שמועס וועגן פאַרשיידענע ענינים, אָבער ר׳ ליב

האָט אים געזאָגט, אַז ער מוז שוין אַוועקפאָרן, אַריינגעשטעקט ר׳ נחומ־טשען די האַנט אויף אַ „זיי געזונט״ און איז אַרויס.

— ווי איך זע, וועט שוין קיין אַסיפה נישט זיין — האָט ר׳ נחומ־טשע שפּעטער געזאָגט צו הערשלען, וועלכער האָט אים דערציילט, וואָס ר׳ נחמן האָט אים געזאָגט און אויך, אַז ר׳ אפרים איז שטאַרק צעטראָגן און אַז שמעון האָט געוויינט.

ר׳ נחומטשע האָט איצט געבעטן הערשלען, אַז ער זאָל אַריינרופן ר׳ אפרימען און שמעונען צו זיך, ווייל ער וויל מיט זיי עפּעס ריידן. הערשל האָט זיי גלייך אויפגעזוכט און זיי דאָס געזאָגט. זיי זענען אַריינ־געגאַנגען צו ר׳ נחומטשען און זענען געשטאַנען דאָרטן מיט אַראָפּגע־לאָזטע קעפּ ווי אבלים.

— דאָס האָט פאַר קיין פאַל נישט געטאָרט געשען — האָט ר׳ אפרים געזאָגט צו ר׳ נחומטשען מיט גרויס ביטערקייט — קיינער ווייס נישט די גרויסקייט פון ר׳ נחמנען. און אַז ער איז יונג, איז וואָס? אדרבה, עס איז דאָך פאַרקערט. איז ער דאָך נאָך אַ גרויס וווּנדער! אַז אַזאַ יונ־גער מענטש זאָל קענען שטייגן אַזוי הויך...

— עס איז דאָך געווען ער, וואָס האָט אַזוי שווער געאַרבעט, אַז עס זאָל זיין אַזאַ אַסיפה — האָט שמעון גערעדט מיט האַרץ — פאַרוואָס קומט אים אַזאַ פאַרשעמונג?

— ווען איך בין נישט דער חתן — האָט ר׳ אפרים ווידער גערעדט מיט אַ באַהאַלטענעם כעס — וואָלט איך איצט מיר איינגעפּאַקט די זאַכן און נאָכגעפאָרן נאָך אים.

— עס וועט דעריבער קיין אַסיפה נישט זיין — האָט ר׳ נחומטשע אַרויסגעגעבן זיין פּסק. — אויס מיט דער אַסיפה. איך וועל מער צו קיין אסיפה נישט גיין. איך וועל זיי דאָס אויך שיקן זאָגן דורך הערשלען.

ווען זיי זענען אַרויס, האָט ר׳ אפרים פאַרזיכטיק געפרעגט שמעונען:

— עס איז מיר אַ וווּנדער, אָבער כ׳וועל דיך נישט פרעגן פאַרוואָס דו ביסט נישט נאָך נעכטן געפאָרן אַהיים קיין מעדוועדעווקע. דו וואָלסט אים אפשר געכאַפּט אין מיטן וועג און וואָלסט אים געקענט אַביסל באַרואיקן.

— איך מוז דאָ בלייבן! — האָט שמעון אים קורץ געזאָגט.

— פאַרוואָס?

שמעון האָט איצט אַוועקגערופן ר׳ אפרימען אָן אַ זייט און אים אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז ער מוז דאָ וואַרטן אויף גיטעלען. זי וועט קו־מען צו די לעצטע שבע ברכות. אַזוי איז אָפּגערעדט געוואָרן. עס וועט אַוודאי זיין אַ שידוך מיט הערשלען.

— אַזוי גאָר! טאַקע!

— יאָ.

— און ר׳ נחמן ווייס דערפון?

— ניין, מען האָט נישט געוואָלט, אַז ער זאָל וויסן, כדי אים נישט מצער צו זיין. גיטעלע אַליין האָט עס נישט געוואָלט.

— ביסטו זיכער, אַז זי וועט קומען?

— איך האָב היינט געקראָגן פון איר אַ בריוו, אַז זי קומט. הערשל קוקט זיך שוין אויס די אויגן אויף איר.

— עס וועט זיין אַ גוטער שידוך.

— לאָמיר האָפן. אַ זיווג מן השמים. ער איז דאָך אַזאַ טייערער בחור און זי אַזאַ טייער מיידל.

— זיי ווען זיך, הייסט עס, דאָ זען צום ערשטן מאָל?

— אַוודאי.

— און פריידל ווייס דערפון?

— עפּעס ווייס זי.

— דו האָסט איר געזאָגט?

— אַביסל, און אַביסל אויך הערשל.

— און זי באַשטייט?

— זייער. זי וויל שוין אַזוי שטאַרק פירן איר זון אונטער דער חופה, און עס האָט זיך אַלץ נישט געמאַכט.

— און הערשל און זיין מאַמע ווייסן פון דער גאַנצער מעשה? כ׳מיין מיט די פראַנקיסטן?

— זיי ווייסן אַלץ. איך האָב זיי אַלץ געזאָגט.

— און עס מיינט ביי זיי גאָרנישט?

— ניין, הערשל זאָגט נאָך פאַרקערט, אַז זי איז דורכגעגאַנגען דעם גרעסטן נסיון און אַרויסגעקומען ריין. זי איז דעריבער אַ געלייטערטע נשמה.

— זייער גוט, כ׳בין צופרידן. זי קומט ערשט צו די לעצטע שבע ברכות, זאָגסטו?

— יאָ, אַזוי האָבן מיר אָפּגערעדט, כדי ר׳ נחמן זאָל זי נישט זען, ווייל אַזוי ווי מיר האָבן געמיינט, אַז ער וועט זיין, וואָלט איין אָונט גע־ווען פאַר איר מער מעגלעך אויסצוהיטן זיך פאַר אים, ווי אַ גאַנצע וואָך. יעדנפאַלס אַזוי האָט מען דעמאָלט געמיינט.

— נו, אויב אַזוי וועט מען באַלד מאַכן אַ וואָרט, מען וועט שרייבן תנאים?

— אַוודאי, באַלד נאָך דער שבע ברכות. חתן־כלה וועלן זיך זען, און אויב זיי וועלן זיך געפעלן, וועט מען מאַכן אַ וואָרט און אָפּריידן זמן־חתונה.

— זייער גוט, זייער גוט. ס׳דוכט זיך, שמעון, אַז דו האָסט מיר געזאָגט, אַז גיטעלע האָט שוין אַ קינד, אַ ייִנגעלע, אמת?

— יאָ.

— און ווו וועט דאָס קינד זיין?

— וואָס הייסט ווו? ביי זיי. הערשל באַשטייט אויף אַלעם. איך האָב אים אַלץ דערציילט, כ׳האָב אַלץ אַוועקגעלייגט אויפן טיש, כ׳האָב גאָרנישט פאַרהוילן, פשוטו כמשמעו. כ׳האָב קיין זאַך פון אים נישט באַ־האַלטן. און ער איז צופרידן.

— נו, אַז ער איז צופרידן, בין איך אויך צופרידן. זאָל זיין מיט מזל!

ר׳ אפרים האָט איצט געזען, אַז הערשל דרייט זיך פון דער ווייטן און וויל זען שמעונען. ר׳ אפרים איז דעריבער אַוועקגעגאַנגען. הערשל איז צוגעגאַנגען צו שמעונען.

— נו, גיטעלע קומט טאַקע?

— יאָ, איך האָב געקראָגן פון איר אַ בריוו. זי וועט דאָ זיין מאָנ־טיק, באַלד אין דער פרי. זי קומט צו די לעצטע שבע ברכות.

— כ׳בין שוין נייגעריק — האָט זיך אַרויסגעריסן אַ וואָרט פון הערשלס מויל און ער האָט זיך באַלד פאַרשעמט.

— דו וועסט זי זען, און עס איז דאָ וועמען צו זען — האָט שמעון אים געקלאַפּט אויף דער פּלייצע.

— איך וויל דיך עפּעס בעטן — האָט הערשל נישט דרייסט געזאָגט — מיין מאַמע ווייס עפּעס יאָ און עפּעס נישט. איך האָב איר עפּעס געזאָגט; אויך דו האָסט מיט איר אַביסל גערעדט, אָבער זי ווייסט נאָך נישט אַלץ. אפשר וועסטו אַריינקומען צו אונדז היינט נאָכמיטאָג און ריידן מיט איר. איך וויל, אַז זי זאָל זיין אינגאַנצן צוגעגרייט, עס זאָלן נישט זיין קיין שום קשיות.

— גוט, איך וועל זיין היינט נאָכמיטאָג ביי אייך אין הויז און וועל ריידן מיט דיין מאַמען. קענסט עס איר זאָגן.

אַרום דריי אַזייגער איז שמעון געקומען צו פריידלען אין הויז. פריידל האָט געשטעלט כיבוד אויפן טיש.

שמעון האָט גלייך פאַרפירט אַ שמועס מיט פריידלען וועגן גיטעלען. ער האָט איר געזאָגט, אַז זיין שוועסטער קומט צו די לעצטע שבע ברכות און עס וועט זיין אַ געלעגנהייט פאַר אַ צווייטער שמחה, אַ תנאים צווישן הערשלען און גיטעלען, און זי געפרעגט וואָס זי זאָגט דערצו.

— איך האָב נאָך אייער שוועסטער נישט געזען. וואָס קען איך זאָגן? — האָט פריידל זיך אַרויסגעדרייט פון אַן ענטפער.

— איר וועט זי זען און איך בין זיכער, אַז זי וועט אייך געפעלן. איך בין אַזוי זיכער אין דעם, פונקט אַזוי ווי זי איז געפעלן הערשלען אונטער די אויגן — האָט שמעון איר געזאָגט מיט אַ זיכערקייט אין טאָן.

— מעגלעך, הלוואַי, רבונו של עולם. כ׳וויל שוין אַזוי שטאַרק, אַז הערשל זאָל חתונה האָבן, — און אין פריידלס אויגן האָט זיך געזען אַ טרער.

— זאָרגט נישט, איר וועט בקרוב אויך ווערן אַ באָבע — האָט שמעון אַלץ ווייטער גערעדט מיט אַזאַ פעסטן טאָן.

— וואָס מיינט איר, שמעון? — האָט פריידל אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— ווייל מיין שוועסטער האָט אַ שיין יינגעלע פון איר ערשטן מאַן.

— אָט דאָס האָב איך נישט געוווסט — האָט פריידל געזאָגט. — אַזוי גאָר? אַ ווייבל מיט אַ קינד? הערשל, דו האָסט עס געוווסט?

— יאָ, מאַמע. שמעון האָט מיר אַלץ געזאָגט.

— און דו ביסט באַשטאַנען?

— יאָ, מאַמע, זי מיט אַ קינד. איז ביי מיר פיל מער חשובער ווי אַן אַנדערע אָן אַ קינד.

— אַזוי פאַרליבט ביסטו שוין אין איר, איידער דו האָסט זי נאָך געזען? — האָט פריידל זיך געוווּנדערט.

— עס איז נישט דאָס, מאַמע, אַלץ אין מיר זאָגט מיר, אַז זי איז מיין זיווג.

— אַזוי פילסטו?

— יאָ, מאַמע.

— נו, אויב דו פילסט אַזוי, זאָל זיין מיט מזל. עס איז איצט אַ שמחה ביי מיר, ווייל איך, אַז דו זאָלסט זיך אויך פרייען. אויב זי וועט דיר געפעלן, ווען דו וועסט זי זען, וועלן מיר די קומענדיקע וואָך שרייבן תנאים און אָפּשטימען אַ זמן־חתונה.

— אַ דאַנק, מאַמע! דאָס זענען די בעסטע ווערטער, וואָס דו האָסט מיר געקענט זאָגן היינט.

— מאַנטיק, באַלד אין דער פרי, קומען אָן די פורן — האָט שמעון געזאָגט אין אַ שטילן טאָן צו הערשלען, — איך וועל זי אָפּוואַרטן און דערנאָך זי אַריינפירן אין דער זעלבער אכסניה, ווו איך שטיי איין.

— ניין, פאַר קיין פאַל נישט — האָט פריידל זיך אַריינגעמישט — אַ מיידל איז נישט קיין מאַן. אַ מיידל קען נישט איינשטיין אין אַן אכסניה איינע אַליין. דעריבער, שמעון, זאָלט איר זי ברענגען גלייך צו מיר. זי וועט זיין ביי מיר אין הויז, אין מיין קליינער ווינונג.

— איך וועל איר אָפּגעבן מיין בעט — האָט הערשל געזאָגט אַביסל שעמעוודיק.

— און ווו וועסטו שלאָפן? — האָט פריידל אים אָנגעקוקט.

— איך וועל מיר אויסבעטן אַ געלעגער ביים פעטער אין הויז —

האָט הערשל זיך ווי פאַרענטפערט. — ווייסט וואָס, שמעון, איך וועל גיין מיט דיר צו די פורן מאָנטיק אין דער פרי און ברענגען דיין שוועס־טער אַהער.

— ניין, הערשל, דאָס פּאַסט נישט פאַר דיר — האָט פריידל זיך אַנטקעגנגעשטעלט — דו קענסט דאָך זי נאָך נישט. זי איז נאָך דער־ווייל צו דיר אַ פרעמדע. וואָס הייסט, דו וועסט גיין אָפּוואַרטן אַ פרעמד מיידל ביי די פורן?

— דיין מאַמע איז גערעכט — האָט שמעון זיך אַריינגעמישט — עס פּאַסט טאַקע נישט. איך וועל גיין אַליין און זי ברענגען אַהער, און אָט דאָ וועט איר זיך באַקענען.

צומאָרגנס איז געקומען צופאָרן אויף שבע ברכות ר׳ מרדכי קוזאַ־רעוויטש. ער האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט שמעונען, מיט ר׳ אפרימען, מיט הערשלען און מיט אַלע אַנדערע. ער האָט זיך פאַרענטפערט, אַז ער האָט פריער נישט געקענט קומען צוליב געשעפטן. ווען ער האָט געהערט, אַז ר׳ נחמן איז דאָ געווען און איז שוין אָוועקגעפאָרן, האָט ער זייער באַ־דויערט, פאַרוואָס ער האָט אים דאָ נישט געטראָפן. ר׳ מרדכי האָט אויך געזאָגט צו ר׳ אפרימען, אַז ער וועט דאַרפן פאָרן קיין מעדוועדעווקע, כדי צו ברענגען אין אָרדענונג די פּאַפּירן וועגן מאַיאָנטעק, וואָס ער האָט געקויפט, און אַז ער וועט זיין מיט אים צוזאַמען אַ וואָך.

מאָנטיק באַגינען האָט שמעון שוין אָפּגעוואַרט אויפן אַלטן מאַרק די פורן, וואָס קומען־אָן פון די אַרומיקע ערטער. ער איז געווען זייער נערוועז, ווען עס איז אָנגעקומען אַ פור נאָך אַ פור און ער האָט נאָך אַלץ גיטעלען נישט געזען. דער טאָג איז געווען אַ טריבער, אַ דינער רעגן איז געגאַנגען, וואָס איז ממש אַריינגעדרונגען אין די ביינער און אַ קאַלטער ווינט האָט דערצו באַגלייט דעם רעגן. שמעון האָט איצט אינגאַנצן גע־ציטערט פון קעלט און עס איז אים איבערהויפּט געווען קאַלט אין די פיס, ווייל די שטיוול זענען נישט געווען קיין גאַנצע. ענדלעך האָט ער געזען ווי אַ מיידל, וואָס זעט אויס ווי גיטעלע, איז אַראָפּ פון אַ פור אין אַ זייטיקער גאַס. ער איז גיך צוגעלאָפן אַהין. עס איז טאַקע געווען גי־טעלע. ער האָט זיך מיט איר אַרומגעכאַפּט און איר געקושט און זי נאָך

מער מיט אים. גיטעלע איז געווען אויסגעפוצט אין אַ שיין שוואַרץ סאַ־מעטן קלייד, מיט אַ גאָלדענער קייט אויפן האַלדז און פון אויבן אַ טייערן שוואַרצן טוכענעם מאַנטל. זי האָט אויך געטראָגן אַ געבלימט טיכל אויפן קאָפּ. פון אונטער דעם טיכל האָבן זיך אַרויסגעזען אירע געלאָקטע האָר, וואָס זי האָט נישט געלאָזט אָפּשערן צו איר חתונה מיט אַהרנען. שמעון האָט זיך געשראָקן דערפאַר, צי מען וועט איר נישט עפּעס פאָרוואַרפן דאָ פאַרן נישט אָפּשערן אירע האָר, און ער האָט דאָס איר געזאָגט. גיטעלע האָט זיך צעלאַכט און אים דערויף געענטפערט:

— לאָז דאָס איבער פאַר מיר, איך וועל מיר שוין אַן עצה געבן.

ווען גיטעלע איז אַריינגעקומען אין פריידלס הויז, איז דאָרטן גע־וואָרן ווי אַ נייע זון וואָלט אויפגעשיינט. הערשל איז געבליבן שטיין אין מיטן שטוב צעטומלט, דערזעענדיק אירע לאַכנדיקע אויגן, וועלכע האָבן חנעוודיק באַלויכטן איר פּנים, און פריידל איז איר אַנטקעגנגעלאָפן.

— דאָס איז אייער שוועסטער גיטעלע? — האָט זי גלייך זי אַרומ־גענומען און אַריינגעפירט אין איר שטוב.

— יאָ, עס איז גיטעלע, — האָט שמעון זי פאָרגעשטעלט פאַרביידן, פאַר פריידלען און פאַר הערשלען.

— עס וועט זיין אַ גרויס גליק פאַר מיר צו האָבן דיך ביי מיר אין הויז — האָט פריידל צו איר געזאָגט מיט פיל וואַרעמקייט.

גיטעלע האָט איר באַדאַנקט. דערנאָך האָט שמעון געזאָגט צו גי־טעלען, צופירנדיק זי צו הערשלען:

— און דאָס איז פריידלס זון, הערשל.

הערשל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געזאָגט שטיל:

— שלום עליכם אייך, ברוך הבא!

— אַ שיינעם דאַנק! — האָט גיטעלע אים געענטפערט מיט אַ באַ־זונדערן שמייכל.

הערשל האָט איצט איינגערוימט שמעונען, אַז ער זאָל מיט אים אַרויסגיין, ווייל ער וויל מיט אים עפּעס ריידן. ווען זיי זענען אַרויס, האָט הערשל אַרומגעכאַפּט שמעונען און אים איינגערוימט אין אויער:

— עס איז פיל מער, ווי דאָס וואָס דו האָסט מיר דערציילט וועגן איר. זי איז ממש איינע פון צען טויזנט. איך בין אַזוי גליקלעך!

פריידל האָט שפּעטער פאַרגעשטעלט גיטעלען פאַר דער רביצין. דער רבי איז געווען פאַרנומען און זי האָט נישט געקענט אַריינגיין צו אים און עס איז געבליבן צו טאָן דאָס צומאָרגנס.

אין אָוונט איז געווען די לעצטע שבע ברכות. מען האָט געגעבן אַ סך דרשה־געשאַנק פאַר חתן־כלה. נאָך דעם מאָלצייט האָט פריידל צוגע־פירט גיטעלען צו איר ברודער, ר׳ נחומטשען, און אים געזאָגט, אַז זי איז שמעונס שוועסטער.

ר׳ נחומטשע האָט זי פריינדלעך געמוסרט:

— וואָס זאָגסטו מיר עפּעס „שמעונס שוועסטער״? פאַרוואָס זאָגסטו מיר נישט, אַז זי איז הערשלס כלה? איך ווייס אַלץ, זאָל זיין מיט מזל. קומענדיקע וואָך, אם ירצה השם, וועט מען פאַראוועען תנאים.

נאָך די ווערטער פון ר׳ נחומטשען זענען אַלע שוין צוגעגאַנגען צו הערשלען און אים געווונטשן מזל טוב און דאָס זעלבע אויך גיטעלען און שמעונען. דער לעצטער איז אָנגעקומען צו זיי ר׳ מרדכי און ער האָט גע־זאָגט צו הערשלען און גיטעלען:

— איך וויל אייך שוין געבן אַ חתונה־מתנה. נאָך דער חתונה וועט הערשל זיין ביי מיר אין געשעפט. איך דאַרף האָבן אַזאַ שרייבער, ווי ער איז, אויף צו פירן מיינע געשעפטן און צו שרייבן פאַר מיר בריוו צו די גרויסע לייט און איר, גיטעלע, וועט אים אויך קענען אַרויסהעלפן, ווייל כ׳האָב שוין געהערט, אַז איר זייט אַ גרויסע קענערין. נו, זאָל זיין מיט מזל! — און ער האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גרויסע גלאָז וואָדקאַ, געזאָגט צו אַלעמען „לחיים״ און עס אויסגעטרונקען מיט איין שלונג, נאָך איידער אַלע האָבן אים געענטפערט „לחיים״.

שפּעטער איז גיטעלע אַהיימגעגאַנגען שלאָפן צו פריידלען, אָבער ביידע פרויען זענען דורך דער גאַנצער נאַכט אַפילו קיין שעה נישט גע־שלאָפן, ווייל זיי האָבן גערעדט ביזן טאָג, דערציילנדיק זייערע איבערלע־בונגען איינע דער אַנדערער.

**(סוף פון דריטן טייל)**

# דאָס פּוילישע יידנטום

**ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע**

**רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו**

פאַרלאַג־לייטער: אברהם מיטלבערג


## ביז איצט דערשינען:

1) **מאַרק טורקאָוו** — מלכה אָוושיאַני דערציילט... **(אויספאַרקויפט)**
2) **ה. ד. נאָמבערג** — י. ל. פּרץ **(אויספאַרקויפט)**
3) **וו. גראָסמאַן־וויערניק** — טרעבלינקע **(אויספאַרקויפט)**
4) **פּרץ גראַנאַטשטיין** — מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו **(אויספאַרקויפט)**
5) **ישראל טאַבאַקסבלאַט** — חורבן לאָדזש **(אויספאַרקויפט)**
6) **זרובבל** — באַרג חורבן **(אויספאַרקויפט)**
7) **אלחנן צייטלין** — אין אַ ליטעראַרישער שטוב **(אויספאַרקויפט)**
8) **ד״ר ח. שאָשקעס** — פּוילן — 1946 **(אויספאַרקויפט)**
9) **ז. סעגאַלאָוויטש** — טלאָמאַצקע 13 **(אויספאַרקויפט)**
10) **מ. נודעלמאַן** — געלעכטער דורך טרערן **(אויספאַרקויפט)**
11) **ד״ר מאיר באַלאַבאַן** — די יידן־שטאָט לובלין **(אויספאַרקויפט)**
12) **ישראל אפרת** — היימלאָזע יידן **(אויספאַרקויפט)**
13) **ד״ר יעקב שאַצקי** — אין שאָטן פון עבר **(אויספאַרקויפט)**
14) **דוד פלינקער** — אַ הויז אויף גזשיבאָוו **(אויספאַרקויפט)**
15) **ד״ר הלל זיידמאַן** — טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ **(אויספאַרקויפט)**
16) **זאַמלונג פון דאָקומענטן** — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע **(אויספאַרקויפט)**
17) **חיים גראַדע** — פּליטים **(אויספאַרקויפט)**
18) **ש. קאַטשערגינסקי** — פּאַרטיזאַנער גייען!... **(אויספאַרקויפט)**
19) **פרידע זרובבל** — נע ונד **(אויספאַרקויפט)**
20) **מרדכי שטריגלער** — מאַידאַנעק
21) **יעקב לעשצינסקי** — אויפן ראַנד פון אָפּגרונט **(אויספאַרקויפט)**
22) **ז. סעגאַלאָוויטש** — געבראָכענע טריט **(אויספאַרקויפט)**
23) **אברהם טייטלבוים** — וואַרשעווער הייף
24) **טאַניאַ פוקס** — אַ וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) **ש. ל. שניידערמאַן** — צווישן שרעק און האָפענונג **(אויספאַרקויפט)**
26) **לעאָ פינקלשטיין** — מגילת פּוילן **(אויספאַרקויפט)**
27) **יאָנאַס טורקאָוו** — אַזוי איז עס געווען... **(חורבן וואַרשע)**
28) **ש. איזבאַן** — „אומלעגאַלע״ יידן שפּאַלטן ימען
29) **יעקב פּאַט** — הענעך
30) **ד״ר י. קערמיש** — דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ

31) **שמחה פאליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער — אין די פאַבריקן פון טויט** (**אויספאַרקויפט**)
33) **אברהם נחתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**אויספאַרקויפט**)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — יצחק קאַצענעלסאָן
37) **י. הירשהויט** — פינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
44) **ז. יעזשאָלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב (**אויספאַרקויפט**)
45) **ד״ר ה. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי... (**אויספאַרקויפט**)
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**אויספאַרקויפט**)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פראָזע אין פוילן
53) **יאַנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן (**אויספאַרקויפט**)
54) **יצחק פערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (**ראָמאַן**)
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56־57־58) **שלום אַש — פעטערבורג — וואַרשע — מאָסקווע**
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61־62) **דוד פלינקער — אין שטורעם** (**ראָמאַן**)
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64־65) **מרדכי שטריגלער — „ווערק צע״**
(פרעמירט דורכן האַפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים
יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס־איירעס, 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָר. (**זכרונות**)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)
71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן... (**אויספאַרקויפט**)
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע (**אויספאַרקויפט**)
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־פאָנד, מעקסיקע, 1951)

73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען **(אויספארקויפט)**
(פרעמירט דורכן ליטעראטור־פאנד אין סאן־פאולא, בראזיל, 1951)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאנד
75) **זיגמונט טורקאוו** — פראגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון א גאנץ יאר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן און ליטעראטור־פרעמיע פון „בונד" אין פוילן, ווארשע, 1937
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשארני** — ווילנע
79) **ז. סעגאלאוויטש** — דער לעצטער לאדזשער ראמאן
80) **יזכור־בוך** — בעלכאטאוו **(אויספארקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף א פולער וואך
82—83) **יצחק פערלאוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראמאן)**
84) **יוסף אקרוטני** — דאס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות
87) **ד״ר יוסף טענענבוים** — גאליציע — מיין אלטע היים
88) **זלמן שזר** — שטערן פארטאג **(זכרונות)**
89) **משה דוד גיסער** — דאס געזאנג פון א לעבן **(אויספארקויפט)**
90) **ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אנדערע כתבים
91—92) **עמנואל רינגעלבלום** — קאפיטלען געשיכטע
93) **שמעון האראנטשיק** — אין געדריש פון מאשינען **(ראמאן)**
94) **גרשם באדער** — מיינע זכרונות **(קראקע)**
95—96) **יאנאס טורקאוו** — פארלאשענע שטערן **(זכרונות)**
(פרעמירט דורכן צבי קעסעל ליטעראטור־פאנד, מעקסיקע 1954).
97—98) **אלטער קאציזנע** — שטארקע און שוואכע **(ראמאן)**
99) **פועה ראקאווסקי** — זכרונות פון א יידישער רעוואלוציאנערין
100) **מארק טורקאוו** — די לעצטע פון א גרויסן דור
101) **י. הירשהויט** — יידישע נאפט־מאגנאטן
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, ביי „די אידישע צייטונג", בוענאס־איירעס, 1955).
102) **משה זאנשיין** — יידיש ווארשע
103) **פ. מינץ (אלעקסאנדער)** — די געשיכטע פון א פאלשער אילוזיע
104) **י. י. טרונק** — די וועלט איז פול מיט נסים **(ראמאן)**
105־106־107) **מיכאל בארוויטש** — ארישע פאפירן
(פרעמירט דורכן ניימאן־פאנד, פאריז, 1958).
108—109) **מרדכי שטריגלער** — געארעמט מיטן ווינט **(ראמאן)**
110—111) **ד״ר א. מוקדוני** — ווארשע און לאדזש
(פרעמירט דורכן האפער־לייב ליטעראטור־פאנד, ניו־יארק, 1956).
112) **ברוך האגער** — מלכות חסידות
(פרעמירט דורכן מרדכי־סטאליאר־ליטעראטור־פאנד, בוענאס־איירעס, 1956).
**113) ב. שעפנער — נאוואליפיע 7 (זכרונות)**

114) פנחס שטיינוואַקס — ייִדן צום גערענקען
115) ק. צעטניק — דאָס הויז פון ליאַלקעס
116) מאַקס ווייגרייך — פון ביידע זייטן פלויט
117) אליעזר וויזל — און די וועלט האָט געשוויגן
118) ש. בערלינסקי — ירושה
(פרעמירט דורכן יידישן קולטור־קאָנגרעס, ניו־יאָרק, 1957)
119) ד״ר יוסף טענענבוים — צווישן מלחמה און שלום
120) יוסף אָקרוטני — סוף קאַפּיטל
121) זיגמונט טורקאָוו — טעאַטער־זכרונות פון אַ שטורמישער צייט
122) בער י. ראָזען — פאַרטרעטן
123) אברהם טענענבוים־ארזי — לאָדזש און אירע ייִדן
124—125) משה קאַגאַנאָוויטש — די מלחמה פון יידישע פאַרטיזאַנער אין מזרח־אייראָפּע
126—127) אברהם זאַק — קנעכט זענען מיר געווען
(פרעמירט דורך דער באַריס סוראַוויטש־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1957)
128) יעקב גלאַטשטיין — ווען יאָש איז געפאָרן
129—130) דוד פלינקער — נייע צייטן (ראָמאַן)
(פרעמירט דורך דער מרדכי סטאָליאַר־פּרעמיע, בוענאָס־איירעס, 1958)
131) משה יודל שעליובסקי — אין דער וועלט אַריין
(פרעמירט דורך דער האָפּער־לייב־פּרעמיע, ניו־יאָרק, 1958)
132) ד״ר יצחק שוואַרבאַרט — צווישן ביידע וועלט־מלחמות
133) לעאָן לענעמאַן — דער חשבון בלייבט אָפן
134) שלמה פראַנק — טאָג־בוך פון לאָדזשער געטאָ
135) מ. באַקאַלטשוק — זכרונות פון אַ יידישן פאַרטיזאַן
136) פנחס וועלנער — אין יענע טעג
137) אלימלך ראַק — זכרונות פון אַ יידישן האַנטווערקער־טוער
138) הירש אַבראַמאָוויטש — פאַרשווּנדענע געשטאַלטן
139) ב. טערקעל — זכרונות פון דער מלחמה־צייט
140) י. ל. וואַלמאַן — פוילישע יידן (ראָמאַן)
141—142) נ. שמן — דאָס געזאַנג פון חסידות
143—144) צבי כהן — שטורמישע דורות (ראָמאַן)

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יאָנאַס טורקאָוו — נאָך דער באַפרייאונג
שלמה פריזאַמענט — בראָדער זינגער
העלענאַ שערעשעווסקאַ — צווישן צלם און מזוזה

## עס גרייט זיך צום דרוק

דוד דאַווידאָוויטש — קונסט־געשיכטע פון שולן אין פוילן
שלמה ברייניסקי — זשעליכאָווער מענטשן

## פּרעסע־שטימען וועגן דער ביכער־סעריע

# דאָס פּוילישע יידנטום

ד״ר א. מוקדוני ז״ל האָט געשריבן וועגן די ביכער פון ב. שעפּנער „גאָוואָליפּיע 7” און פון מאַרק טורקאָוו „די לעצטע פון אַ גרויסן דור” („קולטור און דערציאונג”, ניו־יאָרק, יאַנואַר 1956):

גאָוואָליפּיע 7 איז אַ הויז מיט אַ סך דירות. אין איינער פון די דירות האָט זיך געפונען די רעדאַקציע פון דער בונדישער צייטונג „פאָלקס־צייטונג”. דאָס הייסט, אין דער אָרעמער, ענגער דירה האָט זיך אַריינגעקוועטשט דער גייסט פון „בונד”, די פירערשאַפט, מיט איר רעכטן און לינקן פליגל, די רעדאַקציע און די דרוקעריי מיט אירע מאַשינען. אַ פּראָלעטאַרישע צייטונג אין אַ פּראָלעטאַרישער דירה.

ב. שעפּנער רופט זיינע באַשרייבונגען פון די רעדאַקטאָרן, מיטאַרבעטערס און פירערס פון „בונד”: „פעליעטאָנען”. וואָלט איך געוואונטשן אַז אונדזערע געשווירענע און פּראָפעסיאָנעלע פּאַטעטיקערס זאָלן האָבן כאָטש אַ קליינעם חלק פון דעם פּאַטאָס, וואָס איר געפינט אין ב. שעפּנערס „פעליעטאָנען”. עס איז דאָ אַ לויטערע מענטשלעכקייט אין זיינע פעליעטאָנען. און מיט ליכט וועט איר זוכן אַ רמז אויף ליצנות אין זיינע „פעליעטאָנען”. אָט דער פעליעטאָניסט איז דער סאַמע ערנסטער שרייבער. בלויז זיין ערנסט איז ניט קיין אָנגעדרודלטער, נישט קיין מרה־שחורהדיקער און נישט קיין בייזער. ס'איז דאָ וויציקייט אין זיינע עסייען, אָבער די וויציקייט בייסט נישט, שטעכט נישט און יאַדעט נישט.

אמת, ער איז נישט קיין בעל־בכי, נישט קיין קלאָגמוטער. ער קען אַפילו זיין אייגענעם פאָטער באַשרייבן, אָדער ריכטיקער — מאָלן וויציק. און עס קומט אַרויס דער שענסטער, דער פּאַטעטישסטער פּאָרטרעט פון זיין פאָטער. הפנים, אַז פּאַטאָס קען זיין אויך וויציק, און ווען פּאַטאָס ווערט וויציק האָט ער טויזנט חנען. און דער וויציקער פּאַטאָס שעפּנערס ברענגט אַרויס קלאָרער און שאַרפער די פירערס פון „בונד”.

דער „בונד” האָט בכלל געהאַט מזל צו שיינע, לויטערע פירערס. דווקא דער יידישער מיטלקלאַס און די יידישע בורזשואַזיע האָבן צוגעשטעלט די דאָזיקע פירערס. די פירערס האָבן, הייסט עס, באַדאַרפט זיך אַליין איבערשאַפן אין סאָציאַליסטישע פירערס. דער געבורט פון

אַ פירער פון „בונד“ האָט מחייב געווען צו שיינע, ליכטיקע קרבנות.

די בונדישע פירערס זענען געקומען צום גרעסטן טייל אַסימילירטע צום יידישן אַרבעטער. דער יידישער אַרבעטער האָט זיי מגייר געווען, זיי געמאַכט פאַר די בעסטע וועלטלעכע יידן. די גרים האָבן שטאַרק ליב באַקומען דאָס לשון פון דעם יידישן פשוטן אַרבעטער, זיי זענען געוואָרן די געטרייסטע יידישיסטן אין דער יידישער וועלט. און סאָציאַליזם איז ביי זיי נישט געווען בלויז אַ מזוזה, אַ פרומע און אַ כשרע. זיי האָבן געגלייבט און גלייבן עד היום בביאת הסאָציאַליזם, ווי דער אַמאָליקער יידישער אַרבעטער, ווי דער יידישער אַרבעטער, וואָס היטלער האָט דערמאָרדעט.

סאָציאַליזם פאַרן אַרבעטער איז געווען אַ מין משיחישע באַוועגונג. די אַסימילירטע קינדער פון יידישן מיטלקלאַס און פון דער בורזשואַזיע האָבן ממש געלעבט אַ מאַרטירערישן לעבן. זיי האָבן אַ היפשן טייל פון זייער לעבן פאַרבראַכט אין תפיסות, אין די וויסטענישן פון סיביר, אין באַהעלטענישן און פאַרמאַסקירונגען, און נישט גענעכטיקט וווּ זיי האָבן געטאָגט. און ווען זיי זענען געוואָרן פירערס פון „בונד“ האָט דער יידישער אַרבעטער טאַקע זיי פאַרגעטערט, אָבער ער האָט אויך געהאַלטן אַן אויג אויף זיי. דער קלענסטער רבב האָט זיך נישט געטאָרט געפינען אויף זייערן אַ פירער.

און ב. שעפנער שטייט דאָ נישט און קלאַפט זיך אין האַרצן און שווערט, אַז איר זאָלט אים גלייבן אויפן וואָרט. ניין, ער דערציילט אייך אַ מעשהלע, אַ שפאַסיק מעשהלע, וואָס אילוסטרירט עס שאַרף. און דערציילט ער אייך וועגן אַ קאָמיש שטריכעלע אין דעם אָדער יענעם פירער, ווערט דאָס שטריכעלע אַ חן־פינטעלע.

דערציילט ב. שעפנער, אַז שכנים אין דעם הויז אויף נאָוואָליפיע 7 האָבן זיך באַרימט, אַז דאָס הויז האָט אַמאָל געהאַט אַ ליפט (אַן עלעווייטאָר), אָבער די בונדישע פירערס און די מיטאַרבעטערס פון דער „פאָלקס־צייטונג“ פלעגן קלעטערן אויף די טרעפ. און דאָס קלעטערן איז געווען אַ היפש ביסל מסוכנדיק פאַר די קלעטערערס, ווייל דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך אָנגעלעבט קראַנקע לונגען אין די צאַרישע תפיסות, אין סיביר און פון אַנדערע צאַרישע פלאָגן. דער ערשטער קלעטערער אויף די טרעפ איז געווען וולאַדימיר מעדעם, דער צווייטער קלעטערער איז געווען ביניש מיכאַלעוויטש (אַ לונגען־קראַנקער), דער דריטער קלעטערער איז געווען יוסף כמורנער (לעשצינסקי), שוין אַ געפערלעכער לונגען־קראַנקער. דער פערטער קלעטערער איז געווען הענריק ערליך.

דער אָרעמער יידישער פראָלעטאַריאַט אין פוילן האָט נישט געקאָנט באַזאָרגן זיינע פירערס מיט אַ בעסערער דירה פאַר דער רעדאַקציע. ער אַליין איז געווען ערשט דער אמתער קלעטערער אויף טרעפ. און די פי־

רערס האָבן געמוזט זיין קלעטערערס אויף טרעפּ...

**
*

דאָ האָבן מיר קלאָרע, רעאַליסטיש געצייכנטע פּאָרטרעטן וועגן די צוויי בונדישע מאַרטירערס אַלטער־ערליך, אָדער ערליך־אַלטער. צוויי ייִדענע מענטשן, צוויי אמתע פירערס פון „בונד“, צוויי לויטערע פּערזענלעכקייטן, וואָס פאַר זייער לויטערקייט, ערלעכקייט און גראַדליניקייט האָבן זיי באַצאָלט מיט זייער לעבן. זיי האָבן זיך געראַטעוועט פון היטלערן, געלאָפן קיין רוסלאַנד, און דאָרט האָט זיי סטאַלין דערמאָרדעט.

דער מענטש און זיין שטיקל לעבן איז ביליק געוואָרן אין אונדזער צייט. אויף אַלץ איז אַ יקרות, אַ שווערער, ביטערער יקרות, בלויז דער מענטש און זיין אמת איינציק שטיקל אייגנס — זיין לעבן — איז שפּאָט־ביליק. דער מענטש קאָנקורירט מיטן מלאך־המות. ער ווייסט בעסער פאַרן מלאך המות ווען דער צווייטער מענטש דאַרף שטאַרבן.

און מיר ייִדן זענען געלאָפן פון היטלערס מאָרד־פאַבריקן און אַריינגעפאַלן גלייך אין די הענט פון אַן אַנדער מלאך־המות — צו סטאַלינען אין די הענט. געבעלס האָט גאַליק געשמייכלט און כסדר געזאָגט, אַז זיי, ער און היטלער און זייער גלייכן, האָבן אַלץ געלערנט ביי סטאַלינען. דאָס איז אפשר דער איינציקער אמת, וואָס אָט דער קריפּל האָט אין זיין לעבן געזאָגט. דער גרעסטער ליגנער האָט באַהאַלטן ערגעץ אַ שטיקל אמת...

ב. שעפנער דערציילט, אַז די בייזסטע פּוילישע אַנטיסעמיטן האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר ערליכן. זיין מאָראַלישע זויבערקייט איז געגאַנגען עפּעס פאָרויס און געמאַכט אַ וואַרע פאַר אים. בלויז סטאַלין האָט געקענט שפּייען דער מאָראַל אין פּנים אַריין. ער איז געווען באַוואָרנט און באַשירעמט פון יעדן דרך־ארץ פאַר וועמען עס איז און פאַר וואָס עס איז. ער האָט געקעפּט דעם „בונד“ ווען ער איז שוין געווען אַ געקעפּטער פון היטלערן. צוויי שיינע קעפּ האָט ער אַראָפּגעהאַקט. און קיינער ווייסט עד־היום נישט פאַרוואָס און פאַרוועו...

**
*

און אָט איז אַלץ חרוב. נישטאָ קיין „בונד“, נישטאָ קיין פירערס, ווייל עס איז נישטאָ קיין אַרבעטער און נישטאָ קיין יידיש פּוילן. און ב. שעפנער לויפט פון טויט. לויפנדיק שטויסט ער זיך אָן אויף זיין שטענדיקן פּובליציסטישן קעגנער און שאַרפן, אומברחמנותדיקן פּאָלעמיקער ב. יאושזאָן.

איך געדענק נאָך ווען יאושזאָן, אַ יונגער מענטש, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און אַ קליין היטעלע, איז אַריין אין דער יידישער פּרעסע. ער איז גלייך פון חסידים־שטיבל אַריין אין דער פּרעסע. ער איז נאָך געווען אַ היפּש ביסל בטלנותדיק, אָבער ער

האָט פאַרמאָגט הומאָר. מיט דער צייט איז ער געוואָרן דער פּאָפּולערסטער זשורנאַליסט אין פוילן. ער האָט גערעדט צו די חסידישע יונגעלייט און סתם צו די חסידים מיט זייער לשון, מיט זייער הומאָר און מיט זייערע העוויות און חנדלעך.

לויפן די צוויי בר־פּלוגתאס צוזאַמען. נישטאָ קיין פּרעסע, נישטאָ קיין „בונד“ און נישטאָ קיין ציוניזם אין פוילן. חורבן, טאָטאַלער חורבן. און די צוויי פאַרביסענע פּען־שונאים, דער בונדיסט און דער חסיד (שוין אין אַ קורצער קאַפּאָטע), דערקענען איינע די אַנדערע.

און זיי ווערן די בעסטע פריינט, די אינטימסטע פריינט. דער יידישער גורל האָט שלום געמאַכט צווישן צוויי פאַרביסענע בעלי־מחלוקה. נישטאָ פאַרוואָס צו קריגן זיך, נישטאָ... זיי זענען צוויי יידישע מענטשן, וואָס ראַטעווען זיך פון טויט... עס איז ביז גאָר פאַטעטיש דערציילט פון דעם פעליעטאָניסט ב. שעפנער.

און אָט איז פאַרוואָרפן געוואָרן קיין ניו־יאָרק ז. סעגאַלאָוויטש, און ער איז עלנט געשטאָרבן אין אַ קליין צימערל אין אַן אָרעמען האָטעל אויף יוניאָן־סקווער. שרייבט ב. שעפנער מיט האַרץ וועגן דעם יידישן דערפאָלגרייכן שרייבער אין פוילן, וואָס איז געשטאָרבן אָרעם און עלנט אין ניו־יאָרק. ער שרייבט מיט האַרץ, און דער עיקרשט — מיט פאַרשטענדעניש פאַר ז. סעגאַלאָוויטשעס גרויסע און שטאַרקע קינות אויף דעם חורבן פון יידן אין פוילן און זיין אייגענעם פערזענלעכן חורבן. דער חורבן איז אים נאָכגעגאַנגען, ער האָט אים באַגלייט קיין ישראל, פון ישראל קיין ניו־יאָרק, און דאָ האָט אים היטלערס האַנט דערגרייכט, ווען היטלערס האַנט איז שוין געווען טויט...

דערנאָך קומען קאַפּיטלעך זכרונות, קלאָרע, פאַטעטישע, כאָטש ער וויל זיין דווקא ניכטער. יאָ, פאַטעטישקייט קומט נישט ווען מען באַשטעלט זי, ווען מען מאַכט מיט איר אַ ראַנדעווו...

הכלל — עס איז אַ גוט, קלוג און פאַטעטיש בוך. לייענט עס!

***

מאַרק טורקאָוו גיט זיך אָפּ אין זיין בוך מיטן צד שכנגד — מיט דער אומגעקומענער יידיש־פּוילישער גרויס־בורזשואַזיע. דאָס בוך טראָגט אַ צו פיינעם נאָמען פאַרן אינהאַלט — דאָס בוך הייסט „די לעצטע פון אַ גרויסן דור“. אָבער ווען איר לייענט זיך אַריין אין בוך זעט איר, אַז דער נאָמען פּאַסט זיך נישט פאַרן בוך.

מאַרק טורקאָוו פירט אייך אַריין אין אַ וויסטער יידישער וועלט, אין אַ וועלט פון אַסימילאַציע, פון טאָטאַלער אַסימילאַציע, וואָס איר צווייטע שטופּע איז — שמד. עס שוויבלט און גריבלט אין בוך מיט משומדים, פון אָפּגעפרעמדטע און פאַרלוירענע יידן.

אָבער ווען אַן אַסימילירטער פוילישער ייד וויל זיך אויסלעבן געזעל־

שאַפטלעך זענען הפנים די טירן פון דער פוילישער אַריסטאָקראַטיע פאַרהאַקט פאַר אים. און ער קומט צו יידן, ריכטיקער, צו זייער געזעלשאַפטלעכקייט. און דאָ עפענען זיך ברייט זייערע רייכע קעשענעס און זיי זענען מזכה יידן מיט פאַרשיידענע אַנשטאַלטן. און זיי באַקומען, פאַרשטייט זיך, עפעס צוריק — זיי ווערן די פירערס פון דער יידישער גמינע (קהילה). די גמינע איז זייער געזעלשאַפטלעכע פעסטונג. דאָרט שאַלטן און וואַלטן זיי און דאָרט לעבן זיי זיך אויס געזעלשאַפטלעך. פאַרשטייט זיך, אַז די קהילה איז דורך און דורך פויליש.

זעט עס אויס ממש ווי אַ בייזע קאַריקאַטור — אַ פיל־מיליאָניקע יידישע רעליגיעזע מאַסע, מיט גרויסע רבנים, מיט אַ סך רביים און מיטן יידישן לשון אין מויל ווערט געפירט פון אַסימילירטע יידן, פון יידן, וואָס שטייען אויפן שוועל פון שמד. אויב זיי אַליין שמדן זיך נישט, טוען עס זייערע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך. און דאָס טשיקאַווסטע איז דאָס, וואָס די אַלע רייכע אַסימילירטע יידן און די געשמדטע יידן זענען אייניקלעך און אור־אייניקלעך דווקא פון גרויסע רבנים.

רבי עקיבא אייגער, איינער פון די באַוווסטע גאונים אין דער יידישער רעליגיעזער וועלט, האָט געלאָזן נאָך זיך אַ פאַרצווייגטע פאַמיליע פון עטלעכע דורות טאָטאַל־אַסימילירטע יידן און אַ היפש ביסל משומדים. מ. טורקאָוו האָט דאָ צען אייגערס, אייגער אַנטאָני, אייגער באָלעסלאַוו, אייגער קאַזשמיעזש, אייגער דיאַנאַ, אייגער מאַריאַ, אייגער יוליוש. בלויז צוויי אייגערס טראָגן יידישע נעמען, ווי ר׳ שלמהלע, ר׳ לייבעלע און דער ערשטער אייגער ר׳ עקיבא אַליין.

אַפילו אַ ליטוואַק, ווען ער באַזעצט זיך אין פוילן און ווערט רייך, ווערט ער אַ פאַרקאָכטער אַסימילאַטאָר. ער קומט קיין פוילן מיטן יידישן נאָמען שבתי ברעגמאַן, למשל, און ווערט באַלד סעבאַסטיאַן ברעגמאַן, די קינדער ווערן אמתע פאָליאַקן.

פון די פיל אַסימילירטע יידישע משפחות מיט זייערע קינדער און קינדס־קינדער די משומדים בלייבן געציילטע רייכע משפחות ביי יידישקייט און צווישן יידן. אַזאַ איז די פאַמיליע דאַווידזאָן און די פאַמיליע שעראַשעווסקי און אפשר נאָך אַ צוויי־דריי משפחות.

עס איז איינע פון די גרויסע רעטענישן פאַרוואָס האָבן זיך די רייכע יידן אַזוי שטאַרק אַסימילירט מיט די פאָליאַקן, וואָס האָבן פיינט יידן און ברענען ממש די טריט פון יעדן יידן? אַפנים, אַז דער פוילישער פריץ, דער גרויסער פוילישער גוטבאַזיצער, וואָס פאַרטאַכלעוועט זיין גרויס פאַרמעגן אין פאַריז אויף קעבס־ווייבער, די פעשענעבעלע פראָסטיטוטקעס, וואָס הייסן „דעמי־מאָנד״, איז פאַר זיי געווען דער בעסטער מוסטער פון אַריסטאָקראַט.

פאַרשטייט זיך, אַז היטלער מיט דער פלייסיקער הילף פון די נאָבעלע

פאָליאַקן האָט די אַסימילירטע און געשמדטע אויסגעמאָרדעט און די לעבנגעבליבענע האָט ער געלאָזן אָדם־נאַקעט.

מאַרק טורקאָוו האָט געקענט גוט אָט די אַסימילאַטאָרן, וואָס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן צו דער יידישער מאַסע. ער איז געקומען מיט זיי אָפּט, ווי אַ זשורנאַליסט, אין פּערזענלעכער באַרירונג. און ער האָט זיי אויפגעזוכט אין גלות, עלנטע, פאַראָרעמטע, אָבער ביי זייער אַסימילאַציע זענען זיי געבליבן.

מאַרק טורקאָוו באַשרייבט מיט האַרץ די פאַראָרעמטע מיליאָנערן, די אַראָפּגעקומענע אַריסטאָקראַטן. אָבער קיין מיטלייד צו זיי רופט ער נישט אַרויס. ווייל ער אַליין האַלט זיך אָפּ פון מיטלייד...

***

אין דער גאַנצער גאַלעריע פון אָפּגעפרעמדטע יידן וואַרפן זיך דורך עטלעכע יידן, וועלכע זענען געווען יידן און געבליבן אין דער פרעמד און אין אָרעמקייט יידן. און צו זיי פאַלט צו דאָס ביסל רחמים פון מחבר און פון לייענער.

איינער פון זיי איז רפאל שעראַשעווסקי, דער יידישער מיליאָנער־באַנקיר. ער איז געווען דער יידישער באַנקיר. כמעט אַלע יידישע באַנק־באַדערפענישן זענען דערליידיקט געוואָרן אין שעראַשעווסקיס באַנק. מ. טורקאָוו האָט אים אויפגעזוכט אין ניו־יאָרק — אַלט, ער און זיין פרוי, עלנט, אָן פריינט און אָן מיטלען צום לעבן, האָט ער זיי געפונען אין אַ קליין חדרל.

דער „דזשאָינט״ האָט זיי געשטיצט און נאָך אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן גוט געקענט דעם יידישן באַנקיר רפאל שעראַשעווסקי אין זיינע גוטע יאָרן, ווען ער האָט מיט אַ ברייטער האַנט געגעבן אויף אַלע יידישע הצ־טרכותן, סיי פאַר פוילישע יידן און סיי פאַר יידן אין אַנדערע לענדער, האָבן אַרויסגעהאָלפן דאָס אַלטע פאָר־פאָלק.

אָבער פאַטעטישער איז די באַגע־געניש פון מאַרק טורקאָוו מיט אַ יידיש־פוילישן קינסטלער (סקולפּ־טאָר) זיידנבייטל. ער האָט אים באַ־געגנט אין אַ טעמפּל — ער איז דאָרט געוועזן דער שמש... אפשר איז ער נאָך אויך איצט אַ שמש...

דאָס איז איין ברודער, דער צוויי־טער ברודער אויך אַ קינסטלער (אַ מאָלער).ביידע דורך און דורך יידי־שע קינסטלערס. איז איינער גע־שטאָרבן יונג און דער אַנדערער איז אַ שמש אין אַ יידישן בוענאָס־איי־רעסער טעמפּל. דאָס זענען שפּענד־לעך פון דעם אונטערגעהאַקטן גרויסן און שטאַרקן יידישן בוים אין פוילן.

יאָ, ווען מען האַקט אַ בוים פליען שפּענדלעך. די שפּענדלעך האָבן קיין חיות נישט אָן די ברייטע און טיפע וואָרצלען פון דעם בוים.

די זיידנבייטלס זענען געווען אַ משפחה פון מיטלקלאַס, אַ טיפּיש־

יידיש־פוילישע משפחה. ניין קינדער זענען זיי געווען, פיר פון זיי זענען געווען גאָר פיל צוזאָגנדיקע יידישע קינסטלערס. צוויי האָבן עס באַוויזן, די אַנדערע צוויי האָבן געחלומט וועגן אַ קינסטלערישער קאַריערע. איז געקומען די ווירקלעכקייט, די ברוטאַלע, מערדערישע ווירקלעכקייט און האָט די שיינע חלומות צעטראָטן מיט די שטיוול.

אַ גאַר וואַרעמער קאַפּיטל אין בוך איז געווידמעט אַלחנן צייטלין. אַלחנן צייטלין, דער זון פון הלל צייטלין און ברודער פון אהרן צייטלין, איז געשטאָרבן יונג מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין דער וואַרשעווער געטאָ. איך ווייס נישט ווי קען איינער שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט אין היטלערס און הימלערס געטאָ. די געטאָ איז געווען די אַריינפיר־טיר צום ברוטאַלן מאָרד. די געטאָ גופא, די שיפלות, דאָס איזדיעקעווען זיך איבער יידן, דער הונגער, דער שטענדיקער פחד פאַרן טויט איז — מאָרד. אָבער עס איז הפנים געווען פון זיין ליבן נאָמען צו שטאַרבן מיט אַזאַ „נאַטירלעכן" טויט און נישט פאַרברענט ווערן אין אוישוויץ. מאַרק טורקאָוו האָט אַ סך וואַרעמע ליבווערטער פאַרן יונגן אלחנן צייטלין. ער האָט אים גוט געקענט. און דאָס גיט זיין וואָרט וועגן אלחנן צייטלין וואָג און באַגלויבטקייט.

**
*

מאַרק טורקאָוו איז נישט קיין כאַראַקטער־צייכענער און נישט קיין פּאָרטרעטן־מאָלער. אָבער עס איז דאָ אין זיין שרייבן וואַרעמקייט און באַציאונג צו מענטשן. נישטאָ קיין שמץ פון ביטול צו וועמען עס איז, אַפילו צו די, וועלכע ער קען נישט ליבן און אַכטן. און אַט די וואַרעמקייט און מענטשלעכע באַציאונג, כמעט צו אַלעמען, מאַכט דאָס בוך באַזונדער לעזבאַר. דאָ און דאָרט רייסט זיך ביי אים אַרויס אַ וואָרט פון קריטיק, אָבער אַפילו דאָס וואָרט פון קריטיק האָט וואַרעמקייט.

אגב, פירט ער אונדז איבער אַ גרויסן יידישן בית־עלמין. און טויטע זענען הייליקע. דער טויט האָט זיי געריייניקט פון אַלע זינד און פון אַלע מענטשלעכע קרומקייטן און פאַרדרייטקייטן.

מאַרק טורקאָוו איז געווען אַ זשורנאַליסט, און דאָס איז קאָנטיק אין זיין בוך. פאַר דעם זשורנאַליסט זענען מענטשן דאָס סאַמע וויכטיקסטע, זיי זענען זיין טאָג־טעגלעכער שרייבערישער מאַטעריאַל. באַקומט ער ליב זיין מאַטעריאַל. און ממילא ווערט ער מלמד־זכותניק.

אין דער מאַשין פון לעבן פאַרנעמט דאָס קלענסטע שרייפּעלע אַ בייטיק אָרט. אָן דעם קליינעם שרייפּעלע וועלן זיך די גרויסע רעדער נישט דרייען... איז הזהרו בקליינע שרייפּעלעך...

דאָס איז אַ פּראָפעסיאָנעלער לימוד־זכות. אָבער עס איז דאָ אין דעם אויך אַ גרויסער, פונדאַמענטאַלער אמת —

עס איז בכלל אַ צער, אַ רחמנות אויף דער באַשעפעניש, וואָס הייסט מענטש...

**Este libro se terminó de imprimir el día 6 de mayo de 1959, en los Talleres Gráficos de J U L I O KAUFMAN, S.R.L., Av. Corrientes Nº 1976, Bs. Aires.**

ZVI CAHN

# GENERACIONES TEMPESTUOSAS

(NOVELA HISTORICA)

**TOMO I**

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**
Buenos Aires, 1959

COLECCION

"EL JUDAISMO POLACO"

DIRECTOR:

MARC TURKOW

DIRECCION ADMINISTRATIVA:

ABRAHAM MITELBERG

Volumen 143

Copyright by
Dr. Zvi Cahn, New York

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Hecho el depósito que marca la Ley